STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04145

NOKH ALEMEN

David Bergelson

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דוד בערגעלסאן.

נאך אלעמען

ראמאן

אין 4 טיילען.

ווילנער פערלאג פון ב. א. קלעצקין.

1913.

דאָס רעכט אויף איבערדרוקען און איבער-
זעצען בעהאלט דער מחבר פאַר זיך.

דרוקעריי ב. א. קלעצקין, ווילנא,
קליין-סטעפען-גאַס אייגענע הויז

ערשטער טייל.

וואווע בורנעם.



I.

גאַנצע פיער יאָהר האָט זיך צווישען זיי געצויגען דער היימישער קליינשטעדטילדיגער שידוך, און געענדיגט האָט ער זיך אָט ווי אַזוי:

זי, ר׳ גדליה הורוויצ׳ס בת־יחידה, מירעלע,—האָט איהם סוף־כל־סוף די תנאים אָבגעשיקט און אַליין ווידער אָנגעהויבען אַרומשפּאַצירען מיט׳ן קה׳מען סטודענט ליפקים.

זיין פאָטער, — אַן אויפגעקומענער גביר, אַ שוואַרצער און הויכער, אויסגעאיידעלטער עם־הארץ, וואָס האָט ביי אַלט־אינפערציג יאָהר אָנגעהויבען גיהן אין נאָהענטען בית־המדרש וואָכעדיגע מנחה און מעריב׳ס דאַווענען — איז שוין דענסטמאָל שטאַרק־רייך און שווייגעדיג־ליטיש געווען. ער האָט זיך תמיד ביי זיך אין חדר מיט אַ פּאַפּיראָס אין מויל אַרומגעדרעהט, געטראַכט וועגען זיינע גרויסע דריי פּאָסעסיעס און וועגען דעם, וואָס עס פּאַסט אפשר ניט פאַר איהם, ער זאָל דערמאָנען די אָבגעשיקטע תנאים מיט׳ן נאָמען פון זיין געוועזענעם מחותן.

אין זיין מוטער — אַ נידעריגע און שטאַרק־גראָבע יודענע, וואָס האָט איבער איהר אַסטמאַ־פעהלער געאָטעמט הייזעריג אין שווער, ווי אַ געשטאָפּטע גאַנז — איז וועגען די אָבגעשיקטע תנאים געוואָהר געוואָרען ערשט העט־שפּעטער, ווען זי האָט זיך מיט אַן אָבגעברענטען פּנים און מיט אַ שטאַרק־געפאַלענעם געמיט אָהן אַ שום רפואה פון אויסלאַנד אומגעקעהרט. מרה־שחורה׳דיג אין שטיל האָט זי געשאָלטען די געוועזענע כלה צוזאַמען מיט׳ן וויסטען מאַריענבאַד, וואָס האָט איהר אומזיסט כח און מח אויסגעבראַכט. זי האָט זיך דערביי געהאַלטען אין איין שאָקלען און אין איין רייבען איינעם אַ רעוומאַטיז־פוס און זיך שטיל און פערקלערט געקלאָגט:

— גאָט ווייס, צי זי וועט שוין איהר ווהנס חופּה דערלעבען.

און איינמאָל פאַר־נאַכט, ווען אין שטוב זענען פיעל פרעמדע מענשען געוועסען, האָט זי מירעלע'ן מיט'ן קרומען סטודענט דערזעהן נאָהענט, פאַרביי דעם אָפענעם פענסטער. זי האָט זיך שוין מעהר ניט געקאָנט איינהאַלטען, אַרויסגערוקט דעם קאָפּ אין דרויסען און האָט איהר נאָכגעשריען אויפ'ן הייזעריגען און קורץ־אָטעמדיגען קול:

— ער איז דאָך שוין אַ קבצן, ביי איהם בלייב עס, דער טאַטע איהרער, — וואָס־זשע הליעט זי נאָך, ווי אַ הונט אויפ'ן שטריק אַט־אָט־ די־אָ!?

און ער, דער זיבען־און־צוואַנציג־יאָהריגער וואוקסיגער און שענער בחור, האָט עס פערליידען נישט געקאָנט. ער האָט דאָ אויפ'ן אָרט אויף זיין מוטער אָנגעשריען:

— שאַ! שאַ! קוק זי נאָר אָן!

ער איז בטבע געווען אַ סבלן און אַ שטילער, געהאַלטען פנים אויפגעקומענעם און נגיר'יש שוויינענדיגען טאַטען און האָט געוואָלט, אַז ביי זיי אין שטוב זאָל אַלץ צוגעהן אַזוי שטיל און לייטיש, ווי ביי די פריצים, וואָס מיט זיי האָט ער הורכ'ן פאָטער פון זעכצעהן יאָהר אָן עסקים געהאַט. אָנגענעהם איז איהם נאָר נישט געווען צו בלייבען דאָ אין שטעדטיל און זעהן, ווי מירעלע שפּאַצירט דאָ אַלע פאַרנאַכט מיט'ן קרומען סטודענט. האָט איהם דער פאָטער אין נאָהענטען דאָרף דעם ביצניווער פּאָלוועריק אָבגעדונגען, און בעזעצט האָט ער זיך טאַקע דאָרט ניט ווייט, אינ'ם אָבגעקאַלכטען פריצ'ישען שטיבעל, וואָס איז אין איין הויף מיט'ן דאָרף־גלח'ס הויז געשטאַנען.

דאָ, אינ'ם פוסטען און שטילען דאָרף, האָבען איהם די גוים גערופען „פאַניטש" און די היטלען פאַר איהם אַראָבגענומען. און ביידע קלענערע שוועסטער מיט דער צו פעטער הייזעריגליבער מוטער זענען צו איהם אָפט צו־געסט געקומען און איהם מתנות — היימיש־געבעקס געבראַכט. צו די שוועסטער האָט ער דאָ אַלע מאָל געשמייכעלט, דערפאַר, וואָס זיי האָבען ביי אַ סטודענט געלערנט, און דערפאַר וואָס זיי האָבען זיך נאָך עד היום בעגעגנט מיט יע־

נער, וועלכע האָט איהם די תנאים אָבגעשיקט. ער האָט זיי די הענד געדריקט און בײַ זיי געפרעגט:

— וואָס מאַכט איהר? ווי לעבט זיך?

און דער מוטער האָט ער דאָ געוואָלט אָבגעבען פונקט דעם זעלבען כבוד, וואָס מ'גיט מוטערס אָב בײַ יענע פריצים, וואָס האָבען אַרום זיין פּילוועריק אייגענע געדונגענע גיטער געהאַט. ער איז געשטאַנען פאַר איהר די גאַנצע צייט אויף די פיס, איהר נישט געקאָנט זאָגען ניט „דו" און ניט „איהר", און דערפאַר גערעדט צו איהר בלשון נסתר:

— אפשר ווערט די מאַמע טיי טרינקען? אפשר ווערט זיך די מאַמע איבערן בעט צולעגען?

און נאָר דעמאָלט, ווען, קלאָגענדיג זיך אויף איהר שלאָפקייט און אויף דעם, וואָס ער האָט נישט חתונה, האָט זי דאָ גענומען שעלטען יענע, וועלכע האָט איהם די תנאים אָבגעשיקט, האָט ער אַנאונצופרידענעם און עטוואָס פערקרימטען פנים בעקומען און אויף איהר אָנגעשריגען בייז אין ליטיש, ווי בייז און ליטיש ער פלעגט אויף איהר אָנשרייען דאָרט בײַם פאָטער אין שטוב:

— שאַ! שאַ! קוק זי נאָר אָן!

אַהיים איז ער געפאָהרען זעלטען ווען, און נאָר דעמאָלט, ווען ס'איז געווען נייטיג צוליעב געשעפט. ער האָט זיך דאָרט געפיהרט ליטיש און שטיל, ווי אַ פרעמדער, שטאַרק אָבגעלעגטער גאַסט, געשטאַנען מיט אַ בנעימות-שמייכעלדיגען פנים אַנטקעגען די שוועסטער, אָדער פאַמעליך אויפגעהויבען אין דער הויך אַ קליין דורכלויפענדיג קינד, עס אַוועקגעשטעלט איבערן טיש, געגלעט איהם די פערשמירטע בעקעלעך און דערנאָך געשמייכעלט:

— וואָס טוסטו, אַ? לויפסט אַרום?

די צייט האָט ער דאָ כמעט אינגאַנצען פערבראַכט מיט'ן פאָטער אין קליינעם, תמיד אָנגעריכערטען קאַבינעטיל; גערעדט מיט איהם וועגען די פערשיידענע מסחרים, געטראַכט וועגען גרינגעלד — זיינע זעקס טויזענד און מיטעלע'ס דריי טויזענד רובעל, וואָס זענען נאָך אַלץ בײַם אַלטען קאַשפעריווקער גראַף געלעגען — און מורא געהאַט, אַז דער פאָטער וועט באַלד אָנהייבען:

— יאָ, די זעקס טויזענד רובל, וואָס ליגען דאָרט ביים גראַף... וואָס וועט זיין מיט די זעקס טויזענד רובל, וואָס ליגען ביים קאַשפּעריווקער אַלטען גראַף?

דער געוועזענער מחותן זיינער, ר' גדליה הורוויץ — אַט דער צעטראָגענער יחסן, דער בן־תורה, וואָס דער קאָפּ איז ביי איהם תמיד אין דער מסחר־לופט אַרומגעפלויגען — איז דאָך שוין דעמאָלט אין זיינע געשעפטען שטאַרק פערדרעהט געווען, און זייגע אָרטיגע בעלי־חובות זענען שוין אַלע ביטאָג אין מאַרק געשטאַנען און איהם אונטער די אויגען זיין קאַפּיטאַל צונויפגערעכענט:

— ליגט ביי איהם, הייסט עס, אין קאַשפּעריווקער וועלדיל פינף טויזענד רובעל... און זשאַרזשאָווקער מאָן — דריי טויזענד. און אין דער טחינה?... וויפיעל האָט ער נאָך שבועות אין דער אומגליקליכער טערנאָווער טחינה אַריינגעבראָכט?

אונמעגליך איז געווען צו טרעפען, פאַרוואָס ער נעהמט די דריי טויזענד רובעל ביים גראַף נישט אָב, און געוואָלט האָט זיך, זיצענדיג אין קליינעם קאַבינעטיל, אַז דער פאָטער זאָל שווייגענדיג זיינע פּאַפּיראָסען רויכערן, אַז אַרומדרעהען זאָל ער זיך נאָך לאַנג־לאַנג אַהין און צוריק, און זאָל צוזאַמען מיט איהם וועגען דעם געוועזענעם מחותן טראַכטען:

— ער קען, אפנים, גאַנץ גוט די בת־יחידה זיינע... ער האָט זיך, אַפּנים, נאָך עד היום פון'ם שידוך ניט מיאש געווען.

———

איינמאָל אין אַ שפּעטען זונטאָגדיגען פאַרנאַכט, ווען די גאַנצע שטוב האָט פוסטערהייד אויף די אַוועקגעגאַנגענע בני־בית געוואַרט, איז ער זיך איבעריג לאַנג מיט'ן פאָטער אין אָט דעם פינסטערן קאַבינעטיל פערזעסען. ער האָט ענדליך דערהערט, ווי די קלענערע שוועסטער, וועלכע איז נאָר־וואָס פון'ם שפּאַציר געקומען, טוט־אויס אינ'ם צווייטען חדר דעם גאָרסעט און וואונדערט זיך דאָרט פאַר עמיצען אויפ'ן קול:

— ווי געפעלט זי דיר, מירעלע? ביזט אַ מבין?

ס'איז געווען קלאָר, אַז מירעלע האָט זיך נאָר־וואָס אויפ'ן שפּאַציר־פלאַץ מיט אָט דער שוועסטער בעגעגענט, זי דאָרט אָבגעשטעלט און ביי איהר עפּיס געפרעגט. און דערפאַר האָט ביי

איהם, דאָ, אינ'ם האַלב-פינסטערן חדר, מיט אַמאָל אַ קלאַפּ געטאָן די האַרץ, און פאַרגעסן האָט ער מיט אַמאָל, וועגן וואָס פאַר אַ געשעפט ער האָט נאָר-וואָס מיט'ן פאָטער גערעדט. אפשר דריי מאָל האָט ער דעמאָלט אַ פּאָר אייגענע און דיזעלבע איבעריגע ווערטער איבערגע'חזר'ט, געוואָלט שטאַרק צו דער שוועסטער אין חדר אַריינגעהן און זיך בײַ איהר וועגן דער בעגעגעניש דערפרעגן, נאָר זיך געמוטשעט, געבליבען דאָ אין קאַבינעטיל זיצען און בײַ דער שוועסטער טאַקע גאָרנישט ניט געפרעגט. זי, די שוועסטער, האָט איהם נאָכדעם, צוזאַמען מיט די איבעריגע שטוב-מענשען, אַפילו אין דרויסען אַרויסבעגלייט, זי האָט געקוקט, ווי ער זעצט זיך דאָרט אַרויף אויף זיין פֿוהר און פאָהרט אַוועק אויף נאַכט צו זיך אויפ'ן פאָלוועריק, און ער האָט צו איהר, אָבפאָהרענדיג פון שטוב, נאָר געשמייכעלט און צופיעל מיט'ן קאָפּ געשאָקעלט. ער האָט געוואוסט, אַז מירעלע האָט איפ'ן שפּאַציר-פּלאַץ געקאָנט צוזאַמען מיט'ן קרומען סטודענט צו זיין שוועסטער צוגעהן און זיך דאָרט ניט שעמען בײַ איהר וועגען איהם, דעם געוועזענעם חתן, אַ פרעג טאָן:

— וואָס-זשע מאַכט ער עפּיס, וועלוויל?

— פאַר וואָס זעהט מען איהם עפּיס ניט אין שטאָדט, וועלוולען?

איף איהר, מירעל'ען, איז אַלץ געווען צו גלויבען. אָט, למשל, ווען איז דאָס אָקאָרשט געווען? צוזאַמען מיט'ן קרומען סטודענט האָט זי זיך איינמאָל געלאָזט געהן אינ'ם גרויסען געוועלב, וואָס אין מיטען מאַרק, און איז אַהין אַריינגעגאַנגען, נישט קוקענדיג דערויף, וואָס זי האָט דאָרט אין דרויסען זיין וואַרטענדיגע פֿוהר דערזעהן און האָט געוואוסט, אַז ער געפינט זיך אינעווייניג. ער איז דעמאָלט אַזוי צעטראָגען געוואָרען, געוואָלט וואָס גיכער פון געוועלב אַוועקגעהן און שוין העכער, ווי אַלע מאָל, צום קרעמער געזאָגט:

— זאָל מען, הייסט עס, זונטאָג אַ חשבון אָנגרייטען... לפּחות ניט שפּעטער, ווי זונטאָג.

און זי האָט איהם נאָך דעמאָלט בעדאַרפט אָבשטעלען און בײַ איהם פרעגען:

— ער מיינט טאַקע, אַז ס'פּאַסט איהם, אָט די ליכטיגע און ווייכע בערדיל, וואָס ער האָט זיך די לעצטע צייט פערלאָזט?

דאָרט, ביי דער טיר פון קלייט, איז דער קרומער סטודענט מיט עטיצען געשטאַנען, געוואָלט דערוויזען, אַז ס'הייבט איהם נישט אָן צו אַרען דאָס, וואָס מירעלע רעדט איצט מיט איהר געוועזענעם חתן, און שוין דערפאַר צו הויך אויפ'ן קול געשריגען:

— וואו שטעהט עס געשריבען, אַז אַ צוג=לופט קאָן שאַדען?...

אין דער „מעדיצינע" שטעהט עס געשריבען?

און ביי איהם, דעם געזונטען בחור, האָט צופיעל געקלאַפּט די האַרץ, און געדוכט האָט זיך איהם, אַז ער טוט גוט דערמיט, וואָס ער שמייכעלט און ענטפערט איהר מיט אַ שטאָך:

— ווען ס'געפעלט אַ באָרד, און ווען — נישט.

יעדענפאַלס, האָט ער זי דענסטמאָל געלאָזט הערען, אַז ער איז נאָך גענוג שטאָלץ און קאָן נאָך אַליין זיין שטעדטיל בעשטעהן. און דער עיקר... דער עיקר האָט ער גוט געטאָן, וואָס ער האָט דאָרט אויפ'ן קול ביים קרעמער איבערגעפרעגט:

— קאָן ער זיין זיכער, אַז איף זונטאָג וועט זיין צוגעגרייט זיין חשבון?

מיט דעם האָט ער איהר, לפּחות, צו וויסען געגעבען, אַז ער איז אַ בעשעפטיגטער מענש, האָט אין זינען דעם פולעוויק און קלערט גאַנץ ווינציג וועגען די פוסטע שמועסען, וואָס זי פיהרט אַלע טאָג מיט'ן קרומען סטודענט.

פאָהרענדיג אַהיים, איז ער שוין נאָכדעם דעם גאַנצען וועג שטאַרק איבערגעפרעגט געווען און האָט געטראַכט:

— אָט זענען שוין אויף זיינע פעלדער כמעט אינגאַנצען די תבואות אויסגעוואַקסען און הויבען שוין אָן גרין צו ווערען.

— גאָר ניט שלעכט זעהען אָט די תבואות אויס, און פערדיענען וועט ער אין זיי היינטיגס יאָהר נישקשה'דיג. ווינטער, ווען שנייען אַיינגעטרעטענע וועלען אויף דער ערד ליגען, און שטיל און זאַט וועט זיין אַרבייטסלויזער פולעוויק אַ פערבלאָזענער שטעהן, וועט ער זיך קויפען אַ גאַנץ פאַלירטען שליטען און אַ פוטער מיט אַ הענג=קאָלנער און וועט, אַ אַהרענדיג אין שטאָדט, אַלע מאָל

בעגעגענען מירעלע׳ן מיט׳ן קרימען סטודענט ערג׳יץ וואוהין צו א בעקאנטען געהן.

II.

געקומען זענען אין גיכען די טעג פון שניט און פון צוזאַמענקלייבען די תבואות; די אַרבייט איפ׳ן פּאָלוועריק האָט אָנגעהויבען זידען, און וועגען פאָהרען אין שטאָדט האָט ער אַפילו קיין צייט ניט געהאַט צו קלערען.

איף זיינע פעלדער זענען דורכאויס גוים מיט גויה׳ס, מיט שנייד-מעסערס אין די הענד, צעשטעלט געווען, און פוהרען, איינענע און פרעמדע, האָבען די צוגעטריקענטע סנאָפּעס געפיהרט אַהין צום שייער צו, וואו אויף אַ בערגיל, וואָס צווישען גרויסע פּסטערטעס שטרוי, האָט שוין אַ דאַמפף-מאַשין פון גאַנץ פריה אָן גערויבערט, געפייפט יעדעס מאָל, בשעת אין קעסעל איז איהר וואַסער איינגעגאַנגען און פרעהליך געדראָשען די פולע און טרוקענע זאַנגען.

גאַנצע טעג איז ער רייטענדיג אויף זיין פערד אַרומגעלאָפען, געווען פיל דורכאויס, אַכטונג געגעבען אויף די תבואה-שניידער און אויף די אַרבייטער, וואָס האָבען דעם ווייץ אין די נידעריגע האַלב-פינסטערע שאָפען געריינ׳גט און געוואויגען, זיך אויך אַראָבגעכאַפּט אַהין צו דער דאַמפף-מאַשין און דאָרט אויף די שמייכעלדיג-פולע שיקסעס **אָנגעשריען.**

אויפגעשטאַנען איז ער אין יענע טעג כמעט אַלע מאָל מיט׳ן טאָגליך, אין איינגעשלאָפען איז ער תחילת-נאַכט, אַנידערגעפאַלען איפ׳ן בעט אַ מיעדער און שטויביגער, אַ צופרידענער דערמיט, וואָס די ווארימע נאַכט זאָגט צו אַ שענעם און לויטערן קינפטיגען טאָג.

געשלאָפען איז ער דעמאָלט ס׳רוב אין די קליידער, און געחלומ׳ט האָט זיך איהם כמעט אַ גאַנצע נאַכט זיין איינענער רוישיגער און מיט אַרבייט פערפולטער שייער, זיין איינענע אויסגעמעבעלטע שטיבעל, וואו ס׳דרעהט זיך עפּיס אַרום דווקא זי, מירעלע, שמייכעלט צו יענע שטאָדט-יודען, וועלכע זענען אַהער געקומען דעם ווייץ ביי איהם קויפען און לעגט פאַר פון דאָרט, פונ׳ם בענקיל, וואָס ביים זידיגען סאַמאָוואַר:

— וועלוויל, אפשר וועלען די יודען מיט אונז אַ גלאָז טיי אויסטרינקען?

די לופֿט, וואָס אַרום, די גרויסע שייערן שטרוי און די האָפֿענס אײַנגעדראָשענע תּבֿואות האָבען שטומערהייד געטראַכט וועגען דעם, וואָס די גאַנצע אַרבייט זײַנע: דער אַרומלויפֿען, דער ניט־דערשלאָפֿען מיט'ן געלד פֿערדיענען האָט עפּיס אַ גרויסע שייכות צו מירעל'ן מיט'ן קרומען סטודענט, וועלכע שפּאַנען גאַנצע טעג דאָרט אין שטעדטיל אַרום; וועגען דעם, וואָס סוף־כּל־סוף וועט דאָס אײַנגאַנצען צו ווילכטיגע נײַעס ברענגען, און בײַ ר' גדליה הורוויץ'ן אין שטוב וועט מען שטאַרק חרטה האָבען אויף די אָפּגעשיקטע תּנאים, און איבערגעבען וועט מען דאָרט איינער דעם צווייטען יעדעס מאָל, בשעת מ'וועט ד'רכ'ן פֿענסטער זײַן פֿוהר דערזעהן:

— אָט איז ער דאָ נאָר וואָס אַדורכגעפֿאָהרען, וועלוויל; מיט אַ נײַע פּאָר פֿערד האָט ער זיך דאָ נאָר וואָס אַדורכגעטראָגען.

און ווען די אַרבייט מיט'ן טומעל האָבען זיך צולעצט געענדיגט, און די גאַנצע אויסגעדראָשענע תּבֿואה האָט שוין אַלע נידעריגע שאָפֿענס פֿערפֿילט, האָט ער זיך אָקאָרשט, ווי פֿון אַ חלום, אַרומקוקען גענומען און האָט דערזעהן:

סאַמע די הייסטע זומערדיגע דריטהאַלבען־חדשים זענען שוין אַריבער, און די טעג זענען שוין קענטיג קלענער און קיהלער געוואָרען; ער אַליין איז מיעד און שלאָפֿט צופֿיעל אין די קליידער, שלאָפֿט אין זיי בײַטאָג און בײַנאַכט, כאַפּט זיך אויף מיט יעדען קליינעם רעגענדיל, וואָס הויבט אָן פֿון די פֿערוואָלקענטע הימלען אין זײַן בלעכענעם דאַך צו קלאַפּען, ליגט מיט אַ פֿערשלאָפֿענעם מח און מיט אָפֿענע אויגען און טראַכט:

— די „בוראַקעס“ זײַנע.... זיי וואַקסען... זיי וואַקסען...

איינעם אַ חגא־טאָג איז ער אַזוי אײַנגאַנצען אין די קליידער אָפּגעשלאָפֿען. ווען ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, איז שוין אין דרויסען דורכאויס טונקעל און קיהל געווען, און אין די הייזער פֿון דאָרף זענען שוין דאָ און דאָרט מיט אַ ציטער די ערשטע נאַכט־פֿייערלעך געבוירען. מיט שטילקייט איז די טונקעלע לופֿט פֿול געווען, און נאָר דער גרינגער ווינטעל, וואָס אין דרויסען, האָט

זעען דעם געשטאָרבענעם טאַג, אומעטיגע מעשה'לעך געוואוסט; האָט צו איהם אין דער פינסטער דורכ'ן אָפענעם פענסטער אַריינגע־בלאָזען און דאָרט אינעווייניג מרה־שחורה'דיג גענאָגט:

— טאַקע ענדליך אויסגעגאַנגען דער טאָג... אויסגעגאַנגען.

אַנ'אויסגעשלאָפענער און רוהיגער, האָט ער זיך גענומען אַרומוואַשען, אָנגעטאָן אַ ווייסען קראַגען און ווייסע מאַנזשעטען. אָפגעטרונקען פּאַמעליך טיי און געהייסען די פוהר שפּאַנען:

— ש'אין צייט, דוכט זיך, אין שטאָדט אַ פאָהר טון... אַ שוין געווים צייט.

ער איז שוין דאָרט אַזוי לאַנג ניט געווען און האָט אַהין געבענקט.

זיצענדיג אויף דער פוהר, האָט ער פּאַמעליך געטראַכט, אַז ער וואָלט בעדאַרפט הייסען דעם „שמייסער“ זיינעם די פערד אַ טרייב טון; אַז ווען ער טוט עס, וואָלט ער נאָך פאַר־פריה אין שטעדטיל אָנגעקומען, און פון צווישען די שפּאַצירענדיגע פּאָרלעך, וואָס אין אָנהויב־גאַס, וואָלטען איהם נאָך אפשר מירעלע מיט'ן קרומען סטודענט דערזעהן.

דאָך האָט ער דעם אָנטרייבער קיין וואָרט נישט געזאָגט און איהם דעם גאַנצען וועג געלאָזט פאָהרען „בעל־הבית'יש“ און שטיל. איינמאָל, ווען יענער איז אויפ'ן רעכטען פערד אין כעס געוואָרען און איהם מיט רוגז אַנ'אומזיסטיגע רוט אָבגעלאָזען, האָט ער נאָך אַפילו אויף איהם אָנגעשריען מיט אַ קול פון אַ לייטישען בעל־הבית — אַ בעל־תכלית:

— שטילער! כאַפּען זיך איז ניטאָ צוליעב וואָס.

ער איז געווען רוהיג, אַ ביסעל ברוגז און געלאַסען, גע־טראַכט וועגען מירעל'ען די גאַנצע צייט און דערביי אַלע מאָל מיט די אַקסלען געקניידשט:

— עמ'ין וואָלט אין אמת'ן געקאָנט מיינען, אַז ער נויטיגט זיך אין איהר... אַז ער לויפט איהר נאָך.

האָט אָבער ביי איהם ניט וויט פון שטאָדט, בענקענדיגער ווי תמיד, די האַרץ אָנגעהויבען קלאַפּען, און אויפגערעגטע בליקען האָט ער צעמישטערהייד גענומען וואַרפען צו די שפּאַצירענדע פּאָר־לעך צו, ניט קוקענדיג דערויף, וואָס אין דרויסען איז שוין כמעט

אינגאַנצען פינסטער געווען, און אַ מענשענס פּנים איז שוין אַפילו פון דער נאָהענט שווער געווען צו דערקענען. ער איז געווען ברוגז אויף זיך דערפאַר, וואָס ער דרעהט אַלע מאָל דעם קאָפּ צו אָט די פּאָרלעך צו, נישט געוואָלט אַהין קוקען און דאָך געקוקט און וועגען זיי געטראַכט:

— זי איז דאָרט נישטאָ... אַ נפקא מינה איז איהם אַ גרויסע... זי איז דאָרט געוויס נישטאָ.

פייערלעך פון תחילת-נאַכט האָבען שוין פערטראַכטער-הייד פון פערשיידענע שטאָדט-ווינקלען אַהער, צו זיין לויפענדיגער פּוהר, געקוקט. זיי האָבען דערמאָנט אָן דער גאַנצער צייט, וואָס אין משך פון איהר איז ער אַפילו איינמאָל אַהער ניט געקומען, פערשטאַרקט די בענקשאַפט נאָך איהר, דער געוועזענער כּלה, און ליעבער געמאַכט דעם אָנדענק פון איהר לאַנג נישט געזעהענעם אומעטיגען פּנים.

ס'האָט זיך געטראַכט:

דאָרט, אין איינעם פון אָט די בעלויכטענע שטאָדט-הייזער, זיצט זי איצט געוויס, אומעטיג און גלייכגילטיג צו די מענשען, וואָס רינגלען זי אַרום, קוקט מיט די בלייע אויגען אויפ'ן לאָמפּ און שווייגט.

און אויב ס'ווערט דאָרט אַ רייד וועגען איהם, וועלוויל בורנעס, אויב עמיץ זאָגט דאָרט:

— אַ היבש ביסעל געלד וועט ער היינטיגס יאָהר פערדיענען... גאָר אַ היבש ביסעל.

רייסט זי, אויף אַ רגע, אָב די אומעטיגע אויגען פונ'ם לאָמפּ און פרעגט:

— ווער? וועלוויל בורנעס?

און נאָכדעם קוקט זי ווייטער אומעטיג אינ'ם לאָמפּ אַריין, קוקט לאַנג און שטיל, און קיינער ווייס ניט, וועגען וואָס זי טראַכט; און קיינער ווייס ניט, צי זי האָט אויף די אָבגעשיקטע תנאים חרטה, צי ניין.

פּלוצים האָט עמיץ דאָ, ביי די ערשטע שטאָדט-הייזער, זיין פוהר אָבגעשטעלט און גענומען צו איהם שרייען אויפ'ן קול:

— זיי זענען נישטאָ אין דער היים, דער טאַטע מיט דער

מאַמען... זיי זענען נאָך נעכטען גאַנץ פֿריה אין קרייזשטאָדט אַוועק־
געפֿאָהרען.

ער האָט זיך געשווינד אומגעקוקט און דערזעהן:

אַ בחור אַנ׳עקאָנאָם איז דאָס געווען, אַ פּשוטער בחור אַנ׳עקאָנאָם, וואָס האָט אין איינעם ביי׳ם פֿאָטערס פּאַסעסיעס געדיענט און איז איצט צו זיך אויפ׳ן דאָרף געגאַנגען נעכטיגען.

און איבער עפּיס האָט זיך דערפֿיהלט אַנ׳אומ׳כּבוד דערין, וואָס אָט דער בחור אין די הויכע שטיוועל האָט איהם דאָ אין אַנהויב שטאָדט צוליעב אַ נאַרישקייט אָפּגעשטעלט, דערין, וואָס פֿאָטער און מוטער זענען, אָהן זיין וויסען, נאָך נעכטען גאַנץ פֿריה צוליעב עפּיס אין קרייז־שטאָדט אַוועקגעפֿאָהרען.

עמיץ האָט זיך, דוכט זיך, צווישען די שפּאַצירענדע פּאָר־לעך אָפּגעשטעלט און פֿון זיין אומ׳כּבוד געלאַכט. האָט ער שוין דערפֿאַר אַזוי אונצופֿרידען צום עקאָנאָם אַ געשריי געטאָן:

— נו, און אַז זיי זענען אין דערהיים נישטאָ, איז וואָס?

און באַלד האָט ער פֿאַר׳ן „שמייסערס" פּלייצעס אַ שלעפּ געטאָן און איהם געהייסען פֿאָהרען גיך, גיך. ער איז געווען אויפֿ־גערעגט און צעטראָגען און האָט געטראַכט די גאַנצע צייט, וואָס ער האָט זיך מיט זיין פֿיהר צו דער מיט שטאָדט געריהט:

— אַ נאַרישער עקאָנאָם... אַ מין טפּש אַנ׳עקאָנאָם...

נאָר צוקומענדיג צום פֿאָטערס שטוב, וואָס אַנטקעגען מאַרק, האָט ער דערזעהן, ווי די פֿענסטער פֿון זאַל זענען שטאַרק בע־לייכטען און קוקען יום־טוב׳דיג צו דער נאַכט אַרויס. ער האָט מיט אַמאָל אַן דער אייגענער אייפֿערדיגקייט פֿערגעסען און זיך פֿערוואונדערט:

— געסט זאָלען דאָרטען זיין?.. וואָס פֿאַר אַ געסט זאָלען איצט דאָרט זיין?

און באַלד האָט ער זיך דערמאָנט אָן מירעל׳ען, געכאַפּט אַ קוק אַהין, צו איהר פֿאָטערס שטוב, וועלכע האָט אָהער מיט פֿינס־טערע פֿענסטער פֿון דער קעגענאיבערדיגער גאַס אַרויסגעקוקט, און דערפֿיהלט, ווי די האַרץ הייבט ביי איהם אָן געשווינד צו קלאַפּען:

אַ קשיה אויף מירעל׳ען? זי האָט איצט געקאָנט צו זיינע שוועסטער צו־גאַסט קומען.

פאַמעליך האָט ער פון זיך אינ'ם שטאַרק־בעלויכטענעם פע־
דער־שטיבעל דאָס אויבערשט אַראָפגעצויגען. ער האָט געהאַט צייט
און האָט אַפילו בשעת מעשה אַ שמייכעל געטאָן צו דער בע־
יאָהרטער יודענע, דער קעכין, וואָס איז דאָ אין אַיילעניש ביים
עס־צימער אַדורכגעגאַנגען. ער איז אַליין פון אָט דעם שמייכעל
שטאַרק צופרידען געבליבען:

— יעדענפאַלס בעדאַרף ער איצט זיין רוהיג און פאָר־
זיכטיג אין דער עיקר... דער עיקר — זיך ניט כאַפען און נישט
אַרויסווייזען, אַז ער איז מיט איהר קומען צופרידען.

פערשיידענע קולות האָבען זיך געטראָגען פון זאַל אין עס־
צימער אַריין, וואוהין ער איז צולעצט אַריינגעקומען. מ'האָט דאָר'ט
גע'חקירה'ט און זיך געקריגט, און דער קרומער סטודענט איז דאָרט
אויך געווען און געוואָלט אַלע קולות איבערשרייען.

— וואָרט: פיעל האָבען ביז היינטיגען טאָג געגעבען די
מעטאַפיזיקער?

אַ ברודערל זיינער, אַ קינד, איז צופעליג פון דער זאַל אהער
אין עס־צימער אַרויסגעגאַנגען, איהם דערזעהן, צוגעלאָפען און איהם
מיט ביידע הענטלעך פאַר די קניה אַרומגעכאַפט, האָט ער איהם
אין דער לופט אויפגעהויבען, אויף אַ בענקיל אַוועקגעשטעלט און
גענומען דערצו שמייכלען:

— דו לויפסט אַרום, אַ? לויפסט אַרום?

נאָר די טיר פון זאַל איז שוין נאָכ'ן ברודערל אָפען געבלי־
בען, און די אויגען זיינע האָבען זיך פון צייט צו צייט בגנבה
געצויגען און געזעהן:

אחוץ דעם קרימען ליפקיס'ן, איז דאָרט אויך פאַרהאַן יע־
נער גרויסשטאָרטיגער סטודענט, וואָס דער פאָטער זיינער האָט
איהם נישט לאַנג פאַר די קינדער אַראָפגעבראַכט, איינע פון דיגע
קלענערע שוועסטער אין עפיס אַ היבשע און אונבעקאַנטע מיידעל.
די שוועסטער מיט'ן פרעמדען מיידעל זיצען אויפ'ן וויכען דיוואַן,
און זיי, די סטודענטען, שטעהען ביידע איינער אַנטקעגען דעם
צווייטען, האָבען פערפלאַמטע פנימ'ער און זענען שטאַרק פער־
טיעפט אין זייער ויכוח.

ער איז אַהין ענדליך אַריינגעגאַנגען, געוואָהר געוואָרען עפיס

בײַ דער שוועסטער וועגן די אָוועקגעפֿאָהרענע פֿאָטער און מוטער, צוגעגאַנגען אויך צום גרויסשטאָדטיגן סטודענט, איהם די האַנד געגעבן און בײַ איהם דערבײַ לײַטיש אַ פֿרעג געטאָן:

— וואָס־זשע מאַכט ער עפּיס? ווי לעבט זיך?

איז אָבער יענער אַזוי צעטראָגן פֿון דער חקירה געווען, איהם גאָרנישט ניט געענפֿערט און נאָך אַליין געשריען צום קרומען ליפּקיס'ן:

— נו, און ליעבע?... נו, און יעדער געדאַנק, וואָס געהט איבער אין „אָשטשושטשעניע"?

דאָ, בײַ זײַן טאַטען אין שטוב, האָבן איהם אָט די צוויי סטודענטן נישט בעמערקט, דעם גאַנצן אָבענד גע'חקירה'ט וועגן דעם, וואָס ער האָט ניט פֿערשטאַנען, און אַפֿילו פֿערגעסן, צי ער דרעהט זיך דאָ אַרום זיי. און ער האָט נאָך דאָ בעדאַרפֿט בײַ זיבען נעכטיגן און, אומקעהרענדיג זיך נײַן אַ זייגער אין דער־פֿריה צוריק אין פּאָלוועריק, דורכפֿאָהרען דעם מערב'דיגן עק פֿון שטעדטיל און זעהן:

מירעלע זיצט אַנ'אָנגעטאָנע אויף אַ קרייז־שטאָדטיגן בעל־עגלה'ס פֿאַעטאָן און וואַרט דאָרט בײַ איינער אַ זייטיגער שטוב אויף'ן קרומען סטודענט ליפּקיס'ן, וואַרט אויף איהם אויפֿגעלעגטערהייד און שמייכעלט. און ער, דער קרומער ליפּקיס...

ער הינקט אַהער צום פֿאַעטאָן אין גרויס אײַלעניש, האָט אַ שטאַרק צעטראָגענעם און נאָר וואָס אָבגעזייפֿטען פּנים און הערט זיך ניט צו צו דעם, וואָס די מוטער זײַנע, די אַלמנה, שרייט איהם נאָך, פֿון דער אָפֿענער שטובטיר:

— ליפּאַ, כ'בעט דיך: נעהם מיט דעם גראָבען פּאַלטאָ... וואָס אַרט דיך, ליפּאַ?... נעהם מיט דעם פּאַלטאָ.

ער האָט זיך טאַקע געפֿיהלט שלעכט און שעמעוודיג־בעליידיגט די גאַנצע צייט, וואָס ער האָט זיך דענסטמאָל צו זיך אויפ'ן פּאָלוועריק אומגעקעהרט, געווען אויפֿגערעגט און האָט בײַ זיך בעשלאָסען:

— פֿון היינט אָן הויבט ער אָן צו פֿאָהרען אין שטאָדט זעלטען... גאָר, גאָר זעלטען..

און ער האט אנגעהויבן פאהרען אהין זעלטען, גאר, גאר זעלטען.

איינעם א מעקלער, וועלכער האט איהם קונים אויפ'ן נשאר פון די פערבליבענע תבואות פארגעגעבן, האט ער אפילו געזאגט:

— ס'מעג די סוחרים אנשטעהן אהער, צו מיר אראבפאהרען... נישקשה, איך שטאפ קיין מענשען פון מיין שטוב ניט ארויס.

אין איבערצייגט איז ער בשעת מעשה געווען, אז דער מעקלער וועט אט די ווערטער זיינע ביי זיין געוועזענעם מחותן אין שטוב איבערגעבן; אז סוף־כל־סוף וועלען צו איהם אהער אנהויבן קומען סוחרים פון שטאדט, קומען לייטיש און בכבודיג, ווי לייטיש און בכבודיג זיי קומען אהין, צו די ארומיגע פריצים.

א רוהיגער און שטיל־ווארטענדער איז ער אלע טאג געגאנגען צו זיינע נידעריגע תבואה־שאפען און אהין, וואו פיעל גוים אין ג'ויה'ס האבען זיך איבער זיינע עקסטע פעלדער פערשפרייט און איהם אין גרוים איילעניש זיינע בוראקעס אויסגעגראבען. און אין אבענד איז ער אין זיין בעלייכטענער שטיבעל איינער אליין אויף דער קאנאפע געלעגען, געטראכט וועגען זיך, וועגען געלד, וואס ער האט פערדיענט, אין וועגען דעם, וואס דארט, אין שטעדטיל, דרעהט זיך שוין מירעלע אין א ווארימען הארבסט־קאפטעל איבער די קיהלע און טונקעלע געסלעך; זיך דערמאנט אן זיינע זעקס טייזענד רובעל, וואס ליגען נאך צוזאמען מיט מירעלע'ס דריי ביים אלטען כאשפעריוקער גראף, אין הנאה געהאט פונ'ם נייעם מעבעל, וואס דערמיט האט ער נישט לאנג זיין פריצ'ישע שטיבעל אויסגעשטעלט:

— האט ער, הייסט עס, גוט געטאן, וואס ער האט אויף אט די מעבעל גאנצע דריי הונדערט רובל געפטר'ט, א? געווים גוט געטאן.

אין דרויסען, ארום זיין בעלייכטענער שטיבעל, איז דענסטמאל געווען אזוי אויסגעשטארבען און שטיל. אן אויסגעשטערנטער, אונגעוועהנליך־ברייטער הימעל האט זיך אין דער הויך איבער'ן פערטונקעלטען און פריה־שלאפענדיגען דארף געצויגען, און נאר אינ'ם גלה'ס אבגעצאמטען הויף האבען פון תחילת־נאכט אן געבילט די

בייזע הינט, געמאַכט גוואַלדען איבער יעדען מינדסטען נאָהענטען און ווייטען גערודער, אָדער גלאַט אַזוי פעררייסען די פּיסקעס ערגיץ אַהין, צום שלאָפענדיגען דאָרף צו און פערפּולט אַלולדיג די קיהלע נאַכט-לופט מיט זייער אומעטיגער בייז-וואונדער-יללה.

אַרום אַכט אַ זייגער פלעגען אָקאָרשט די הינט מיט אַמאָל בייזער און רציחה'דיגער צו בילען אָנהויבען, און טריט, שווערע און גוי'אישע, האָבען זיך נאָהענט ביי דער קיך-טיר געלאָזט הערען. דעמאָלט פלעגט ער, ליגענדיג אויף דער קאַנאַפּע, דעם קאָפּ אויפהייבען, די אויערן אָנשטרענגען און נעהמען שרייען אַהין צו דער אָפענער טיר:

— אַלעקסיי, ס'איז עפּיס פאַרהאַן פון פּאָסט, אַלעקסיי?

ער האָט געוואוסט, אַז מעהר, ווי אַ בלאַט „בירזשעוויא וועדאָמאָסטי“ וועט איהם פון פּאָסט נישט אָנקומען, און דאָך האָט ער אַלע אָבענד די זעלבע ווערטער צום גוי זיינעם געשריען, זיי געשריען דערפאַר, וואָס זיי זענען איהם געפעלען, און דערפאַר, וואָס ס'האָבען זיי אַמאָל געשריען יענע אויסגעאיידעלטע פּריצים, וואָס מיט זיי האָט ער שכנ'ישע עסקים געהאַט.

לאַנג און בעל-הבית'יש-ברייט איז ער נאָכדעם אַ פּער'מיח'טער ביים לאָמפּ מיט'ן בלאָהען אַבאַזשור געזעסען און האָט אין אַלע זייטען פון אָט דער פונאַנדערגעשפּרייטער בלאַט אַריינגעקוקט. ער האָט דורכגעלייענט עטליכע מאָל אויפ'ן קול יענע ערטער, וועלכע ער האָט ניט פערשטאַנען, און דער עיקר ניט דורכגעלאָזט דעם קורס פון רענטע, וואָס אין דער בערזע-אָבטיילונג. — ער אַליין האָט שוין געהאַט אַ היבש ביסעל מזומן-געלד, געקאָנט אין יעדער צייט קויפען דערפאַר רענטע און זי, פּונקט ווי די פּריצים, האַלטען פערשלאָסען ביי זיך אין קאָמאָד; און אַחוץ דעם, האָט זיך די רענטע שטענדיג געפונען ביים קליינוואוקסיגען, תמיד פרעהליכען און תמיד בעשעפטיגטען נחום טאַראַביי, ביי יענעם זעלבען נחום טאַראַביי, וועלכער האָט מיט אַכטצעהן ווערסט ווייטער, ביי דער רייכער צוקער-פאַבריק, געוואוינט, געפיהרט דאָרט אַ פּריצ'יש-נגיד'ישע שטוב און האָט זיינע קינדער ערגיץ אין אַ גרויסער און ווייטער שטאָדט געלעהרנט. בעגעגענענדיג זיך ערגיץ-וואו צווישען מענשען מיט אָט דעם נחום טאַראַביי, האָט ער שוין

אַפּילו איינמאָל געהאַט די מעגליכקייט איהם צו דערזוויזען, אַז ער, וועלוויל בּורנעס, איז שוין גאָרניט אַזוי פֿערגרעבּט, און געקאָנט בּיי איהם פּרעהליך אַ פֿרעג טון אין דער הויף:

— פּאַני טאַראַבּיי, ווי האַלט עפּיס היינטיגע וואָך מיט דער „פֿיער־פּראָצענטענדיגער״? יענע וואָך, שרייבּט די בּלאַט, איז די „פֿיער־פּראָצענטענדיגע״ געלעגען טיעף אין דער אַדמה.

טאַראַבּיי האָט דענסטמאָל אַפּילו אין אַ ווערטיל אויף איהם זיינע היבּשע ייהרעווודיגע אייגעלעך אויסגעגלאַנצט און די מויל צופיעל געעפֿענט:

— ע?... ער שמועסט שוין גאָר וועגען רענטע?...

געבּליבּען אַ ווײַלע שטעהן מיט אַ כּלומר'שט ערשטוינטען פּנים און מיט אַנ'אָפּענער מויל און איהם גאָרנישט ניט גענטפֿערט.

און אַזוי פֿיעל בּעדייט האָט דאָס שוין, אַז דער ערשטויג־טער פּנים זיינער — נישט אומזיסט האָט איהם שון אין אַ קליין שטיקעל צייט אַרום דערצעהלט דער מעקלער, וואָס איז צו איהם אָפּט מיט זיין פֿערד־און־וועגיל געקומען:

זאָל ער אַזוי לעבּען, ווי נחום טאַראַבּיי האָט איהם, וועל־וויל בּורנעס'ן, דאָ נישט לאַנג פֿאַר אַ גאַנצער מחנה סוחרים געלויבּט.

זאָל ער אַזוי אַ גליקליך יאָהר האָבּען, ווי ער האָט דאָרט געהערט פֿון נחום טאַראַבּיי'ס מויל:

— געדענקט מיינע ווערטער: בּיי אַבֿרהם־משה בּורנעס וואַקסט אַ בּחור אַנ'אַנטיקעל; כ'זאָג אייך: אַ פּריצ'יישער כאַראַקטער.

איינמאָל האָט איהם שוין אַפּילו אָט דער נחום טאַראַבּיי מכבּד געווען דערמיט, וואָס, דורכפֿאָהרענדיג פֿאַרבּיי זיין פֿולווערק, איז ער צו איהם מיט זיין נייעם פֿאַעטאָן אין הויף פֿערפֿאָהרען און האָט דאָרט בּיים אָנטרייבּער אַלעקסיי'ען אַ פֿרעג געטאָן פֿרעהליך און אויף פּויליש:

— „צי פּאַן בּורנעס דאָמאַ״?

אַרום פיער אַ זייגער בּייטאָג איז דאָס געווען.

דורכ'ן פֿענסטער האָט ער דענסטמאָל טאַראַבּייען אַראָבּ־שפּרינגען פונ'ם פֿאַעטאָן דערזעהן, געוואָרען שטאַרק מבולבּל, איהם

געשווינד די טיר פֿונ'ם פֿאָרענטיגען, תּמיד געשלאָסענעם גאַניק געעפֿענט און איהם מיט גרויס דרך-ארץ צו זיך אין שטוב אַריינגעפיהרט.

ער האָט געהאַט אַזעלכע שאַרפֿע און לעבעדיגע אויגעלעך, אַז דער קליינוואַקסיגער פּריצ'ישער נגיד, בעמערקט אַפילו דעם מעשענעם בלעטיל, וואָס איז אין דרויסען צו דער טיר פֿון גאַניק געווען צוגעקלאַפּט און, אַריינגעהענדיג אין שטוב, איהם געלויבט:

— אַט אַזוי!.. אַזוי!... כ'מיין, וואָס-זשע דען? צוליעב וואָס לעבט מען אויף דער וועלט?

און אַ טבע האָט אַט דער נחום געהאַט אַ סך צו פּלאַפּלען וועגען זיך, וועגען זיינע ברייטע מסחרים און ברייטער שטוב, צו טיטלען בשעת מעשה מיט איינעם אַ פֿינגער צו זיך איג'ם האַרטען קראַגען און אַרויסצורוקען אַלע מאָל די האַרטע מאַנזשעטלעך פֿון אונטער די מיטעלמעסיג-קורצע אַרבעל.

בעדאַרפֿט האָט ער סך הכל קריגען ביי איהם אין פֿולווערק אַ צוויי-דריי הונדערט קלאַפּטער שטרוי צוליעב זיינע אָקסען-שטאַלען, וואָס אין צוקער-פֿאַבריק, נאָר וועגען דעם איז דאָך געווען גענוג צו רעדען אַגב-אורחא, אויפֿזועצענדיג זיך אין דרויסען אויפ'ן פֿאַעטאָן. לעת-עתה האָט טאַראַבײ געקאָנט אַביסעל פֿרעהליך פּלאַפּלען. דערצעהלען וועגען זיין עלטערן זוהן, וואָס דיענט ערגיץ אין אַ גרויסער באַנק, וועגען קלענערן, וואָס לערנט אין פּאָליטעכניק'ם און וועגען דער דריי-און-צוואַנציג-יאָהריגער מיידעל זיינער, וואָס האָט שטאַרק ליעב דעם דאָרף מיט דער היים אין האָט, זיצענדיג דאָרט די גאַנצע צייט, דעם לערנען פֿערשפּעטיגט:

זאָגט זי צו איהם נישט לאַנג, אַט די מיידעל זיינע:

— זי וויל פֿאָהרען קיין אָדעס.

ענטפֿערט ער איהר:

— פֿאָהר קיין אָדעס.

קומט זי אין דריי וואָכען אַרום צוריק פֿון אָדעס, בעווייזט איהם שוואַרצם אויף ייים און זאָגט איהם:

— די זעהסט, טאַטע, כ'האָב אויף זעקס קלאַסען אויסגעהאַלטען.

און ביי איהם, דעם זיבען-און-צוואַנציג-יאָהריגען בחור, דאָ-

בּען זיך שוין נאָכדעם אַ שטיק צייט געדרעהט אינ'ם טומפּען קאָפּ אַזעלכע מאָדנע געדאַנקען וועגען טאַראַבּיי'ס מיידעל און וועגען זיין געוועזענער כּלה. און געדוכט האָט זיך איהם, אַז דאָס, וואָס טאַראַבּיי'ס מיידעל האָט אויף זעקס קלאַסען אויסגעהאַלטען, האָט עפּיס אַ שייכות צו איהם, צו דעם, וואָס מירעלע האָט איהם די תּנאים אָבּגעשיקט און געהט אַרום מיט'ן סטודענט ליפּקים; אַז אָט דאָס אַלץ מאַכט איהם קליין און צו גאָרנישט, אַז סוף=כּל=סוף טאָר ער עס איך ווייטער ניט דערלאָזען און מ'דאַרף זוכען דערצו אַן עצה.

און דעמאָלט האָט זיך מיט איהם געטראָפען דאָס, וואָס האָט זיך איינגענטליך מיט איהם טרעפען נישט בּעדאַרפט:

ער האָט אָנגעהויבּען צופּיעל וואַרפען אויגען אויפ'ן „שייגעץ", דעם דאָרפס=לעהרער, וואָס איז אַלע טאָג צ'ם גלח'ס איבּערגעוואַקסענע מיידלעך געגאַנגען, איהם צולעצט פערבּעטען צו זיך און אָנגעהויבּען מיט איהם בּשתיקה צו לערנען.

איינמאָל האָט ער אַפּילו צו אָט דעם „שייגעץ" געזאָגט:

אַ שׂכל'דיגער למוד — תשבורת... גאָר, גאָר אַ שׂכל'דיגער למוד.

און דער „שייגעץ" איז געגאַנגען און האָט מיט לצנות זיינע ווערטער נאָכגעזאָגט צעפּ'יקט.

דעם גלח'ס מיידלעך האָבּען זיך שוין נאָכדעם געשיקט פון געלעכטער יעדעס מאָל, ווען זיי האָבּען איהם נאָהענט פאַרבּיי זייער גאַניק געזעהן דורכגעהן. און דאָרט אין שטאָדט האָט מירעלע איינמאָל זיינע שוועסטער אָבּגעשטעלט און מיט אַ שטאָך בּיי זיי געפרעגט:

— ער קלערט, אַפּנים, אין אוניווערסיטעט אָנקומען, אייער וואָזשע?

IV

ווידער האָט ער זיך מיט נחום טאַראַבּיי בּעגעגענט.

דאָס איז געווען אין צוקער=פאַבּריק, וואו ער האָט פאַר זיינע צונגעשטעלטע „בּוראַקעס" געלד בּעקומען.

ער איז דאָרט געשטאַנען פאַר טאַראַבּיי'ען מיט דרך=ארץ פון אַ געטרייען און שעמעוודיגען תּלמיד און האָט געהערט, ווי

ער פֿלאַפּעלט פֿרעהליך וועגען דעם, וואָס ער האָט זיך ניט לאַנג מיט זיין געוועזענער כּלה אין שטאָדט בּעגעגענט און האָט מיט איהר אַנ׳איידעלען שמועס געפֿיהרט.

דאָרט, בּיי איהר פֿאָטער אין שטוב האָט ער זי פֿאָר׳ן אַוועקפֿאָהרען, אויפֿ׳ן פֿריצ׳ישען שטייגער, אַרומגענומען, איהר געזאָגט „יאַסנאָוועלמאָזשנאַ פּאַננאַ“ און האָט איהר וועגען איהם, וועלוועלען, שמילערהייד אַ סוד איינגעראָמט:

— ער האָט פֿאַר איהר אַ שידוך... אַנ׳אַנטיקעל אַ שידוך. האָט ער פֿאַר איהר.

און בּאַלד האָט ער צו וועלוועלען מיט איינער אַ צוזאַמענגעצייגענער אויג אַ שעלמישעןווינק געטאָן און האָט איהם די האַנד אויף די פּלייצעס אַרויפֿגעלעגט:

— זאָל ער קיין יסורים נישט האָבּען און זיך פֿערלאָזען אויף איהם, טאַראַבּײ׳ען.

און אַ שבֿועה האָט ער איהם נאָך דערבּיי געגעבּען:

— אַזאַ יאָהר אויף איהם, ס׳אַר אַ טייער ווייבּעל מירעלע וועט פֿאַר איהם זיין.

ער איז דעמאָלט אַזוי דאַנקבּאַר געווען אָט דעם קלוגען און פֿרעהליכען טאַראַבּײ׳ען, געטראַכט וועגען איהם, אַהיים פֿאָהרענדיג, מיט גרויס אַכטונג און געשמייכעלט צו זיך אַליין:

— אָט דאָס הייסט אַ קלוגער מענש... אָט דאָס הייסט אַ וועלטליכער מענש.

אפֿשר צוויי וואָכען נאָכאַנאַנד איז ער נאָכדעם איינגעדרעגט און פֿרעהליך געווען, צופֿיעל מכבּד געווען מיט טיי דעם מעקלער, וועלכער איז צו איהם פֿון שטאָדט געקומען, שוין אַפֿילו אַנ׳איבּעריגען מאָל געגאַנגען צום אָנטרייבּער זיינעם אין שטאַל אַריין און פֿאַר איהם פֿרעהליכערהייד איבּערגע׳חזר׳ט:

— מ׳בּעדאַרף דיר קויפֿען אַ נייע היטעל, אַלעקסיי... זאָלסט מיך וועגען דעם דערמאָנען אין קרייז-שטאָדט...

ס׳איז געווען גוט צו ליגען דאָ גאַנצע אָבּענדען אויפֿ׳ן בּעט, צו טראַכטען וועגען דעם, וואָס דאָ אין פֿעדער-שטיבּעל וועט ענדליך הענגען מירעלע׳ס האַרבּסט-סאַק, און צו פֿאָרשטעלען זיך,

ווי אַזוי ער וועט אַמאָל, ליגענדיג דאָ אין דעם זעלבען בעט, ענטפערן מירעלע'ן:

— וואָס־זשע? ער „זשאַלעוועט" איהר די פוהר, „זשאַלעוועט" ער איהר? אויב זי וויל פאָהרען אין שטאָדט, טו זאָל זי הייסען די פיהר שפאַנען און פאָהרען.

אויף עפּיס האָט ער געוואַרט, נישט געהאַט קיין געדולד און האָט געוואָלט טרעפען, ווי אַזוי טאַראַבּיי וועט זיין הבטחה מקיים זיין:

— וועט, הייסט עס, אין גיכען טאַראַבּיי צו זיי אין שטאָדט אַראָבּקומען... געווים וועט ער אין גיכען צוליעב זיינע געשעפטען אַהין אַראָבּקומען און וועט צו זיין מחותן פּערפאָהרען.

נאָר טעג נאָך טעג האָבען זיך גערוקט, און טאַראַבּיי'ס פּאַעטאָן האָט זיך נאָך אַלץ דאָרט אין שטאָדט ניט בעוויזען.

מירעלע האָט נאָך אַלץ פאַר'ן קרומען סטודענט, ווי פאַר אַן'אייגענעם ברודער, געזאָרגט, זיך שוין אַפילו אין זיינע אינטערעסען געמישט און אונטער זיינע אויגען פאַר איהם געשטענ'עט.

— וואָס־זשע דען? ס'איז אַ תכלית פאַר איהם אָט דאָס, וואָס ער וועט דאָ ביי זיין מאַמעס פאַרטוך זיצען און וועט די שטאָדט־מיידלעך תורה לעהרנען?

קיין נייעס איז דאָרט אין שטאָדט ניט פאָרגעקומען, אַחוץ דעם, וואָס שלעכטע קלאַנגען האָבען זיך אָנגעהויבען אַרומטראָגען וועגען דעם אַלטען קאַשפּעריוקער גראַף, וועלכער האָט שוין דעמאָלט אין אויסלאַנד ביי זיין איידעם געוואוינט:

— דער גראַף זעצט אָן, ניט אַנדערש, און קאַשפּעריוקע געהט איבער צו דער באַנק.

די מאַמע זיינע האָט איהם אַהער אָפּטע ברייוולעך וועגען אָט די קלאַנגען געשריבען, געשאָלטען אין זיי דעם געוועזענעם מחותן מיט דער געוועזענער כלה און זיך געהאַלטען אין איין קלאָגען:

— זעקס טויזענד רובעל... אַ שפּיעלכעל? היינטיגע יאָהרען זעקס טויזענד רובעל.

און וואָס נאָך:

— די וועקסלען זענען דאָך נאָך עד היום אויף גדליה הור־

וויצ'עס נאָמען געשריבען, און דער גראַף קען קיינעם ניט, אַחוץ איהם.

אונבעמערקט פאַר זיך אַליין האָט ער ווידער אָנגעהויבען אָבצושלאָפען פיעל פערקירצטע און קיהלע תשרי'דיגע טעג, פערפולט די לופט פון זיין שטילער אויסגעמעבעלירטער שטיבעל מיט אַ שווערען און אומעטיגען שנאָרכען, זיך אַלע מאָל אויפגעכאַפט און זיך דערמאָנט:

יסורים שווערע זענען אויף איהם געקומען... און גאָרנישט וועט ניט זיין דערפון, וואָס ער האָט די גאַנצע צייט וועגען מירעל'ען געקלערט... און דער עיקר... דער עיקר איז ער אַ נאַר געווען און האָט צופיעל געלד אויפ'ן מעבעל און אויף די נייע פערד געפטר'ט.

נאָכדעם איז איינמאָל דאָ אין דאָרף אַ סוף פון אַ מאָדנע וואַרימען זונטאָג געווען, די זייט=הימעלדיגע זון האָט אין רויט=גאָלד שטרויענע דעכער מיט אָבגעפאַלענע בוימער געפאַרבט, און גוים אין שוואַרצע „סוויטקעס" זענען ביי דער קראָם פון דער איינזאַמער יודישער שטוב געשטאַנען, זיך איבער דער היטער שיין געפיהלט צו קינדעריש און צו גוט, געטראַכט עפּיס וועגען דעם ברויט, וואָס דערמיט האָבען זיי זיך אויף אַ זאַטען ווינטער פערגרייט און געשמייכעלט איינער צום צווייטען:

— ציים די וועגט פון די שטיבער מיט אויסגעדראָשענע סנאָפּעס אַרומשטעלען, אַ?

צו איהם איז דעמאָלט דעם טאַטענס אַ מענש מיט'ן גראַפּס וועקסלען געקומען, איהם פון שלאָף אויפגעוועקט און איהם אַ מאָדנע אויפגערעגטע ידיעה איבערגעגעבען:

— דער אַלטער גראַף איז נאָך ביי=נאַכט קיין קאַשפּעריווקע געקומען, און דער מחותן ווייגער... דער מחותן האָט נאָך, אַ סברה, גאַנץ פריה אַהין מיט זיין פוהר אַוועקגעשמיסען.

פערשלאָפענערהייד איז ער מיט זיין פוהר קיין קאַשפּעריווקע אַוועקגעלאָפען, געטראָפען דעם אַלטען גראַף איינעם אַליין אינ'ם פוסטען הויף, וואו די מעבעל איז שוין אַפילו פערפּאַקט געווען, און ביי איהם בשלמות בעקומען אויף אַלע זיינע וועקסלען, וועלכע זענען אויף גדליה הורוויצ'עס נאָמען געווען. דער אַלטער גראַף

האָט נאָך אַפילו געמיינט, אַז ער, — גדליה הורוויץ, האָט איהם אַהער מיט די וועקסלען צוגעשיקט און דערפאַר געבעטען, ער זאָל אָט דעם גדליה הורוויצ'ן איבערגעבען:

— זעקס טויזענד רובל צאָהלט ער איהם איין, און די איבעריגע דריי טויזענד... די איבעריגע האָט ער איצט ניט און וועט זיי איהם פון אויסלאַנד צושיקען.

און ער האָט פערשטאַנען, אַז זיין געוועזענעם מחותנ'ס דריי טויזענד רובל זענען פערפאַלען, געפיהלט, אַז ער טוט איצט אַ נידעריגע זאַך, און דאָך צום גראַף מיט'ן קאָפּ געשאָקעלט:

— גוט, גוט... ער וועט איהם איבערגעבען.

ערשט תחלת-נאַכט, ווען אומקעהרענדיג זיך אַהיים, האָט ער זיך מיט זיין פוהר אויפ'ן ערשטען באַרג, וואָס נאָך קאַשפּעריווקע, ארויפגעדראַפּעט, האָט ער פון וויטענס זיין געוועזענעם מחותנ'ס פוהר מיט'ן קליינעם שייגעץ, דעם אָנטרייבער, דערקענט, דערפיהלט אַ שטאַרקע האַרצקלאַפּ'נג און געשווינד געהייסען זיין אָנטרייבער פערקעהרעווען לינקס צום זייטיגען און שטאַרק שמאָלען וועג. ער איז געווען דערשראָקען, זיך עפּיס ניט געגלייבט אין האָט צום ערשטען מאָל וועגען דעם מחותן זיינעם אַ טראַכט געטאָן:

— איז ער, אַפּנים, פון גאַנץ פריה אָן ביי זיך אין וועלדיל געווען?.. פאָהרט ער אָקאָרשט איצט צום קאַשפּעריווקער גראַף?

און איבער עפּיס האָט ער נאָך אַלע מאָל פונ'ם זייטיגען וועג צו זיין מחותנ'ס פוהר אויגען געוואָרפען און האָט געזעהן:

די לאַנגע אויסגעדאַרטע פערד זענען, ווי אַלע מאָל, שלעכט אין דער אָבגעפּאָהרענער ברישקע געשפּאַנט — ביים רעכטען פערד זענען די פּאָסטראָמקעס צו קורץ, און ער האַלט דערפאַר אין איין שפּרינגען; ביים לינקען, מיט'ן אויסגעגלאָצטען בלינדען אויג, זענען די „שלייעס“ צו גרויס, און ער שלעפּט דערפאַר ניט מיט דער ברוסט, נאָר מיט'ן אָנהויב רוקען. און אויבען-אָן זיצט מיט פערלעגטע הענד ר׳ גדליה הורוויץ אַליין, דער צעטראָגענער קאָפּ מיט דער שפּיציגער נאָז און מיט די גילדענע ברילען אַבי-

סעל פֿעררים‏ען אין די טונקעלע צווייזייטענדיגע באָרד — פֿונאַנדערגעלאָזן אויף רעכטס און אויף לינקס.

ער איז געווען שטאַרק אומעטיג און דערשראָקען און האָט געטראַכט:

— איז שוין, הייסט עס, מיט די תנאים אַנ׳עק?.. להלוטין אַנ׳עק?...

אייפֿ׳ן צווייטען טאָג איז ער אויפֿגעשטאַנען גאַנץ פֿריה און האָט געהייסען די פֿוהר שפּאַנען.

אין דרויסען איז געווען וואָלקענדיג און קיהל, און אַ רעגענדיל, אַ סוף־תשרי׳דיגער, האָט זיך אַלע מאָל טריפֿען געלאָזט, אָנגעהייבען, אויפֿגעהערט און זיך ווידער געלאָזט.

ער האָט דעם גאַנצען וועג אין שטאָדט אַריין געהאַט אַ פֿאַרהגז׳ען און שטאַרק אומעטיגען פּנים, געטראַכט וועגען נחום טאַראַביי׳ס שטאָלצער און שלעכט־שוויינענדיגער מיידיל, וועלכע ער האָט איינמאָל אין קרייז־שטאָדט געזעהן. און איז צו אַ בעשלוס געקומען:

— זי וועט איהם ניט וועלען, נחום טאַראַביי׳ס מיידעל, געווים וועט זי איהם נישט וועלען.

נאָך ביי־נאַכט האָט ער, טראַכטענדיג וועגען מירעלע׳ן, בעשטימט:

— ער וועט אַהין, צום מחותן זיינעם, צופֿאָהרען און וועט איהם זיין חלק געלד אָבגעבען.

איהם אַליין איז שוין אָט דער בעשלוס אַזוי געפֿעלען געווען, און געוואָלט האָט ער שוין אַפֿילו וויסען, וואָס וועלען דערויף זאָגען מענשען, און דער עיקר... וואָס וועט דערויף זאָגען נחום טאַראַביי.

נאָר אַריינקומענדיג צום פֿאָטער אין שטוב, האָט ער דאָרט נאָך אין קאָרידאָר דערהערט, ווי אין קליינעם קאַבינעטיל שרייט שוין מיט היץ ר׳ גדליה הורוויץ׳עס צוגעשיקטער בורר, און ווי דער טאַטע זיינער שלאָגט איהם דאָרט אַלע מאָל איבער די רייד מיט זיין שטילער עם־הארצ׳ישער טענה:

— און ווי וואָלט געווען זיין, ווען ס'וואָלט געווען טרעפען פערקעהרט?

ער איז דאָ אַ ווײַלע געשטאַנען און זיך צו די טענות צו־געהערט.

אין מח האָט זיך בײַ איהם נאָך אַמאָל די שאלה איבער־גע'חזר'ט:

— איז שוין, הייסט עס, אַנ'עק צו די תנאים?.. איז שוין, הייסט עס, נאָך אַלעמען?

און איבער עפּים האָט ער זיך געלאָזט געהן נישט אין קליי־נעם קאַבינעטיל, נאָר גאָר אַהין אין עס־צימער, וואו די מאַמע זיינע האָט פאַר פרעמדע מענשען די געוועזענע כלה זיינע געשאָל־טען. ער האָט דאָרט מיט אַמאָל בעקומען אַ שטרענגען און אונ־צופרידענעם פּנים און האָט אויף איהר בייז און לייטיש אָנגע־שריגען:

— שאַ! קוק זי נאָר אָן?!

צווייטער טייל.

מירעל.

I

געפּלאָנטערט האָבן זיך אַלץ מעהר און מעהר ר׳ גדליה הורוויץ׳עס געשעפטן, און אַ בעהאַלטענע אונרוהיגקייט איז שוין געפאַלען אויף איהם, — דעם צעטראָגענעם בן־תּורה, און אויף זיין גאַנצער יחוס׳דיג־שטילער, נגיד׳ישער שטוב.

וועגן עפּיס האָבן זיי זיך שוין גאַנצע נעכט געסוד׳עט, ר׳ גדליה מיט׳ן וועלטליכען געשוועסטערקינד, דעם קאַסיר און גרויסען מקורב זיינעם. סוד׳ענדיג זיך, איז מען אַזוי ביידע אין אַ בעזונדער חדר די גאַנצע נאַכט אָפּגעזעסען און די דריטע אַשמורה נישט בעמערקט, געעפענט צולעצט אַ לאָדען מיט אַ פענסטער און דערזעהן:

פון צפון־מזרח׳דיגען הימעל־ווינקעל קומט שטיל און טרויעריג דער טונקעלער אָנהויב פון׳ם אלול׳דיגען טאָג, רוקט זיך אַהער פּאַמעליך־פּאַמעליך און טרייבט פון דאַנען, ווי אַ שטומער, די לעצטע רגעים פון דער בלאַסער, פערשפּעטיגטער נאַכט. אַרום איז שוין אַלץ גרוי; בהמות, וואָס געפינען זיך נאָך אין די פערשלאָפענע בעל־הבית׳ישע הויפען, שרייען שוין מיט אַזאַ בענקשאַפט צו זייערע פערשפּאַרטע קעלבלעך און צו די נאַסע גראָז, וואָס אין פעלד, און העהנער ערוואַכען שוין צום דריטען מאָל אין פערשיידענע ווינקלען, וואָס אין שטעדטיל און אין אַרומיגען גוי׳אישען דאָרף. זיי שרייען פון נאָהענט און פון ווייט און כאַפּען אויס איינער ביים צווייטען די ערשטע אויסגעצויגענע טאָג־ברכה:

— קי־קו־רי־קו־או!

דער בעטראַכטער און שטאַרק־איבערגעגעבענער קאַסיר, דער קרוב, האָט זיך דעמאָלט נאָך אַלץ פערקלערט און פּאַמעליך מיט אַ פינגער אין נאָז געקלאַפּט, אין דער תּמיד־צעטראָגענער ר׳ גדליה

האָט פֿאַר איהם, ווי אַלע מאָל, מיט נייע, ברייטע פּלענער געשאָטען אין זיך אַלע מאָל אַזוי נאָהענט צו איהם, דעם פֿערקלערטען קאַסיר, צוגעבויגען, גלייך ווי ער וואָלט איהם פֿון דער־זייט גאָלדענע ברילען וועלען אַריבערנעהמען, און בּיי איהם געשווינד פֿרעגען:

— וואָס? נישט אַזוי?

מעהר, ווי שטענדיג, האָט ער זיך שוין אין יענער צייט בענוצט מיט זיין ווייבער גאַליציאַנישער אויסשפּראַך און, זיצענדיג, זיך מיט זיין גאַנצען איבערשטען האַלבען גוף אַוואָרף געטאָן פֿאָראויס, יעדעס מאָל, ווען אַמענש איז צו איהם אין שטוב אַריינגעקומען: גלייך ווי עמיצער וואָלט דענסטמאָל פּלוצים אַדריק געטאָן עפּיס אַ פֿערהוילענעם עלעקטרישען קנעפּיל, וואָס פֿון הינטען, אויף זיינע פּלייצעס, און וואָלט איהם נויטען, ער זאָל זיך מיט אַמאָל צוליעבּ׳ן כּבוד פֿונ׳ם גאַסט אַ נויג טאָן און זאָל מיט אַמאָל פֿון זיך אויסשיסען די פּאָר געוועהנליכע ווערטער:

— זיצט, ר׳ ייד!

פֿאַר עפּיס אַסכּנה האָט מען זיך דאָרט אַלע צוזאַמען געשראָקען און מודה געהאַט זי זאָל אין יעדער רגע אין שטוב נישט אַריינקומען; מורא געהאַט האָט מען אַזוי בּיז שפּעט צו ווינטער צו. ווען איבער אַנאַרישקייט האָבען זיך די געשעפֿטען נאָך מעהר פֿערדרעהט, און צעטראָגענע מעשה׳לעך האָבען זיך כּמעט איבער דער גאַנצער געגענד געלאָזט הערען:

אַ מעשה מיט ר׳ גדליה הורוויץ׳עס אַ לאַנגאָנעדיגען שונא פֿון קרייז־שטאָדט, וואָס האָט דאָרט אין באַנק דעם אמת׳ען קנייטעל פֿאַר איהם געלעגט.

אַ מעשה מיט׳ן אַלטען דירעקטאָר פֿון אָט דער זעלבער באַנק, הורוויץ׳עס אַ שטענדיגען גוטען פֿריינד, וואָס האָט אַליין אָנגעזאָגט, מ׳זאָל זיין זהיר ווזהיר און מ׳זאָל איהם מעהר קיין קאָפּיקע קרעדיט נית געבען.

צו אָפֿט איז שוין דענסטמאָל ר׳ גדליה מיט זיין אייגענער פֿיהר אין קרייז־שטאָדט געלאָפֿען.

פֿאָהרען האָט ער זיך אַהין געלאָזט ס׳רוב נאָך אום זונטאָג, אומגעקעהרט האָט ער זיך פֿון דאָרט כּמעט אַלעמאָל אָקאָרשט

פֿרייטאָג פֿאַר ליכט־בענטשן, אַריינגעלאָפֿן מיט אײַלעניש אין שטוב און דערזעהן:

אינ'ם שוואַרצן ייִדענעם קאַפּטעל, אינ'ם שבת'דיגן פּאַריק מיט די בריליאַנטענע אויערינגלעך זיצט שוין גיטעלע -- די ווייב זיינע — ביי די זילבערנע לייכטער, וואָס אויפ'ן ווייס־געשפּרייטן טיש מיט די צוגעדעקטע חלות; זי קוקט אויף די רויטע, נישט לאַנג אויסגעזייפֿטע נעגעל און וואַרט, אַז אין דער קאַלביגער שורה הייזער, וואָס קעגנאיבער דעם וועג, זאָל זיך ביים רב אין פֿענסטער דער ערשטער פֿרייטאָג־צונאַכטיגער פֿייערל אָנצינדן.

ר' גדליה איז דערנסטמאָל, ווי שטענדיג, געווען שטאַרק בעשעפֿטיגט אין צעטראָגן, געטרונקען אויף גיך ביי אָט דעם טיש טיי פֿון דער שאָל און נישט בעמערקט, אַז דער דאַשעק פֿון זיין ייִדענער היטעל שטעהט ביי איהם אַ ביסעל אָן אַ זייט. צווישן איין שלונג און צווייטן האָט ער געש[illegible] אויף גיטעלע'ס אָנפֿראַגן געענטפֿערט:

— איז ער אַוועקגעלאָפֿן צו יענעם „טשליען", וואָס אויף איהם האָט דער דירעקטאָר איהם געזאָגט, אַז ער איז דער עיקר.

— איז ער פֿון יענעם „טשליען" אַוועקגעלאָפֿן צוריק צום דירעקטאָר...

— האָט ער שוין דוקא ביי זיי ביידען געפּועל'ט... נאָר דער דריטער „טשליען" — אַנ'אַלטער גענעראַל איז ער — און דער פֿירטער — אַ פּאָליאַק... אַ מאַגנאַט — צו זיי וועט ער, מיט גאָטס הילף, די קומענדיגע וואָך קריגן פּראָטעקציעס... געווים וועט ער קריגן.

ער איז בכלל נישט געווען ביי זיך געפֿאַלן אין געהאַט גרויס בטחון; צעטראָגענערהייד האָט ער נאָך אין זינען געהאַט מתנות אַהיים צו ברענגען, און אַפֿילו איינמאָל אַ שפּיציג ווערטיל געזאָגט וועגן דער נייער ייִדענער היטעל, וואָס ער האָט זיך אַליין פֿון קרייז־שטאָדט געבראַכט. גיטעלע איז דערנסטמאָל מיט אָט דער היטעל אַזוי נישט צופֿרידען געווען...

— ער קלייבט זיך אַליין צו אַ היטעל, האָט זי געטענה'ט, און בעמערקט נישט, אַז ס'פֿאַלט איהם אַריבער ביז די אויערן?

און בײַ איהם, דעם צעטראָגענעם קאָפּ, האָט דענסטמאָל אַ שמײַכעל געטאָן נישט מעהר, ווי די אָנגעשטרענגטע שפּיציגע נאָז:

— גיטעלע מיינט, אַז דער קאָפּ איז בײַ איהם דענסטמאָל געווען אין קרייז-שטאָדט? דער קאָפּ איז בײַ איהם דענסטמאָל געווען אין דערהיים.

און באַלד האָט ער אויף זיך דאָס שבת׳דיגע איבערשט געכאַפּט און איז אַוועקגעלאָפען מקבל-שבת-זיין אין יענער אַלטער סאַדעגערער קלויז, וואו אין בײדע זייטען פון זיין מזרח׳דיגער שטאָט זענען נאָכ׳ן דאַוונען אַ פּאָר עהרליכע גבירים יונגע-לייט נאָך אַ ווײַלע אויף זייערע ערטער געזעסען, געקוקט אויף איהם מיט כּבוד׳יגע און קעצען-דאַנקבאַרע אויגען און זענען אין יענער רגע גרייט געווען צו ווינשען איהם עולם-הבא דערפאַר, וואָס ער האָט זיך מיט זיי אָרענטליך צערעכענט און האָט זיי בײַצײַטענס זייערע חובות אָבגעצאָהלט.

זיי זענען איהם אַוודאי געווען גוטע פריינד, אָט די פּאָר עהרליכע גבירים-יונגע-לייט, וואָס אין די זיידענע קאַפּאָטעס. נאָר זייער געלד איז געווען בײַ זיי אַזוי טייער, און שולדיג האָבען זיי זיך אַזוי געפיהלט, פאַרוואָס זיי האָבען דאָס איהם, הורוויצ׳ן, מורא געהאַט צו געטרויען; זענען זיי שוין, געהענדיג אַהיים, געווען אַזעלכע שוויגענדיג-טרויעריגע און אָפּט פּליצים און נישט צו דער זאַך צו עמיצען אַ זאָג געטאָן:

— פאָרט אַ לייטישער מענש ר׳ גדליה, אַ? גאָר, גאָר אַ לייטישער מענש.

אין שטאָדט איז מען דערווייל שטאַרק נייגעריג געווען אין געוואָלט וויסען דעם סוף:

ער וועט זיך אַמאָל אויסדרעהען, ר׳ גדליה, צי ניין?

אַזוי פיעל האָט מען שוין דענסטמאָל מיט דעם צו טון געהאַט און אַזוי אָפּט האָט מען שוין וועגען דעם דענסטמאָל גערעדט.

נישט געוואָלט האָט נאָר וועגען דעם רעדען מירעלע, די בת יחידה זיינע, — אָט די ציטעריג-ערצויגענע שלאַנקוואוקסיגע

בּעשעפֿעניש, וועלכע פֿלעגט שוין דענסטמאָל מחמת ליעבּע צום פֿאָטער, צי מחמת ליעבּע צו זיך אַליין, אויף אַ גאַנצען טאָג פֿון שטוב אַוועקגעהן.

צו־פֿיעל פֿערקלערט און קאַפּריזנע איז זי שוין דענסטמאָל געווען, און צו פֿיעל שטרענג האָט זי זיך שוין דענסטמאָל גע־פֿיהרט אפֿילו מיט'ן קרומען סטודענט ליפּקיס'ן, וועלכער איז צו־ליעב איהר דעם יאָהר אין אוניווערסיטעט נישט געפֿאָהרען און איז איהר אומעטום היקענדיגערהייד נאָכגעגאַנגען. גאַנצע שעה'ן האָט זי, געהענדיג נעבּען איהם, געקענט פֿערגעסען, אַז ער לעבּט נאָך אויף דער וועלט, זיך פּלוצים אויף איהם אומגעקוקט און בּעקו־מען אַזאַ מאָדנע ערשטוינטען פּנים, גלייך ווי זי וואָלט זיך שטאַרק וואונדערן און וואָלט ניט פֿערשטאַנען:

— ווער נאָך?! ער געהט נאָך אַלץ נעבּען איהר, ליפּקיס!

און זי דאָט געמיינט, אַז ער איז שוין לאַנג בּיי זיך אין דער־היים.

און ווען זי האָט זיך שוין יאָ אַמאָל אויף איהם אומגע־קוקט, האָט זי איהם געמוזט נישט אַנדערש, ווי מיט עפּיס אַ וואָרט אָנריהרען:

— ליפּקיס, פֿאַרוואָס וואַקסען בּיי אייך אַזוי מאָדנע די וואָנ־סעס? בּיי קיין שום מענשען וואַקסען זיי נישט אַזוי מאָדנע, ווי בּיי אייך.

אָדער:

— אין אַלגעמיין זעהט איהר נישיקשה'דיג אויס, ליפּקיס, נאָר ווען מ'קוקט זיך גוט צו אייך צו, זייט איהר מורא'דיג ענהליך אויף אַ „יאַפּאָנעץ“.

ער דאָט זיך טאַקע אין יענער צייט געפֿיהלט נעבּען איהר מורא'דיג שלעכט און קיין דבורים אין מויל נישט געהאַט; האָט געטראַכט לאַנג וועגען דעם, וואָס זי שווייגט, געקומען פֿיעל מאָל צום בּעשלוס, אַז ס'איז נויטיג איהר צו זאָגען עפּיס אַ גוט וואָרט וועגען איהר פֿאָטערס לאַגע און וועגען דער קאָלעניש, וואָס קומט פֿאָר בּיי זיי אין שטוב, און צולעצט איינמאָל צו שטאַמלען אָנ־געהויבּען:

— פֿערשטעהט ער, הייסט עס, גאַנץ גוט, אַז „אַנגליק“

הענגט אָן ראשית כל נישט אָן „געלד“. און דאָך... ער ווייס נישט, פאַרוואָס דאָס איז: יעדעס מאָל, וואָס ער קומט די לעצטע צייט אַריין צו זיי אין שטוב און דערזעהט דאָרט דעם פאָטער איהרען, ווייזט זיך איהם אויס, אַז ס'קומט פאָר אַרום איהם אַ טראַגעדיע.

נאָר מירעלע האָט זיך דענסטמאָל אַפילו צו איהם מיט'ן פנים נישט אומגעדרעהט, געקוקט שווייגענדיג מיט די בלייע אויגען אַהין, וואו ס'איז פערגאַנגען די זון, און געזאָגט אַזוי גלייכגילטיג און קאַלט:

— נו, אַנטלייהט איהם 12 טויזענד רובעל, וועט ער זיך איבדרעהען.

און ווידער האָט זי מיט'ן טהיער, וואָס אין איהרע בלייע אויגען, שווייגענדיג געקוקט אַהין, וואו ס'האָט זיך געזעצט די זון.

ס'איז געווען מאָרגע: אָט די ציטעריג־ערצויגענע בעשעפעניש האָט אפילו געוואוסט, וויפיעל ס'געהט אָב דעם פאָטער איהרען, אויף צו ראַטעווען זיך. מעגליך, זי האָט אויך געוואוסט, אַז ווען זי לאָזט דעם שידוך מיט וועלוויל בורנעם נישט אָב, וואָלט איהם זיין פאָטער אברהם־משה גרינג אָט די סומע געגעבען. מעגליך, אַז זי האָט פיעל וועגען דעם געטראַכט, און אַז דערפאַר האָט זי שוין אַזוי גרינג און פשוט די ווערטער אַרויסגעזאָגט:

— נו, אַנטלייהט איהם 12 טויזענד רובעל, וועט ער זיך אויסדרעהען.

און ער. דער קרומער סטודענט ליפקיס, האָט זיך איבער אָט די ווערטער פליצים דערמאָנט אָן דער מוטער זיינער, דער אַלמנה, וואָס ער מיט'ן עלטערן ברודער האָבען איהר געגעבען אויף צו לעבען, און אָן דעם אַלטען פאַלטאָ, וואָס זי האָט איהם נאָכגעטראָגען דענסטמאָל, ווען, פאָהרענדיג מיט מירעלע'ן אין קרייזשטאָדט, האָט ער אין אַיילעניש געדענקען צו דער פוהר, וואָס אויף איהר האָט זי אויף איהם געוואַרט.

מירעל האָט, הלמט זיך, דענסטמאָל, זיצענדיג אויפ'ן פאַעטאָן, געשמייכעלט און אין אַ צווייטער זייט געקוקט.

— פאַרוואָס האָט זי דענסטמאָל אין אַ צווייטער זייט גע־

קוקט? דערפאר, וואס פון דער שטאדט איז דענסטמאל איהר געוועזענער חתן אויף זיין פוהר אנגעפאהרען? צי גאר דערפאר, וואס מיט אט דעם אלטען פאלטא האט די מאמע זיינע אלע שבת אין אויוועץ דעם טשאלענט איינגעדעקט?

נאר אייגענטליך איז דאך אט די געפיעסטעטע און אייגענזכטיגע מיידעל נישט געווען פעהיג צו פערטראכטען זיך וועגען א וואסער ס'ניט-איז מענשען, וועלכער האט אויסער איהר אייגענער בת-יחידה'שער נשמה'לע געלעבט.

ליפקים האט דאס ערשט אין א צייט ארום אנגעהויבען אזוי גוט צו פערשטעהן און האט עס איהר נאכדעם אפילו פארגעהאלטען אין זיינע פיעל בריעף, וועלכע ער האט איהר ניט געשיקט.

— בכלל, האט ער צו איהר אין איינעם פון אט די ניט-אוועקגעשיקטע בריעף געטענה'עט — צי האט זי שוין געקענט נעהמען צום ענגאסטישען הערצעלע איהרען אפילו די לאגע פון איהר אייגענעם אונגליק צעטראגענעם און שטארק געדריקטען טאטען, וואס זי, די דערוואקסענע, האט זיך נישט געשעמט פאר א פילע שטוב מענשען איהם צו נעהמען קושען?

———

אט איז מיט א טויב-שטילקייט פערגליווערט געווארען די מיטעלמעסיג קאלטע ליפט, און די ערשטע שנייען האבען זיך אויסגעלעגט אויפ'ן דערשלאגענעם שטעדטיל און אויף דער ארומיגער ווינטערדיג-פיסטער געגענד.

קיין מינוט האט זי זיך שוין ביים פאטער אין שטוב נישט געקענט איינהאלטען, ארומגעבלאנזשעט אין משך פון גאנצע קירצע טעג אויף די ארומיגע פערבלאזענע פעלדער און האט דארט אומעטום סמנים פון איהרע מיט ליפקים'עס טריט געלאזט. מאדנע האבען זיי דענסטמאל אויסגעזעהן. אין דער ווייטער „פערקיהלטער לופט, וואס צווישען קויטיגע הימלען מיט שניי-ווייסער ערד, — צוויי מענשען, וואס בלאנקען אזוי שווייגענדיג איבער אט די הרחבה'דיגע פעלדער ארום און רעדען זעלטען איינער צום צווייטען. עס שווייגען ארום זיי מיט א שטילקייט פון אבלות — פון אני-איינזאמער פייערים-שטיבעל, וואס אונטער א ווייסען פערשאטע-

נעם דאַך, ביז אַ פֿערפֿרירענעם טייכעל, וואָס ערגיץ אין אַ נאָהענטען טאָל; דרימלען ערגיץ אין פֿערשיידענע האָריזאָנט־ווינקלען יענע אָנגעוויסטע וועלדלעך, וועלכע האָבען זיך טיעף־טיעף אין שניי איינגעגראָבען, זעהען אויס פֿון דאָרט פֿרעמד און ניי און נאַרען די אויג פֿון אַ מענשען, וואָס טראָגט זיך דאָרט זעלטען ווען אויף אַ לויפֿענדיגען שליטען אַדורך:

— זעה נאָר? ס'זאָל שוין זיין די דעמבענע וועלדלעך, זאָל עס שוין זיין?

קיינער האָט נישט בעמערקט, ווי זי איז דענסטמאָל מיט ליפּקיס'ן אויף „דו“ געוואָרען און איהם ביי זיין פּשוט'ען נאָמען רופֿען אָנגעהויבען.

— זי, מירעל — האָט זי איהם איינמאָל, אַרומשנאָרענדיג אויף אָט די פֿערבלאָזענע פֿעלדער, געזאָגט — זי הויבט איהם, געוועהנליך, אַפילו נישט אָן צו ליעב האָבען, נאָר צייטענווייז פֿיהלט זי זיך גלאַט אַזוי גוט, וואָס ער געפֿינט זיך נעבען איהר. ער, ליפּקיס, פֿערשטעהט עס, צי ניין?

און צובייסענדיג די אונטערשטע ליפּ, האָט זי איהם באַלד גענומען שנעלען אין נאָז, כדי ער זאָל עס פֿערשטעהן, און איהם געבראַכט דערצו, אַז זיין פּנים האָט אָנגעהויבען נאַריש צו שמייכלען.

ביי איהר אַליין האָט זיך שוין דענסטמאָל געהאַט געשטאַרקט דער טרויער, וואָס אין די בלויע אויגען, און מיט אַ מעלאַנכאָלישען פֿייערל האָט ער שוין פֿון צייט צו צייט פֿון דאָרט אַרויסגעקוקט: פֿערקלערטערהייד האָט זי דענסטמאָל לאַנג, לאַנג אין דער האַלב־נעבעלדיגער ווינטער־ווייט אַריינגעקוקט און מאָדנע שאלות דערביי אויפֿגעגעבען:

— ליפּקיס, איהר הערט, ווי די וועלט שווייגט?

ליפּקיס האָט געפֿיהלט, אַז ער בעדאַרף עפּיס וועגען אָט דער שטילער וועלט זאָגען, געמאַכט לאַנגע הכנות מיט'ן האַלז און מיט די אַקסלען און צולעצט אָנגעהויבען:

— יאָ, נישט קרום וואָלט געווען זיך אַזוי אין צווייען איבער אָט די פֿעלדער אַוועקלאָזען און זיך שוין מעהר צוריק נישט אומקעהרען.

און זי האָט צו זיינע ווערטער אַפֿילו נישט אָנגעהויבן זיך צוהערן, נאָך אַלץ געקיקט ערגיץ אַהין, אין דער האַלב-נעבעלדיגער ווייטקייט און זיך פֿערקלערטערהייד דאָס איהריגע ווייטער גערעדט:

— ער שטעלט זיך פֿאָר, ווי איהר איז איצט אַלץ פֿרעמד און אַלץ-איינס?

און אין אַ ווײַלע אַרום ווידער וועגען דעם זעלבען:

— ווען מיט איהר צוזאַמען קעהרט זיך איצט איבער אָט די גאַנצע פֿערפֿהירענע וועלט, וואָלט זי אַפֿילו קיין געשריי נישט געטאָן פֿון שרעק.

נאָר ציטענווייז האָבען זי ווידער בעהערשט אַמאָדנע שמחה מיט אַ ווילדען חשק צו לעבען; דענסטמאָל האָט זי זיך בשום אופֿן נישט געוואָלט אומקעהרען אַהיים און געהאַלטען אין איין דערצעהלען וועגען דעם פֿאָטערס אָרטיגע און פֿרעמדע בעלי-חובֿות, וואָס קומען אַלע טאָג צו זיי אין שטוב, טומלען און אין טיש קלאַפּען.

— זיי זענען אַזעלכע עקעלדיגע, אָט די יודען... דער טאַטע איהרער איז געוויס שולדיג, וואָס ער האָט זייער געלד איבערגעפֿיהרט, אָבער פֿון דאַנען איז נאָך נישט געדרונגען, אַז זיי מעגען פֿראַנק און פֿריי בײַ זיי אין שטוב אַרומלויפֿען און שרייען אויף אַזאַ קול: „געוואַלד, ער ראַבעוועט!“ — אַז מ'זאָל עס אין דער צעהנטער גאַס דערהערען.

איינמאָל, אין אַ געוועהנליכען נעבעלדיגען טאָג, איז פֿון ערגיץ אַ נאָהענטען שטעדטיל צו זיי אין שטוב געקומען עפּיס אַ פֿרומער למדנ'ישער און שטאַרק תמ'עוואַטער יונגער-מאַן, — אַ שטובזיצער מיט אַ קליינער שוואַרצער בערדיל און מיט אַ קריינקליכען, בלאַסען און געלדיפּטיגען פּנים. שוויגענדיגערהייד איז ער לאַנג געזעסען בײַ זיי אין עס-צימער, זיך געשראָקען און געוואַרט. דער וועלטליכער און איבערגעגעבענער קאַסיר, דער קרובֿ, האָט עטליכע מאָל פֿאַר איהם אין דער היך, ווי פֿאַר אַ טויבען איבערגעחזר'ט:

— ר' גדליה זענען איצט אין אויסלאַנד, בײַ דער שוועסטער, וואָס האָט דאָרט אַנ'איינענעם דאָרף, זענען זיי איצט.

אין דער יונגער־מאַן מיט׳ן געלזיכטיגען פּנים האָט זיך אַלץ פֿאַר עפּיס ווי געשראָקען און זיך אַלץ נישט אויפֿגעהערט צו דערפֿרעגען איף זיין הייזעריג־שטילען און שטאַרק־שוואַכען קול:

— איז עס, הייסט דאָס, פֿערפֿאַלען די געלד, וואָס מיר קומט ביי ר׳ גדליה׳ן?... טאַקע פֿערפֿאַלען?..

ער האָט אַזאַ דערשלאָגענעם אויסזעהן געהאַט, אָט דער געלזיכטיגער יונגער־מאַן, און שוין, אַפּנים, גערעכענט פֿאַר אונמעגליך זיך אַהיים אומצוקערען און נאָך ווייטער צו לעבען אויף דער וועלט.

מיכעל האָט דענסטמאָל קיין מיטאָג ניט געגעסען און אַ גאַנצען ווינטערדיגען טאָג זיך אין דרויסען מיט ליפּקיס׳ן אַרומגעשלעפּט.

— ער שטעלט זיך פֿאָר, מיט אַ וואָסער געשמאַק זי וואָלט איצט געפֿרעסען, האָט זי אַלע מאָל צו ליפּקיס׳ן געזאָגט — נאָר דאָרט, ביי זיי אין שטוב, זיצט נאָך אַלץ אָט דער איבערגעשראָקענער יונגער־מאַן; ער האָט אַזאַ אונגליקליכען פּנים, און זי קען אויף איהם נישט קוקען.

אַלע מאָל האָט זי געשיקט ליפּקיס׳ן אַ קוק טון, צי דער יונגער־מאַן איז שוין אַוועקגעגאַנגען, געוואַרט איף איהם מיט אונגעדולד נישט ווייט פֿון דער שטוב און נאָכדעם געשריגען צו איהם פֿון דער ווייט:

— נו, וואָס? ער זיצט נאָך?

ס׳איז געוואָרען נאַכט, און לאָמפּען האָט מען אין די שטאָדט־הייזער אָנגעצונדען. לאָמפּען האָט מען אויך אָנגעצונדען ביי זיי אין שטוב, און זי צולעצט מיט אַ רויט־פֿערקאָוועטען פּנים אינעווייניג אַריינגעקומען און, נישט אויסטוענדיג די ווינטערדיגע קליידער, גענומען דעם געלזיכטיגען יונגען־מאַן טרייסטען:

— ער מעג זיין זיכער: אַלץ וועט זי שוין טון, כּדי מ׳זאָל איהם זיינע צוויי טויזענד רובעל אומקערען.

זי האָט איהם נאָכדעם אַפּילו אין דרויסען צו זיין פֿוהר אַרויסבעגלייט, געזאָרגט דערפֿאַר, וואָס איהם וועט זיין קאַלט אין די פֿיס, און האָט זיי איהם אַליין געהאָלפֿען איינדעקען אין דער רעדנע:

— אָט דעם עק רעדנע זאָל ער אונטער זיך אַרונטערנעהמען...

און דעם פֿוטערנעם קאָלנער זאָל ער זיך ניט שעמען אויפֿשטעלען... אָט אַזוי.

און נאָכדעם האָט זי נאָך לאַנג מיט די אויגען זיין פֿיהר בעגלייט און אָן זיך מיט איהר הונגער לחלוטין פֿערגעסען:

— ער האָט אַ בעגריף, ווי אונגליקליך אָט דער מענש איז? האָט זי פֿערקלערטערהייד ביי ליפּקיס'ן געפֿרעגט.

ליפּקיס איז געווען שטאַרק צעטראָגען פֿון דעם, וואָס ער איז אין משך פֿון אָט דעם גאַנצען טאָג אַפֿילו איין איינער פֿון זיינע לעקציעס נישט געווען, און זיך געפֿיהלט אַזוי מאָדנע, גלייך ווי ער וואָלט מעהר יוד זיין און וואָלט זיך פּלוצים פֿאַרנאַכט דערמאָנען, אַז ער האָט בייטאָג קיין טלית און תּפֿילין נישט געלעגט. ער איז מעהר ווי תּמיד אָנגע'ברוגז'ט און פֿערביפֿטעט געווען, נישט געהאַט קיין געדולד און זיך שיער נישט געעקט איבער'ן געדאַנק:

— זי וועט אַמאָל אַריינגעהן אין שטוב, צי ניין?

און זי האָט נאָך אַלץ פֿערקלערטערהייד געקוקט אַהין, וואו דער שליטען מיט'ן יונגען מאַן ווערען אין עק שטאָדט פֿערשוואונדען, און אָן זיין געלויכטיגען פּנים נישט געקענט פֿערגעסען:

— ער איז אַזאַ אונגליקליכער — האָט זי שטיל, ווי פֿאַר זיך אַליין, איבערגע'חזר'ט, — קיינער האָט איהם געוויס קיינמאָל נישט ליעב געהאַט, און איצט איז נאָך פֿון זיין קליינעם פֿערמעגען מעהר ווי צוויי טויזענד רובל אַראָב.

II.

פֿון ר' גדליה'ן זענען דערווייל פֿון אויסלאַנד אַלע מאָל נייע בריעף אָנגעקומען.

צעטראָגענערהייד האָט ער דאָרט ביי דער שוועסטער נישט געקענט אַיינזיצען, געוואָלט וואָס גיכער זיך אומקעהרען צו זיין סוחר'שען טאַראַראַם און זיך געבעטען רחמים, ווי ביי גזלנים:

— לעבעדיגערהייד האָבען זיי איהם דאָך גענומען און אין אַ קבֿר בעגראָבען.

ס'האָבען איהם געענטפֿערט און זיך בעמיהט איהם צו בעהיגען גיטעלע, די ווייב זיינע, מיט'ן איבערגעגעבענעם קרובֿ, דעם קאַסיר:

— „אַלץ אָרדענט זיך, דאַנקען השי"ת, איין: מיט די בעלי־חובֿות עקט מען ביסלעכווייז אָב; דער פּדיון אין קאַשפּעריווקער

וועלדיל האָט זיך צוליעב׳ן גוטען שליט־וועג אויף פיעל פערבעסערט; די באַנק האָט פערעכענט דעם גראַפס דריי טויזענד רובל אויף דער נייער „דאַטע“, און מירעלע תחיה איז, אַ דאַנק השי״ת, געזונט. דער ווינטערדיגער זאַפּאַס ווייץ, וואָס אין טערנאָווער מיהל, איז נאָך אַלץ איבערגעשריבען אויפ׳ן פּריצ׳ס נאָמען, און מעהל שטייגט פון טאָג צו טאָג. אַז גאָט וועט העלפען, וועט ער — ר׳ גדליה אין גיכען קענען קומען אַהיים; לע״ע טוט מען זיין רצון און מ׳שיקט איהם אַרויס דורך דער פּאָסט דעם „כוזרי“ מיט׳ן ערשטען חלק „אַברבנאל“.

אין שטוב איז דערווייל גאַנצע טעג געווען רוהיג און שטיל, מ׳ן געהערט האָט זיך אָפט, ווי איבער די ביכער, וואָס אין קאַבינעט, סקריפּעט מיט דער פען דער קאַסיר, און ווי דאָ, אין עס־צימער, שאָקעלט זיך מיט רעגעלמעסיגען קלאַפּען דער אומרוה פונ׳ם גרויסען וואַנט־זייגער און צעהלט די מינוטען פונ׳ם קורצען און וואָלקענדיג־טונקעלען, ווינטערדיגען טאָג.

קיינער איז שוין אַהער אינ׳ם משך פון גאַנצע טעג נישט אַריינגעקומען, אַחוץ דעם אָדער יענעם פערשפּעטיגטען בעל חוב און אַחי׳ן דער יונגער רבי׳צין ליבקען — אָט דעם הויכען און קלייענדיג־רויטליכען האַלבען מאַנסביל, וואָס האָט זיך מיט איהר מאַן פאַר ר׳ גדליה׳ס נאָהענטסטע גוטע פריינד געהאַלטען און האָט אויף צו להכעיס שונאים שטענדיג געהאַט אַ האַלב־שמייכעלדיגען פּנים.

גאַנצע שעה׳ן האָט זי געקענט מיט אַנ׳אַרבייט אין האַנד אָבזיצען דאָ אין עס־צימער נעבען דער לייטישער און האַלב־שווייגענדיגער גיטעלע׳ן און אונ׳ברחמנות׳דיג־פאַמעליך וועגען איהר מאַנס קהל׳שע עסקים דערצעהלען:

— טענ׳עט זי מיט איהם, מיט אַברהמ׳לען מיט איהרען: וואָס האָט עס צו דיר, אַז די שטאָדט וויל נישט שלמה דעם דיינ׳ס פאַר קיין שוחט!

צופיעל געשמייכעלט האָט זי שוין יעדעס מאָל, וואָס ליפּקיס האָט אין פעדער־שטיבעל ביי עמיצען אויף מירעלע׳ן געפרעגט, און צופיעל האָט שוין גיטעלע איהרע פינגער־נעגעל בעטראַכט, דענסטמאָל, ווען די רבי׳צין האָט זיך מיט אַ שטומפּיגען שפּיזעל אין פאַריק

געקראַצט און שטאַרק חשק געהאַט בײַ איהר צו פֿרעגען:

— זאָלט איהר מיר הונדערט־און־צוואַנציג יאָהר לעבען — ס'אַרט אײַך טאַקע לחלוטין נישט, וואָס אָט דער „איהר זאָלט מיר מוחל זײַן" קריכט צו אײַך אין שטוב?

דאָרט, אין דער שטילקײט, וואָס איבער דער ניט־געהײצטער זאַל, איז בײַ זיך אין חדר מירעלע געלעגען, זיך אײפּ'ן אַרײנגעקומענעם ליפּקיס'ן נישט אומגעקוקט און צוליעב איהם אַפֿילו איהר פּאָזע נישט געביטען. מיט'ן טהיער, וואָס אין איהרע בלויע אויגען, האָט זי אומעטיג־לאַנג צום קענענאיבערדיגען באַלקען־ווינקעל געקוקט און זיך אינגאַנצען געפֿונען אונטער דער השפּעה פֿונ'ם שפּאָגעל־נײַעם בוך, וואָס איז נעבען איהר אַנ'אָפֿענער געלעגען.

— ווי קלערט ער — האָט זי נאָר בײַ איהם געפֿרעגט — זי וועט נאָך אַמאָל עמיצען ליעב בעקומען?

ליפּקיס האָט איבער דער שאלה מיט אַמאָל שטאַרק חרטה געקראָגען דעריף, וואָס ער איז איצט אַהער געקומען, צוגעגאַנגען צום פֿענסטער און ברוגז'ערהייד גענומען אַרויסקוקען צום ווינטערדיגען דרויסען. ער איז שוין אַפֿילו גרייט געווען איהר אויסבריען, אַז זי וועט שוין קײנמאָל נישט ליעב האָבען, און גיפֿטיג געוואָלט אָנהויבען:

— בכלל... זאָלען מיר זיך אײגענטליך צוהערען צום זין, וואָס ליגט אין אָט דעם וואָרט „ליעב בעקומען".

נאָר מירעל איז שוין נעבען איהם, דעם ברוגז'ען, אַזאַ לײַכטזיניג־פֿרעהליכע געשטאַנען און איהם גרינג פֿאַר די האָר גערייסען:

— די ביזט אַזאַ נאַר, אַזאַ נאַר, האָט זי איהם שטיל פֿון צווישען קינדעריש־צונויפֿגעדריקטע צייהן אין אויער אײַנגעראַמט — און באַלד האָט זי אויף זיך גענומען די ווינטערדיגע קליידער אָנטון און דערבײַ אַלערלײ שבועות געגעבען:

— אויב דער רויטער גלאָמפּ — די רבי'צין, הײסט עס, וועט זיך באַלד פֿון עס־צימער נישט פֿערנעהמען, וועט זי אַ ווינטערדיג־פֿערקלעפּטען פֿענסטער אויפֿרײַסען און וועט מיט איהם דאָ אַרום אין הויסען אַרויס.

און ס'ציהען זיך אַזוי די קורצע, פּײַכטע טעג און יאָגען די

שטעדטיל אַלץ טיפֿער און טיפֿער אין ווינטער אַריין. ס'בעריהרען שוין נישט סיי די היים, סיי דער דרויסען, און ס'פֿיהלט זיך שוין אַזאַ גלייכגילטיגע אונצופֿרידענקייט צו אַלץ, וואָס אַרום, כאָטש נעהם שטעל אָב יעדע איבערגעוואַקסענע מיידעל, וואָס געהט אַמאָל גאוה'דיג-פֿערפוצט די גאַס אַהורך, לאָז אויס צו איהר דיין האַרץ און זאָג צו איהר מיט אַ קול פֿון אַן'עלטערער, אונצופֿרידענער יודינע:

— הו, וואָס קלייבסטו אַזוי?... פֿאַרוואָס האָסטו שוין נישט חתונה, פֿאַרוואָס?

אַרום-און-אַרום זענען אויף ווייט, ווייט די אוצרות פֿון זיינע פֿערשלאָסען אין די גרויע נעפּלען, וואָס הענגען אין דער לופֿט — זיי ווערען שוין אַלץ שווערער און שווערער און שפּרייטען זיך שוין אַליין איבער דער שנייאיג-אָנגעפֿרירענער ערד, וואָס האַלט אין איין קיטיג ווערען. פֿערהוילען זענען די הימלען, אָבגעמעקט איז דער האָריזאָנט. נישט די מענשען זעהען זיי, און נישט די שטעדטיל בעדאַרף צו זיי. הייזער הייערען שווער, ווי די גרויסע חיות, אונטער זייערע שווערע שנייאיגע דעכער און דרימלען מיט אַ הרימעל, וואָס האָט נישט קיין סוף.

ס'הערט זיך:

אייערן האָבען אָט די הייזער, פֿערהוילינע אָנגעשטרענגטע אייערן, הערען זיך תמיד איין אין דער גרויסער סביבה-שטילקייט, וואָס ציהט זיך אַהער פֿון נאָהענט און פֿון ווייט.

ס'הערט זיך:

גרייט זענען זיי צוליעב יעדען מינדסטען און ווייטען פֿעלדגערויש פֿון די ערטער אויפֿשפּרינגען און זיך לאָזען אַהין יאָגען מיט גרוים צאָרן און אַיילעניש, ווי אָט די הונגעריגע הינט, וואָס יאָגען זיך מקבל-פּנים זיין זייערן אַ פֿרעמדען חבר — אַ ניט-אָנגעלעגטען גאַסט.

פֿון איינער אַ שטוב זעצט הורכ'ן קוימען אַ רויך. און דער רויך געהט נישט אויף צום הימעל, נאָר פֿאַלט אַראָב צו דער ערד, מאַכט מיט גרויס שוואַכקייט רעדער אין דער לופֿט און צעשפּרייט זיך כוך-כל-סוף איבער'ן שניי.

עטליכע יודען, וואָס געהען אַרום בטל, שטעהען אין ליי-

דיגען מאַרק אַרום אַ שליטען, וואָס האָט הייך־אָטשערעט צו פֿערקויפֿען געבראַכט. זיי מאַכען ליצנות פֿון פֿער׳עקשנ׳טען גוי, דעם יקרן, און דערצערענען איהם מיט זייערע שטעכווערטלעך. און די ווינטערדיג־געקליידטע קרעמער, וואָס לאַנגווייליגען זיך ביי די טירען פֿון זייערע קלייטען, זעהען עס צו פֿון דער ווייטען, האָבען הנאה און לאַכען.

דער מאַרק איז פֿול מיט פּוסטקייט, און גאָר אויפֿ׳ן קליינעם פּלאַץ, וואָס פֿאַר אברהם־משה בּורנעס׳עס שטוב — מירעלע׳ס געוועזענעם מחותן — שטעהען פֿינף־זעקס געשפּאַנטע פּריצ׳ישע שליטענס און וואַרטען אויף זייערע בעלי־בתּים, וואָס געפֿינען זיך אינעווייניג. ס׳היטען זיי די ייהרעוודיגע אָנגעפּעלצטע פֿורהמאַנעס, האָבען נישט וואָס צו טון, בעטראַכטען איינער ביים צווייטען די פֿערד און זאָגען דערביי מבינות:

— אָט־אָ־דער־אָ וועט שוין אין גיכען בּלינד ווערען אויפֿ׳ן לינקען אויג.

— און אָט יענער... ער הויבּט שוין שטעהענדיג דעם הינטערשטען פֿוס.

און די פֿערד שטעהען אויפֿ׳ן אָרט און טוען זיך דאָס זייעריגע: זיי טרייסלען זיך פֿון צייט צו צייט, וועלענדיג אַראָפּוואַרפֿען פֿון זיך דעם פֿערגליווערטען שוויס, און דערווייל קלינגען אויף זייערע העלזער די פֿיעל קליינע גלעקעלעך און דערצעהלען דעם דרייסען וועגען אַלץ, וואָס קומט דאָרט אינעווייניג, אין שטוב, פֿאָר:

— רייכע פּריצים־געסט, וואָס מאַכען זיך דאָרט אינ׳ם אָנגערויכערטען קאַבּינעט הלוואות;

— וועלט־סוחרים — ספּעקוליאַנטען, וואָס האָבען קיין מורא נישט צו מאַכען קניות אויף איבער־אַ־יאָהר, און אַ היבשע האַלבּ־ליכטיגע פֿעדער־שטיבעל, אַ פֿול־געפּאַקטע מיט וואַרטענדיגע עקאָנאָמען און משולחים, וועלכע זענען אין יעדער רגע גרייט זיך אַקעגען דעם אַרויסגעהענדיגען בעל־הבית אויפֿשטעלען, אָבנעהמען זיינע בעפֿעהלען און זיך אין פֿערשיידענע ערטער פֿונאַנדערפֿאָהרען.

נישט אינגאַנצען גוט האָט זיך שוין ליפּקיס געפֿיהלט יעדעס מאָל, וואָס איהם איז צוזאַמען מיט מירעלע׳ן אויסגעקומען פֿאַרביי אָט דער שטוב אַדורכגעהן.

מיט אַלע מעגליכקייטען האָט ער זיך געמיהט אָן אָט דער שטוב צו פֿערגעסען, און צוליעב דעם זיך שוין אַפֿילו געפֿלייסט ערנסטע געדאַנקען אין מה צו האָבען:

— וועט ער, הייסט עס, אין צוויי יאָהר אַרום דעם מעדיצינישען פֿאַקולטעט ענדיגען...

האָט אָבער מירעלע, ווי אויף צו־להכעיס, אַלע מאָל דעם קאָפּ צו אָט דער שטוב געדרעהט און דערביי שוין אַפֿילו איהם אויך נישט צו־רוה געלאָזט:

— נו, זאָל ער שוין זאָגען: צוליעב וואָס האָבען זיי גענומען אין האָבען די אויסענווייניגסטע לאָדען מיט בלאָהען אָבגעפֿאַרבט? ס'שניידט דאָך פּשוט אין די אויגען.

אָדער:

— זיי אַלע: אברהם־משה בורנעס, ברכה און פֿייגע — די שוועסטער פֿון איהר געוועזענעם חתן... זיי זענען אַלע אַזעלכע לייטישע מענשען... זי האָט זיי אַמאָל שטאַרק ליעב געהאַט, און איצט אויך גלוסט זיך איהר נאָך צייטענווייז זיי זעהן.

ליפּקים איז שוין געווען אויסער זיך און זיך מעהר נישט געקענט איינהאַלטען:

— ער הויבט לחלוטין נישט אָן צו פֿערשטעהן, וועגען וועמען זי רעדט דאָ מיט אַזאַ איידעלער שפּראַך.

— און בכלל: ברואים טיילען זיך נישט מעהר, ווי אויף צוויי קאַטעגאָריעס — אויף מענשען און אויף בהמות.

קומט דאָך שוין במילא אויס:

— אייב אָט די דברים אחרים זענען מענשען, וואָס־זשע איז שוין ער, ליפּקין?..

דענסטמאָל האָט מירעלע צו איהם איהר פּנים אויסגעדרעהט און האָט אויף איהם אַזאַ מאָדנעם קוק געטאָן:

— מילאָסטיווי גאָסודאַר — איהר קענט בעהאַלטען אייערע חקירות אויף מאָרגען?

ער האָט נאָכדעם דעם גאַנצען וועג נישט גערעדט, געגאַנגען נעבען איהר אַ ברוגז'ער און זיך אַליין געגעסען:

— וואָס־זשע דען?... אַז יעדער ערנסטער געדאַנק זיינער קומט אויס אין איהרע אויגען נאַריש...

און זי האָט זיך אויף איהם נישט אומגעקוקט, אַפילו נאָכ־דעם, ווי זיי האָבען שוין די גאַנצע לאַנגע גאַס געהאַט אויסגע־פעהלט און זיך אַרוים דער שטאָדט אויפ׳ן שנייאיגען און פוס־טען שפּאַצייר־פּלאַץ אָבגעשטעלט.

קיקענדיג ערגיץ צום וועג, וואָס איז גאָר נאָהענט אין טיעפען נעבעל פערשוואונדען און צום פולוועריק פון איהר געוועזענעם חתן געפּיהרט, האָט זי נאָר שטיל אין פערקלערט געזאָגט:

— הערט, ליפּקיס: ווען איך זאָל זיין אַזוי שלעכט, ווי איהר, וואָלט איך זיך געוויס מיט מיינע אייגענע הענד דערשטיקט.

און נאָכדעם איז זי נאָך אַזוי לאַנג געשטאַנען און די טרויעריגע אויגען פונ׳ם וועג נישט געקענט אָבּרייסען.

צי האָט זי געוואַרט אויף יענעם פלעק — דער פוהר, וואָס האָט זיך אַהער מיט׳ן וועג פונ׳ם ווייטען נעבעל אַרויסגערוקט, און געוואָלט וויסען, ווער ס׳זיצט דאָרט אויבען־אָן?

צי אפשר איז איהר גאָר דענסטמאָל גלאַט אַזוי אומעטיג און הבל־הבלים׳דיג אויף דער נשמה געווען, און נישט געוואָלט האָט זיך איהר דערפאַר אָט דעם בעשנייטען און פוסטען פּלאַץ פערלאָזען?

אין שטאָדט האָבען דאָך איינינגע ווייבער נאָך עד היום פער־זיכערט, אַז ס׳הערט איהר נישט אויף צו ציהען די האַרץ צו אָט דעם שענעם בחור, דעם געוועזענעם חתן איהרען, וואָס האָט גע־הולד גאַנצע ווינטערדיגע חדשים אויף זיין זאַטען און פוסטען פול־ווערק אָבצוזיצען, און אַז ס׳איז מעהר נישט:

— זי איז פון תמיד־אָן ביי זיך געפּיעסטעט און קען ביי זיך בשום אופן נישט פועל׳ן, מיט אַזאַ פשוט׳ען יונג חתונה צו האָבען.

אָפּטמאָל זענען זיי אין צווייען אַזוי ווייט איבער די שניי־איגע פעלדער פערקראָכען, זיך אומגעקוקט צוריק און דערזעהן:

וויייט־ווייט, אינ׳ם טאָל, וואָס צווישען די צוויי נאַקעטע בערג, איז די גאַנצע שטעדטיל איינגעזונקען און האָט פון זיך אַפילו קיין סימן אין דער נעבעלדיגער לופט נישט איבערגעלאָזט.

ליפּקיס איז אַזוי צופרידען געווען דערפון, וואָס ער איז דאָ

מיט איהר איינער אליין אין דער ווינטערדיג=פוסטער פעלד=שטיל-
קייט; דערפון, וואס ביי דער זייט געפינט זיך נישט די שוויי=
גענדיגע גיטעלע, און וואס די יונגע רבי'צין ליבקע קראצט דא
נישט וועגען איהם מיט א שטומפיגען עק שפיזעל אין פאריק. פאר
גליק זענען איהם שוין אפילו פילאזאפיש=קלוגע געדאנקען
איינער נאכ'ן צווייטען אויפ'ן מח געקומען, און גרייט איז
ער געווען אין יעדער רגע אויפצוגעבען אזא קלוגע שאלה, ווי
למשל:

— ער הייבט נישט אן צו פערשטעהן, פארוואס מענשען
האבען זיך הייזער אויסגעבויט, און פארוואס זיי בלאנדזשען זיך
בעסער נישט פונאנדער פארלעך=ווייז איבער אט דער גרויסער פער=
פרוירענער וועלט?

נאר ביי מירלען איז א טרויעריג=פערקלערטער פנים געווען,
און יעדען געדאנק זיינעם האט זי איצט פאר א נארישקייט גע=
קענט געפינען. האט ער זיך שוין בעסער פון צו רעדען אפגע=
האלטען און איז נעבען איהר ווייטער א שווייגענדיגער געגאנגען.
דעם בערגיל מיט'ן היבשען געדיכטען וועלדיל האבען זיי אויס=
געמיידט, דורכגעגאנגען דעם נידעריגען און שטארק שמאלען היל=
צערנעם בריקעל, וואס אונטער איהם האט א שטילע פערפרוירענע
ריטשקע פון די ערשטע פרעסט אן גערוהט, ווי אין א לאנגען,
ווינטערדיגען שבת. זיי האבען זיך פון דארט אויפגעהויבען אויפ'ן
פלאכען בארג און צולעצט דערגרייכט די גלייכע רעלסען=שנור
מיט די טעלעגראף=סליפעס, וואס ציהען זיך דארט, ווי א לאנ=
גער שווארצער פאס און טיילען די שנייאיגע פעלדער=ווייס=
קייט אויף צוויי. דריי לאנגע פאסאזשיר=צוגען קריכען דאל יע=
דען טאג אדורך פונ'ם ווייטען מזרח'דיגען האריזאנט, טראגען דא
געשווינד אדורך זייער גרויסען טומעלדיגען רעש, ווערען פער=
שוואונדען אין ווייטען נעבעלדיגען מערב און לאזען איבער אין
דער ארומיגער פעלד=שטילקייט א טרויעריגען ווידער=קול פון
פיעל אנגעהויבענע און נישט פערענדיגטע אונגליקליכע מעשיות:

— א מעשה מיט א שענער און יונגער ווייבעל, וואס האט
לאנג געפעלשט איהר מאן און איז צולעצט דא=ארום מיט איהר
געליעבטען קיין מדינת=הים אנטלאפען.

— אַ מעשׂה מיט גאָר אַ פֿרומען און כּשר'ן ייִדען, וואָס האָט דאָ אַדורכפֿאָהרענדיג מיט'ן רשות פֿון זיין רבֿ מחלל שבת גע־ווען און זיך געאיילט אין דער גרויסער און ווייטער שטאָדט, כּדי זיך דאָרט אַריבערצוביגען איבער'ן גוף פֿון זיין געשטאָרבענעם זוהן און זיך דאָרט לאָזען קריעה רייסען.

פֿאַמעליך און מאַכמלויז האָבען זיך דאָ אָט די נישט פֿערענ־דיגטע מעשׂה'לעך אין דער נאָהענטער און ווייטער לופֿט אַרומ־געטראָגען, פֿערבלאָנזשעט ערגיץ וויט־וויט אין אַ שלאָפֿענדיגען וואַלד און דאָרט נאָענדיג אויסגעגאַנגען. די שטילקייט, וואָס אַרום, האָט זיך נאָך זיי געשטאַרקט, און אַלץ האָט גענומען קוקען אַהין, פֿון־וואַנען דער צוג איז אַרויס און וואוהין ער איז פֿערשוואונ־דען, געקוקט לאַנג, לאַנג, בּיז אין איינעם פֿון די נעבּעלדיגע זייטען האָט זיך אַ נייער שוואַרצער רויכעל בּעוויזען, און אַ נייער לאַנגער צוג האָט זיך פֿון דאָרט געשווינד גענומען שלענגלען און טראָגען.

מירעל האָט דעמסטמאָל בּיי ליפּקיס'ן די סטודענטישע הי־טעל אַראָבגענומען, דאָס זיך אויפֿ'ן פֿערבּונדענעם קאָפּ אָנגעטאָן און זיך געשטעלט נאָהענט בּיי דער רעלסען־שנור אויף אָט דעם לאַנ־גען צוג וואַרטען.

— צווישען אַ גאַנצען צוג מיט פּאַסאַזשירען, האָט זי דערבּיי שטיל אין מרה־שחורה'דיג געזאָגט, — וועט זיך שוין געווים גע־פֿינען כאָטש איינער אַן אומגליקליכער מיט אַ שטאַרק דערשלאָגע־נעם פּנים, וואָס וועט דעם גאַנצען וועג פֿונ'ם פֿענסטער נישט אָבּ־טרעטען און וועט דעם שטערן צו דער קאַלטער שויב דריקען. און אויב זי האָט טאַקע אַ מענשען מיט אַזאַ אומגליקליכען פּנים בּיים פֿענסטער פֿון אַ וואַגאָן דערזעהן, האָט זי זיך לאַנג צו איהם געבּיקט, געמאַכט צו איהם מיט'ן היטעל און דערבּיי עטליכע מאָל מאָנאָטאָניש און ווערטלענדיג איבּערגע'חזר'ט:

— מיר זענען אַיך אומגליקליך... אויך אומגליקליך... אויך אומגליקליך...

—————

אומקעהרענדיג זיך איינמאָל פֿון דאַנען צוריק אין שטעדטיל און אַריינקומענדיג אויפֿ'ן שנייאיגען און פּוסטען שפּאַציר־פּלאַץ,

האָט מירעלע ווייט אויפֿ'ן וועג, וואָס צוריק, דערקענט איהר געוועזענעם חתנ'ס פֿוהר און זיך געשטעלט אויף איהר וואַרטען.

ליפּקים האָט דענסטמאָל אויף איהר אַזאַ מאָדנעם קוק געטאָן, גלייך ווי ער וואָלט זי אומברענגען וועלען, און זי איז שטאַרק רויט געוואָרען און אויף איהם שוין אַפֿילו דעם קול אויפֿגעהויבען:

— וואָס קוקט ער אַזוי מאָדנע אויף איהר?

און געווען איז דאָס נאָר דערפֿאַר, וואָס זי האָט געוואָלט, אַז ער זאָל נישט בעמערקען, אַז איהר אומעטיגע שטימונג איז מיט אמאָל ניט געוואָרען. זי האָט שוין אַפֿילו צוגעגעבען אויף רוסיש:

— טי גלופּי — און באַלד האָט זי מיט אַ פֿריילעכער ווילדקייט גענומען אויף איהם שניי־קוילען שיטען, געוואָרפֿען אויף איהם און געלאַכט, געשפּרונגען און געלאַכט, געכאַפּט נאָך אַמאָל פֿילע הענד מיט שניי, ווידער געוואָרפֿען און ווידער געלאַכט און איהם געבראַכט דערצו, אַז ער האָט געמוזט פֿון איהר אויף עטליכע שפּאַן אַוועקהינקען, זיך איינהויקערן און מיט ביידע הענד דעם צוזאַמענגעצויגענעם פּנים פֿערשטעלען.

די פֿוהר מיט די נייע שוואַרצע פֿערד איז נעהענטער צוגעקומען, האָט זי די הענד מיט די שניי־קוילען צו די פּלייצעס צו אַרונטערגענומען און אַ ביסעל שמייכעלדיג, מיט שטאַרק אָפֿענע און נייגעריגע אויגען גענומען דעם געוועזענעם חתן איהרען גלייך אין פּנים אַריינקוקען.

אָנגעטאָן אין אַ ברייטען פּריצ'ישען טולופּ, אַ בעדעקטען מיט אַ געלען פֿוטער פֿון דרויסען, איז ער טיעף אינ'ם אָבגעפּאָלירטען שליטען געזעסען און פֿון צייט צו צייט, אויפֿ'ן פּריצ'ישען שטייגער, דעם אָנטרייבער אַ פּאָר ווערטער געזאָגט.

ער האָט זיך טאַקע די גאַנצע צייט ניט אומגעקוקט, נישט צו איהר און נישט צו ליפּקים'ן, און זי איז נאָך אַ פֿערשטיינערטע לאַנג אויף איהר אָרט געשטאַנען, בעגלייט די פֿוהר זיינע מיט די אויגען און געזעהן, ווי מיט איהם צוזאַמען ווערט זי צווישען די ערשטע שטעדטיל־הייזער פֿערשוואונדען.

— ער איז שענער געוואָרען, האָט זי שטיל, ווי צו זיך

אַליין, וועגן איהם געזאָגט, און זיך באַלד וועגן עפּיס פערטראַכט.

ערשט דאָרט, נישט ווייט פון שטעדטיל, איז זי אַ ביסעל פרעהליכער געוואָרען, בעקומען אַ מאָדנעם נצחון־פּנים און צוגעגעבען:

— און די בערדיל ווינע, ליפּקים... די בערדיל ווינע האָט ער דאָך פאָרט אָבגעגאָלט.

ליפּקים איז געווען ברוגז און האָט געשוויגען. מאָדנע אָנגעזאַלצען איז׳ן האַרצען איז איהם שוין דענסטמאָל געווען און נישט אויפגעהערט האָט ער ברוגז׳ערהייד צו טראַכטען:

— עמיצער איז אַ מבין, און וואָס פאַר אַ נאַרישקייט אָטאָ די צווינגט איהם דעם קאָפּ זיינעם אַריינטיעפען?.. אַ נפקא־מינה איז איהם אַ גרויסע, צי אָט דער בופלאָקס האָט זיך אָבגעגאָלט, צי ניין.

געשוויגען האָט שוין אויך מירעל דעם גאַנצען וועג צוריק, געוואָרען ווידער אַמאָל שטאַרק מרה־שחורה׳דיג און יאוש׳דיג־פערקלערט און האָט מיט צופיעל געפענטע אייגען אַראָב, צו איהרע פּאַמעליכע טריט געקוקט.

פלוצים האָט זי זיך אָבגעשטעלט און, נישט אויפהויבענדיג דעם אַראָבגעלאָזטען קאָפּ, געפרעגט:

— ליפּקים געפינט נישט דאָס זעלבע, וואָס זי?.. — אַלע מענשען זענען שוין אייגענטליך צו אַלט און צו קלוג אויף ווייטער צו לעבען. צייט איז שוין אפשר, אַז אַלע זאָלען זיי וואָס גיכער אויסשטאַרבען, און אַז אויף זייער אָרט זאָלען געבאָרען ווערען נייע.

אַ ווייל׳ע האָט זי נאָך מיט׳ן פערשמאַכטען טריער, וואָס אין איהרע בלייע אויגען, ערגיץ אַהין, אין דער געבעלדיגער פעלדערזייט, געקוקט, און פלוצים האָט זי זיך אויף עפּיס מיט׳ן מויל אַ קרים געטאָן און זיך אויף ליפּקים׳ן אומגעקוקט.

— ט׳איז שוין סיי ווי סיי... האָט זי איהם אויף דער אַרומיגער שטאַרק־טונקעלער לופט אָנגעוויזען — טאָ וועלען זיי שוין בעסער גלייך פון דאַנען צו דער אַקושאַרקע שאַין טיי טרינקען געהן.

נישט קיין ביסעל איז שײַן אויף איהר, אַפּנים, דענסטמאָל
שווער אױפ'ן האַרצען געווען, און נישט געוואָלט האָט זי, ווײַזט
אױס, בשום אופן זיך אין אַזאַ צושטאַנד אַהײם אומקעהרען און
דאָרט אײנע אַלײן אינ'ם משך פון גאַנצען אָבענד בלײַבען.

שווײַגענדיגערהײד האָבען זײ הוצ'ן שטעדטיל דעם לינקען
לײדיגען פּלאַץ איבערגעשניטען און זיך אַוועקגעלאָזען מיט דער
שנײאיג־אײַנגעטראָטענער סטעזשקע, וואָס פיהרט אין אַלכס'ן צו
די גױיִשע הײזער פון ווײַטען עק דאָרף, צו יענע זעלבע גױי־
אישע הײזער, וואָס רינגלען אַרום די שטאָדט אין צפון־מערבי־
דיגען ווינקעל, שטעהען דאָרט, ווי די שומרים, און היטען זי פון
דער נאַכט און פון די פוסטע פעלדער, וואָס הױבען זיך שוין אָן
באַלד נעבען זײערע הינטערשטע בלינדע ווענט.

ס'איז געווען שטאָק־נאַכט, און אין דער בלאַסער חשכות
האָט צופיעל געשווינדעלט דער שניי. ווײַט, ווײַט אין דאָרף האָ־
בען פיעל הינט מיט אַ בילען פון חשד די קומענדיגע נאַכט בע־
געגענט און לעגענדאַריש־פּחדים'דיגע מעשׂיות וועגען דער אַרומי־
גער פוסטער פעלדער־ווײַטקײט דערצעהלט:

— דער מלאך המות לאָקערט דאָרט, אין דער פינסטער...
אַ טויט וואַרט דאָרט אויף יעדען, וואָס דערוועגט זיך אַהין אַקעגען
נאַכט פון שטעדטיל אַרויסגעהן.

אָט צײַכענט זיך שוין דאָרט אין דער פינסטער די לעצ־
טע גױיִשע שטיבעל, יענע זעלבע גױיִשע שטיבעל, וואָס אין
דער לינקער האַלב פון איהר וואוינט שוין דעם צווײטען יאָהר
די ליטווישע אַק'שאָרקע — שאַץ און לעבט אין גרויס שלום מיט
דער גויה, דער בעל־הבית'טע. איהר אײנציגער בעלויכטענער פענ־
סטער, וואָס אין דער הינטערשטער געל אָבגעשמירטער וואַנט,
שנײדט זיך שײַן מיט אַ רויטער שײַן טיעף, טיעף אין דער פעל־
דער־ווײַטקײט אַרײַן, קוקט צו יענע שטיל־שליטלענדיגע פוהרען, וואָס
קעהרען זיך פון ערגיץ ווײַט אַהײם אויף נאַכטלעגער אום, און
ווירקט אויף זײ מיט לאַנגע, טרויעריג־מיעדע מחשבות:

— זעגען, הײסט עס, פיעל מענשען אומגליקליך פערזאָרגט
און נישט בעפרידיגט. נאָר לעבען... לעבען קען מען נאָך ווי ניט־
איז אײנער אַלײן אין פערריקטען און פוסטען דאָרפס־ווינקעל, לע־

בען איבערגעבעהאַלטען און איראָניש־שמייכעלדיג, ווי ס'לעבט קע־גענאיבער אָט דעם רויט בעלויכטענעם פֿענסטער די 27־יאָהריגע ליטוואַטשקע, די אַקושאָרקע שאַץ.

III

אין אַ ווינקעל־וואָלענעם, עטוואָס לאַנגען פענויאַר מיט צוויי אַלכסונדיגע בלאָהע סטיינגעס, וואָס האָבען זיך העכער פֿון דער ברוסט אין אַ ברייטען באַנד איבערגעבונדען, איז די אַקושאָרקע שאַץ געלעגען ביי זיך אין בעט, האָט געריכערט אַ פאַפּיראָס און איראָניש־שמייכעלדיג וועגען עפּיס געטראַכט.

די אַקושאָרקע שאַץ האָט שוין שטענדיג גערויכערט אַ פאַפּיראָס און שוין שטענדיג איראָניש־שמייכעלדיג וועגען עפּיס וואָס געטראַכט. ביים טישעל מיט'ן לאָמפּ איז געזעסען דער קליינ־וואוקסיגער פּראָוויזאָר־געהילף סאַפּיאַן, געהאַט אַ געוועהנליך בלאַסען אין קוים, קוים פֿאַרביגען פּנים און מיט זיינע פֿאַרבלויזע, אַרויסגעקראָכענע אויגען בעליידיגט אַריינגעקוקט אין פֿלאַם פֿונ'ם לאָמפּ.

אונטער'ן טיש האָבען ביי איהם נערוועז געציטערט די קניה. ערשט נישט לאַנג האָט ער דאָ אַן ערנסטען געדאַנק זיינעם אַרויס־געזאָגט:

— איב ער זעהט, ווי אַ פֿרוי רויכערט, טוט ער וועגען איהר ראשית כל אַ טראַכט: „אָט איז אַ פֿריי, וואָס נויטיגט זיך אין אַלקאָהאָל“.

אייגענטליך וואָלט זיך די אַקושאָרקע שאַץ בעדאַרפֿט גע־וועהן וועגען זיינע ווערטער כאָטש אויף אַ רגע פֿערטראַכטען און איהם עפּיס ענטפֿערן. נאָר זי האָט זיך גאָר צוגעהערט צום הויף, וואו דער הונט בעפֿאַלט עמיצען, זיך פֿונ'ם בעט אויפֿגעהויבען און, נישט אַרויסנעמענדיג דעם פאַפּיראָס פֿון מויל, גענומען שמייכ־לען צו די אַריינקומענדיגע מירלען מיט לפּקיס'ן, — צוליעב וואָס־זשע האָט ער נאָך בעדאַרפֿט דאָ זיצען און מיט די קניה אונטער'ן טיש ציטערן?

ער האָט זיך טאַקע פֿונ'ם בענקיל אויפֿגעהויבען און גע־וואָלט זאָגען „אַ גוטע נאַכט“, נאָר מירעל האָט שוין געהאַט אַנ־ערשטוינטען קוק געטאָן פֿריהער אויף דער אַקושאָרקע און נאָכדעם

אויף איהם, פֿערהאַלטען דעם אויסטון זיך און פֿון דער ווייט ביי איהם וויסען געוואָלט:

— וואָס־זשע? ער האָט טאַקע אַזוי מורא פֿאַר'ן גלח'ס איי־דעם, דעם אַפּטייקער?

איז ער. דער נערוועזער, נאָך אויף אַ ווײַלע זיצען געבלי־בען אין בעליידיגטערהייד געמוזט צוזעהן, ווי די אַקושאָרקע שאַץ קוקט זיך אויף איהם נישט אום און ווי, בלאָזענדיג דעם רויך אַרויף, צום נידעריגען באַלקען צו, ווערטעלט זי זיך פֿאַר מירע־לע'ן וועגען איהר אייגענעם לעבען:

— זאָגען, הייסט עס, אַזוי נישט נאָר זיי, די איצטיגע געסט איהרע...

אַלע בעקאַנטע, וואָס קומען צו איהר אַריין, קוקען זיך דאָך אַרום אין אַלע זייטען און זאָגען, אַז איהר, דער אַקושאָרקע שאַץ, לעבט זיך אמת גוט.

— נאָר זי, די אַקושאָרקע אַליין, ווייס עס געוויס פֿיעל בע־סער פֿאַר אַן אַנדערן. וואָס איז דאָ שייך צו רעדען? זי שעצט זיך ממש מלאכיש גליקליך...

יעדעס מאָל, וואָס מירעל האָט זיך אין צווייטען עק חדר מיט'ן געהילף־פּראָוויזאָר סאַפּיאַנ'ען פֿערנומען, האָט זי זיך דאָ, אויפ'ן בעט זיצענדיג, מיט איהר גאַנצען היבשען קערפּער נעהענ־טער צו ליפּקיס'ן צוגערוקט און, קוקענדיג צו דער וואַנט, איהם הינטען־אַרום מיט אַנ'עלענבויגען אין דער זייט געקלאַפּט:

— ליפּקיס!... אַז אָך און וועה איז צו אײַך, ליפּקיס.

אַ רמז האָט זי איהם, אַפּנים, דערמיט געגעבען, אַז זי ווייס אינגאַנצען די געשיכטע, וואָס קומט פֿאָר צווישען איהם און צווישען מירל'ען; און געלאַכט האָט זי נאָך בשעת מעשה אַזוי שטיל און אַזוי אין זיך. איהם, דעם אָנגע'ברוגז'טען ליפּקיס'ן, איז שיער די נשמה נישט אַרויס, און געמוזט האָט ער סוף כּל סוף אויסשרייען אויפ'ן קול:

— ווער האָט איהר געגעבען דאָס רעכט?... וואָס קריכט זי איהם אַריין אין דער נשמה?

ביים יונגען פּראָוויזאָר־געהילף סאַפּיאַן האָבען טאַקע דער־

פֿאַר אינטער'ן טיש שטאַרקער די קניה צו ציטערן אָנגעהויבען, און געזאָגט האָט ער ענדליך נערוועזערהייד:

— ער מוז געהן... סוף כּל סוף מוז ער דאָך אַמאָל צוריק אין אַפּטייק קומען.

און אַוועקגעגאַנגען איז ער פֿון דאַנען איינער אַליין מיט נערוועזע און אַרויסגעקראָכענע אויגען, ס'האָט זיך געדוכט, אַז ווען מ'ריהרט זיך צו אָט די אויגען זיינע נאָר מיט'ן מינדסטען פֿינגער צו, וואָלטען זיי באַלד פֿון די שטערנלעכער אַרויסגעפֿאַלען.

די אַק'שאָרקע שאַץ האָט וועגען איהם געזאָגט:

— אַ נאַרישער בּחור... עפּיס גאָר אַ נאַרישער בּחור.

און באַלד האָט זי אָן איהם פֿערגעסען און ווידער אָנגעהויבען וועגען זיך דערצעהלען:

— טרעפֿט זי זיך היינטיגע וואָך בּיי איינעם אַ חולה מיט'ן שטאַרק פֿערנימענעם דאָקטאָר קראַשעווסקי'ן און זאָגט צו איהם: איך וועל מיט אייך חתונה האָבען, דאָקטאָר, אויב איהר וועט מיט מיר איצט ציפֿאָהרען צו איינער אַנ'אָרימער געווינערין.

אַזאַ טבע האָט שוין געהאַט אָט די היבשע מיידעל, וואָס מיט'ן גלאַט צעקעמטען קאָפּ און היבש-ריהרעוודיג-פֿרעהליכען פּנים: גאַנצע שעה'ן האָט זי אַזוי געקענט וועגען זיך איראָנישע מעשיות דערצעהלען און סוף כּל סוף אַפילו מיט קיין וואָרט איהר אינעווייניגסטען לעבען נישט אָנריהרען. בּירושה פֿון איהר ליטווישער משפּחה איז שוין, אַפּנים, צו איהר אָט די טבע איבערגעגאַנגען. און דערפֿאַר האָט זיך, קוקענדיג אויף איהר, וועגען אָט דער אומבעקאַנטער משפּחה געטראַכט און געדענקט זיך, ווי דורכ'ן שלאָף, די 82-יאָהריגע באָבע איהרע — אַ פֿויגעלש-איינגעדאַרטע און קליינוואוקסיגע זקנה, וועלכע איז פֿאָריגען זומער צו איהר צו גאַסט געקומען און האָט מיט איהר צוויי חדשים נאָכאַנאַנד אין אָט דעם חדר אָפּגעלעבט.

גאַנצע זומערדיגע טעג האָט אָט די אַלטיטשקע מיט פֿערמאַכטע אויגען געקאָנט אָפּזיצען אין דער הויך אויף די בּעט-קישענס און אויסגעזעהן פֿון ווייטענס, ווי אַנ'איינגעמאַטערטער און שטאַרק מיעדער אייבלענדישער פּאָפּוגאַי, וואָס קען שוין די בּענקשאַפֿט נאָך דער אַלטער היים נישט איבערטראָגען און האַלט נאָר אין איין

טרוימען וועגן ווייטע מדינת הים. ס'האָט זיך געדוכט, אַז זי דרימעלט גאַנצע וואָכן מיט איינעם אַ לאַנגען פֿויגעלשען דרימעל, הערט נישט, וואָס אַרום איהר קומט פֿאָר, און בעמערקט שוין נישט אַפֿילו די יונגע מענשען פֿון שטעדטיל, וואָס קומען אַהער צו איהר אייניקעל און רעדען דאָ וועגן פֿערשיידענע אינטערעסען. אייניגע זענען שוין אַפֿילו זיכער געווען, אַז די זקנה איז טויב, עובר-בטל און רעדט שוין נישט פֿון יאָהרען, פֿון יאָהרען.

נאָר אייגמאָל זענען דאָ מיידלעך און יונגלעך לאַנג געזעסען, לאַנג גע'חקירה'ט וועגן זיך און וועגן זייער לעבען און נאָכדעם לאַנג געשוויגען. און פּלוצים האָבען אַלע אַ ציטער געטאָן און זיך איבערגעשראָקענערהייד פֿאַר'ן האַרץ געכאַפּט, —

די אַלטיטשקע האָט הינטער זייערע פּלייצעס די איינגעפֿאַלענע מויל געעפֿענט, און איבער'ן גאַנצען חדר האָט זיך געלאָזט הערען איהר הילצערנער קול — אַ פֿערשלאָפֿענער און נאָגענדיגער קול, וואָס טראָגט זיך פֿון ערגיץ אַ ווייטער האַלב-איינגעפֿאַלענער חורבה:

— טאָכטערס טאָכטער מיינע! ווער ס'רעדט ווייניגער וועגען זיך, דער רעדט ווייניגער נאַרישקייטען.

און ס'איז געווען אַזוי מאָדנע אַט דאָס, וואָס די אַלטיטשקע האָט זיך נאָך אויך ווערטלען געוואָלט. איהר טאָכטערס טאָכטער, די אַקושאָרקע שאַץ, איז נישט פֿערוואונדערט און נישט ערשטוינט געבליבען. שמייכעלדיגערהייד האָט זי דענסטמאָל נאָר די קישענס אונטער דער אַלטיטשקער צורעכט געמאַכט און אויך אַזוי שמייכעלדיג איהר אין איער אַריינגעשריען:

— כ'געדענק, באָבעניו, כ'געדענק.

———

די אַקושאָרקע האָט דעם גאַנצען אָבענד צו פּלאַפּלען נישט אויפֿגעהערט און דערצעהלט פֿיעל מעשיות וועגען זיך און וועגען איהרען אַ פֿעטער — אַ פֿרומען און גוטמוטיגען יודען:

פֿלעגט ער שטענדיג צו איהר אַריינקומען, אָט דער פֿעטער איהרער, און איהר זאָגען:

— אַזוי, מלכה'לע? ווע סטו שוין טאַקע קיינמאָל נישט חתונה האָבען? אַ שאָדען... אַ שאָדען.

און מיר'על איז אַקעגען איהר אויפ'ן בענקיל געזעסען, גע-

הערט און נישט געהערט, געקלערט וועגן זיך או וועגן דעם שפּאַציר־פּלאַץ, וואו זי איז פֿאַרנאַכט אַרומגעגאַנגען, זיך פֿערזעסען אויף אַ היבשער ווײַלע אין שוין נאָר געדענקט עפּיס אַ שטילע או־מעטיגע מעשׂה, וואָס האָט מיט איהר אַליין פֿון קינדווייז אָן געפּאַסירט:

— איז זי געוואַקסען אַ בת יחידה בּײַ ר׳ גדליה הירוויץ אין שטיב... האָט זיך איהר עפּיס געוואָלט — איז זי געוואָרען אויפֿ׳ן 17־טען יאָהר אַ כּלה פֿאַר וועלוויל בּורגעס... איז דאָס געווען קאַרג — איז זי אַוועקגעפֿאָהרען אין קרייז־שטאָדט און גענומען לערנען דאָס, וואָס אַלע... האָט עס נישט געהאָלפֿען — איז זי צוריק אַהיים געקומען און, דוכט זיך, ליעב בּעקומען דאָ אין שטעדטיל נתן העלער׳ן... איז דאָס אָבער אַלץ קאַרג געווען, און געדוכט האָט זיך אַלץ, אַז דאָס קומענדיגע לעבּען בּעדאַרף זיין גאָר אַנדערש. נתנ׳ען האָט זי איינמאָל געזאָגט: „ס׳וועט פֿון דעם גאָרנישט זיין; ער מעג פֿון שטעדטיל אַוועקפֿאָהרען“. דעם חתן איהרען האָט זי די תּנאים אָבּגעשיקט... און איצט איז זי ווידער פֿריי, און דער פֿערגעבּלעטער ווילען איז ווידער מיט איהר... און איצט בּלאָנקעט זי גאַנצע טעג אַרום דעם שטעדטיל, און ליפּקים הינקט איהר נאָך... און איצט זיצט זי דאָ בּײַ דער אַקושאָרקע שאַץ, וואָס וואוינט שוין דעם צווייטען יאָהר אין איהר געדינגענער שטיבּעל, וואָס אין שטילען עק דאָרף.

קיין בּעזונדער אינגליק איז, דוכט זיך, נישט געשעהן סיי אין איהר לעבּען, סיי אין לעבּען פֿון דער אַקושאָרקע שאַץ. נאָר מיט קיין איבּעריגע פֿריידען האָבּען זיך שוין אויך זייער בּיידענס לעבּענס נישט אויסגעצייכענט, און דערפֿאַר טראַכט זיך מיט אַזאַ טרויער וועגען זיך, וועגען דער אַקושאָרקעס אונבּעקאַנטע יונגע יאָהרען, וועלכע זי האָט צוזאַמען מיט איהר אונבּעקאַנטער משפּחה ערגיץ אין דער ליטא געלאָזט, אין ס׳ווילט זיך שטיל זאָגען:

— איהר ווייסט, שאַץ? איהר זענט אַ מאָדנע מענש.

— איהר שטעלט אײַך פֿאָר, שאַץ? מיט אַנ׳איראָנישען שמייכעל אויף די ליפּען וועט מען אײַך סוף כּל סוף אין קבֿר אַרײַנלעגען.

נאָר אָט האָט זיך די אַקושאָרקע שאַץ אַ נייעם פּאַפּיראָס בּיים

קעמטיל הילזען געמאכט. פערהיילערנדיג דעם פאפיראס ביים לאמפ, האט זי אין אלכסון געכאפט א קוק אויפ'ן אנגעבראָגזי־טען ליפקי'ס'ן און א שמייכעל געטאן מיט א מינע פון א ליץ, א שלום־מאכער:

— מאדנע איז שוין יעדער מענש.

ס'דוכט זיך, אז זי גרייט זיך דערצעהלען וועגען איינעם א מענשען, וואס איז שוין מאדנע מיט זיין גאנץ לעבען. מעגליך, אז דערצעהלען וועט זי איצט וועגען איהר בעקאנטען, דעם קרעפטיגען און איינזאמען בחור, דעם העברעאישען ליטעראט, — הערץ, וואס וואלגערט זיך אלע זומער ערגיץ אין א שטארק שטילען שווייצערישען דארף, און אלע ווינטער — אינ'ם קליינעם ליטווישען שטעדטיל, וואו זיין געשטארבענעם זיידען — דעם רב האט מען שוין לאנג א שטיינערנע מצבה פאר קהל'שע געלד אוועקגעשטעלט.

און א חשד איז דאך פאראן א היבשער, אז די אקושארקע איז געשטרייכעלט געווארען אין איהר ליעבע דוקא צו אט דעם בחור, וואס גלייבט שוין אין גארנישט, אז עפיס איז צווישען זיי אונאהנגענעמעס צוריק מיט צוויי יאהר פארגעקומען, און די אקושארקע האט דעריבער געמוזט ניט־ווילענדיג איהר שטעדטיל פערלאזען און זיך אין אט דעם ווינקעל עק דארף בעזעצען.

מירעל רוקט זיך מיט'ן בענקיל נעהנטער צום בעט, וואו די אקושארקע האט זיך בעקוועם אוועקגעזעצט. און ליפקיס'עס מח איז נאך אלץ פערנומען מיט זיין וואכעדיגען חשבון:

— אלע טאג טעגע'ט מיט איהם זיין מוטער, אז ער מוז זיך מאכען א האלב טוץ וועש... נאך אלע פערדיענסטען וועט ער סוף־כל סוף נישט האבען, מיט וואס איבער א יאהר ווינטער אין כרך אויסצופאהרען.

ווען אט דער געדאנק הערט אויף אין זיין מח צו עגבערן, קוקט שוין מירעל איינגעבויגענערהייד מיט שטארק פעראינטערעסירטע אויגען אין דער אקושארקעס פנים און כאפט יעדעס ווארט, וואס יענע לאזט פאמעליך צוזאמען מיט'ן רויך פון מויל ארויס.

— צי הערץ שרייבט איהר בריעף, פרעגט מירעל?... ראשית

איז ער שוין דערויף בכלל צו קלוג און האָט פיינט גאַרישקייטען צו טון, און צווייטענס...

זי פערציהט זיך טיעף־טיעף מיט'ן פאַפּיראָס, אַזוי אַז די הייטע קייל בעלייכט איהר אינגאַנצען דעם פנים, לאָזט אַרויס דעם רויך פון מויל און גיט שוין צו מיט אויסגעקריממטע ליפען אין מיט אַ וואונדער פון בעליידיגונג:

—מ'וואָלט געקאָנט מיינען, אַז איהר, דער אַקושאָרקע, געהען די טאַקע באמת אָב, אָט די בריעף זיינע...

ביי ליפּקיס'ן פערקריממט זיך דער פנים אויף לצנות צו מאַכען:

— יאָ, דער אַקושאָרקע געהט שוין כלומר'שט קיינמאָל נישט אָב דאָס, וואָס זי האָט נישט און וועט קיינמאָל נישט האָבען.

ער וויל איהר דערמיט, אפנים, אָבדיענען פאַר איהרע פריהערדיגע ווערטער: „אַז אָך און וועה איז צו איך, ליפּקיס". נאָר ער האַלט זיך איין, קוקט מיט שנאה אויף איהר אויפגערעגטען פנים און שווייגט.

ס'איז אַזוי שטיל אין אָט דעם איינציגען בעלויכטענעם חדר, וואָס אין דער אַקושאָרקעס שטיבעל. ס'דוכט זיך, אַז ס'איז שטאַרק שפעט, און ס'קלינגט ביי עמיצען אין אַנ'אויער. צווישען דער ביינאַכטיגער רוה, וואָס נאָגט אין אַלע טונקעל־בעלויכטענע ווינקעלעך, הערט זיך נאָר, ווי ליפּקיס שפּאַרט דעם קאָפּ אויף דער פאַרענצע פון בעט, און ווי ס'שטאַרבען פּאַמעליך אָב די בעטראַכטע ווערטער, וואָס די אַקושאָרקע שאַץ וואַרפט וועגען איהר בעקאַנטען אין דער שטילקייט אַריין:

— האָט ער נאָך פאַר צוויי יאָהרען פון זיך אַליין הוזק געמאַכט און איהר געזאָגט:

„שרייבען בייטאָג איז איהם שוין אַ בזיון פאַר זיך אַליין, און פאַר'ן גאַנצען שטעדטיל יודען, וועלכע בעדאַרפען עס נישט. טוט ער עס שוין נאָר ביינאַכט, ווען מענשען שלאָפען".

— ביינאַכט, — זאָגט ער — איז ביי יעדען די בושה קלענער.

און נאָכדעם שמייכעלט ער און שווייגט.

— ס'איז איהם שוין — זאָגט ער — גאָר נישט געבליבען, חוץ דעם שמייכעלדיגען שווייגען.

אין דער לופֿט פֿונ'ם חדר שוועבט שוין אַרום דער בלאָנזשענדיגער שאָטען פֿון אָט דעם פֿערוואָגעלטען בחור, און ס'דוכט זיך: ערגיץ אין אַ נאָהענטען חדר־ווינקעל, וואָס הינטער די פּלייצעס, שטעהט ער אַליין מיט זיין גאַנצער קרעפֿטיגער און עטוואָס איינגעבויגענער וואוקס; ער האָט ליכטיגע, נישט לאַנג אָבגעשוירענע האָר מיט אייך אַזעלכע ליכטיגע נידעריג־צוגעשוירענע וואָנסעס, קוקט אַהער רוהיג מיט שמייכעלדיגע אויגען און הערט, ווי ס'דערצעהלט וועגען איהם די אַק'שאָרקע שאַץ:

— וואַלגערט זיך געווים אָט דער נע־זנד איצטיגען ווינטער אייך אין קליינעם ליטווישען פּוסטען שטעדטיל און בלאָנזשעט דאָרט גאַנצע נעבעלדיגע טעג ווייט, ווייט אויף די שנייאיגע פֿעלדער.

מירעל פֿערטראַכט זיך וועגען זיך, דענסטמאָל ווען די אַקושאָרקע דערצעהלט, ווי אַזוי ער רעדט שוין דאָרט קיינמאָל מיט קיין אינטעליגענטען מענשען ניט און האַלט זיך אַפֿילו פֿון פּשוט'ע שטאָדט־יודען פֿון דער וויַיטען. נאָר אויב ווייט, ווייט פֿון שטעדטיל בעגעגענט ער ערגיץ־וואו אַ פּויער שפּאַנען, שטעלט ער זיך אָב און פֿערפֿיהרט מיט איהם אַ לאַנגען שמועס:

— פֿון וואָסער דאָרף שטאַמט ער? צי האָט ער ווייב און קינדער? און וועמענס ערד בעאַרבייט ער: אייגענע, צי פֿרעמדע?

און נאָכדעם קוקט זי שוין ווידער צו דער אַקושאָרקע און הערט ווייטער, ווי זי דערצעהלט:

— דאָרט, — זאָגט ער — צווישען די שווייצערישע פֿערשטייערט־שווייגענדיגע בערג און שטילע אָזערעס, שטאַרקט זיך אין איהם די איבערציי:גונג, אַז מענשען וועלען סוף כל סוף צו טומלען אויפֿהערען און וועלען מיט איינעם און דעמזועלבען שמייכעל דעם טויט מיט'ן לעבען בעגעגענען.

— ער קוקט שוין געווים מורא'דיג אויפֿ'ן לעבען, גיט זי דערביי צו, — און דאָך האָט דאָס איהם נישט געשטערט אין אָט דערזועלבער שווייץ איינע פֿון זיינע שענסטע קליינע זאַכען אָנצושרייבען.

די אַקושאָרקע שעמט זיך מירעלע'ן און ליפּקיס'ן אין פּנים אַריין צו קוקען און דרעהט פֿון זיי איהר פּנים אַוועק.

מיט גלאַנצענדיגע, קוים קוים שמייכעלדיגע אויגען קוקט זי צו דער העכערער העלפֿט פֿון דער קעגענאיבערדיגער וואַנט און הייבט דאָך אָן פּאַמעליך און שטיל אָט די קליינע זאַך זיינע אויסווייניג צו לעזען:

„און בלאָנזשענדיג אַזוי יאָהרען-לאַנג איינער אַליין איבער דער וועלט, האָב איך, דער פֿערטריבענער נע-ונד, אַליין מעהר און מעהר זעלטען ערגיץ-וואו אַ ישוב בעגעגענט, און פֿערגעסען האָב איך פֿאַר דער צייט דעם חשבון פֿון שבת און פֿון וואָך. איינע נאָך איינער האָב איך פֿונ'ם שווערען פּאַק, וואָס אויף מיינע פּלייצעס, די זאַכען אַרויסגעוואָרפֿען און געזאָגט צו זיך אַליין:

— נישט איך און נישט קיינער בעדאַרף שוין אָט די זאַכען האָבען. נאָך וואָס זשע זאָל איך זיי נאָך אויף זיך טראָגען און אונטער זייער שווערקייט מיינע פּלייצעס בויגען?

און ווען אין *לעבעדיגען* זאַק, וואָס אויף מיינע פּלייצעס, איז שוין גאָרנישט ניט געבליבען, האָב איך איהם אויך אַוועקגעוואָרפֿען און גענומען אַרומקוקען זיך אַליין.

— כ'בין נאָך כמעט יונג, האָב איך דערביי געטראַכט.

— קראַפֿט און מאַכט שלאָפֿט אין מיר, נאָר צי קען איך האָפֿען, אַז איך אַליין וועל זיך נאָך אַמאָל אין זיך ניטיגען?

און פֿערגעסענדיג דאָס, וואָס כ'האָב הינטער זיך געלאָזט, האָב איך פּאַמעליך גענומען שפּאַנען פֿאָרויס.

כ'האָב געטראַכט:

— ס'איז כדאַי צו זעהן, וואָס ס'טוט זיך דאָרט, אויף יענעם וועלט-שטח, וועלכען ס'שלינגט איין דער האָריזאָנט. און אפֿשר... אפֿשר וועל איך פֿאָרט ערגיץ אָנקומען.

און איינמאָל — אין אָנהויב בין-השמשות איז דאָס געווען — בין איך טאַקע אַזוי אין אַ טויטער שטאָדט אָנגעקומען און האָב דאָרט די טירען פֿון אַלע הייזער אָפֿענע געטראָפֿען.

נישט קיין ווינטערדיגע און נישט קיין זומערדיגע זענען אין אָט דער טויטער שטאָדט די בין-השמשות געוועזען, און קאַלט איז מיר נישט געווען, און קיין פּחד איז מיך נישט בעפאַלען. פון שטוב צו שטוב בין איך אַרומגעגאַנגען און האָב געזעהן: פערגליווערטע קערפּער ליגען אומעטום אויף די בעטען און האַלטען אין די פויסטען האַרטגעדריקטע שטיינער, — אויף עמיצען האָבען זיי שוין, אַפּנים, פאַר'ן טויט אָט די שטיינער געוואָלט וואַרפען.

אין אַ ווינקעל פון אַ שטוב האָב איך נאָר איינע אַ שלאַנק-וואַקסיגע פרוי דערזעהן און בין פערשטיינערט געוואָרען, אויף איהר קוקענדיג. אַ שוואַרץ-חנ'עוודיגע, אַ מאַטבלאַסע, געקליידט אין אַ לאַנגען שוואַרצען קלייד, איז זי אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט געשטאַנען, געקוקט מיט שוואַרצע אויסגעמאַטערטע אויגען אין דער ווייטען אין שוין, אַפּנים, פערגעסען, אַז זי האַלט די גאַנצע צייט צוגעדריקט צו דער ברוסט אַ קינדערש-קליינע, וועקסענע ליאַלקע.

— אַזוי שפּעט ביזטו געקומען — האָט זי צו מיר שטיל און גלייכגילטיג געזאָגט, — מ'האָט דאָ אויף דיר אַזוי לאַנג געוואַרט, און איצט קוק: זיי זענען שוין אַלע טויט.

כ'האָב געשוויגען דערפאַר, וואָס אין איהרע אויגען האָט שוין געברענט יענער פייער, וואָס ברענט אין די אויגען פון אַלע משוגעים, און זי האָט מיר נאָך אויף דער ליאַלקע, וואָס ביי איהר ברוסט, אָנגעוויזען און געזאָגט:

— דו ווייסט, וואָס דאָס איז? ס'איז אַ פערשלייערטער טעות.

אין אַנידערפאַלענדיג אַ טויטע אויפ'ן בעט, וואָס איז נעבען איהר געשטאַנען, האָט זי נאָך שטיל, אינגעוועהנליך שטיל, דעם געדאַנק איהרען פערענדיגט:

אין אינגאַנצען... אינגאַנצען — איז — דאָס — געווען — נישט מעהר, ווי אַ פערשלייערטער טעות...

...דענסטמאָל האָב איך די שטוב פערלאָזען און בין געגאַנגען זיך אויפ'ן טויער פון שטאָדט אַוועקזעצען.

— וואוהין וועל איך שוין פֿון דאַנען געהן? — האָב איך צו זיך אַליין געזאָגט, — בעסער וועל איך שוין דאָ איבּיג אויפֿ'ן טויער זיצען און וועל אַ שומר פֿון אָט דער טויטער שטאָדט בּלייבּען.

— — — — — — — —

— — — און אָט זיין איך שוין אַזוי לאַנג אויפֿ'ן טויער פֿון אָט דער שטאָדט, וואָס אין איהר קומט קיינער נישט אַריין — און פֿון וואַנען ס'געהט קיינער ניט אַרויס.

אַלין, וואָס כ'האָבּ אַמאָל געוואוסט, האָב איך שוין לאַנג פֿערגעסען, און אין מח אין מיינעם איז שוין מעהר נישט, ווי איינער אַ געדאַנק געבּליבּען:

— אַלע, אַלע זענען זיי שוין געשטאָרבּען, און נאָר איך אַליין לעבּ אין וואַרט שוין נישט אויף קיינעם.

און ווען איך קוק נאָך אַמאָל זיך אַליין אַרום און דערפֿיהל די קראַפֿט אין מאַכט, וואָס שלאָפֿט אין מיר, טו איך שוין אַפֿילו קיין זיפֿץ נישט און טראַכט:

— כ'בּין אַ שומר פֿון אַ טויטער שטאָדט".

די אַקושאָרקע איז געבּליבּען שטיל.

מירעל האָט זיך מיט אַמאָל פֿון אָרט אַ הויבּ געגעבּען, כּדי צו געהן מיט ליפּקיס'ן אַהיים. נאָר דער גייסט פֿון דער ערצעהלונג האָט נאָך אויף איהר גערוהט. איז זי טרויעריג און שטיל אויף איין אָרט געשטאַנען, און איהר מח האָט נאָך געקלערט וועגען דער טויטער שטאָדט און וועגען דער אַקושאָרקעס פּנים, וואָס האָט זיך אַזוי מאָדנע אומגעבּיטען בּשעת'ן לעזען.

— די אַקושאָרקע האָט געוואָלט אויסזעהן אַלע איהרע יאָהרען, ווי אַ חכמה אין אַ געפּרובּטע. איז אויף איהר אַרויפֿגעשפּרונגען דער צאָרן פֿון איהר בּעהאַלטענער ליעבּע צו אָט דעם בּחור... בּשעת'ן לעזען איז דאָך געווען אַזעלכע מינוטען, ווען איהר פּנים האָט אויסגעזעהן אַזוי נאַריש, ווי דער פּנים פֿון אַן'אמת'ען אידיאָט.

און ווידער האָט אויף איהר די שטימונג פֿון דער ערצעהלונג געווירקט. איהרע אויגען האָבּען געקוקט אויף די פֿענסטער־שויבּען, וואָס צו זיי האָט זיך פֿון דרויסען געקלעפּט די שוואַרצע נאַכט,

און איהרע אויערן האָבען שוין נישט געהערט דעם שטילען שעפּטשען פון איהרע אייגענע ליפּען:

— אַט דער פּאַרשוין, וועלכען די אַקושאָרקע רופט הערין... עפּיס לעבט ער אָהן ווילען און שרייבט אָהן ווילען... ווי קלערט די אַקושאָרקע: ס'איז איהם נאָך געבליבען עפּיס, אַחוץ משוגע צו ווערען?

נאָר די אַקושאָרקע שאַץ האָט זיך שוין ווידער ביים קעסטיל מיט הילזען געפּאָרעט און זיך דאָרט שוין ווידער אַ נייעם פּאַפּיראָס געמאַכט.

— ער איז אַזוי געזונט, ווי אַ גוי, האָט זי פון דאָרט געענטפערט, — ער קען אַלץ אַריבערטראָגען שווייגענדיג.

און דער גוטער יאָהר ווייס זי, פאַרוואָס זי האָט נאָך באַלד בעדאַרפט קאַלטבלוטיג צוגעבען:

— נישקשה, דער רוח וועט איהם דאָרט נישט נעהמען.

מירלע'ן איז נאָך נאָכדעם אינטערעסאַנט געווען אַריינצוקוקען אַהער פון דרויסען דורכ'ן פענסטער און זעהן:

די אַקושאָרקע שאַץ אײַלט זיך לחלוטין נישט שלאָפען לעגען און טראַכט נאָך אַפילו נישט דעם לאָמפּ אויסלעשען. מיט'ן רויכערדיגען פּאַפּיראָס אין מויל און מיט מאַנסבילש־אַריבערגעוואָרפענע פיס זיצט זי נאָך אָהן אַ שום בעוועגונג אויפ'ן בעט און קוקט ערגיץ־וואוהין אין דער פינסטער לופט, וואָס אין חדר.

ס'איז געווען שפּעט נאָך אַ האַלבער נאַכט, און קיין לאָמפּען האָבען שוין אין ערגיץ נישט געברענט.

וויט, ווייט אינ'ם ביינאַכטיגען האָריזאָנט, וואָס קעגענאיבער די פערשנייטע פעלדער, האָבען זיך נאָר אין איין לאַנגער שוואַרצער שורה די דעמבענע וועלדלעך געצויגען, און געדוכט האָט זיך, אַז זיי ווילען דרימלען און קענען נישט, אַז ס'שטערט זיי פון דאַנען די לאַנגע שיין פון דער אַקושאָרקע שאַצ'ס רויט־בעלויכטענעם פענסטער, און ס'וועקט זיי אַלע מאָל אַנ'אַנדער שטיל־בלאָנזשענדיגער ווינטעל, וואָס קומט אַהין צווישען די יונגע בוימער צו לויפען און לאָזט איבער צווישען זיי די ביינאַכטיגע מרה־שחורה פ'ן ערגיץ־וואו אַ ניי־געבוירענעם אומגליק.

מירעל האָט נאָך אַלץ פֿאַר די אויגן די זיצענדיגע אַקושאָרקע שאַץ געזעהן, געדענקט די מעשה'לע וועגן דער מיטער שטאָרט און זיך מרה־שחורה'דיגערהייד געזאָרגט:

— געוויס וועט זיך איהר שוין אַ גאַנצע נאַכט די טויטע שטאָרט מיט דער משוגע'נער פֿרוי אין שוואַרצען חלומ'ען... אַ גאַנצע נאַכט —

נאָר דורכגעהענדיג פֿאַרבײַ איהר געוועזענעם מחותנ'ס ווײַט־לענדיגער שטוב מיט די אויסווייניג־געשלאָסענע בלאָהע לאָדען, האָט זי דאָרט דעם בעיאָהרטען גוי, דעם סטרויזש, דערזעהן און זיך גע־שטעלט מיט איהם רעדען:

— אַך, זאַכאַר, פֿאַרוואָס קומט ער קיינמאָל צו זיי נישט אַריין, זאַכאַר?

דער אַלטער זאַכאַר איז געשטאַנען פֿאַר איהר אָהן אַ היטעל און איז שיער נישט צעגאַנגען פֿון גליק:

— אוי, אוי, אוי! וויפֿיעל מאָל האָט ער די פֿאַרישניע בײַנאַכט אַהיים געפֿיהרט? וויפֿיעל מאָל האָט ער דער פֿאַרישניע אין דער בלאָטע־צײַט זאַפּיסקעס געטראָגען... און איצט, איצט האָט מען איהם אויף דער קיך געזאָגט, אַז זי איז שוין אויס כּלה געוואָרען... איז עס אמת אָט דאָס, וואָס מ'האָט איהם אין קיך געזאָגט?

און זי האָט געשמייכעלט און איהם אין אויער געשריען:

— ס'איז אמת, אמת, זאַכאַר.

עפּיס האָט זי זיך שוין צו פֿיעל וועגן איהר געוועזענעם מחותנ'ס הויזגעזינד דערפֿרייעט; געוואָלט, אַפֿנים, שטאַרק געוואָהר ווערען, צי דער געוועזענער חתן איהרער נעכטיגט איצט אין שטאָדט, נאָר נישט געקענט, דערפֿאַר וואָס ליפּקיס איז דאָ בײַ דער זייט געשטאַנען, צי גאָר דערפֿאַר, וואָס דער בעיאָהרטער זאַכאַר האָט וועגן אַלע שאלות איהרע געקענט דאָרט אין שטוב איבערגעבען.

ליפּקיס איז שוין אַזוי צופֿרידען געווען, וואָס זי האָט צולעצט אָט דעם אַלטען גוי אָפּגעלאָזט און שוין אַליין געפֿיהלט, אַז ער גיט אויף אַנ'איבעריגע שאלה:

65 — אָט וועט ער בײַ איהר, למשל, פֿרעגען: וואָס פֿאַר אַנ־

נאָך אַלעמען.

אינטערעם האָט זי געהאַט מיט אָט דעם אַלטען גוי אַ גאַנצע האַלבע שעה פֿערבּרענגען?

נאָר זי האָט איהם גאָרנישט ניט געענטפֿערט, זיך ווידער אַמאָל אָפּגעשטעלט, זיך דערמאָנט, אַז מ'בעדאַרף דעם סטרוזש אויף טיי געבּען, און בּיי איהם, ליפּקי'ן, צוליעב דעם אַ גאַנצען רובּעל געפֿרעגט. האָט ער זיך אָקאָרשט פֿון ס'ניי שטאַרק בּרוגז דערפֿיהלט און, שלעפּענדיג דעם זילבּערנעם רובּל פֿון טאַש, שוין מיט אַזאַ בּייזקייט וועגען איהר געטראַכט:

— עמיצער איז אַ מבין, ווי פּשוט און פּראָסט זי געהמט דאָס אַ בּיסעל בּיי איהם געלד? ממש ווי בּיי אַ מאַן נעהמט זי דאָס בּיי איהם.

IV

אויף עמיצען האָט מען זיך בּיי ר' גדליה הורוויץ אין שטוב געריכט.

די אויסלענדישע ראָזע גאַרדינען האָט מען פֿון ס'ניי אויף אַלע פֿענסטער אויפֿגעהאַנגען, די קיהלע זאַל האָט מען אַלע טאָג געהייצט און די סאַמעטענע סטעזשקעס האָט מען דורכאויס אויף די דילען אויסגעשפּרייט. די גאַנצע שטוב האָט שוין פֿון חול אויף קודש עפּיס מוסיף געווען און, דוכט זיך, שוין גאָר נישט אין זינען געהאַט, אַחוץ די קלאַנגען, וואָס האָבּען זיך אינ'ם גאַנצען שטעדטיל וועגען מירל'ען אַרומגעטראָגען:

— איז אַ סבּרה, אַז זי ווערט טאַקע פֿאַר איהם אַ כּלה, פֿאַר יעקב יוסף זיידענאָווסקי'ס ליטישען בּחור; פֿאַר'ן בּחור פֿון יענעם זעלבּען יעקב יוסעל זיידענאָווסקי, וואָס שטאַמט פֿונ'ם נאָהענטען דאָרף „שוקיי-גאָראַ“, וואוינט שוין דעם צעהנטען יאָהר אין פֿאָרשטאָדט פֿון וויטליבען כּרך, וואו ער האָט אַן אייגענע גוראַלניע און שפּאַרט נאָך אָן עד היום אין דער היגער געגענד מיט זיינע גרייבע אָקסען-שטאַלען.

ליפּקין איז אַזוי בּייז געווען יעדעס מאָל, בּשעת עמיצער האָט זיך וועגען אָט די קלאַנגען בּיי איהם פֿונאַנדערגעפֿרעגט און בּייזערהייד געענטפֿערט:

— פֿון וואַנען זאָל ער דאָס וויסען?

— און בכלל... פֿאַרוואָס דערפֿרעגט מען זיך וועגן דעם דיקן ביי איהם, ליפּקיס׳ן?

ער האָט זיך דענסטמאָל זעלטען ווען מיט מירל׳ען בעגעגענט, זיך דערפֿאַר עמיצען אויף צו־להכעיס געהאַלטען מאָדנע גאוה׳דיג און שטאָלץ און כּלומר׳שט נישט געוואוסט, אַז די גאַנצע קלאַנגען שטאַמען נישט מעהר, ווי פֿון אַ פּשוט׳ען פֿרעמדען יודען, אַ שדכן, וועלכער האָט זיך אויף אַ פּאָר טעג ביי אַבֿרהם־משה ב׳רנעס אָפּגעשטעלט און האָט זיך דאָרט געקלאָגט:

— וואָס־זשע קומט אַרויס, וואָס ביי זיידענאָווסקי׳ן איז אַ וואוילער בחור פֿאַרהאַן! מירעל איז נאָך פֿאַריגען זומער ערגיץ אין קרייז־שטאָדט אין איין אַכסניא מיט איהם געשטאַנען, זיך אַ פּאָר מאָל דאָרט אין קאָרידאָר מיט איהם אַדורכגעשמועסט און איהם שוין, אַפּנים, אויף אייביג דעם קאָפּ פֿערדרעהט.

נאָר טעג נאָך טעג זענען אַוועקגעגאַנגען, און צו ר׳ גדליה הורוויצ׳ן אין שטוב איז נאָך אַלץ קיינער נישט אַראָפּגעקומען. מירעל איז נאָר עפּיס בלאַסער און שטילער געוואָרען, און געדוכט האָט זיך שוין, אַז זי ווייס נישט פֿון גאָרנישט און הערט זיך צו גאָרנישט צו; אַז אַלץ־איינס איז איהר, צי מ׳רעדט וועגען איהר אין שטאָדט שלעכטס, צי גוטס, און אַז דערפֿאַר טוט זי שוין גלייכגילטיג אַזעלכע אונבעטראַכטע, בת־יחיד׳ישע מעשים, שטעלט אָפּ אין מיטען גאַס איהר געוועזענעם חתנ׳ס שוועסטער, קלאָגט זיך אויף זיי דערפֿאַר, וואָס זיי קומען צו איהר קיינמאָל נישט אַריין און טענ׳עט מיט אַ מאָדנע יורד׳ישער געפֿאַלענקייט:

— על כּל פּנים... נישט ערגער איז זי דאָך, על כּל פּנים, פֿונ׳ם פּאָטאָגראַפֿס ווייב, דער ראָזענבוימיכע, וואָס צו איהר לויפֿען זיי צוויי מאָל אַ טאָג.

ביידע אַבֿרהם משה ב׳רנעס מיידלעך האָבען זיך נאָך אָט דער בעגעגעניש אין די פּנימ׳ער געקוקט און זי אין גרויס וואונדער מיט די אויגען בעגלייט:

— ביזט אויף איהר אַ מבֿין? — האָט די עלטערע ביי דער קלענערער געפֿרעגט.

און זי איז נאָך אַלץ איינע אַליין ערגיץ אַרויף דעם שטעדטיל געגאַנגען. ביי דער אַפּטייק, וואָס צווישען די לעצטע יודי־

שע הייזער, האָט זי זיך אין מיטען וועג אָפּגעשטעלט און זיך
אַרומגעקוקט. קיינער איז דאָרט נישט געווען, אַחוץ יענעם אָפּ=
געריסענעם יונגעלע, וואָס איז פֿון ערגיץ אַראָפּ אין שטאָדט אַריין
געגאַנגען, און די גלעזערנע אַפּטייק-טיר, וואָס מיט׳ן גלעקיל, איז
פֿון אינעווייניג מיט אַ ברייטען פֿאָרהאַנגעל פֿערשטעלט געווען. זי
האָט אָט דעם אָפּגעריסענעם יונגעלע צו זיך צוגערופֿען און איהם
געבעטען, איהר פֿון דער אַפּטייק דעם פּראָוויזאָר-געהילף סאַפּ=
יאַנ׳ען אַרויסצורופֿען. דער יונגעלע האָט זיך געשעמט און גע=
פֿאָלגט, און זי איז דאָרט איינע אַליין געשטאַנען און געוואַרט,
ביז סאַפּיאַן האָט אַנ׳אַרבייט זיינע געענדיגט, ביז ער האָט זיך
דאָרט אָנגעטאָן און איז אַהער אין דרויסען מיט זיינע אַרויסגע=
קראָכענע, פֿאַרבלייזע אויגען אַרויס. יודען זענען דערווייל אויף אַ
פּשוט׳ען פֿויערשען שליטען פֿון ערגיץ צוריק אין שטאָדט אָנ=
געקומען, געוואָרפֿען אויף איהר ערשטוינטע בליקען און דערביי מאָד=
נע שמייכלען איינער צום צווייטען אָנגעהויבען. און זי האָט זיך
כלומר׳שט אויף זייערע שמייכלען נישט אומגעקוקט און מיט אַנ׳=
ערנסטער מינע צום פּראָוויזאָר-געהילף סאַפּיאַנ׳ען געזאָגט:

— זי האָט איהם פֿריהער געוואָלט בעטען, ער זאָל זי צו
דער אַקושאָרקע שאַין אָפּפֿיהרען. נאָר איצט... איצט גלויבט זיך
איהר שוין צו דער אַקושאָרקע שאַין נישט געהן. ער האָט צייט,
זיך מיט איהר אַ ביסעל אַהין, אַרויס דער שטאָדט דורכגעהן?

און דער פּראָוויזאָר-געהילף סאַפּיאַן האָט איבער אָט דער
שאלה געמיזט דעם האַלז אויסציהען, אַראָפּשלינגען און מיט נער=
וועזע פֿינגער דעם איבערשטען קנעפּיל פֿונ׳ם ווינטערדיגען פּאַל=
טאָ פֿערשפּילען:

— צי ער האָט צייט? ער איז, איגענטליך... ער קען, איי=
גענטליך, אַ ביסעל געהן.

און ער איז געגאַנגען אַ נערוועזער און אויפֿגערעגטער פֿאַר=
ביי איהר לינקער זייט, נישט געקוקט צו איהר, געזעהן מיט די
אַרויסגעקראָכענע גרויסע אויגען דעם נעבעל, וואָס שפּרייט זיך אַרויס
דעם שטעדטיל, נישט געדאַכט אויף צו-להכעיס, פֿון וואָס צו רע=
דען, און געשוויגען. אַ מאָדנע שווערקייט האָט זיך אין זיין שווי=

גען געפֿיהלט, האָט מירעל אויף איהם פֿון צייט צו צייט אַ בליק געוואָרפֿען און, צולעצט, בײַ איהם געפֿרעגט:

— ער, סאַפֿיאַן, שטאַמט, דוכט זיך, עפּיס גאָר פֿון אַן אַלטער משפּחה... מ'האָט איהר, דוכט זיך, נישט לאַנג וועגען דעם דערצעהלט?

און אין אַ ווײַלע אַרום ווידער וועגען דעם זעלבען:

— איהר טאַטע שטאַמט אויך פֿון אַן אַלטער גערמאַנישער משפּחה, וואָס האָט זיך לאַנגע צייטען מיט זיך אַליין משדך געווען און ווערט, אַפּנים, פֿון אַלטקייט דעגענערירט. מעגליך, אַז דערפֿאַר פֿיהלט שוין צייטענווייז זי, מירעל, אַזאַ פּוסטקייט און טויג נישט צו גאָרנישט.

זיי זענען שוין געגאַנגען איבער'ן שנייאיגען שפּאַציר-פּלאַץ און זיך פֿאַמעליך געקוקט פֿאָראויס. פּלוצים האָט דער אויפֿגערעגטער פּראָווינציאַר-געהילף אונגעוואוסטערהייד אָנגעהויבען אין פֿאַלטאָ-קעשענע מיט אַ פֿינגער עפּיס אַ מין „לכּבוד” צו דרעהען און, נישט אומקוקענדיג זיך צו איהר, מיט אַ נערוועז-ציטעריגען קול געפֿרעגט:

— ס'איז, געוועהנליך, נישט זיין עסק, און זי האָט בײַ איהם נישט צו ענטפֿערן... ער וויל בײַ איהר נאָר פֿרעגען: פֿאַרוואָס, למשל, זאָל זי זיך צום עקזאַמען נישט צוגרייטען און זאָל זיך עפּיס אַן אינטעליגענטע פּראָפֿעסיע נישט צוקלייבען. ער האָט געהערט: סך-הכּל צוויי און צוואַנציג יאָהר איז זי אַלט.

און מירעל האָט זיך איבער עפּיס אָבגעשטעלט און גענומען אַראָבקוקען אַהין, וואו זי האָט מיט אַ שפּיץ פֿון איהר קליינעם קאַלאָש אין שניי געגראָבען:

— יאָ, פֿיעל מענשען האָבען איהר שוין די שאלה פֿאָרגעהאַלטען.

ס'איז געווען שטיל אין דער אַרומיגער נעבעלדיג-גראָהער לופֿט, קיין שוואַרצע ראָבען זענען דאָ שוין אַפֿילו נאָהענט נישט אַדורכגעפֿלויגען, און קיין בן-אדם האָט זיך אין דער ווינטערדיגער ווייטקייט נישט בעוויזען. פּלוצים האָט מירעל עפּיס ווי אַ זיפֿץ געטאָן, זיך פֿאַמעליך און פֿערקלערט ערגיץ אין אַ זייט פֿערקוקט און אויך אַזוי פֿאַמעליך און פֿערקלערט אָנגעהויבען דערצעהלען, ווי

אין איינעם אַ ווינטערדיגען פֿרייטאָג=צו=נאַכטס האָט זיך פֿאַר איהר זייער דיענסטמיידעל געקלאָגט:

— ווי וועט זי דאָס אָהן יאָדערען איינע אַליין ביז עלף אַ זייגער אויסזיצען? משוגע וועט זי דאָך דאָ ווערען.

און אין אַ קליין שטיקעל צייט אַרום האָט זי, שפּאַצירענדיג אין קרייז=שטאָדט, אונטערגעהערט, ווי אַ קורסיסטין האָט זיך פֿאַר אַ סטודענט געקלאָגט:

— גאָט איהרער! זי האָט לחלוטין נישט אין דערהיים, וואָס צו לעזען, פֿונ'ם זינען וועט זי דאָך דאָרט איינע אַליין אַראָב.

און דאָ האָט זי זיך אָקאָרשט אויף סאַפּיאַנ'ען אומגעקוקט, זיך געלאָזט מיט איהם ווייטער געהן און געפֿרעגט:

— איהר פֿערשטעהט, סאַפּיאַן? איינע און די זעלבע פּוסטקייט וויל מען פֿון זיך מיט יאָדערען און מיט אַ בוך פֿערטרייבען?

— צי ער פֿערשטעהט?

ביים פּראָוויזאָר=געהילף סאַפּיאַנ'ען זענען די אַרויסגעקראָכענע פֿאַרבלויזע אויגען נאָך גרעסער געוואָרען, און אַ האַלבע זייט נאָז האָט ביי איהם נערוועז פֿון חקירה=התלהבות אונטערשפּריגען אָנגעהויבען.

— דיעלאָ וו=טאָם, וואָס זי, מירעל, האָט גאָר וואָס צוויי פֿערשיידענע זאַכען צינויפֿגעמישט...

נאָר מירעל האָט איהם שוין איבערגעשלאָגען און איהם אויף מריט=סימנים, וואָס אי'פֿ'ן שניי, אָנגעוויזען:

— ער דערקענט זיי, אָט די מאַנסבילשע טריט? דאָס איז זי מיט ליפּקיס'ן נישט לאַנג אויף דעם זעלבען אָרט אַרומגעגאַנגען.

צי האָט זי איהם דערמיט געמיינט פּשוט די רייד איבערשלאָגען? צי אפשר האָט זי גאָר געוואָלט, אַז ער זאָל דאָס נאָכדעם ליפּקיס'ן איבערדערצעהלען און זאָל ביי איהם אַ פֿערדראָסיגע בענקשאַפֿט צו אָט די טריט=סימנים אַרויסרופֿען?

אַליין איז זי דענסטמאָל נאָך לאַנג, לאַנג איבער אָט די שנייאיגע פֿעלדער מיט סאַפּיאַנ'ען אַרומגעגאַנגען און איהם אַלע מאָל געפֿרעגט, צי ס'איז איהם אָנגענעהם מיט איהר צו געהן, און צי דער בעל=הבית זיינער, דעם גלח'ס איידעם, וועט אויף איהם ברוגז נישט זיין.

אימגעקעהרט האָט זי זיך מיט איהם צוריק אין שטעדטיל, ווען אין דהיימען האָט שוין טונקעל ווערען אָנגעהויבען, און די נעב־לען, וואָס אַרום, האָבען זיך נידעריגער צו דעם שניי אַראָפּגעלאָזט און זיך גענומען אַקעגען נאַכט שטאַרקען. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר איהר שטוב, כּדי איהם נאָך אַמאָל צו בּעדאַנקען:

— איז בּיי איהר שטאַרק אָנגעלעגט, וואָס איהם איז לאָטש איך אָנגענעהם מיט איהר געווען... זי האָט דאָך בּיי איהם אַזוי פיעל צייט אָפּגענומען.

נאָר דאָרט איף דער שוועל פון קראָם, וואָס צווישען קע־גענאיבּערדיגען צייל הייזער, האָט זיך איהר געוועזענער מחותּנת'טעס אַ שמייכעלדיגע קרובה בּעוויזען, עמיצען דאָרט אויף איהר מיט סאַפּיאַנ'ען אָנגעוויזען אין, דוכט זיך, דערבּיי הנאה געהאַט:

— זי האָט שוין, דאַנקען גאָט, אַ נייעם העלט געלאַפּט.

האָט זי זיך איף צו־להכעיס נאָך אַמאָל צום אָוועקגעהענ־דיגען סאַפּיאַנ'ען איסגעדרעהט און שוין צו איהם אויפ'ן קויל אויס־געשריען:

— איז איב ער וויל, ווערט זי איהם מאָרגען אויך פון דער אַפּטייק אַריסרופען.

אין נאָך אַמאָל האָט זי זיך צו איהם אויסגעדרעהט און נאָך העכער דעם קויל איהרען אויפגעהויבען:

— אין דער זעלבער צייט, וואָס היינט, ווערט זי איהם פון אַפּטייק אַריסרופען.

אַ גאַנצען אָבענד איז איהר שוין נאָכדעם פוסט אין איהר אָפּגעזונדערטען·חדר געווען — פוסט פון די עטליכע שעה, וואָס זי איז מיט'ן פּראָוויזאָר־געהילף סאַפּיאַנ'ען אַרומגעגאַנגען, פוסט פון איהר געוועזענער מחותּנת'טעס קרובה און דערפון, וואָס אין עס־צימער איז די אינצופרידענע גיטעלע אויף דער קאַנאַפּע געזע־סען, געהערט שווייגענדיגערהייד דער יונגער רבּי'צינס פּלאַפּלעריי, געקוקט מיט אַ שמייכעל אויף די אייגענע פינגער־נעגעל, און דאָך די גאַנצע צייט נישט פערגעסען אָן איהר, מירלע'ן, וואָס זי פיהרט מיט איהר שוין צוויי וואָכען צייט אַ פער'עקשנ'ט־שווייגערישע פּאָ־ליטיק, און וואָס איבּער איהר איז אַהער אין שטוב נאָך אַלין נישט אַראָפּגעקומען יענער, וואָס אויף איהם האָט מען דאָ די גאַנצע

צייט געווארט, און וואָס צוליעב איהם האָט מען דאָ די גאַרדינען אויסגעהאַנגען, די סאַמעטענע שטעזשקעס איסגעשפרייט און די קיהלע זאַל בעהייצט.

זי האָט נישט געקענט דאָ אין חדר אַיינזיצען, האָט זיך צוריק אין סאַק אַנגעטאָן, פערויקעלט צולעצט דעם קאָפּ מיט׳ן שאַרף, זיך אויף אַ ווײלע אין עס־צימער פערהאַלטען און דאָרט צו דער מוטער איהרער געזאָגט:

— מ׳מעג שוין, דוכט זיך, אויפהערען די זאַל צו בעהייצען, נישׁ׳קשה... אין בכלל... ס׳איז שוין, דוכט זיך, צייט דעם „יום־טוב“ פון שטוב אויסצוראַמען.

די שווייגענדיגע גיטעלע האָט זיך קיין ריהר איף דער קאַנאַפּע נישט געטאָן אין זיך צו איהר אַפילו נישט אומגעקוקט. אַ שמייכעל פון אַנ׳עקשן האָט זיך נאָר אַרום איהר געשלאָסענער מויל בעוויזען, און געזאָגט האָט זי קאַלטבלוטיג און שטיל, קוקענדיג ערגיץ אַהין, צום היבשען פענסטער, וואָס קעגענאיבער דער רבי׳ס צינם פלייצעס:

— ווער מען אַרט עס, אַז אין שטוב איז „יום־טוב“?

מירעל איז אַנ׳איפגערעגטע פון שטוב אַרויסגעגאַנגען און איז איינע אַליין ערגיץ איף אַ גאַנצען אָבענד פערשוואונדען. דעם קאַסיר זייערן, דעם קרוב, וואָס זי האָט איהם נישט ווייט פון שטוב בעגעגענט, האָט זי נאָך אָבגעשטעלט און איהם געזאָגט:

— ער קען איהר געבען צו פערשטעהן, וואָס פאַר אַ טיפּ איז זי, די מאַמע איהרע?

און נאָך:

— דער עיקר, וואָס זי, די מאַמע איהרע, שמייכעלט און שווייגט, ווי עמיצען איף צו־להכעיס... מ׳וואָלט אין אמת׳ען געקענט מיינען, אַז זי האָט פיעל וואָס צו זאָגען, און שווייגט נאָר דעריפאַר, וואָס זי איז צו קלוג.

און נאָכדעם איז שוין אַזוי געווען עטליכע טעג נאָכאַנאַנד: אַוועקגעגאַנגען פון שטוב איז זי תחילת אָבענד, ניט אויסרעדענדיג צו קיינעם אַ וואָרט, און אומגעקעהרט האָט זי זיך שפּעט נאָך האַלבער נאַכט. ווען אין שטעדטיל זענען שוין דורכאויס אויסגעלאָשען די לאָמפּען געווען, און די שטוב זייערע האָט שוין אין

דער מיט פֿון אַ פֿעסטען און שווערען שלאָף געהאַלטען. אונטער=ליך איז געווען צו טרעפֿען, וואָרין זי ווערט דאָס פֿערשוואונדען.

די אַקישאַרקע שאַץ איז דאָך שוין דעם פֿינפֿטען מעת=לעת ערגיץ וואו ביי אַ פּריצה אַ קאָמפּאַניאָן אין אַ נאָהענטען דאָרף גע=ווען, און אַ היבשער שלעסיל איז אויף דער טיר פֿון איהר עק=דאָרפֿישער שטיבעל געהאַנגען.

איינמאָל, קומענדיג מיט דער פּריצה'ס פֿוהר איינקויפֿען אין אַפּטייק, איז די אַקישאַרקע שאַץ אַהער צו דער שטוב צוגעפֿאָהרען און אויף מירלען געפֿרעגט. גיטעלע איז עטוואָס רויט געוואָרען און האָט שטיל געענטפֿערט:

— זי איז אַוועקגעגאַנגען, מירעל... צו דער פּאָטאָגראַפֿישע, דער ראָזענבוימ'לע, איז זי געווים אַוועקגעגאַנגען.

נאָר ווען די אַקישאַרקע שאַץ איז אַהין צוגעפֿאָהרען, האָט זי דאָרט קיינעם נישט געטראָפֿען, אַחוץ מירעל'ס געוועזענעם חתנ'ס צוויי שוועסטער, וועלכע זענען געזעסען אין יענעם קליינעם און נידעריגען חדר מיט דער שטאַרק רויטער פּאָרלאָגע, וואָס איז מיט וואַזאָנעס און מיט אַ ריח פֿון גרי'אישע מאכלים פֿול געווען, און האָבען געהערט, ווי די פּאָטאָגראַפֿשיכע, די ראָזענבוימיכע, שפּיעלט אויף אַ גיטאַרע.

— נישט געווען דאָ מירעל? — האָט זי, אַריינקומענדיג אַהער אין חדר, געפֿרעגט.

דענסטמאָל האָבען זיך מירעל'ס געוועזענעם חתנ'ס שוועס=טער מאָדנע שמייכלענדיג אַדורכגעקוקט, און דעם פֿאָטאָגראַפֿס ווייב, די ראָזענבוימיכע, האָט דעם קאָפּ פֿון דער גיטאַרע אויפֿגעהויבען און אַזוי ערשטוינט געענטפֿערט:

— זי קומט דען אַמאָל אַהער אַריין, מירעל הורוויץ?

ס'איז אַריין קריסטליך אויסגעזעהן ס'איז ביי אָט דער ראָזענבוימיכע געווען! נישט אומזיסט האָבען זיך שוין וועגען איהר איבער'ן גאַנצען שטעדטיל קלאַנגען אַרומגעטראָגען, אַז פֿריהער, ווי זי האָט מיט'ן פֿאָטאָגראַף ראָזענבוים'ען חתונה געהאַט, האָט זי ערגיץ אין אַ גרויסער שטאָדט מיט אַנ'אָפֿיציר געלעבט.

אין איינעם פֿון אָט די אָבענדען, ווען מירעל איז, ווי שטענ=

דיגן, אין דערהיים ניט געווען, האָט זיך אין דער פֿינסטער, וואָס נעבן ר׳ גדליה הורוויץ׳עס שטוב, אַ פֿרעמדע בעל-עגלה׳שע פֿוהר אָפּגעשטעלט, און אַ מיטעלוואוקסיגער אונבעקאַנטער יוד איז פֿון איהר אַנגעפּעלצטערהייד אַראָפּגעקראָכען, זיך אָפּגעשטעלט אינ׳ם בעלייכטענעם פֿעדערשטיבעל און דאָרט גענומען שמייכלען מיט זיינע קליינע אייגעלעך:

— ער איז אַהער צוגעשיקט געוואָרען... פֿון יעקב-יוסעל זיידענאָווסקי׳ען איז ער אַהער געשיקט געוואָרען.

כ׳האָבען איהם דאָרט בעגעגענט גיטעלע מיט׳ן יינגען קרובֿ דעם קאַסיר, געזעהן, ווי ער שלעפּט פֿון זיך פּאַמעליך אַראָב די בורקע מיט׳ן פּיזימענעם טולופּ און הענגט זיי אויף אויך אַזוי פּאַמעליך אויף דער שאַראַגע; געזעסען מיט איהם נאָכדעם אין עס-צימער ביים טיש אין געהערט, ווי ער דערצעהלט, בעטראַכט און נישט-געכאַפּט:

— איז ער, הייסט עס, נישט קיין שדכן... און בעדאַרף, חלילה, דערצו נישט אָנקומען...

אַ סקלאַד פֿון זעק האָט ער אינ׳ם היבשען שטעדטיל, וואָס נעבן כרך. און אַלטע גוטע פֿריינד קעהר ער זיך מיט יעקב-יוסל׳ס הויזגעזינד אָן.

ער האָט געהאַט אַ היבשע גראָהליכע באָרד מיט אַ לאַנגער, צו׳ם מויל פֿערקיילעכטער נאָז, וואָס אויף איהר האָבען זיך אונטער דער הויט ברוין-בלאָהע אָדערן געצווייגען; אויסגעזעהן מאָדנע לייטיש אין זיין לאַנגען שוואַרצען סורדוט, און האָט לייטישערהייד מיט זיינע קליינע גרויע אייגלעך צו שמייכלען נישט אויפגעהערט:

— איז ער, הייסט עס, אַהער צוגעשיקט געוואָרען... פֿון יעקב-יוסעל זיידענאָווסקי׳ען איז ער אַהער צוגעשיקט געוואָרען.

ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט שוין דערנסטמאָל ביי ר׳ גדליה הורוויץ אין עס-צימער דער הענג-לאָמפּ געברענט.

גיטעלע איז צולעצט צו זיך אין שלאָפצימער אַוועקגעגאַנגען און זיך דאָרט שלאָפען געלעגט. עמיצער האָט איהם — דעם צוגעשיקטען יודען, דעם גאַסט, אַ פֿרישען געלעגער אין ר׳ גדליה׳ס קאַבינעט צוגעגרייט און זיך אויך שלאָפען געלעגט. און ער, דער פֿרעמדער יוד, דער גאַסט, האָט אָקאָרשט פֿונ׳ם פּעקיל פֿון זיינעם 74

ליפּערט׳ס קולטור־געשיכטע אין דער העברעאישער איבערזעצונג אַרויסגענומען, זיך מיט איהר צום טיש, וואָס אין עס־צימער, געזעצט אין זיך דערבּיי פֿאַר׳ן אַוועקגעהענדיגען קאַסיר פֿערענטפֿערט:

— ער האָט אַמאָל אַקראָם פֿון יודישע ספֿרים געהאַלטען...

איז איהם נאָך, הייסט עס, פֿון דענסטמאָל אָן פֿערבּליבּען די טבֿע, אַריינצוקוקען בּיז שפּעט אין דער נאַכֿט אין אַ ספֿר.

דער קרובֿ האָט זיך אָבּגעזעגנט און איז אַהיים אויף נאַכֿטלעגער אַוועק. די דיענסט האָט נאָך איהם די טיר פֿערשלאָסען אין הילכיג צו שנאָרכֿען אינ׳ם פּוסטען קיך־חדר געגומען. און ער איז נאָך אַלײן בּיים טיש איבּער׳ן ספֿר געזעסען און אַלײן נעהענטער און נעהענטער צו זיך דעם הענג־לאָמפּ געצויגען. פֿון איינעם אַנ׳עקסטען דרייסען־לאָדען האָט זיך צולעצט אַהער מירעל׳ס קלאַפּען דערהערט, — האָט ער זיך פֿינ׳ם ספֿר אויפֿגעהויבּען, געגאַנגען איהר די טיר עפֿענען, זעם קאָפּ מיט די שמייכֿעלדיגע גרויע און גוטע אויגעלעך אין דרויסען אַרויסגערוקט און דערבּיי מאָדנע פֿיהלבּאַר און צעמישט, ווי אַ קליין שעמעוודיג קינד, צו שטאַמלען אָנגעהויבּען:

— המם...אָנגענעהם... אָנגענעהם.

מירעל האָט אַ ציטער געטאָן מיט אַלע אבֿרים, דערזעהענדיג אָט דעם אַרויסגערוקטען פֿרעמדען פּנים, זיך געשווינד אַ ריס געטאָן צוריק און זיך מיט אַ האַנד פֿאַר׳ן קלאַפּענדיגען האַרץ געכאַפּט:

— אוי... זי האָט זיך אַזוי דערשראָקען.

אין אַריינקומענדיג אין שטוב, האָט זי זיך נאָך אַלײן פֿון איהם אין איין אָפּריקען געהאַלטען און ווי מורא געהאַט, ער זאָל זיך צו איהר צורירהען.

פֿינ׳ם קאָפּ בּיז די פֿיס איז זי אין שוואַרצען געווען אָנגעטאָן, האָט שוין דערפֿאַר איהר פֿיגור שלאַנקער און בּיינגער, ווי תּמיד, אויסגעזעהן, און אַ ריח, אַ קוים־קוים שמעקענדיגען, האָט זי אַרום זיך פֿערשפּרייט אין געווירקט אויפֿ׳ן פֿרעמדען יודען, ער זאָל אויפֿגערעגט זיין און זאָל שעמעוודיגערהייד צו שמייכֿלען און צו שטאַמלען נישט אויפֿהערען:

— המם...המ... דערשראָקען? וואָס איז שייך? אָנגענעהם... זעהר אָנגענעהם.

ער האָט אַזוי לייטיש מיט זיין קינדערשער פֿיהל־
באַרקייט אַרויסגעזעהן, אין דערמיט, וואָס ער האָט איהר די האַנד נישט געגעבען.
אין דאָך האָט זי זיך נאָכדעם לאַנג נישט געקענט בערוהיגען, אָבּ־
געוואַרט, ביז ער האָט זיך שלאָפֿען געלעגט און איז געגאַנגען וועקען
פֿון שלאָף די געשמאַק־שנאָרכענדיגע דיענסט־מיידעל:
— וואָס איז דאָס פֿאַר אַ יוד?
— אַ יעדענפֿאַלס, וויס זי כּאָטש אויף געוויס, אַז ער איז
נישט קיין גנבֿ.
און דער יוד, דער גאַסט, האָט נאָך איהר קול צו זיך אויפֿ'ן
געלעגער דערהערט און פֿון גוטסקייט, צי פֿון אויפֿגערעגטקייט, נאָך
שעמעוודיג געשמייכעלט צו זיך אַליין:
— אַ גנבֿ?... וואָס איז שייך?... אַ וואויל קינד... זעהר
אַ וואויל קינד.

עטליכע מעת־לעת איז דאָרט אין שטוב דער צוגעשיקטער
יוד אָבגעשטאַנען, און אַלע פֿריה־מאָרגען, ווען מירעל האָט זיך פֿון
שלאָף אויפֿגעכאַפּט, האָט זי געהערט, ווי אין עס־צימער, וואָס אי־
בער דער שטילער זאַל, טרינקט מען פּאַמעליך טיי מיט מילך, און
ווי ס'איז דאָרט קיינער נישטאָ, אַחוץ דעם פֿרעמדען יודען, וואָס
דערצעהלט פֿאַר דער לייטיש־שווייגענדיגער גיטעלע'ן און פֿאַר'ן
איבערגעגעבענעם קרובֿ, דעם קאַסיר:
— וויל מען, הייסט עס, דאָרט מירלע'ן אַודאי מיט'ן גאַנצען
לעבען... וואָס פֿאַר אַ שאלה?...
ער דער יינגערמאַן... שמואליק, הייסט עס, וויל... און יעקבֿ־
יוסעל אַליין... און די ווייב זיינע, מינדעל.
און וואָס נאָך?
— זיי פֿרעגען ביי אייך נישט אויף קיין געלד און אויף
קיין צוזאָג... און אַזוי האָט מען איהם טאַקע געהייסען זאָגען.
מירלע'ן איז שוין פֿון דעם דאָ, אין בעט ליגענדיג, אַזוי
עקעלדיג אויף דער נשמה געווען. און פֿון עס־צימער האָט זיך נאָך
אַהער אַליין דער שטילער אין איבערגעריסענער שמועס געטראָגען:
— אין מענשען, בעדאַרף ער זיי זאָגען, זענען די יידענאָזוסקים
מאָדנע לייטישע... ווייכע...

— אין דער בחור אַליין... אַ וואוילער בחור... גאָר, גאָר אַ וואוילער בחור.

דער ייִד איז צולעצט אַוועקגעפֿאָהרען און אָנגעהויבען אָהער צו שיקען אָפֿטע בריעף מיט אײַלענדיגע טעלעגראַמעס, וואָס עס האָבען מיט אַזאַ נײַגעריגקייט געלייענט גיטעלע מיט'ן וואַקסיגען יונגען מאַן, דעם איבערגעגעבענעם קאַסיר. גיטעלע האָט בשעת מעשה אַ גיפֿטיג־שטילע טענה פֿון אַניעקשני׳ניצ — אַ שווייגערין געהאַט, אין דער קאַסיר האָט, שטעהענדיג נעבען איהר, אַ שטאַרק פֿערקנייטשטען שטערן געהאַט, — צופֿיעל פֿערקלערט מיט דער נאָז אַרויף געשמאָרעט און זיך אַזוי לאַנג געקליבען מיט מירלען איבערערעדען, ביז זי אַליין האָט איהם איינמאָל אין דריטען בײַ דער שטוב אָפּגעשטעלט און האָט איהם געזאָגט:

— זאָל ער טאַקע אַזוי גוט זײַן און דער מאַמען איהרער איבערגעבען: זי מעג זײַן זיכער, אַז ס'וועט פֿון דעם גאָרנישט זײַן...

זי איז שוין אַפילו צופֿיעל איבערגערעגט געווען, בשעת זי האָט איהם אַט די ווערטער געזאָגט, און דאָך, ווען אין עטליכע טעג אַרום איז זי גלאַט אַזוי אין קרייז־שטאָדט אַוועקגעפֿאָהרען, איז עמיצער פֿון דאָרט אָהער געקומען און דאָ וועגען איהר איבער'ן גאַנצען שטעדטיל נײַע קלאַנגען פֿערשפּרייט:

— יאָ, מ'האָט זי דאָרט מיט שמואל ווידענאָווסקי'ן אַרומגעהן געזעהן.

אין מאַלאַראָסי'שען טעאַטער האָט מען זי דאָרט מיט איהם געזעהן, אין נעבען דער „טורמע“, וואָס אַרויס דער שטאָדט האָט מען זי מיט איהם געזעהן.

שווער איז שוין געווען אַניעק דערגעהן, צי, פֿאָהרענדיג אין קרייז־שטאָדט, האָט מירעל געוואוסט, אַז זי וועט זיך דאָרט מיט איהם טרעפֿען, צי דער טרעפֿען זיך איז שוין אַ צופֿעליגע און אונגערייכטע זאַך אַפילו פֿאַר גיטעלע'ן מיט'ן קאַסיר געווען.

אין עטליכע טעג אַרום איז זי אַ בלאַסע און אומעטיגע פֿון קרייז־שטאָדט אַהיים געקומען. ס'איז געווען אַרום צווי אַ זייגער בײַטאָג, און אין עס־צימער איז נאָך אויפֿ'ן קיילעכדיגען טיש די

ווייסע טישטוך פֿון מיטאָג געלעגען. גיטעלע איז דאָ נאָך אויבען=
אַן ביים טיש אַקעגען דעם קרוב — דעם קאַסיר געזעסען און זיך
מיט אַ שוועבעל=שטעקעלע די ציינער געריינ־גט. מירעל האָט, דורכ=
געהענדיג דעם צימער, צו קיינעם אַפילו קיין וואָרט נישט אויס=
גערעדט און זיך אפשר אויף אַ גאַנצער האַלבער שעה ביי זיך אין
אָבגעזונדערטען חדר פֿערמאַכט. גיטעל האָט דאָ די גאַנצע צייט
דעם קרוב, דעם קאַסיר, אין איין מינטערן געהאַלטען:

— פֿאַרוואָס זאָל ער צו איהר אַהין נישט אַריינגעהן און
זאָל זי נישט אַ פֿרעג טון? זי פֿערשטעהט בשום אופֿן נישט,
פֿאַרוואָס...

נאָר דער בעטראַכטער יונגער מאַן — דער קאַסיר האָט זיך
נישט געאיילט, געקנייטשט דעם שטערן און געשמאָרעט מיט דער
נאָז אַרויף. מירעל האָט זיך דערווייל ביי זיך אין חדר איבערגעטאָן,
גענומען אויף זיך דעם שוואַרצען סאַק מיט׳ן שאַרף און זיך גע=
לאָזט אין גאַס געהן. האָט ער זיך אָקאָרשט פֿונ׳ם בענקיל אויפֿ=
געהויבען, איהר נאָכגעגאַנגען ביז׳ן קאָרידאָר און זי דאָרט אָבגע=
שטעלט:

— יאָ, ער האָט זי געוואָלט פֿרעגען... האָט ער זי געוואָלט...

אַנ׳ענטפֿער האָט ער באַלד בעקומען אַנ׳אונצופֿרידענעם און
אַ מאָדנע שטרענגען:

— זי האָט דאָך איהם שוין איינמאָל געזאָגט, אַז ס׳וועט
פֿון דעם גאָרנישט נישט זיין.

ער איז אויף אַ ווײַלע אין קאָרידאָר שטעהן געבליבען און
נישט געוואוסט, צי ער זאָל זיך צוריק אין שטוב אומקעהרן. און
זי איז אַ רוהיגע און גלייכגילטיג=אומעטיגע פֿון די זאַניק=טרעפּ=
לעך אַראָבגעגאַנגען און פֿאַמעליך ערגיץ אַהין אַרויף שטעדטיל
אַוועקגעשפּאַנט. ס׳איז געווען אַ טונקעל=מרה׳שחורה׳דיגער און
גרינג=פֿראָסטיגער טאָג, וואָס נאָך אַ זונענדיגען יריד, אַ „ווידלע"*
גליטשיג איז אונטער די פֿיס דער ברודיגער שניי געווען, און אויך
אין אַזעלכער בלאָטיג=ברודיגער, ערטערווייז פֿערבליבענער שטרוי
האָבען דאָרפֿישע חזירים מיט יודישע בהמות זייערע נעזער גע=

* אַ נאָכגעלאָזטער פראָסט.

שטופּט. ערגיץ־וואו נעבן טירען פֿון קליינע מעהל־געוועלבלעך זענען דאָ און דאָרט אָנגעפּעלצטע און שטאַרק־פֿערבונדענע ווייבלעך — קרעמערינס געשטאַנען אין איהר נייגעריגערהייד מיט די אויגען נאָכגעקוקט:

— איז זי שיין, זאָגט מען, כּמעט ווי אַ כּלה, מירעל?

זי האָט זיך לינקס מיט'ן הינטערגעסיל, וואָס אין עק שטאָדט, גענומען, אַריינגעגאַנגען דאָרט דורך דער הויז־טיר צו ליפּקיס'ן אין שטוב און זיך דאָרט דערפֿרעגט:

— ער איז נישטאָ אין דער היים, ליפּקיס?

ס'האָט זי פֿון דאָרט מיט גרויס דרך ארץ אַרויסגעבעגלייט די אַלמנה, די מאַמע זיינע, און עטליכע מאָל איבערגעחזר'ט:

— ער לערנט איצט ערגיץ... בּיי זיינע תּלמידים לערנט ער איצט ערגיץ.

איז זי פֿון דאָרט מיט דער איינגעטרעטענער סטעזשקע, וואָס אַרויס דער שטעדטיל, צו דער אַקושאָרקע שאַין אַוועקגעגאַנגען, געטראָפֿען דאָרט אַ שלעסיל אויף דער טיר הענגען און אויסגעהערט די גויה — די שכנה:

— צו אַ קימפּעטאָרין פֿון קאַשפּעריווקע האָט מען זי נעכטען בּיינאַכט אַרויסגערופֿען.

זי האָט זיך אַזאַ מרה־שחורה'דיגע צוריק אין שטאָדט אומגעקערט, זיך אָבּגעשטעלט פֿאַר דער אַפּטייק, נאָר ווייזן עפּיס אַ טראַכט געטאָן און זיך געלאָזט ווייטער, דורכגעגאַנגען נאָר נאָהענט פֿאַרבּיי איהר געוועזענעם מחותּנ'ס שטוב מיט די אויסעגווייניגסט בּלאָהע לאָדענס, געכאַפּט אַהין אַ קוק און געזעהן:

קיין איינציגע פֿיהר איז דאָרט פֿאַר'ן גאַניק נישט געשטאַנען, און קיין מענשען האָבּען זיך פֿאַר איהר נישט בּעוויזען. אַוואוקמיגער פּויער אַ „שליאַכטיטש“, וואָס האָט, אַפּנים, אַ קליינע הלואה אויף דער קומענדיגער זומער־אַרבּייט געבּעטען, איז נאָר מיט ליידיגע הענד פֿון דאָרט אַרויסגעגאַנגען, זיך אָבּגעשטעלט, געטאָן אַ הילכיגען זיפֿץ, אָנגערוקט די ווינטערדיגע היטעל איבּער די אויערן און זיך בּעטראַכט, אַז ס'איז איהם איצט אַלץ איינס, וואוהין ער זאָל נישט אָנקומען, און אַז דערפֿאַר מעג ער שוין געהן אַהין, וואוהין די אויגען זיינע וועלען איהם טראָגען.

זי האָט זיך איינע אַליין אַרומגעדרעהט, ביז אין דרויסען האָט טונקעל ווערען אָנגעהויבען, און אַ נאָך=מעהר טונקעלע נאַכט האָט זיך גענומען איבּ'ן שטעדטיל אָנרוקען. בעגעגענט שוין נישט ווייט פון איהר פאָטערס שטוב דעם געוועזענעם חתנ'ס 18=יאָהריגען געשוועסטער=קינד, וועלכער איז צום פעטער זיינעם טיי טרינקען געגאַנגען, און זיך מרה=שחורה'דיג און מאָנאָטאָניש=שטיל פאַר איהם געקלאָגט:

— ער איז אַ מבין אויף דער פוסטקייט, וואָס דאָ אין שטאָדט האָט צו הערשען אָנגעהויבען?... ס'איז פשוט נישטאָ, מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדען.

V

כמעט אַלע בייטאָג איז זי שוין נאָכדעם אין דרויסען ביי דער שטוב געשטאַנען און געזעהן:

פ'שטאַרקען זיך די קליינע פרעסט אַקעגען דער מיט=ווינטער=דיגער חנא „ראָזשדיעסטוואָ“, און די ברודיג=פערפרוירענע, אָבגע=דעקטע געגענד קוקט שוין אין משך פון גאַנצע גרויע טעג צו יענער מרה=שחורה'דיג=פערטונקעלטער זייט, וואוהין ס'בלאָזט מיט שטאַרקייט דער סמאַלענדיגער ווינט. די שטעדטיל וואַרט פון דאָרט אויף אַ נייעם אונגליקליך=פערוואָגעלטען שניי און הערט, ווי גוהאַלדיג און טרויעריג ס'רוישען שוין וועגען דעם די אַרומיגע אָפּ=געפאַלענע און שטאַרק נאָגענדיגע בוימער:

— ער מוז דאָך ענדליך אויסברעכען, אָט דער נייער שניי... ער מוז...

ערגיץ וואו, אין פערשיידענע שטאָדט=ווינקלען, האָבען זיך וואַרים אָנגעטאָנע קינדער אין חדר אַריין פון מיטאָג איינציג=וויז אומגעקעהרט. זיי זענען געגאַנגען פאַמעליך און פויל, זיך אַלע מאָל מיט די פלייצעס צום ווינט אָבגעשטעלט און זיך פערקלערט:

— זי וועט קומען, די בלינדע נאַכט... אין גיכען וועט זי שוין געוויס קומען.

אין פון דאָרט, מיט'ן וועג, וואָס פיהרט אַהער פון דער מרה=שחורה'דיג=פערטונקעלטער פעלדער=זייט, איז שוין אַלע מאָל אַ נייער דורכפאָהרענדיג=פרעמדער שליטען אָנגעקומען, געפיהרט עמי=

צען אויף יום־טוב, אַ לייכט־געקליידטען און שטאַרק פּערפרווירענעם טעלעגראַפיסט, וועלכער איז נאָך גאַנץ פריה מיט'ן באַהן אין די היגע מקומות אָנגעקומען. די פאָהר האָט זיך געשליטעלט מיט איהם אַלין ווייטער א'ן ווייטער אַקעגען דעם ברענענדיגען ווינט און איהם אָהן לשון גיטע הבטחות צוגעזאָגט:

— אָט באַלד, אָט באַלד: אַ שטאַרק וואַרימע און שטאַרק בעלייכטענע שטיבעל, אַ היים... אַ פריינדליכער שמייכעל פון פּוי־עריס־טאַטע־מאַמע מיט אַ לאַנגער און פינסטערער דאָרפס־נאַכט — אַ יום־טוב.

אַ היימישער יוד, אַ גאוה'ניק, אַ יורד און אַ לײידיגגעהער, איז צו איהר פאַמעליך און אַיינגעדריקערט אַהער צוגעגאַנגען. ער האָט זיך אָבגעשטעלט מיט פערלעגטע הענד אין די אַרבעל, זיך מיט אַ זיפץ אין דער ווייט פערקוקט און פאַמעליך אָנגעהויבען דערצעהלען וועגען זיין יונגער טאָכטער — מירעלי'ס אַ געוועזענער חברטע — וואָס לערנט שוין דעם דריטען יאָהר אין פּאַריז:

— שרייבט זי איהם פון דאָרט, אַז זי וועט אַזוי גיך אַהיים נישט קומען, די טאָכטער זיינע... ביז זי וועט נישט ענדיגען, וועט זי אַהיים נישט קומען.

דער יוד האָט זיך פערקוקט אויפ'ן וועג, וואָס פיהרט אין יענעם היבשען א'ן ווייטליכען דאָרף מיט דער צוקער־פאַבריק, וואו דער תמיד פרעהליכער און תמיד בעשעפטיגטער נחום טאַראַבי פיהרט אַ פריצ'יש־נגיד'ישע שטוב, און נאָך מעהר פאַמעליך גענומען דער־צעהלען וועגען דעם, וואָס אָט דעם נחום טאַראַבי'ס קינדער זע־נען זיך שוין אַהין אין דאָרף אויף חגא צונויפגעפאָהרען:

— איז שוין איצט דאָרט אין דאָרף דער קלענערער זוהן זיי־נער, דער פּאָליטעכניק, פאַרהאַן, און דער יונגעל, דער רעאַליסט... און נאָך איינער אַ יונגער פּאָליטעכניק... דעם זוהנס, זאָגט מען, אַ חבר.

אַזאַ בענקשאַפט האָט זיך שוין אינ'ם געפאַלענעם יודענס קול געהערט, א'ן גערעדט האָט ער שוין מיט אַזאַ ווייכקייט וועגען אָט די צוויי פּאָליטעכניקעס, וואָס אין דאָרף, גלייך ביידע וואָלטען זיי געוועזען נישט אַנדערש, ווי די חתנים פון זיין צוטערדיגער טאָכ־טער, וואָס לערנט זיך שוין דעם דריטען יאָהר אין פּאַריז. און

ווען איהם איז שוין צולעצט שטעהן דאָ נמאס געוואָרען, און אַוועקגעגאַנגען איז ער ערגיץ ווייטער וועגען אָט דעם זעלבען דער־צעהלען, איז זי, מירעל, נאָך לאַנג דאָ בּיי דער שטוּב געשטאַנען און האָט געטראַכט וועגען זיך און וועגען די טעג, וואָס געהען אַוועק:

— וואָכעדיג ציהט זיך דאָ איהר לעבען... וואָכעדיג איז עס ביז אָט דער מיט־ווינטערדיגער חגא געווען און וואָכעדיג וועט זיך עס ציהען אַלץ ווייטער און ווייטער.

ווייט, ווייט, קעגענאיבער דעם האָריזאָנט האָט זיך שוין גע־מאָלט דער פרעמדער דאָרף מיט דער צוקער־פאַבריק, און די האַרץ האָט געגאָגט און מאַכטלויז־שטיל געצויגען צו יענע צווי פריש־פּנים׳דיגע און יונגע פאָליטעכניקעס, וואָס שפּאַצירען איצט דאָרט געוויס, נאָך אַ לאַנגען בייטאָגעדיגען שלאָף. ס׳האָט זיך אויך גע־מאָלט די גרויסע שטאָדט, פון וואַנען זיי זענען ערשט נעכטען אַראָבגעקומען. און ס׳האָט זיך געקלערט:

— עפּיס אַנ׳אַרבּייט האָבען זיי אין יענער גרויסער שטאָדט ביז אָט דער גוי׳אישער חגא פערענדיגט... און צו אַ נייער וועלען זיי, קומענדיג צוריק אַהין, זיך ווידער נעהמען גרייטען.

— און זי, מירעל, וואָס האָט זי ביז אָט דער מיט־ווינטערדיגער חגא אָבגעטאָן?

אין קרייז־שטאָדט איז זי געווען. און זיך דאָרט עטליכע טעג אַרומגעשלעפּט מיט אַ וואַוקסיגען, נגיד׳ישען בחור, וואָס מ׳רופט איהם שמוליק ויידענאָווסקי; די גאַנצע שטעדטיל ווייס שוין וועגען דעם — און גאָרנישט וועט פון דעם נישט ווערען.

ס׳ווערט איהר נמאס אין דרויסען צו שטעהן, געהט זי אַריין צוריק אין שטוּב, לעגט זיך אַוועק בּיי זיך אין חדר אויפ׳ן בעט און טראַכט וועגען אָט דעם בחור אַזוי גלייכגילטיג און קאַלט:

אַ וואוקסיגער און יונגער בחור אין אַ הויכער ביבערנער הי־טעל און אין אַ נייעם טכויירענעם טולופּ, וואָס בעדאַרף אַ חתן ווע־רען און האָט אַ יונגען פאָטער מיט געשעפטען אויף אַ האַלבען מיליאָן. דרעהט ער זיך אַרום אויף דער פראָווינציאַליש־רוישיגער גאַס פון קרייז־שטאָדט, שטעלט זיך אָב, בעגעגענענדיג זיך מיט זיין געוועזענעם העברעאישען לעהרער, און דערצעהלט איהם ווייך אין

ליגנעריש=ערנסט, ווי שטאַרק ס'געפעלען איהם די ווערק פון איינעם אַ יודישען שריפטשטעלער, און ווי גוט ס'זינגען די גרויסשטעדטיגע חזנים:

— ער מיט'ן העברעאישען לעהרער האָבען ביידע מתיקות'דיגע קולות און האָבען אַמאָל צוזאַמען חזנים נאָכגעזונגען.

רייכע יודען, סוחרים, וואָס האָבען נאָך אַמאָל זיין פאָטער געקענט, קוקען אויף איהם פונ'ם קעגענאיבערדיגען בערזשע-טראָטואַר. זיי פערגעסען אַ ווילע אָן זייערע מסחרים, האָבען אין זינען דעם היבשען נדן, וואָס זיי וועלען זייערע דערוואַקסענע מיידלעך געבען, און שמועסען וועגען איהם, שמואליק'ען, און וועגען זיין פאָטער, וואָס זיי קענען איהם נאָך פון אַמאָל:

— מ'זאָגט: אַ גאַנץ פיינער בחור, אָט דער שמואליק ווידעוונאָווסקי.

נאָר ער, שמואליק אַליין, האָט זיך מיט איהר, מירעל הורוויץ, בעקאַנט און וויל וועגען קיין אַנדערע שדוכים נישט רעדען.

און פאַרוואָס געפעלט זי איהם טאַקע אַזוי שטאַרק, אָט דעם יונגען און רייכען בחור?

איצט שליטעלט ער זיך שוין געווים ערגיץ ווייט, ווייט, צום שטילען עק פאָרשטאָדט, וואָס ביי דער ווייטער גובערניע-שטאָדט, שליטעלט זיך איינער אַליין אויף דער אייגענער פוהר, וואָס מ'האָט נאָך איהם צו דער באַהן אַרויסגעשיקט, בענקט נאָך איהר, מירלען, און קלערט וועגען דעם, וואָס באַלד וועלען זיך ביי איהם דערפרעגען נייגעריגע פאָטער-און-מוטער:

— ווי=זשע געפעלט דיר מירעל הורוויץ?

— און בכלל: זעהט זי עפּים שען אויס, אָט די מירעל הורוויץ?

זי קלערט לאַנג וועגען איהם און וועגען פיעל אַנדערע יונגע לייט, וואָס זי קען, געדענקט דעם ווייטליכען דאָרף מיט טאַראַביי'ס שטיב, וואו זי האָט קינדווייז, צוזאַמען מיט איהר פאָטער, אַ זמערדיגען גאָס-רעגען איבערגעוואַרט, און טראַכט וועגען דעם זוהן זיינעם, דעם פאָליטעכניק, און זיין חבר, דעם גאַסט. פלוצים ווערט זי איינגערעגט און בלאַס, די האַרץ הויבט אָן ביי איהר צו קלאַפען, און געדענקען געדענקט זי שוין נתן העלער'ן, אָט

דעם חנ'עוודיגען און יונגען בחור, דעם פֿאַרשוין מיט'ן פֿרישען און לענגליכֿען פּנים און מיט די קוים-קוים שפּראָצענדיגע האָסעם, וועלכֿער האָט די רעאַל-שול געענדיגט און האָט צוויי מאָל דעם קאָנקורס נישט אויסגעהאַלטען. צוריק מיט אַ יאָהר האָט ער צוליעב איהר אַ גאַנצען פֿריהלינג דאָ אין שטעדטיל פֿערבראַכֿט און האָט דערוועקט ליעבע-געפֿיהלען בײַ מיידלעך, וואָס ער האָט מיט זיי קיינמאָל קיין וואָרט נישט אויסגערעדט.

אין די שטילע פֿריהלינגס-אָבענדען איז זי געזעסען מיט איהם אויפֿ'ן היבשען בערגיל, וואָס אַרויס דעם שטאָדטישען דאָרף, געהאַלטען דעם קאָפּ אויף זיין אַקסעל און אומעטיג געהערט, ווי ער חזר'ט איבער דאָס זעלבע, וואָס ער האָט שוין איבערגע'חזר'ט נעכֿטען און איידערנעכֿטען:

— וועט זי זיך מיט איהר חתן — וועלוויל בורנעם — פֿונאַנדערגעהן, און ער וועט דעם פּאָליטעכֿניקום ענדיגען, וועט אַנ'אינזשענער אין אַ ווייטערדיגער פֿאַבריק ווערען און וועט דאָרט מיט איהר, מירל'ען, אינאיינעם אין אַ פֿערוואַקסענער שטיבעל וואוינען.

נאָר איינמאָל אין שפּעטע פֿריהלינג-בין-השמשות האָט זיך איהר, מירל'ען, אַזוי קלאָר פֿאָרגעשטעלט, ווי אין צוויי יאָהר אַרום נאָך דער חתונה מיט הערל'ען ליגט זי נאָך דער פֿאַרנאַכֿטיגער טיי אויפֿ'ן דיוואַן, וואָס אין יענער פֿערוואַקסענער פֿאַבריק-שטיבעל, ליגט דאָרט איינע אַליין און טראַכֿט גלייכֿגילטיג אין אָהן אַ שום ווילען אין האַרץ:

— ער... נתן... ער האָט זיך שוין אַזוי פֿיעל מאָל פֿון דער פֿאַבריק אַהיים אויף נאַכֿט-לעגער אומגעקעהרט... געווים וועט ער היינט אויך אַהיים קומען.

און נאָך אין יענע זעלבע בין-השמשות האָט זי הערל'ען איבער'ן שטעדטיל געזוכֿט, איהם צולעצט געפֿונען און איהם געזאָגט:

— ס'וועט פֿון דעם גאָרנישט ניט זיין, און ער, הערל... ער מעג נאָך היינט פֿון שטעדטיל אַוועקפֿאָהרען.

אַ גאַנצען זומער איז ער שוין נאָכֿדעם אין צוקער-פֿאַבריק בײַ זיינעם אַ פֿעטער געווען, אַרומגעשפּאַצירט דאָרט איבער'ן דאָרף

מיט נחום טאַראַבײַ'ס קינדער, געוואָלט האָבן אַ נקמה אָן איהר, מירלען, און דערפאַר דערצעהלט:

— אַניט, איז ער דער ערשטער, מיט וועמען מירעל האָט זיך געקושט?

טאַראַבײַ'ס ווײַב מיט דער מיידעל זענען דענסטמאָל וועגען דעם געוואָהר געוואָרען, און דאָ, אין שטעדטיל, האָט עס עמיץ איבער אַלע הייזער צעפּויקט.

שבת פאַרנאַכט האָט זי איינמאָל, נישט ווייט פון דער אַקו־שאָרקע שאַצ'ס וואוינונג, דריי שפּאַצירענדיגע שניידער־יונגען בע־געגענט, זי האָט זיי דעם וועג אָבגעטראָטען און געהערט, ווי זיי ווערטלען זיך מיט מיאוס'ע ווערטער וועגען איהר און וועגען נתן העלער.

— נאַר איינער, האָט עמיץ פון זיי וועגען דעם חתן איהרען געזאָגט, — בעסער איין פּראָצענט אין אַ גוט געשעפט, איידער אַלע הונדערט אין אַ שלעכטען.

אין אויפ'ן צווייטען טאָג — וואָלקענדיג און קיהל איז דענסט־מאָל אין דרויסען געווען, און זי איז דענסטמאָל געפאָהרען מיט'ן חתן איהרען אין קרייז־שטאָדט נישט דערפאַר, וואָס זי האָט אַהין בעדאַרפט, נאָר גלאַט אַזוי, עמיצען אויף צו־להכעיס. עמיצען אויף צו־להכעיס האָט זי געהייסען דעם אָנטרייבער אַראָפּקעהרען אינ'ם דאָרף מיט דער צוקער־פאַבריק, וואו נתן העלער האָט זיך נאָך אַרומגעדרעהט, עמיצען אויף צו־להכעיס זיך דאָרט פאַר נחום טאַ־ראַבײַ'ס שטוב אָבגעשטעלט און אַרייננגעשיקט אַהין דעם אָנטריי־בער פון וועלוויל'ס וועגען אַ בורקע אַנטלייהען:

— זיי זענען אין אַזעלכע לייכטע קליידער פון דערהיים אַרויס־געפאָהרען, האָט זי דאָרט געהייסען דעם אָנטרייבער זאָגען, — זי האָט מורא, אַז וועלוויל זאָל זיך, חלילה, נישט פערקיהלען.

געהלו'מ'ט האָט זיך איהר שוין נאָכדעם אַ גאַנצע נאַכט נחום טאַראַבײַ'ס דאָרפישע שטוב מיט'ן פרעמדען פּאָליטעלניק, דעם גאַסט, וואָס וועגען איהם האָט דער שכן, דער יורד, נעכטען דערצעהלט:

— ערגיץ איז זי מיט אָט דעם פּאָליטעלניק אין דער בלאַסער חשכות

אַרויף דעם נאַקעטען באַרג, וואָס אַרויס דעם דאָרף געגאַנגען, געשמיי־כעלט צו איהם און געהערט, ווי ער זאָגט:

— זי, מירעל, האָט שוין אַמאָל אַ חתן געהאַט; ער האָט איהם דאָ געזעהן — ס'איז אַ נאַרישען טראָפּ אַ חתן זי האָט שוין אַמאָל געהאַט.

און ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט זי נישט געדענקט, ס'איז אַ פּנים ער האָט, אָט דער פּאָליטעכניק דער גאַסט. זי איז איינגעשלאָפען צוריק מיט אַ מטושטש'דיג־נאָגענדיגער בענקשאַפט אין האַרץ און מיט געדריקטע הענד צו דער ברוסט, זיך ווידער אַמאָל אויפגעכאַפּט מיט אַן אָנדענק פון אַ נייעם מטושטש'דיגען חלום, וואו דער פּאָליטעכניק, דער גאַסט, איז שוין מיט'ן פּנים שטאַרק ענג־ליך צו נתן העלער געווען, און שוין נישט געוואוסט, נאָך וועמען פון זיי די האַרץ בענקט.

נאָכדעם איז איינמאָל אַזאַ שענער ניי־בעשנייטער טאָג געווען. די זון האָט צוליעב דעם גוי'אישען יום־טוב גובר געווען דעם פראָסט, און פון די שניי־ווייסע דעכער האָבען טראָפּענס נאָך טראָפּענס געטריפט און די בענקשאַפט אין האַרצען פערשטאַרקט. מיט רוי־טע גאַרטלען אַרויף די לאַנגע ווייסע פּעלצען זענען די דאָרפס־שיק־סעס אין מאַרק געשטאַנען, געקנאַקט פרעהליך יאָדערען און גע־לאַכט פון די דאָרפס־שקצים, וואָס האָבען פאַר זייערע אויגען אין אַ חבר'שען געשלעג געשפּילט. און דאָרט, ביי דער איינציגער היב־שער באַקאַליי־קראָם, וואָס אין אָנהויב מאַרק, איז די גאַנצע צייט טאַראַביי'ס אויסגעפּוצטע פודר געשטאַנען און געוואַרט אויף זיי־נע קינדער, וואָס האָבען זיך אינעווייניג, אין קראָם, געפונען און האָ־בען דאָרט מיט גרויס אַפּעטיט דעם גאַנצען שאָקאָלאַד אויפגעגעסען.

עמיצענס אַ ווייבעל איז אַהער פון דער קראָם אָנגעקומען, געטראָגען אַ קלומעק מעהל צוגעדריקט צום בויך און דאָ, נישט וויית פון ר' גדליה הורוויץ'עס שטוב, דערצעהלט:

— זיי זענען אַזעלכע שענע יונגלעך, טאַראַביי'ס קינדער, און די מיידעל זיינע... די מיידעל איז אויך אַ גאַנץ פיינע.

די דיענסטמיידעל האָט זיך אַהער מיט דער גרויסער פלאַש קעראָסין אומגעקעהרט, זיך אָבגעשטעלט נעבען מירעל'ן אויף די

טרעפּלעך פֿון גאַניק און איבערגעגעבן דאָס, וואָס זי האָט דאָרט געזעהן און געהערט:

— האָט, הייסט עס, דער פּאָליטעכניק, דער גאַסט צום קרע־מער געזאָגט: „בּיי אײַך אין שטעדטיל איז פֿאַרהאַן אַ „בּאַרעשניע“ מירעל הורוויץ, וואָס האָט ליעב מילך־שאָקאָלאַד, מוזט איהר דאָך צוליעב איהר אָט דעם שאָקאָלאַד האַלטען“.

די דיענסטמיידעל איז אין שטוב אַריינגעגאַנגען און דאָרט געשווינד אָן דעם, וואָס זי האָט געהערט און געזעהן, פֿערגעסען. און זי, מירעל, איז נאָך לאַנג אויף די טרעפּלעך פֿון גאַניק געשטאַנען און די אויגען פֿון דער קלייט מיט דער אויסגעפּוצטער פֿוהר נישט געקענט אָבּרייסען. טאַראַבּיי׳ס קינדער זענען צולעצט פֿון דאָרט אַרויסגעגאַנגען, זיך אָבּגעשטעלט די שטעדטיל בּעטראַכטען און שטאַרק הנאה געהאַט פֿונ׳ם יינגעל, דעם רעאַליסט, וואָס האָט אין מיטען מאַרק אַ קליינע ציג געכאַפּט. דער רעאַליסט האָט די ציג געדרעהט פֿאַר׳ן עק און, פֿרעגענדיג בּיי איהר דעם טייטש פֿון „סגל מם“, זי געצוואונגען ענטפֿערן מיט אַ געציקעלטען וועהטאָג־געשריי:

— מ—מ—מ—מע—ע—ע—ע—ע...

אָט האָבּען זיי זיך ענדליך אויף דעם שליטען אַרויפֿגע־זעצט, לאָזען זיך פֿאָה־ען אַהיים פֿאַרבּיי ר׳ גדליה הורוויצ׳עס שטוב און קוקען אַלע, אַחוץ דער מיידעל, אַהער צו מירלע׳ן. טאַראַבּיי׳ס זוהן זאָגט עפּיס אויפ׳ן אויער דעם חבר זיינעם — דעם פּאָליטעכ־ניק, וועלכער האָט נאָך גאָר אַ פֿרישען, אויסגעלאַסען־קלוגען פּנים. דער לעצטער דרעהט שוין דערפֿאַר אַהער פֿאַרבּיי־פֿאָהרענדיג דעם קאָפּ, שמייכעלט צופֿיעל מערקזאַם און קוקט שוין אַריין אין מי־רעל׳ס פּנים מיט די זעלבּע נייגעריגע פֿרעסער־אויגען, וואָס מיט זיי קוקט מען אַריין אין פּנים פֿון אַנ׳איינזאַם־בּלאָנזשענדיגער, גרויס־שטעדטיגער נאַכט־מיידעל:

— אָט דאָס איז זי?

ס׳איז קלאָר:

מ׳האָט איהם גאָר וואָס די מעשה וועגען איהר און וועגען העלער׳ן איבּערגעגעבּען.

און נאָך:

אינריינע געדאַנקען האָט שוין, קוקענדיג אויף איהר, אָט דער פּאָליטעכניק, וואָס מיט'ן אויסגעלאַסען-שמייכעלדיגען פּנים.

אין איבער עפּיס פּיהלט, זיך נאָך צו זיין אויסגעלאַסענעם קוק א שטילע און תאווה'דיגע אויפרייצונג, אַנ'אויסגעמישטע מיט יצר-הרע-געדאַנקען און מיט אַ טיעפער אינעוויינינגסטער געפאַלענקייט. די תאווה'דיגע אויפרייצונג ווערט פערשוואונדען צוזאַמען מיט דער אָבּלויפענדיער פוהר; נאָר די געפאַלענקייט בלייבט, פערשטאַרקט זיך און געהט איבער אין אַנ'אינעוויינינגסטער חרטה-פּוסטקייט. דערפּיהלט זי מיט אַמאָל, ווי קליין און געפאַלען זי זעהט איצט אויס אין די אייגענע אויגען, און וויל פון זיך אָט דעם געפיהל פערטרייבען, דערמאָנט זיך איבער עפּיס אָנ'ם פאָרשטאָדט פון ווייטען כרך און אָן איהם. שמואל'יק ווידענאָווסקי'ן אַליין, שטעהט דאָ נאָך לאַנג אַנ'איינזאַמע ביי דער שטוב און טראַכט:

— יעדענפאַלס האָט אָט דער שמואל'יק ווידענאָווסקי אַנ'אייראָפּעאישען פּנים, און צו בעווייזען זיך מיט איהם צווישען מענשען איז שוין כלל נישט קיין בזיון... יעדענפאַלס האָבען דאָרט אין קרייז-שטאָדט אַלע אויף איהם געקוקט...

VI

קלאַנגען האָבען זיך אין שטעדטיל וועגען וועלוויל בּירנעם געטראָגען:

ע'טוט אַזאַ גוטען שידוך, וועלוויל; ער נעהמט, זאָגט מען, אַ שענע מיידעל, אַ בּרינעטין, וואָס האָט אין קרייז-שטאָדט די גימנאַזיע געענדיגט און האָט נישט לאַנג עמיצען וועגען איהם געזאָגט:

— נישט'קשה, ער איז אַ גאַנץ אָנשטענדיגער יונגער-מאַן, וועלוויל בּירנעם; ער שטעהט ביי איהר געוויס העכער פון אַלע איהרע דיפּלאָמירטע בעקאַנטע, און קיין חסרון איז שוין ביי איהר כלל נישט, וואָס די ערשטע כלה זיינע האָט איהם נישט געוואָלט.

מירעל האָט זיך אין יענער צייט זעלטען ווען אויף דער גאַס בעוויזען, און קיינער האָט נישט געוואוסט, וועגען וואָס זי טראַכט. איינמאָל האָט זי נאָר דער אַקושאָרקע שאַץ וועגען דעם געזאָגט:

— מעגליך, אַז די מיידעל, וואָס האָט די גימנאַזיע געענ־דיגט, איז שוין גאָר נישט אַזאַ נאַר...

אין נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס די אַקושאָרקע איז שטאַרק אונצופרידען מיט אָט דעם שמועס געווען און איהר די רייד אי־בערגעהאַקט, האָט זי נאָך צוגעגעבען:

— נאָר יעדענפאַלס... יעדענפאַלס פיהלט זי דערין אַ בע־ליידיגונג און אַ פערדראָס און וויל נישט, אַז וועלוויל זאָל אַ חתן ווערען.

נאָכדעם איז איינמאָל אויפ'ן שטעדטיל אַזאַ פיסטער און מרה־שחורה'דיג פראָסטיגער דאָנערשטאָג געקומען, און אויף קבצני־שע הייזער איז דאָ און דאָרט געלעגען אַזאַ שווערער און וואָ־כעדיגער פרנסה־עול:

— שבת־מאַכען, אַ? טאַקע ווידער שבת מאַכען?

יודען ליידיג־געהערס זענען ביי די מאַרק־קלייטען געשטאַנען און געשמועסט וועגען דער פרעהליכער סעודה, וואָס װעט אין אָבענד ביי טאַראַביי'ען אין דאָרף פאָרקומען:

— וואָס זשע? ס'געהט איהם עפּיס אָב, טאַראַביי'ען?

און אַהין, צו יענעם עק שטאָדט, וואָס האָט מיט די גוי'אישע הייזער געגרעניצט, איז מירעל אַ וואַרים־אָנגעטאָנע און אימעטיגע שוין אויף ר׳ גדליה'ס צעלויכצטען שליטען און אויסגעדאַרטע פערד צו טאַראַביי'ען אויף אָט דעם אָבענד געפאָהרען און געדריקטער־הייד געהייסען דעם קליינעם שייגעץ, דעם אָנטרייבער, צו דער אַקו־שאָרקע שאַצ'ס עק־דאָרפישער שטיבעל פערקעהרעווען.

זי איז שטאַרק טריב געוואָרען פונ'ם שלעסיל, וואָס זי האָט אויף דער אַקושאָרקעס טיר געטראָפען, געשטאַנען דאָרט אַ ווײלע מיט אַ געפאַלענעם געמיט, און איהר צולעצט ביי דער גוי'אי־שער שכנה איבערגעלאָזט די איינלאַדונג, וואָס טאַראַביי האָט איהר, דער אַקושאָרקע, צוגעשיקט, מיט אַ פּאָר צוגעשריבענע ווערטער:

„די אַקושאָרקע מוז איצט אַהין קומען נישט צוליעב טאַראַ־ביי'ען, וועלכער רעקאָמענדירט זי צו די אַרומיגע פריצים, נאָר צו־ליעב איהר, מירלע'ן"

זי איז דאָרט געשטאַנען אַ ווײלע און זיך געשלאָגען מיט דער דעה:

— עפּיס אַ נאַרישע רייזע מיט טאַראַבּיי׳ס אַ נאַרישען אָבֿענד. זי וואָלט געוויס גלייכֿער געטאָן, ווען זי הייסט איצט פֿערקעהרעווען און קעהרט זיך אום אַהיים.

און נאָכֿדעם איז זי שוין דעם גאַנצען 24-ווערסטענדיגען וועג אַזוי אימעטיג און געפֿאַלען געווען, געזעהן די אַרומיגע פּוסטע פֿעלדער, וואו נידעריג-פֿערוואָלקענטע און קאַלטע הימלען האָבּען מיט אַ סוף-ווינטערדיגער מרה-שחורה אַראָבּגעקוקט, און געוואָרען בּיי זיך נאָך געפֿאַלענער און קלענער פֿון דעם, וואָס ווייט, ווייט הינטער אידרע פּלייצעס האָבּען זיך אַהער שוין געשווינד מיט׳ן וועג צו טאַראַבּיי׳ען געטראָגען איהר געוועזענעם מחותנ׳ס צוויי פּריצ׳ישע פֿוהרען און האָבּען זייער גלעקער-קלאַנג איבּער דער פֿעלד-שטילקייט געוואָרפֿען. זי האָט געטראַכֿט:

— די אַקושאָרקע שאַץ... זי זאָל כֿאָטש אַהין קומען, די אַקושאָרקע שאַץ.

———————

אין אַ האַלבּער שעה אַרום האָבּען זי אָט די צוויי געשווינד-לויפֿענדיגע פֿוהרען אָנגעיאָגט און זיך מיט איהר אין רעכֿטער און לינקער זייט אויסגעגלייכֿט. מאָדנע מכֿטל געווען האָבּען זי מיט זייער שווייגען די מענשען, וועלכֿע האָבּען זיך אויף אָט די אויס-געפּוצטע פֿוהרען אין איהר רעכֿטער און לינקער זייט געשווינד געטראָגען. דאָט זי שוין אויף זיי נאָר ווי פֿון אַ חלום אַרויסגעקוקט און האָט בּעמערקט:

מיט אַ פֿערפֿרעמדטען פּנים זיצט אויף אַנ׳אויסגעפּוצטען שליטען איהר געוועזענער חתן, און פֿונ׳ם צווייטען שרייען איבּער איהר אַריבּער זיינע וואַרים-אָנגעטאָנע שוועסטער:

— וועלוויל! דו האָסט מיטגענומען?

שרייען איבּער איהר אַריבּער רוהיג און בּעשעפֿטיגט, ווי איבּער אַ לעבּענלויזער זאַך, כֿאַפּען זיינעם אַ שאָקעל מיט׳ן קאָפּ אַנ׳ענטפֿער און לאָזען זי געשווינד הינטער די פּלייצעס.

און ווען אָט די צוויי פֿוהרען האָבּען זיך שוין ווייט ווייט צום האָריזאָנט געטראָגען און דאָרט קלענער ווערען אָנגעהויבּען, האָט זי אָקאָר׳שט פֿון אָט דעם האַלבּ-דרימלענדיגען צושטאַנד ערוואַכֿט און האָט דערזעהן:

דער קליינער שייגעץ, דער אָנטרייבער, שטעהט די גאַנצע צייט אויף די פיס, הערט נישט אויף צו שמייסען די אויסגעדאַרטע פערד, וואָס שפּרינגען שוין מיט די לעצטע כּחות און וויל, אַפּנים, די לאַנג אַנטלאָפענע פוהרען דעריאָגען. זי האָט זיך געשווינד פונ׳ם איינגעזעסענעם אָרט אַ כאַפּ געגעבען און פאַר׳ן אָנטרייבער׳ס פּלייצעס אַ שלעפּ געטאָן:

— ס׳אַר אַן׳אומגליקליכער משוגע׳נער ער איז! שוין לאַנג טרייבט ער אַזוי די אויסגעדאַרטע פערד?

דער קליינער שייגעץ האָט זיך פערשעמט, אָבגעשטעלט די שטאַרק־פערמאַטערטע פערד, אַראָבגעקראָכען שעמעוודיג־ערהייד פונ׳ם שליטען, און אפשר אויף אַ גאַנצער האַלבער שעה גענומען נעבען איינעם פון זיי אַן׳איבערגעריסענעם פּאַסטראָמעק צונויפבינדען.

און זי איז שוין אַזוי געפאַלען און אונטערטעניג דאָ, אויפ׳ן שליטען געזעסען און איהם מוסר געזאָגט:

— זי, מירעל, וואָלט געווים צופרידען געווען, ווען אָט די אומגליקליכע פערד פגר׳ען אויס ביידע אין איין נאַכט. נאָר כּל זמן זיי זיפּען נאָך אויף דער וועלט, בעדאַרף מען האָבען גאָט אין האַרצען און זיי נישט שלאָגען.

זי איז אָנגעקומען אין דאָרף תּחילת נאַכט, ווען ליכט האָט מען שוין אין רייכע גוי׳אישע הייזער געהאַט אָנגעצונדען, און ווען פערשטאַרקט האָט זיך שוין פון רגע צו רגע די גלייכגילטיג־שטרענגע מחשבה, וואָס מיט איהר האָבען אָט די בעלויכטענע הייזער אויף איהר פרעמדער פוהר געקוקט:

— די היגע גוים זענען רוהיג און רייך, האָבען אָט די הייזער געוועלט דערצעהלען, — די היגע גוים האָבען נעבען זיך, אַחוץ דער ערד, נאָך אַ רייכע צוקער־פאַבריק, וואָס פון איהר ציהען זיי שפע דעם גאַנצען ווינטער.

אַ טונקעלקייט פון ספק־טאָג און ספק־נאַכט איז שוין געלעגען אויפ׳ן לאַנגען געברוקירטען דאָרפס־וועג, וואָס האָט זיך צוזאַמען מיט אַ גאַנצען פעלד פון פויערשע דעכער אַלץ העכער און העכער אַרויף דעם פלאַכען באַרג געצויגען און זיך געענדיגט דאָרט, וואו דער הויכער עק הימעל איז שטאַרק רויט געווען, און

וואו דער רייזען־קוימען פון צוקער־פאבריק האט זיך, ווי א יום־טוב'דיגער אויסגעשריי־צייכען, אין אט דער רויטקייט איינגע־שטעקט. אינגעוועהנליך פאמעליך האבען זיך אהין די מידע פערד ארויף דעם פערבויטען בארג געשלעפט און אלע מאל די קעפ צו דער ערד געבויגען. און אזא טרויעריגע, פריי־טאג־פארנאכטיגע זארג האבען שוין די ארומיגע הייזער מיט זייער פרעמדען בליק דערוועקט, א זארג פון א פערשפעטיגטען ערב־שבת'דיגען יודען, וואס שלעפט זיך נאך מיט זיין פוהר אין די געהייליגטע בין־השמשות איבער דער טיעפער בלאטע, וואס אויף די פעלד־וועגען, שלעפט זיך פאמעליך און גערעגט:

דארט אינ'ם שטארק בעלויכטענעם בית־המדרש, וואס אין זיין שטעדטיל, שאקלען זיך שוין שבת'דיג־שעמערירענדיגע יודען, שאקלען זיך אלע צוזאמען און זינגען נאך דעם חזן:

— הודו לה' כי טו—ב, כי לעולם חס—ד—ו—ו.

מיט שטארק בעלויכטענע ניי־מאדישע פענסטער, איז נחום טאראבייס גרויסע שטוב אין דער ברייט פונ'ם עקסטען דארפי־שען געסיל געשטאנען און אהן לשון איבערגעגעבען א יאציגע חקירה־פראגע פון איהר בעל־הבית:

— כ'פערשטעה נישט: אז גאט העלפט, מ'פערדיענט און מ'איז געזונט, פארוואס־זשע זאל מען טאקע נישט לעבען א גוטען טאג אויף דער וועלט? פארוואס זאל מען זיין ערגער פון די פריצים?

ציכטיג, ריין איז געוועזען דער פארענטיגער האלב־קיילעכדי־גער הויף, וואו איהר מידע פוהר האט זיך פאמעליך אבגעשטעלט — דער אפענער גאניק, די הויכע ווייס־געפארבטע טיר מיט'ן ניקעל־נעם שילד־בלעטיל.

און ווען זי האט צולעצט אין אט דער טיר אנגעקלונגען, איז צו איהר באלד אין א שווארצען סורדעטיל און אהן א היטעל ארויסגעלאפען דער קליינוואוקסיגער, תמיד־פרעהליכער נחום טאראבעי און זיך צו איהר אויסגעבויגען מיט עלעגאנטיש צוגעפיגענומענע פיסלעך:

— „יאסנא וועלמאזשנא פאננא" הורוויץ האט פערשפעטיגט אויף גאנצע צוויי שעה.

און שלעפּענדיג אַלע מאָל די ווייסע מאַנזשעטלעך פון אונטער די אַרבעל, האָט ער שוין נאָכדעם צו איהר געפּלאַפּלט די גאַנצע צייט, בעת אינ'ם שטאַרק-בעלויכטענעם פּעדער-שטיבעל האָט איהר אַ פּערפוצטע דיענסטמיידעל זיך אויסטון געהאָלפען:

— אין דער אײַנלאַדונג שטעהט בפּירוש, אַז 4 אַ זייגער וועלען שוין זײַן אַלע געסט, און איצט זאָל זי זעהן: זײַן טאַשען-זייגער געהט תמיד ריכטיג און האַלט איצט פּונקט 6. איז עס אַפילו פון מירעל'ס זייט נישט איבעריג שען, נאָר זי מעג זײַן זיכער: — ער איז איהר מיט ר' גדליה'ן פון תמיד אָן אַ גוטער פריינד און וועט צו איהר חופּה נישט פערשפּעטיגען אַפילו אויף קיין רגע.

זי האָט זיך צורעכט געמאַכט די האָר אַקעגען דעם היבשען שפּיגעל, וואָס אינ'ם פערוואָרפענעם מיט קליידער פּעדער-שטיבעל, געזעהן דאָרט דעם אייגענעם פּנים מיט'ן דעקאָלטירטען האַלז און זיך גענויט שמייכלען צו טאַראַבײַן, וועלכער איז הינטער איהרע פּלייצעס געשטאַנען:

— ער מעג איהר גלויבען: זי איז נישט שולדיג...

אָבער נאָך אינ'ם ערשטען שטאַרק-בעלויכטענעם חדר, וואוהין טאַראַביי האָט זי אונטער דער האַנד אַריינגעפיהרט, האָט זי שוין מיט אַמאָל דערפיהלט די גאַנצע צוציהענדיגע קראַפט, וואָס אין איהר גראַציעזער און אײַנגעצויגענער אינ'ם קרעם-וואָלענעם קלייד פיגור. די צופרידען-קלאַפּענדיגע האַרץ האָט אין איהר מיט אַמאָל שכּור ווערען אָנגעהויבען.

— אייגענטליך האָט זי קלוג געטאָן, וואָס זי איז איצט אַהער געקומען... אונגעוועהנליך קלוג...

אויף אַ שטול פונ'ם נידעריגען גאַרניטור איז זי אין עק צימער אַקעגען טאַראַביי'ס פערביסען-קלוגער פרוי געזעסען, געפיהלט אויף זיך פיעל אָנגעווענדטע בליקען פון די געסט און שמייכלענדיג געענטפערט אויף די אָנפראַגען:

— יאָ... די מאַמע איהרע איז אַ שטוב-זיצערין, פון תמיד אָן אַ שטוב-זיצערין.

פון צייט צו צייט האָט זי אַ קוק אין דער איבעריגעפּולטער טיעף פון חדר געכאַפּט און געזעהן:

קעפּ צו קעפּ בויגען זיך, קוקען צו איהר אין אַלכסון און שעפּטשען זיך דערבײַ אַדורך:

— ווער?... מירעל הורוויץ?... פֿון וואָסער שטעדטיל?

צווישען צוויי אַזעלכע אַריבערגעבויגענע קעפּ זענען אויף אַ קאַנאַפּע, וואָס בײַ דער געשלאָסענער באַלקאָן=טיר, איהר געוועזענעם חתנ׳ס צוויי שוועסטער געזעסען און שוין געהאַט אַזעלכע אָנגעשטרענגטע מחותּנת׳דיגע נעז, גלײַך עמיצער האָט זיך מיט יעדער רגע געגרייט צוגעהן צו זיי און זיי דערמאָנען:

— ער איז דאָך ערשט מיט צעהן יאָהר צוריק אַ קבצן געווען, דער טאַטע ווייערער.

איינער פֿון די געסט — אַ שווער׳גופֿ׳יגער פּאָליאַק מיט אַ שטאַרק=פֿערגרעבטען און אונגעגאָלטען פּנים — איז שוין געווען שכּור=לוט, און דאָך געדענקט צו חנפֿ׳ען אונטער די אויגען דעם קלוגען טאַראַבײ׳ען, וואָס דורך איהם האָט ער נישט לאַנג אין צוקער=פֿאַבריק אַ שטעלע געקראָגען. פֿאַלענדיג פֿון די פֿיס, האָט ער יעדען בעקאַנטען און אונבעקאַנטען גאַסט אָבגעשטעלט, נאָכדערצעהלט טאַראַבײ׳ס איינע=און=דיזעלבע חכמה און איז דערבײַ שיער נישט צעגאַנגען געוואָרען פֿון געלעכטער און שכּור׳ער התפּעלות:

— אָט צע שעלמאַ, טען פּאַן טאַראַבײ... שעלמאַ...

עמיצער פֿון די צוקער=פֿאַבריק=געסט, וואָס האָבען זיך פֿאַר די ליכט, וואָס אויפ׳ן גרינעם טישעל, אין ווינט שטאַרק פֿערטיעפֿט, האָט זיך געשווינד מיט די קאָרטען אין האַנד פֿון זײַן שטול אַ הויב געטאָן און אויך אַזוי געשווינד אַרייננעשריען צום יונגוואַרג, וואָס האָט זיך אין צווייטען חדר פֿערקליבען:

— שאַמפּאַניער=ווײַן שפּעטער!... שאַמפּאַניער פּונקט 12 אַ זייגער בײַנאַכט.

און דאָ, נעבען מירלען, איז נאָך אַלץ, ווי נעבען אַן׳אַלטען גוטען פֿריינד פֿון אַ קינד, די נחמה טאַראַבײ געזעסען, געקוקט אויף איהר מיט די שוואַרצע ליגנערשע אויגעלעך, וואָס פֿאַר זיי האָט אַפֿילו מורא געהאַט דער קלוג=פּלאַפּלענדיגער טאַראַבײ, און זיך געפֿלייסט צו ציהען מיט איהר ווייטער דעם וועלטליכען שמועס:

— טענ׳עט זי דאָ אַנומעלטען מיט גיטעלע׳ן, דער מאַמע איהרער: איהר פֿאָהרט איינמאָל אין אַ יובֿל אין קרייז=שטאָדט מיט

דער בּאַדן, פֿאָהרט 2=טע קלאַס... און מיט וויפֿיעל, אומשטיינס געזאָגט, קאָסט 2=טע קלאַס טייערער? מיט 60 קאָפּ...?

און נאָך:

— צוליעב וואָס, אַשטייגער, נודעט מען זיך און מ'וואוינט דאָרט, אין פּוסטען שטעדטיל? דאָ, אין דאָרף... ס'איז דאָ פֿאַרהאַן אַ צוקער=פֿאַבּריק... ס'זענען דאָ פֿאַרהאַן מענשען, וואָס מ'בּעגעגענט זיך מיט זיי... ס'איז דאָ כאָטש פֿאַרהאַן געשעפֿט...

בּיים ענג=אַרומגעזעצטען טישעל, וואָס אין דער איבּערגעפֿילטער טיעף פֿון חדר, איז די גאַנצע צייט אַהער מיט די פּלייצעס איהר געוועזענער חתן געזעסען און דאָרט נישט געוואוסט, וואָס צו טון מיט די איבּעריגע הענד. יעדעס מאָל, וואָס זי האָט דאָ בּביין איהר בּת=יחידה'ס=רייצענדיגען קול אויפֿגעהויבּען, האָט ער זיך דאָרט מיט אָט די הענד צופֿיעל פֿון הינטען בּיים קאָלנער געטאַפּט און צופֿיעל אַריינגעקוקט אין פּנים יענעם וואוקסיגען און יונגען סוחר, וואָס האָט זיך אַלע מאָל פֿונ'ם בּענקיל געהויבּען און היציג מיט אַלע אבֿרים געמענ'עט:

— שאַ! ער האָט זיך פֿאַר=אַ=יאָהרען נישט געבּעטען בּיי ר' נחומ'ן: ר' נחום, לאָמיר פֿערזייהען וואָס מעהר בּוראַקעס?

אַ בּיסעל וויטער, בּיים עק חדר זענען אין ווייטע, טיעף איינגעשניטענע ווענטען אַ פּאָר יונגע=לייט פֿון צוקער=פֿאַבּריק געשטאַנען, געוואוסט די גאַנצע מעשה, וואָס האָט זיך מיט איהר און מיט נתן הערלער פֿאָריגען זומער געטראָפֿען, געקוקט דערפֿאַר מיט שכור'ע יצר הרע=אויגען אויף איהר שמייכעלדיגען פּנים און דעקאָלטירטען האַלז און זיך געשעפּטשעט וועגען איהר מיט נבֿול=פּה:

— איז אָט מיט וואָס פֿאַר אַ שענער נקבֿה, אַ?

עמיצער האָט פֿון איהר נחמה טאַראַבּיי אויף אַ סוד אַוועקגערופֿען, און אַליין איז זי געבּליבּען דאָ אויף דער נידעריגער גאַרניטור=שטול זיצען, בּעת די יונגע=לייט פֿון צוקער=פֿאַבּריק האָבּען נאָך אַלץ אויף איהר געקוקט. זי האָט אַ מאָדנע צעטראָגענעם בּליק אויף דער אייגענער שלאַנק=וואוקסיגער פֿיגור געוואָרפֿען און זיך געלאָזט געהן ערגיץ אַהין, צום זייטיגען חדר, וואו, מיט אַרונטערגענומענע הענד און מיט אַנ'אויסגעצויגענעם פּוס פֿאָראויס, איז אין אַ קורצען בּעל=הבּית'טען פֿאַרטוכיל געשטאַנען

טאַראַבײ'ס בעיאָהרטע מיידעל, טאַניע, געהאַלטען דעם קאָפּ עטוואָס אויף אַ זייט און געוואָלט מרמז זיין דערמיט, וואָס זי קוקט נישט צו קיינעם און קנאַקט זיך שטילערהייד מיט דער צונג:

— נישט געוואַרט האָט זי אויף אָט דער גאַנצער שמחה, און נישט קיין אָנטייל קלערט זי אין איהר צו נעהמען.

עמיצער האָט זי, מירלע'ן, דאָ אין מיט חדר ביים נאָמען אָנגערופען, האָט שוין ביי איהר די האַרץ אַ קלאַפּ געטאָן. נאָר געווען איז דאָס סך הכל אַ פּשוט'ע יונגע און פרומע ווייבעל פון זייער שטעדטיל, אַ ווייבעל מיט אַ שטערן־טיכעל אויפ'ן קאָפּ, וואָס איז נאָך ביי איהר טאַטען דעם שוחט אויף קעסט געזעסען און זיך דורכ'ן מאַן מיט טאַראַבײיען קרובים אָנגעקערט:

— וואָס האָט זי מירלע'ן געוואָלט בעטען? מירעלע איז, דוכט זיך, אַהער געקומען מיט דער אייגענער פוהר, און זי, די ווייבעל, זי פיהלט זיך דאָ אַזוי שלעכט. אפשר וועט זי אין גיכען קענען מיט מירעלע'ן אַהיים פאָהרען?

נעבען טאַניע טאַראַבײ איז שוין דערוויל אַ וואוקסיגער יונגער־מאַן געשטאַנען, איהר געוואָלט אײַנרעדען, אַז די גרויסע שטעדט האָבען זיך זייער גרויסען ווערט, און לייטיש אויסגעהערט, ווי זי בלייבט ביי איהר'ן:

— איז זי פאָריגען סוף־זומער געווען אין אָדעס און דאָרט עקזאַמען אויף 6 קלאַסען געהאַלטען.... זי האָט זיך דאָרט אַזוי שלעכט געפיהלט... זי איז קוים פון דאָרט אַנטלאָפען.

פּלוצים האָט זיך אַהער מיט אַמאָל פונ'ם זייטיגען חדר די יונג־וואַרג אַלאָז געטאָן, זיך דאָ גענומען יאָגען נאָך טאַראַבײ'ס קלענערן יונגעל, דעם רעאַליסט, איהם געפּאַקט און מיט קולות צוריק נאָך איהם אין זייטיגען חדר אַריין:

— פאַרוואָס וויל ער נישט דעקלאַמירען? וואָס אַרט איהם, אַז ער וועט עפּיס דעקלאַמירען?

עמיצער איז צו איהר צוגעגאַנגען און זיך פאַר איהר אונבעקאַנטערהייד אויפ'ן רעאַליסט גענומען קלאָגען:

— ער האָט ערשט צוריק מיט אַ פּאָר וואָכען אַזוי גוט דעקלאַמירט; אויף אַנ'אָבענד, וואָס אין כרך, האָט ער דעקלאַמירט.

און זי, מירעל — זי האָט זיך שוין אַזוי שלעכט געפיהלט

דערפֿאַר, וואָס אַהער אין זאָל האָבּען זיך שוין איהר געוועזענעם חתנ'ס נאָר וואָס אָנגעקומענע טאַטע=מאַמע געהאַט אַריינגעשטעלט. די איז געשטאַנען איינע אַליין מיט צוגעדריקטע פּלייצעס צו דער וואַנט, געהאַלטען עטוואָס אונטערגעהויבּען דעם מרה=שחורה'דיגען פּנים און געזעהן:

בּיים נאָהענטען טישעל מיט'ן פֿריש=אָוועקגעשטעלטען כּבוד זיצט מיט נחמה טאַראַבּיי איהר געוועזענע שטאַרק=גראָבּע מחותּנת'טע, אָטעמט שווער, ווי אַ פֿעריאָגטע און פֿעטע גאַנז, און קלאָגט זיך קרעכצענדיג אויף איהר אַסטמאַ=פֿעהלער:

— איז דאָס אַ „מוקאַ" דאָס לעבּען... אַ „מוקאַ".

און אַ בּיסעל ווייטער פֿון איהר רעכטער האַנד שפּרינגט דער פֿרעהליכער טאַראַבּיי אַקעגען איהר געוועזענעם גרויס=גופֿ'יגען מחותּן און וויל עטוואָס לוסטיגער מאַכען זיין ערנסטע, עם=הארצ'יש=אויסגעאיידעלטע צורה:

— וואָס זשע זאָרגט מען זיך אַזוי, ר' אבֿרהם משה? מיט נדן=געלד האָבּען זיי שוין, דאַנקען גאָט, די קינדער פֿערזאָרגט?.. מען מאַכט זיי חתונה און מ'בּלייבּט „דיד טאַ בּאַבּאַ".

אָט איז טאַראַבּיי אַוועקגעלאָפֿען אויף אַ ווײלע אַרויסבּעגלייטען אַ חשובֿ'ען גאַסט, און ער, דער שוואַרצער און אויסגעאיידעלטער עם הארץ, מיט'ן פּאַפּיראָס אין מויל, האָט געטאָן עטליכע שפּאַן צו טאַראַבּיי'ס קלענערן זון, דעם פּאָליטעכניק, און גענומען פֿאַר איהם זיין אַנ'איינגען קלוג וואָרט איבּער'חזר'ן:

— ער האָט דאָ נאָר=וואָס אַ קשיה געפֿרעגט... דעם טאַטען זיינעם האָט ער דאָ נאָר וואָס אַ קשיה געפֿרעגט.

דער מיטעלוואוקסיגער פּאָליטעכניק מיט'ן קורצען, שטרענגאַראָבּגעלאָזטען שטערן און מיט די גאוה'דיג=אונטערגעקלעפּטע נאָזלעכער איז שוין אַזאַ שווייגענדיגער ליץ געווען; ער אַליין האָט סך הכּל שטאַרק נישט געהאַלטען ניט פֿון די אייגענע טאַטעמאַמע און ניט פֿון זייערע צונויפֿגערופֿענע געסט. און ער, דער אויסגעאיידעלטער עם=הארץ, איז איהם מיט זיין חקירה=קשיה אין פּנים געקראָכען:

— וואָס זשע איז אייגענטליך דער חלוק צווישען קאַשפּערינקער גראַף און צווישען וואַסיל'ן, דער לאָקיי זיינעם?

מירעל האָט עטליכע שפּאַן צום אָפּענעם און שטאַרק בע־לויכטענעם עס־צימער געטאָן, זיך דאָרט געפאַלענערהייד מיט אַ צו־געדריקטער באַק צו דער טיר אָנגעשטעלט און האָט געזעהן:

פון כ'ניי גרייט מען שוין דאָרט דעם אונגעווערנליך לאַנגען טיש, און טעלער צו טעלער קלאַפּען שוין דאָרט אַזוי אָפּט און אַזוי פרעהליך און דערוועקען ביי עמיצען אַ פרישען אַפּעטיט. די יונג־וואַרג שפּאַנט דאָרט טיילווייז אַרום און שטעהט טיילווייז אין בינט־לעך, און די אַקושאָרקע שאַץ איז שוין דאָרט דאָ, שטעהט מיט אַ פריש־פאַרביגען פּנים פון קעלט אַקעגען דעם פאָליטעכניק דעם גאַסט, רוילערט זיינעם אַ פּאַפּיראָס און שמייכעלט:

— זי קען זיי... אויסגעבונדען קען זי זיי, אָט די אויסגעלאַ־סענע פּאָליטעכניקעס, וואָס האָבען זיך ליעב אַרום מיידלעך צו דרעהען.

פּאַמעליך און מאָדנע געפאַלען איז מירעל צו דער אַקושאָר־קע צוגעגאַנגען, זי אַרומגענומען און זיך צו איהר מיט'ן גאַנצען גוף, ווי אַ קליין קינד, צוגעדריקט; ס'האָט ביי איהר געציטערט דער קול:

— די אַקושאָרקע שאַץ שטעלט זיך פאָר, ווי זי איז איהר איצט דאַנקבאַר דערפאַר, וואָס זי איז איצט אַהער געקומען? זי, מירעל, וועט איהר שוין אַ צווייטען מאָל וועגען אָט דער דאַנקבאַר־קייט דערצעהלען.

מ'האָט געטרונקען ווייַן פון פערשיידענאַרטיגע פער'חתמ'עטע פלעשער, וואָס מ'האָט זיי פריהער פּאַמעליך אין די הענד גענומען און שמייכעלדיג געלייענט דאָס, וואָס איז אויף זייערע בלעטלעך און בלייערלעך אָנגעשריבען געווען.

געטרונקען האָט מען די גאַנצע צייט, בשעת'ן עסען און נאָכדעם, ווען פון'ם אונגעווערנליך לאַנגען, וויים־פערשפּרייטען טיש האָט מען שוין די אויסגעליידיגטע טעלער אַראָפּגענומען, און טאַ־ראַביי'ם געשוועסטער־קינד נוטע — אַ מאָדנע לאַנגער און געזונ־טער מוכר־תבואה'ניק — איז שוין געווען מבושם, רויט און פער־שוויצט און האָט, שטעלענדיג צום טיש אַלע מאָל נייע פולע פלעשער,

געוואַלדעוועט מיט אַנ'אונגעלומפּערט-הויכען קול און מיט אַ ניגון פון „אתה-הראית“:

— אָט דאָס שטעלט דער פעטער נחום פאַר'ן עלטערן זוהן, באָריס'ן, וואָס דיענט אין לאָדזער באַנק און וועט, אי״ה, אין גיכען ווערען די—רעק—טאָר!

— אָט דאָס שטעלט די מוהמע נחמ'קע פאַר דער עלטערער טאָכטער, טאַניען, וואָס האָט פאַר סכות אויסגעהאַלטען אויף 6 קלאַסען.

איבער'ן רויך פון די פיעל אויסגערויכערטע פּאַפּיראָסען האָבען זיך געזעצט די לאָמפּען און פערטונקעלט זייער שיין.

אַ שפּור'ער דרייסיג-מיילערדיגער געמורמעל איז שוין אויסגעמישטערהייד געהאַנגען אין דער לופט און קוים קוים עמיצענס אַ געשריי מיט אַ קלאַנג פון אַנ'אָנגעשטויסענער פּאַר פלעשער דורכגעלאָזט, און ער, דער גרויס'גופיגער מוכר-תבואה'ניק מיט די לאַנגע פונאַנדערגעלאָזענע הענד, האָט זיך נאָך אַלץ אויפ'ן האַלז גערימען און געצוואונגען וועלטליך-לייטישע מענשען זייערע פּנימ'ער פערקרימען:

— אָט דאָס שטעלט דער פעטער פאַר'ן קלענערן זוהן, איסאַק'ן, וועלכער ווערט, אי״ה, איבער צוויי יאָהר אינזשינער.

מיט מירלע'ן האָט זיך בּיי אָט דעם רוישיגען טיש אַזאַ אונגעריכטער צופאַל געטראָפען:

דער פּאָליטעכניק, דער גאַסט, מיט'ן שמייכעלדיג-אויסגעלאַסענעם פּנים, וואָס האָט שוין לחלוטין נישט ניכטער אויסגעזעהן, האָט זיך וועגען איהר מיט איינעם פון די יונגע-לייט, וואָס אין די טיעף אויסגעשניטענע וועסטען, אַדורכגעוואונקען:

— מעג מען, הייסט עס, אָנהויבען, אַ?

ער האָט זיך מיט אַ שמייכעל פון אַ דאָרפּס-שייגעץ צוגעזעצט צו איהר אויפ'ן נאָהענטען ליידיגען בענקיל, דענסטמאָל ווען זי האָט מיט איהר ערנסט-טרויעריגען פּנים גלייכגילטיג צו דער קעגנאיבערדיגער שורה מענשען געקוקט. ער האָט געכאַפּט אין אַלכסון אַ נאַריש-אויסגעלאַסענעם בליק אויף איהר דעקאָלטירטען האַלז און געטאָן אויף אַזאַ נאַריש-אויסגעלאַסענעם הוסט אינ'ם פויסט, וואָס ער האָט שמייכעלדיגערהייד צום מויל צוגעטראָגען:

— אַ גאַנץ וואוילער בּחור נתן העלער, אַ שענער, אַ? געוויס אַ שענער.

עפּיס האָט ער דערצעהלט וועגען דעם, וואָס דער פּוילער נתן העלער האָט נישט אויסגעהאַלטען דעם קאָנקורס, וואָס זיי האָבּען זיך צוזאַמען געגרייט דערצו; וועגען דעם, וואָס נתן העלערס נישט לאַנג געשטאָרבּענע טאַטע=מאַמע האָבּען איהם נישט מעהר, ווי 5—6 טויזענד רובּעל ירושה געלאָזט, און וועגען דעם, וואָס ער, דער לייבּטזיניגער און שענער בּחור, דרעהט זיך איצט אָהן אַרבּייט דאָרט, אין כּרך, אַרום און וויל טון איינעם פון די בּיידע שידוכים, וואָס מען רעדט איהם:

— 15 טויזענד רובּעל, דערצעהלט ער, וויל מען איהם נדן געבּען.

מירעל האָט צו איהם די גאַנצע צייט אַפילו איינמאָל איהר פּנים נישט אויסגעדרעהט, זיך נישט הערענדיג געמאַכט און נאָך אַלץ מיט די ערנסט טרויעריגע אויגען גלייכגילטיג צו דער קעגענאיבּערדיגער שורה מענשען געקוקט.

פּלוצים האָט זי דערפיהלט, ווי ער — דער האַלבּ=שכּור'ער — רוקט זיך צו איהר אונטער'ן טיש אַלץ נעהנטער און נעהנטער מיט זיין בּענקיל, לעגט דאָרט פּאַמעליך זיין פוס אויף איהרען אַרויף און הויבּט איהם דאָרט אויך אַזוי פּאַמעליך אָן צו דריקען.

זי איז מיט אַמאָל פערטומעלט און שטאַרק רויט געוואָרען און איז מיט אַ געשריי פונ'ם אָרט אויפגעשפּרונגען:

Не смѣть! —

אַ געפיהל פון כּעס און בּעליידיגונג האָט אין איהר אַלץ אַזוי אויפגערעגט און צע'רעש'ט. אין איהר פערטומעלטען מח האָבּען זיך שוין נאָר שטיקלעך געדאַנקען געפּלאָנטערט, און די האַרץ האָט נאָך אַלץ צופיעל געקלאַפּט און נאָך אַלץ צופיעל הנאה געהאַט פון גרויסען עקעל, וואָס מיט איהם האָט זי צו איהם צולעצט אַ געשריי געטאָן:

— דוראַק!

מענשען האָבּען זיך אויף דעם געשריי געשווינד פונ'ם טיש אַ הויבּ געטאָן. געשעפּטשעט האָט זיך, וואַרפענדיג אויף איהר בּליקען, דעם געוועזענעם חתנ'ס משפּחה, און מיט עמיצען האָט זיך

קעגנאיבער דעם טיש די איראָניש-שמייכלדיגע אַקושאָרקע רעדען געשטעלט. נאָר איהר איז דאָס אַלץ אַזוי אַלץ-איינס געווען און טראַכטען האָט זי וועגן דעם נישט געקענט.

מיט האַרט-צוגעדריקטע פלייצעס צו דער וואַנט איז זי אייגע אַליין אין עק לייזיגער זאַל געשטאַנען און זיך ביסלעכווייז אונטערגעגעבען דעם געפיהל פון אייגענער געפאַלענקייט:

— נישט געווען כדאַי... אַט דער גאַנצער נאַרישער אָבענד איז שוין אפשר נישט געווען כדאַי.

וועגן עפּיס האָט זי זיך פערטראַכט, שטעהענדיג מיט האַרט-צוגעדריקטע פלייצעס צו דער וואַנט און אַראָפּקוקענדיג מיט טרויעריג-פערקלערטע אויגען אויף אַ ווייטען געלען פלעק, וואָס אויף דער פּאָדלאָגע:

— נישט דער אָבענד איז דער עיקר...

אַט פיהלט זי שוין פון אַזאַ צייט, ווי וואָלעדיג-פּוסט ס'גוסס'ט איהר בת-יחידי'ישער לעבען. אַרומדרעהענדיג זיך מיט ליפּקיס'ן, פיהלט זי עס און, טראַכטענדיג שעה'ן-לאַנג וועגן יענעם נגיד'ישען בחור, וואָס מען רופט איהם שמואליק ווידענאָווסקי, פיהלט זי עס.

פונ'ם עס-צימער האָט זיך שוין דערווייל אַהער אין זאַל דער גאַנצער שכור'ער טומעל געהאַט איבערגעטראָגען. אויסגעטרונקענע ברואים מיט רויט-פערשוויצטע פנימ'ער האָבען דאָ שוין גערייסט אַלע צוזאַמען און עפּיס געוואָלט. בעלעגערנדיג די פּיאַנאָ, וואָס אינ'ם קעגענאיבערדיגען זאַל-ווינקעל, האָבען זיי זיך איינער צום צווייטען געשטופּט און וועגען טאַניע טאַראַביי געשריגען:

— נישקשה!.. נישקשה!..

— ס'וועט איהר נישט העלפען.

דער שכור'ער טומעל האָט זיך דאָרט אַלץ נידעריגער און נידעריגער צו דער ערד געזעצט און זיך צולעצט דערוואָרגען מיט'ן בעל-עגלה'יש-הייזעריגען קול פון טאַראַביי'ס געשוועסטערקינד, דעם מוכר-תבואה'ניק:

— שאַט, שאַט! די באַרישנע טאַניע וועט עפּיס שפּיעלען לכבוד די געסט.

אין דער שטילקייט, וואָס איז מיט אַמאָל געוואָרען, האָט זיך אַ וואַרטענדיגע פויזע אַריינגעוואָרפען, און נאָך איהר — די

ערשטע שטיל־נויגענדיגע טענער פֿון בעטהאָווענס ערשטער סאָנאַטע, זיך אַריינגעוואָרפֿען שטיל און צנוע'דיג־אָנגענעהם, פֿערשעמטע פּנים'ם בּדחנ'ישען אויסרוף, וואָס איז פֿאַר זיי געקומען, און שמייכלענדיג וועגען דעם קינדערש־נאַיוו צו יענע ווייכע באַס־אַקאָרדען, וואָס מיט זיי האָבּען זיי זיך שוין פֿון אַזאַ לאַנגער צייט אַזוי גוט געקענט:

— ווי פֿיהלען זיי זיך, די באַס־אַקאָרדען? ס'ווערט זיי נישט עפּיס מאָדנע עקעלדיג פֿון אָט די אַלע פּאַרשוינען, וואָס הערען?

קיינער האָט שוין נישט דערוועגט זיך אָט די נאָגענדיגע שטילקייט איבּערצורייסען, און נאָר פּנ'ים קעגענאיבּערדיגען ווינקעל, וואָס בּיי דער טיר, האָט זיך נאָך געהערט, ווי ס'קען זיך נישט איינשטילען דער בּעיאָהרטער שכּור'ער פּאָליאַק, קריכט דאָרט עמיצען אין פּנים אַריין, חנפּ'ענדיג אונטער די אויגען דעם קלוגען טאַראַבּיי'ען, און ווערט שיער נישט צעגאַנגען פֿון שכּור'ער התפּעלות:

— אָט צע שעלמאַ, טען פּאַן טאַראַבּיי!.. שעלמאַ!

פּלוצים האָט זיך צווישען אָט דער שטילקייט געלאָזט הערען דער קול פֿון מירעל'ס געוועזענער מחותנת'טע:

— זעה נאָר!? וואו זשע זענען זיי ערגיץ, ר' נחום?

דאָרט, אין מיטען זאַל איז אָט די גראָבּע יודענע איינע אַליין געשטאַנען און שוין אַזוי צעשטרייט און בּעשעפּטיגט טאַראַבּיי'ען מיט די אויגען געזוכט.

— זי בּעדאַרף דאָך זיי אַזוי נויטיג האָבּען, ר' נחומ'ען.

פֿון צווישען די פֿיעל מענשען, וואָס אַרום דער בּעלעגערטער פּיאַנאָ, איז צו איהר אַרויסגעגאַנגען דער געוועזענער חתן און זי לייטיש אָן אַ זייט פֿון זאַל אָבּגעפֿיהרט:

— שאַ! קוק זי נאָר אָן!... וועסט זיי זעהן שפּעטער אַ בּיסעל, ר' נחומ'ען.

מירעל האָט צולעצט די זאַל פֿערלאָזען און זיך אומעטיגערהייד דורך דעם נאָהענטען פֿינסטערן חדר צום עס־צימער געלאָזט געהן. עמיצען האָט זי דאָרט בּעדאַרפֿט געפֿינען:

— יאָ, די אַקושאָרקע שאַץ האָט זי דאָרט בּעדאַרפֿט געפֿינען.

נאָר אַרײַנגעקומען אינ'ם צווייטען פינסטערן חדר, האָט זי דאָרט בײַ דער טיר דעם געוועזענעם חתן מיט זײַנע פאָטער־און־מוטער אַרום נחום טאַראַבײַ'ען דערזעהן און זיך מיט אַמאָל אַ כאַפּ געטאָן צוריק. עפּיס האָט דאָרט צו טאַראַבײַ'ען איהר געוועזענער מחותן געטענ'עט:

— אַז יענער גיט מיר די בשׂורה... אַז יענער זאָגט מיר: נאַט אײַך דעם נדן און לעגט איהם אַוועק, וואו איהר ווילט.

און די ווייב זײַנע האָט באַלד אָט די טענה מיט טרערען אין האַלז אונטערגעכאַפּט:

— זאָל ער איהר לאַנג לעבען, ר׳ נחום, און זאָל דער נדן ליגען בײַ איהם... אַז זי וויל שוין מעהר נישט אײַנלעגען בײַ פּריצים... אַז זי איז שוין אײנמאָל געשטראָפט געוואָרען.

מירעל האָט זיך צוריק דורך דער זאַל אין עס־צימער געלאָזט געהן, געפונען דאָרט די אַקושאָרקע אין אַ מאָדנע פרעהליכען האַלב־שכור'ען צושטאַנד און איז געוואָרען שטאַרק אונצופרידען פונ'ם וויין־ריח, וואָס האָט זיך פון איהר מויל געטראָגען:

— וואָס זשע? די אַקושאָרקע שאַץ קלערט שוין גאָר קיינמאָל אַהיים נישט פאָהרען?

און זיי האָבען זיך אָנגעטאָן און זענען געפאָהרען אַהיים, געזעסען ביידע אויף ר׳ גדליה'ס אַלטען שליטען און זיך מיט אַ רעגעלמעסיגען טרייב גערוקט אין דער נאַכט אַרײַן, וואָס אַרום דעם שלאָפענדיגען דאָרף.

שטיל און אידיאָטיש־צעקראָכען האָט, טרייבענדיג די פערד, געוויינט דער קליינער שייגעץ און זיך געקלאָגט אויף די געזונטע אויסגעפוצטע קוטשערס, וואָס האָבען איהם אין קיך און אין שטאַל איינער צום צווייטען געוואָרפען און איהם דערביי פון אַלע זייטען מיט די פינגער־קנעכלעך אין קאָפּ געקנאַקט.

צופיעל געלאַכט און געפלוידערט האָט דאָס מאָל די אויסגעטרונקענע אַקושאָרקע שאַץ.

מירעל איז געזעסען נעבען איהר מיט אַ שטאַרק געפאַלענעם געמיט. זי האָט געקוקט אין יענער זייט, וואו די צוקער־פאַבריק־לאַמטערנעס האָבען געדולדיג די געמויערטע ראַפינאַדען־אַמבאַרעס

געהיט, און געפּיהלט די פוסטקייט פון די טעג, וואָס זענען אַוועק, מיט דער פוסטקייט פון די, וואָס וועלען זיך פון מאָרגען אָן צו ציהען אָנהויבען:

— איז שוין, הייסט עס, אַנ'עק?.. צו אַלץ אַנ'עק?..

ווען זי איז צולעצט אין שטעדטיל צו זייער שטוב צוגע־פאָהרען, שטיל אין קיך־לאָדען אָנגעקלאַפּט און אויך אַזוי שטיל איינגעוויינט אַריינגעקומען, האָט ג'טעלע פון איהר שלאָף־צימער דער־הערט, ווי זי געהט איבער'ן עס־צימער אויף די שפּיץ פינגער, און צו איהר פון דאָרט מיט אַ שטאַרק פערשלאָפענעם קול אַרויס־געשריגען:

— ס'ליגט דאָרט אויפ'ן טיש אַ טעלעגראַם... פונ'ם טאַטען אַ טעלעגראַם.

מירעל איז צום טיש צוגעגאַנגען, דעם לאָמפּ אַרויפגעדרעהט און די דעפּעש געעפענט:

— ער קומט, ר' גדליה.. מאָרגען בייטאָג קומט ער.

און איבער עפּיס איז זי נישט אַוועקגעגאַנגען צו זיך אין חדר, זיך מיט'ן דעפּעש אין האַנד דאָ אויף דער קאַנאַפּע אַוועקגע־זעצט און זיך וועגען ר' גדליה'ן צום ערשטען מאָל פאַר דער גאַנ־צער צייט פערטראַכט:

— אָט האָט זי שוין נישט ליעב אַפילו איהם, דעם טאַטען איהרען...

אַ גרויס רחמנות פּיהלט זי נאָר צו זיין פערלאָזטען פעה־לער, וואָס דאָקטוירים הייסען פון תמיד אָן קורירען איהם, און צו זיינע אונגליקליכע און פע'דרעהטע געשעפטען.

— ער האָט דאָך, זאָגט מען, שוין אַזוי פיעל אייגענע און פונ'ם שווער געירש'נטע געלד איבערגעפּיהרט.. מעגליך, אַז עס שטעהט איהם איצט פאַר אַ ממש'דיגער קראַך... נאָר זי, מירעל... זי איז אַליין אונגליקליך און טויג נישט צו קיין שום אַרבייט.

— זי קען איהם מיט גאָרנישט ניט העלפען.

בלאַס זענען שוין געוועזען די לאָדען־שפּאַלטען, ווען זי האָט זיך סוף כל סוף ביי זיך אין חדר אויסגעטאָן און זיך אין בעט אַריינגעלעגט. ערגיץ ווייט, אין דער פריטאָג־פאַרטאָגעדיגער אָנ־געשטרענגטער שטילקייט, וואָס אינ'ם שלאָפענדיגען שטעדטיל, האָ־

בען שוין געקלונגען אַבֿרהם-משה בורנעס'עס צוריקגעקומענע און אויסגעלייזטע פֿוהרען און אַרום זיך אַ מחותּנים-שטימונג פֿון אויס-חתונה פֿערשפּרייט. און דאָ אין שטוב האָט זיך שוין געשטעלט איבער עפּים ביי זיך אין חדר אין אַזאַ פֿריהען פֿאַרטאָג, אָנגעטאָן און ביים לאָמפּ, וואָס אין עס-צימער, אַרומשפּאַנען גענומען.

ס'איז געווען מאָדנע:

אַט די בעיאָהרטע, תּמיד-שווייגענדיגע און פֿערעקשנ'טע בריאה האָט דאָך שווייגענדיגערהייד די גאַנצע צייט איהר צעטראָגענעם מאַן ליעב געהאַט און נאָך איהם געבענקט. איצט איז זי שוין, אַפּנים, שטאַרק אויפֿגערעגט פֿון זיין קומען געווען, געהאַט אַ פֿערוואָגעלטע נאַכט און מיט איהר אַרומשפּאַנען געוואָלט פֿערקירצען די צייט, וואָס איז נאָך ביז אָט דעם קומען זיינעם געבליבען.

VII

ר' גדליה הורוויץ איז דוקא דעם גאַנצען שבת אַזוי צופֿריעדען געווען מיט זיין היים. שבת-צו-נאַכט האָט ער פֿרעהליך אַריבערגעקוקט איבער די גילדענעברילען צו היימישע יודען און געוועזענע שותּפֿים, וואָס זענען זיך זעהן געקומען, האָט זיי שוין אַפֿילו צעטראָגענערהייד אַ שפּיציג ווערטיל געזאָגט:

— יאָ. אין אויסלאַנד האָט מען איהם שוין נישט אַנדעריש, ווי פֿאַר אַ בחור אָנגענומען... שידוכים האָט מען זיהם שוין דאָרט אַפֿילו געוואָלט רעדען.

אַליין איז ער אין אויסלאַנד שטאַרק פֿונ'ם לייב אַראָפּ, בעקומען אַ פֿערשוואַרצטען פּנים פֿון אַ ווייט אָבגעשיידטען שליבֿ-מרע און געבראַכט מיט זיך פֿיעל פֿלעשלעך רפֿואות, אַ קליינע ניקעלנע מאַשינקע אויף צו לאָזען זיך אין מויל אַריין דאַמפֿף מיט אַנ'אַנאַליז פֿון געפֿעהרליכער און שטילער קרענק. די פֿלעשלעך זענען אין אַ לאַנגווייליגער שורה אויפֿ'ן קאַבינעט-פֿענסטער געשטאַנען און שווייגענדיג דערמאָנט אָן דער גלייכגילטיגקייט פֿון די אייבלענדישע פּראָפֿעסאָרען:

— ווייב איך, וואָס?... אַניט, האָט ביי זיי אַ ממש אַ מענש? און וועגען דעם אַנאַליז האָט דער אָרטיגער שטאַרק-אָנגענו-

מענער פּעלשער, דער שתקן, ערגיץ־וואו בײַ זײַנע געזונט־װערענדיקע חולאים דערצעהלט:

— אַט, אַפּנים, אַ ראַק בײַ ר׳ גדליה׳ן; וואָס־זשע דען?

יודען האָבען זיך טאַקע נעבען ר׳ גדליה׳ן געפיהלט שלעכט און האָבען צופיעל געשוויגען. זיי האָבען אויסגעשפּיגען בגנבה אָן אַ זייט יעדעס מאָל, וואָס עמיץ האָט אָט די קרענק זיינע ביים נאָמען אָנגערופען און זיך געוואונדערט:

— ער הייסט דאָך נאָך אַ יונגער מאַן, ר׳ גדליה; כ׳מיין באמת: ער האַלט דאָך נאָך פאַר חמישים.

און ער האָט זיך נאָך אַליין צו דעם נישט צוגעהערט. צע־טראָגענערהייד האָט ער געוואָלט ווייטער די אונגליקליכע געשעפ־טען פיהרען און עטליכע אָבענדען נאָכאַנאַנד בײַ זיך אין קאַבינעט מיט׳ן קרוב זיינעם, דעם קאַסיר, די אַלטע און נייע ביכער אונ־טערגעפיהרט.

יעדעס מאָל, וואָס ער האָט דאָרט שפּעט ביינאַכט די אַר־בייט איבערגעריסען און איז צוזאַמען מיט׳ן קאַסיר אינ׳ם בעלויכ־טענעם עס־צימער אַרויסגעגאַנגען, האָט ער געהאַט אַ שטאַרק פער־טראָגענעם פּנים מיט אויף אַזעלכע צעטראָגענע נערוועז־רויטע אוי־גען, געשווינד געביסען איינעם אַ פינגער־קנעכעל און זיך אַליין אַלע מאָל די געדאַנקען איבערגעריסען:

— נו איז דאָך שלעכט... איז דאָך נישטאָ, פון וואָס צו רעדען.

און נאָכדעם האָט ער זיך נאָך אונגעוועהנליך־לאַנג מיט דער קריאת־שמע בײַ זיך אין שלאָף־צימער אַרומגעדרעהט, נישט איינ־געהערט, וואָס די אויסגעטאָנע גיטעלע האָט צו איהם פון איהר בעט אַרויסגע׳טענ׳עט און האָט אַלע מאָל בײַ איהר געשווינד און צעטראָגען איבערגעפרעגט:

— אַ? וואָס האָסטו געזאָגט?

צופיעל מאָל האָט שוין דענסטמאָל גיטעלע איהר צירונג מיט די ברילאַנטענע אויערינגלעך דערמאָנט, צופיעל האָט זי שוין ר׳ גדליה׳ן געוואָלט איינרעדען, אַז ס׳איז גלייך, זי זאָל מיט זיי אַ פאָהר טון צו איהר רייכען פעטער, וואָס אין ווייטליכען שטעדטיל, און צופיעל גיפטיג האָט זי שוין אַקעגען דעם קרוב, דעם קאַסיר, גע׳טענ׳עט:

— אַז זי האָט איהם אָבער געזאָגט... אַז זי האָט אָבער צו איהם די גאַנצע צייט געשריען: „ער מאַכט אַ צו ברייטען באַלאַנס, מאַכט ער".

ביסלעכווייז האָט דאָ ווידער דער אָנזעץ־מיש־מאַש אויפגעוואַכט און ווידער דערוועקט אין מירל'ען אַן עקעל מיט אַ שנאה צו דער שטוב און צו די פרעמדע מענשען, וואָס האָבען אין איהר געליאַרעמט. פון טאָג צו טאָג האָט זיך אין איהר עפּיס אַ געדאַנק געשטאַרקט:

— דער אָנזעץ־מיש־מאַש... ער וועט שוין געוויס אין גיכען אַן עק נעהמען.

אַן'אומגליק וועט, דוכט זיך, איבער דעם געשעהן מיט אַלע שטוב־מענשען, מיט די יודען־נאמנים, וואָס אין קאַשפּעריזוקער וועלדיל און אין טערנאָווער מיהל, מיט'ן קאַסיר און אַפילו מיט'ן אויבערגעוואַקסענעם מיידעל — דער קעכין, וואָס דיענט שוין ביי זיי דעם אַכטען יאָהר.

נאָר איהר, מירל'ען אַליין, איז דאָס כמעט ווי אַלץ־איינס און אין תוך...

— אין תוך וועט איהר דאָך פון דעם נישט ערגער און נישט בעסער ווערען.

גאַנצע שעה'ן איז זי מיט אָט דעם געדאַנק ביי זיך אין חדר געלעגען, געגאַנגען מיט איהם זיצען צו דער צקושאַרקע שפּאַץ און זיך מיט איהם גיך פון דאָרט צוריק אַהיים אומגעקעהרט, זיך נישט אומגעקוקט אויף די פיעל וואַרטענדיגע בעלי־חובות און צוגעשיקטע בוררים, וואָס האָבען מיט זייערע פּאַפּיראָסען דעם עסצימער שטאַרק פערדריכערט, אַריינגעקומען צו זיך אין חדר און דאָרט ווידער וועגען דעם זעלבען געטראַכט:

— דער אָנזעץ־מיש־מאַש... ער וועט זיך שוין געוויס אין גיכען ענדיגען.

אין שטוב האָבען זיך אָנגעהויבען ציהען פיעל שלאָפלויזע גסיסה־נעכט מיט אויפגערעגטע עצות־זוכרייען. קיינער, אַחוץ איהר, האָט זיך דענסטמאָל נישט אויסגעטאָן און וועגען רוה נישט געטראַכט. האָט זי זיך אַלע מאָל אין איהר פינסטערן חדר אויפגע־

כאַפּט און געהערט, אַז אין שטוב שלאָפֿט מען נישט; אַז, אַחוץ דעם קאַסיר מיט אַבֿרהמ'ל דעם רבֿ, איז דאָרט פֿאַרהאַן דער אָרטיגער פּריוואַט-אַדוואָקאַט; אַז מ'סודעט זיך דאָרט פֿאָרזיכטיג און שעפּטשענדיג-שטיל, כּדי ס'זאָלען נישט דערהערען די מיט'ן דיענסטמיידעל, וואָס שלאָפֿט אין קיך, און מ'הערט דאָרט דעם אַדוואָקאַטס עצות:

— דער עיקר איז איינצאָהלען אין דער צייט די „ראַטעס“ פֿאַר קאַשפּעריזוקער וואַלד און פֿאַר טערנאָווער מיהל; וואָרום ווײַבאַלד אַלץ איז שוין איבערגעשריבען, הערט מען דער באַנקס סטראַשונקעס, ווי דעם פֿאַר-אַ-יאָהריגען שניי.

מיעד און קרענקליך-גרינג האָט זי אין דער פֿינסטער איינגעדרימעלט און אין חלום געזעהן פֿיעל פֿרעמדע ליאַרימדיגע מענשען, וואָס פֿולען איבער די שטוב, זיך ווידער אַ ביסעל צעשראָקען אויפֿגעכאַפּט און ווידער דערהערט, ווי דער אַדוואָקאַט גיט עצות:

— מוז דאָך גיטעלע אַלץ פֿון איהר זייט אויפֿ'ן קאַסירס נאָמען איבערשרייבען, וואָס פֿערשטעהט איהר דאָ נישט? דער עיקר איז דאָ צו האָבען די דריטע האַנד.

און נאָך אַמאָל האָט זי דאָ איינגעדרימעלט און שוין אין אָנהויב גרינגען שלאָף געהערט, ווי גיטעלע מונטערט דאָרט אַלע מאָל ר' גדליה'ן:

— גדליה, גיעה שלאָפֿען, גדליה... דו טאָרסט נישט זיצען, גדליה.

ר' גדליה האָט זי נישט געהערט און איז ווייטער ביז'ן ווייסען טאָג געזעסען. ער האָט שוין טאַקע דערפֿאַר אַזאַ שלעכטען פּנים בעקומען, און די שפּיציגע נאָז האָט אונטער זיינע גאָלדענע ברילען אויסגעזעהן בלאַס, ווי ביי אַ מת.

איינמאָל ביי טאָג — אין דער וואָך, וואָס פֿאַר פּורים, איז דאָס געווען — איז ער מיט אָט דער בלאַסער נאָז צו מירל'ען אין חדר אַריינגעקומען, זיך נישט ווייט פֿון איהר בעט מיט'ן פּנים צום פֿענסטער אַוועקגעשטעלט און דאָרט צעטראָגענערהייד גענומען אַרומטאַפּען די קליינגקייטען, וואָס אויפֿ'ן טול-בעצויגענעם טואַלעט-טישעל.

ער האָט זיך ענדליך אָנגעהויבן פאַר איהר קלאָגען אויף גיטעל׳ען מימ׳ן קאַסיר:

— איינגאַנצען די צייט האָט ער זיך ביי זיי געבעטען אין זיינע בריעף: למען השם, רירט נישט אָן מירעלע׳ס פינף טויזענד רובעל... ווי ביי גזלנים האָט ער זיך ביי זיי געבעטען..

אָבער פונקט אין דער צייט, וואָס זי האָט צו איהם איהר פנים אַ ביסעל אויסגעדרעהט און עפּיס געוואָלט ביי איהם אַ פרעג טון, האָט איהם די איינגעגעסען-פערעקשנ׳טע גיטעלע פון עס-צימער פיעל מאָל צו רופען אָנגעהויבען:

— גדליה? קום נאָר אַהער, גדליה.

— גדליה?... כ׳האָב דיר עפּיס געוואָלט זאָגען, גדליה.

משוגע האָט מען געקענט ווערען פון אָט דעם קאַלטבלוטיג-איינגעשפּאַרטען רוף, איז ער ענדליך אונצופרידען און אַ ביסעל אויפגערעגט אַהין אַוועקגעגאַנגען און איבער עפּיס נאָך צוגעזאָגט איהר, מירעל׳ען, וועלכע איז פון אין-דער-פריה אָן מיט קאָפּ-וועהטאָג און געהייצטער טעמפּעראַטור אין בעט געלעגען:

— ער וועט נאָך צו איהר אַריינקומען... אין אַ האַלבער שעה אַרום וועט ער צו איהר אַריינקומען.

אין שטוב האָט מען זיך יענעם טאָג געריכט אויף אַ נייעם קלאַפּ — אַן אונגליק, און דערפאַר בכיון די דיענסטמיידעל ערגיץ וואוהין אויף גאַנצע עטליכע שעה אַוועקגעשיקט. אַ דערוואָרגענער שרעק-געדודער איז דאָרט די גאַנצע צייט פאָרגעקומען, און די אייגענע און געי׳רשנ׳טע זילבער, וואָס אין דער אַלטער גלעזערנער זאַל-שאַפע, האָט מען ערגיץ אין איילענדיגער שרעק איבערגעטראָגען. און דער איינגעשפּאַרטער גיטעל׳ען האָט שוין ר׳ גדליה ערלויבט צו איהר רייכען עלטער-פעטער, וואָס אין ווייטליכען שטעדטיל, אַ פאָהר טון. אַלע מאָל האָט זיך אַהער דערהערט, ווי זי ברענגט דאָרט ר׳ גדליה׳ן אַרויס פון די כלים און צווינגט איהם, ער זאָל העכער, ווי געוועהנליך, זיין קול אויפהויבען:

— נו, נו... וואָס פּילדערט זי אַזוי?!... זי וועט נאָך פאָהרען... פאָהרען; מימ׳ן קאַשפּעריוקער וואַלד-נאָמן וועט זי אַהין פאָהרען.

נאָר איהר, מירלע׳ן, איז שוין דעֶנסטמאָל אַלץ, וואָס אַרום, אַזוי ווינציג אָנגעגאַנגען.

געשלעפּערט האָט זי שוין דער צווייטער משוגה׳דיגער היץ־דרימעל און געחלומ׳ט האָט זיך איהר, אַז ס׳איז שפּעט אין אָבענד; אַז אין עס־צימער דערצעהלט ליפּקים ליבקע דער רבי׳צין, ווי ער איז דריי וואָכען כסדר אויף טיפוס שלאַף געווען און ווי ער איז איצט אַריינגעקומען נישט צו מירלע׳ן, נאָר גלאַט צו איהר — ליבקע׳ן; און אַז אין דערזעלבער צייט, וואָס ער רעדט דאָרט אַזוי, שטעהט דאָ, נישט ווייט פון׳ם בעט, איהר געוועזענער חתן — וועלוויל בורנעס, שטעהט מיט אַ געפאַלענעם געמיט און מיט גרויס דרך־ארץ, קוקט דערפאַר נישט צו איהר, נאָר אַראָב צו דער פּאָדלאָגע און פערענטפערט זיך:

— ער איז נישט שולדיג, וואָס ער איז צו איהר געקומען. זי בעדאַרף איהם מוחל זיין... ער האָט די טעג מיט׳ן מיידעל דער ברונעטין חתונה געהאַט און איז געקומען, גלאַט אַזוי איז ער געקומען.

ווען זי האָט צולעצט פון אָט דעם פערוואָגעלטען דרימעל זיך אויפגעכאַפּט, האָבען שוין די שויבען ווי שוואַרצע טינט אויסגעזעהן. אַ שפּעטע ביינאַכט־שטימונג האָט געשוועבט אַרום דעם לאָמפּ, וואָס האָט אינ׳ם ווייטען חדר־ווינקעל געברענט, און אין דער גאַנצער אויסגעשטאָרבען־פוסטער שטוב איז קיין לעבעדיגער נפש נישט געווען. ערשט אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי דערהערט, ווי ווייט ווייט אין פעדער־שטיבעל לויפט עמיץ געשווינד פון דרויסען אַריין, לויפט באַלד אויך אַזוי געשווינד מיט אַ פּראַל פון טיר צוריק אין דרויסען אַרויס און טוט דערביי אין גרויס אײַלעניש אַ געשריי:

— די שאַל!... גיטעלע האָט פערגעסען מיטצונעהמען די גראָבע שאַל...

דאָס האָט מען אָקאָרשט, אַפּנים, אַלע צוזאַמען אַרויסגעבעגלייט גיטעלע׳ן צו איהר פעטער, וואָס אין ווייטליכען שטעדטיל; מ׳איז געשטאַנען אין הויף און געקוקט, ווי ביי דער שיין פון׳ם אַרויסגעטראָגענעם לאָמפּ זעצט זי זיך צוזאַמען מיט׳ן קאַשפּעריוו־קער וואַלד־נאָמן אויפ׳ן אייגענעם געשפּאַנטען שליטען.

מירעל האָט שוין געדענקט:

אין שטוב איז עפּיס פֿאַר'ן טאָג פֿאָרגעקומען... זי, מירעל, וויל נישט טראַכטען וועגען דעם, וואָס עס וועט מיט איהר זיין מאָרגען... און אין דער פֿריה... אין דער פֿריה איז דאָ, דוכט זיך, עמיץ געזעסען און דערצעהלט:

— וועלוויל בורנעס האָט אין גיכען חתונה מיט דער מיידעל דער ברונעטין... סאַרווערינס קלאַפּען שוין אַפֿילו דאָרט, אַ סבֿרה, מאַנדלען מיט צימרינג, און ערגיץ וואוהין קיין אויסלאַנד, זאָגט מען, פֿאָהרט די יונגע פּאָריל באַלד נאָך דער חתונה אַוועק.

— קיין אויסלאַנד?...

ליגענדיג אין בעט, האָט זי געהאַט אַזעלכע גרויסע אָבֿל'דיגע אויגען, גלייך זי וואָלט איצט זעהן די ווייטע פֿינסטערע נאַכט מיט'ן לאַנגען שנעל-צוג, וואָס טראָגט די יונגע פּאָריל ערגיץ אַהין צו דער גרעניץ-צו. זי האָט געקוקט אינ'ם ברענענדיגען לאָמפּ און האָט געטראַכט:

— נישט שלעכט איז שוין, אפֿשר, זיך איצט אין צווייען אַזוי צווישען דער נאַכט-פֿינסטער קיין אויסלאַנד טראָגען... נאָר פֿאַר איהר, מירל'ען, איז דאָס איצט אַזוי אונמעגליך, און נישט דאָס איז דער עיקר... זי האָט וועגען דעם נישט, וואָס צו קלערען. נישט גוט איז איהר, אין די פֿינף טויזענד רובעל איהרע... און דער ווייטערדיגער לעבען איהרער, אַך!... זי וועט זיך שוין בעסער אַזוי אין אַ קנויל צוזאַמענציהען און וועט שלאָפֿען, שלאָפֿען...

און וויפֿיעל איז זי אַזוי אָבגעשלאָפֿען?

דאָרט אין עס-צימער זענען אין משך פֿון דער נאַכט זעלטען ווען אָבגעשטאָרבען די איינזאַמע טריט פֿון ר' גדליה'ס נערוועז אַרומשפּאַנען. טיי האָט ער שוין דאָרט אַפֿילו איינער אַליין פֿונ'ם זודיגען סאַמאָוואַר אָבגעטרונקען און די טיר פֿון איהר חדר האָט ער צוליעב עפּיס אַ פּאָר מאָל געפּרובט אָנ'עפֿען טון. און זי האָט דאָ נאָך אַלץ שלאָפֿענדיגערהייד ערגיץ-וואו אין אַ פֿינסטערן עולם-התוהו אַרומגעשוועבט און אָנ'ם וואָכענדיגען פּיין פֿערגעסען. ערשט צו דער דריטער אַשמורה-צו האָט זי דאָ, ליגענדיג אין בעט, אַ צימער־געמאַן, דערזעהן, ווי פּאַסען נאַכט, שמאָלע און קוים, קוים בלאָהע,

קוקען דורך די לאָדען־שפּאַלטען אַהער אין חדר אַריין, און ווי בײַ איהר אויפ'ן בעט זיצט ר' גדליה און פערענטפערט זיך:

— ער האָט זי אויפגעוועקט, האָט ער זי... ער האָט זיך עפּיס נישט געקענט איינהאַלטען און האָט זי אויפגעוועקט.

שטאַרק שלעכט איז איהם געווען, און נישט געוואוסט האָט ער, ווי אַזוי וועגען דעם מיט מירלען צו רעדען, ער איז דאָ לאַנג אויפ'ן בעט געזעסען און זיך ווידער גענומען אויף גיטעלע'ן מיט'ן קאַסיר קלאָגען:

— אַז ער האָט זיך בײַ זיי געבעטען, ווי בײַ גזלנים: ער וויל נישט פאָהרען קיין אויסלאַנד... אַז ער האָט נישט געטאָרט פון דער היים אַוועקפאָהרען...

פלוצים האָט זי צו איהם איהר פּנים אויסגעדרעהט און בײַ איהם אַ פרעג געטאָן:

— טאַטע, וויפיעל געלד איז דיר געבליבען?

און געזעהן האָט זי באַלד, ווי ר' גדליה טוט אַ הויב מיט ביידע אַקסלען, הויקערט זיך איין מאָדנע, ווי אַ קליין קינד, וועל־כען מ'וויל אַ קלאַפּ געבען, און הויבט אָן טענ'ען מיט די הענד:

— אַז גאָרנישט... אַ קאָפּיקע נישט.

— גאָרנישט?...

גלאַט אַזוי האָט זי עס בײַ איהם איבערגעפרעגט, און גלאַט אַזוי האָט בײַ איהר די האַרץ געשווינדער צו קלאַפּען אָנגעהויבען. פריהער האָט זי עפּיס געוואָלט פערשטעהן און נישט געקענט, און נאָכדעם האָט זי שוין גאָרנישט ניט געוואָלט, געקוקט אויף איהם מיט אונבעוועגליכע, עטוואָס ערשטוינטע אויגען און נישט געוואוסט, צוליעב וואָס ער זיצט נאָך נעבען איהר אויפ'ן בעט:

זי האָט דאָך שוין בײַ איהם מעהר נישט וואָס צו פרעגען... זי ווייס דאָך שוין אַלץ. טראַכטען וועגען עפּיס האָט זי מורא געהאַט, און נויטיג, שטאַרק נויטיג איז פאַר איהר געווען ווידער אַמאָל איינצושלאָפען. האָט זי זיך טאַקע באַלד נאָך ר' גדליה'ס אַוועק־געהן מיט'ן פּנים צו דער וואַנט אויסגעדרעהט, דעם קאָפּ מיט די

פֿערמאַכטע אויגען טיעפֿער אין קישען איינגעגראָבען, האַרט צו דער ברוסט די איבערגעפּלאָסטענע הענד צוגעדריקט און זיך נתן העלער׳ס פּנים אין זין גענומען:

— אָט אַזוי... אַזוי... אָט ווערט זי צוריק אַנטשלאָפֿען.

אויפֿ׳ן צווייטען טאָג האָט זי זיך מיט אַ גרייטען און נישט קלאָרען פּלאַן פֿון שלאָף אויפֿגעכאַפּט, געלעגען לאַנג אין בעט אין אַ האַלב-נעפּילדיגען צושטאַנד און געוואָלט אָט דעם פּלאַן בענעהמען:

— אַמאָל האָט זי, דוכט זיך, געהאַט די מעגליכקייט אָט די שטוב צו פֿערלאָזען... וואַרט... ס׳אַר אַ מעגליכקייט האָט זי אַמאָל געהאַט?

ר׳ גדליה האָט זיך שוין מיט׳ן טלית-און-תּפֿילין פֿון דער סאַדעגערער קלויז געהאַט אומגעקעהרט און האָט זיך אָהן גי-טעלען שטאַרק איינזאַם אין דער פּוסטער שטוב דערפֿיהלט. ער האָט געטראָפֿען מירלע׳ן איינע אַליין אין חדר שטעהן און דאָרט ווי-דער צעטראָגענערהייד די קליינינקייטען, וואָס אויפֿ׳ן טואַלעט-טישעל, גענומען אַרומטאַפּען.

ער האָט איהר געזאָגט:

— דער „סודעבנע״... מעגליך, אַז דער „סודעבנע״ זאָל היינט אַהער אַריינקומען... מ׳ווייס נאָך נישט אויף געווים, נאָר יעדענ-פֿאַלס... יעדענפֿאַלס בעדאַרף זי זיך נישט שרעקען.

— אָך, דער „סודעבנע״?.. גוט.

שטיל און ניט אומקוקענדיג זיך צו איהם האָט זי עס גע-ענטפֿערט, און באַלד האָט זי אויף זיך דעם סאַק מיט׳ן שוואַר-צען שאַרף גענומען און איז פֿון שטוב אַוועקגעגאַנגען.

— וואוהין וועט זי איצט געהן? אַליין איינס.

דער עיקר איז, וואָס זי קען מעהר אין אָט דער שטוב נישט בלייבען, און עטליכע טעג...

— עטליכע טעג קען זי אָבלעבען אַפּילו ביי דער אַקושאָר-קע שאַץ.

און זי האָט עטליכע טעג אָפּגעלעבט אין צווייען מיט דער אַקושאָרקע שיין. געלעגן דאָרט ס'רוב אין בעט אַן־אומעטיגע מיט אַ פֿאַרשטאַרקטען טרויער אין די בלויע אויגען, געקוקט מיט זיי ערגיץ וואוהין, צו דער ערדענער פּאָדלאָגע און געשוויגען. און אַמאָל האָט זיך געמאַכט, אַז, נישט אויפֿהייבענדיג די אויגען פֿון דער פּאָדלאָגע, האָט זי, ליגענדיג אין בעט, אָנגעהויבען רע־דען צו דער אַקושאָרקע אויסגעצויגען און שטיל, ווי אַן־אָבל:

— דריי און צוואַנציג יאָהר האָט זי אָפּגעלעבט דאָרט אין שטוב.

נישט די שטוב טוט איהר באַנג און נישט די יאָהרען... וואָרום די יאָהרען, וואָס האָט זי דען געקענט מיט זיי טון? און די שטוב...

— מענשען, וואָס ווערען געבוירען אין אַזעלכע שטיבער, קע־נען נים לאַכען, אָט ווי זי, מירעל.

און אַמאָל האָט זיך געמאַכט, אַז די אַקושאָרקע האָט זיך געמוזט אין שטעדטיל צו אַ געווינערין אַראָפּכאַפּען און זיך דאָרט אַ פּאָר שעה אָפּזאַמען. זי האָט געדענקט, אַז זי האָט געלאָזט מי־רע'ן, און האָט זיך געאיילט אַהיים, און ווען זי איז געקומען צוריק, האָט זי געזעהן:

מיט איבערגעפּלאָטעטע הענד אונטערן קאָפּ ליגט מירעל אין בעט אויפֿ'ן אייגענעם אָרט, וואו זי האָט זי געלאָזט. זי קוקט נאָך אַלץ ערגיץ־וואוהין צום באַלקען און הויבט פּלוצים אָן צו רעדען שטיל ווי־עגען דעם, וואָס זי האָט דאָ די גאַנצע צייט גע־טראַכט:

— אַזעלכע מענשען ווי זי, מירעל... אָדער זיי ווערען דינ־סטערינס אין די שטאָטען, אָדער זיי נעהמען זיך דאָס לעבען.

דער אַקושאָרקע איז פֿון אָט די ווערטער געוואָרען מאָדנע: זי האָט זיך באַלד בעל־הבית'עווען אין שטוב גענומען און אָנ־געהויבען צונויפֿזוכען די קליינע נאָז־טיכלעך:

— ווי קלערט מירעל? ס'וואָלט, דוכט זיך, לחלוטין נישט איבעריג געווען, ווען זי, די אַקושאָרקע אַליין, נעהמט זיי איצט, במחילה, אָט די טיכלעך איבערוואַשען.

נאָר מירעל האָט זיך דערין ניט איינגעהערט און ווידער דאָס איהריגע ווייטער געריעדט:

— קען זי אָבער פֿאַר די שטאַנטאַן־הייזער ניט זינגען און ניט לאַכען.

און כדי צו בעגעהן זעלבסטמאָרד...

דאָ האָט זי, ליגענדיג אין בעט, איהר שלאַנקען און בויגיגען קערפּער אַזוי שטאַרק אַראָבגעבויגען, אַז אין פּנים האָט זיך איהר די גאַנצע בלוט אַריינגעגאָסען, ענטפּלעקט די הענד ביז צו די אַקסלען, די פּאַמעליך פֿון אַלע זייטען בעטראַכט און זיי אויך אַזוי פּאַמעליך געגומען גלעטען:

— אַזעלכע שיינע הענד... זיי מוזען איהר באַנג יעדעס מאָל, וואָס איהר קומט אויס וועגען זעלבסטמאָרד צו טראַכטען.

דענסטמאָל האָט זיך די אַקושאָרקע פּלוצים דערמאָנט, אַז זי האָט פֿערגעסען אין שטאָדט אַ קעסטיל מאַרדינען קויפֿען. זי האָט אַוועקגעוואָרפֿען די צוגעגרייטע טעלער און זיך נאָך אַמאָל געלאָזט אַהין לויפֿען:

— מ'מוז פֿערשטאָפּען, קאָפּ זי האָט די לעצטע צייט בעקומען... מירעל וועט דאָך ביי איהר פּשוט פֿון הונגער אויסגעהן.

לויפֿענדיג אַזוי איינמאָל אין שטאָדט, האָט זי גישט פֿערגעסען זיך אויך אויף אַרגע צום פּראָוויזאָר־געהילף סאַפּיאַניען אַריינצולאַפֿען און דאָרט פֿון מירעל'ס וועגען אַ נייעס, נאָר וואָס אויסגעשריבענע בוך נעהמען. נאָר מירעל האָט זיך שוין אַזוי גלייכגילטיג צו אָט דעם נייעם בוך בעצויגען, אויך אַזוי גלייכגילטיג איהם אין די הענד געגומען און, ליגענדיג אין בעט, מאָנאָטאָניש די ערשטע צוויי פֿראַזען איבערגעלייענט. און באַלד האָט זי דעם בוך פֿון די הענד ווי אַ לא יוצלח אַרויסגעלאָזען, ווידער מאָדנע אומעטיג צום פֿענסטער געגומען קוקען און אויך אַזוי אומעטיג צו רעדען אָנגעהויבען:

— אַלע האָבען זיי ליעב אָנצוהויבען זייערע ביכער פֿון עמיצענס אַ טרויעריגען פֿריהלינג און דערמיט יעדען די אייגענע יסורים פֿערשטאַרקען.

און נאָך אַ פּויזע — אַ זיפֿץ, ווידער וועגען דעם זעלבען:

— ווען אויפ'ן הארצען איז גרינג, איז מען זיי דאס מוחל און מ'לייענט זיי. נאר ווען מ'געפינט זיך אין אזא געדריקטער שטימונג, ווי איהרע איצט, זעהט שוין אין זיי אויס יעדע פראַזע, ווי אַנ'איינגעגעסענע פליג, וואס שטעלט זיך אלע מאל אויף דער נאז און רייצט זיך: „אבער ס'איז דיר שלעכט... שלעכט... שלעכט".

נאר אמאל אין אבענד האט זיך געמאַכט, אז די אקושארקע האט גענומען דאס קליינע און אור-אַלטע Dicta Sapientium וואס אַנ'אַלטע פריצה א קאטאליקין האט איהר נישט לאנג אוועקגעשאנקען, זיך מיט דעם נעבען מירלען אין בעט געזעצט, גענומען לעזען דעם ווי מיט טרערען אויסגעפלעקטען שטארק פעגעלטען קאפיטעל און איהר איין פסוק נאכ'ן צווייטען לויט דער איבערזעצונג פערטייטשט:

Omnis felicitas mendacium est...

בײדע מיידלעך זענען מיט אמאל עהנליך צו שבעה-זיצערינס געווארען, און געדוכט האט זיך שוין, אז זיי לייענען איצט איינע פאר דער צווייטער דעם פסוק איוב און טרייסטען זיך: אט זענען נאך גרעסערע צרות ערגיץ-וואו אויף דער וועלט פאראַן.

און דאך איז מחמת אט דעם לעזען א ביסעל היימליכער דא אינ'ם בעלויכטענעם חדר געווארען, און די געדריקטע שטימונג איז פון דאנען אויף א ווילע פערשוואונדען. די אקושארקע שאַץ האט זיך שוין אפילו שמייכעלדיגערהייד א פאַפיראס ביים קעסטיל הילזען געמאכט, זיך איהם רויכערן צוריק אין בעט נעבען מירלען געזעצט און זיך אן איהר בעקאנטען, דעם בעלעטריסט, דערמאנט:

— האט ער איהר איינמאל געזאגט:

גליק קען מען שוין געפינען נאר ביי קאמי-וואיאזשארען; ס'וואלט זעהר פערדראסיג געווען, נאר ס'איז דערביי א נחמה פאַרהאן: זיי, די קאמי-וואיאזשארען, זענען שטענדיג מיט קארטען-שפיעל פערנומען און וויסען וועגען דעם נישט.

און בײדע זענען זיי א ווילע שווייגענדיג געבליבען און אזא נקמה געהאט אן אט די קאמי-וואיאזשארען:

— זיי ווייסען כאָטש וועגען זייער גליק נישט.
מירעל האָט שוין אַפילו נאָכדעם אַ שמייכעל געטאָן:
Это хорошо. —

נאָר אייגענטליך איז שוין אָט דער שמייכעל אַזוי שוואַך און מאָדנע ביי איהר אַרויס. — צו פיעל עהנליך איז ער שוין געווען צו אַ קרים, וואָס קומט אַמאָל פאַר טרערען.

VIII

אין שטאָדט האָט מען דערוויול וועגען איהר וואוינען ביי דער אַקושאָרקע שאַץ צו רעדען נישט אויפגעהערט. ביי אַברהם משה בורנעס אין שטוב האָט מען צופיעל דערפון הנאה געהאַט און פרעהליך געלאָפען אַקעגען יעדען ניי-אַריינקומענדיגען גאַסט, וואָס האָט וועגען דעם עפּיס נייעס געקענט דערצעהלען:

— נו, וואָס הערט זיך? וואָס איז ער עפּיס נאָך געוואָהר געוואָרען?

ר' גדליה האָט זיך ביי זיך אין שטוב שיער נישט גע-עקט און זיך וועגען דעם אַלע מאָל געהאַלטען עצות מיט'ן מקורב דעם קאַסיר:

— ער וועט איהם זאָגען דעם אמת: ער וואָלט שוין געוואָלט דערלעבען די שעה, ווען גיטעלע וועט צוריק אַהיים קומען; זי, גיטעלע, איז דערצו אַ מענש און קען געפינען עפּיס אַן'עצה... וואָס, נישט אַזוי?

און אַרומגעלאָפען איז ער דערביי אין אַזאַ צעטראָגענער שרעק איבער דער שטוב, און גערוקט האָט ער דערביי אַהין און צוריק די גילדענע בריל איבער דער נאָז:

— ווער ווייס? אפשר איז כדאַי געבען גיטעלע'ן אַ טע-לעגראַם, זי זאָל וואָס גיכער אַהיים קומען?

נאָר אין גיכען איז שוין אַזאַ שענער און זונענדיגער אסתר-תענית געווען. די לופט האָט שוין אין איהם מיט אַזאַ סוף-ווינ-טערדיגער וואַרימקייט געשמעקט, און דער פראָסט איז שוין גע-ווען אַזוי קליין און שוואַך, קוים געהאַלטען גאַנץ דעם שניי-אויגען בלאַנק-ווייסען איבערפלאַך, וואָס אויף די אַרומיגע פעל-

דער, און געשפּרונגען איבער איהם אַקעגען דער זונען־שיין מיט פיעל זילבּערנע און דימענטענע פונקען.

בּייטאָג איז צו דער אַקושאָרקע שאַץ געקומען אַ פוהר פון אַ דאָרפישער פּריצה און איהר אַ בּריעף געבּראַכט:

— מ'וויל זיך מיט איהר מישבֿ זיין, און אויב זי איז נישט פערנומען, בּעט מען זי קומען.

שטילערהייד האָט די אַקושאָרקע געוואָלט לײדיג די פוהר צוריק אָבּשיקען און שוין אַפילו צוליעב דעם אַ בּריעף דער פּריצה געהאַט אָנגעשריבּען. נאָר מירעל האָט זיך פּלוצים וועגען דעם דערוואוסט און איז מיט אַמאָל שטרענג געוואָרען:

— ניין... די אַקושאָרקע וועט בּאַלד אַהין פאָהרען.

און ווען די אַקושאָרקע האָט טענ'ען אָנגעהויבּען, האָט זי נאָך אַ רוגז'דיג־בּלאַסען פּנים בּעקומען און זיך איבּער עפּיס געשמעלט די אונטערע גלעזער און שאָלען איבּער־וואַשען.

— אויב די אַקושאָרקע פאָהרט נישט, טוט זי זיך בּאַלד אָן און געהט אַוועק פון דאַנען.

אַ רמז איז אין אָט דעם שטומען גלעזער וואַשען געווען טיי דערויף, וואָס זי איז אַ בּת־יחידה, סיי דערויף, וואָס זי קען וואָרט האַלטען און ערגיץ וואוהין פון דאַנען אַוועקגעהן; און חוץ דעם: ס'איז עפּיס גלאַט אַזוי געווען שטאַרק מאָדנע, זי בּיי אָט דער אַרבּייט אָנצוקוקען.

אין אַ האַלבּער שעה אַרום האָט זיך שוין די אַקושאָרקע ערגיץ ווייט ווייט אַרויס דעם שטעדטיל אַקעגען דער דרום־מערבֿ'־דיגער זון געשליטעלט, און מירעל איז שוין צוריק אומעטיג בּערוהיגט אויפ'ן בּעט געלעגען. זי האָט מאָנאָטאָניש שטיל געבּעטען זיצען דעם נאָר־וואָס אַריינגעקומענעם פּראָוויזאָר־געהילף סאַפּיאַנ'ען און איהם אויך אַזוי שטיל אויף זיינע אָנפראַגען געענטפערט:

— יאָ, פריהער, ווי אין אָבּענד, וועט די אַקושאָרקע אַהיים נישט קומען.

דער פּראָוויזאָר־געהילף סאַפּיאַן איז, ווי תמיד, געווען נערוועז, ערנסט און שטרענג. ער האָט געקוקט מיט זיינע בּולט'ע פאַרבּלייזע אויגען נישט צו איהר, נאָר ערגיץ וואוהין אין אַ

חדר-ווינקעל, געטראַכט, אַפּנים, צום שלעכטען וועגען דער אַקו-שאַרקע און געשוויגען. אַ שווערע פּוסטקייט איז נאָך זיין אַוועקגעהן דאָ אין חדר געבליבען. די שטילקייט האָט זיך געשטאַרקט — פֿ׳האָט זיך געהערט, ווי נאָהענט קעגענאיבער דעם פֿענסטער לויפֿען אַרום צוויי שיקסעלעך אין שטיוועל. יאָגען זיך איינע נאָך דער צווייטער און לאַכען, יאָגען זיך און לאַכען.

מירעל האָט זיך צולעגט אויפֿ׳ן בעט אויפֿגעזעצט, זיך פֿערטראַכט און זיך מיטעד׳הייד פֿערקוקט אויפֿ׳ן פֿיער-עקיגען זונען-פֿלעק, וואָס האָט זיך פּאַמעליך געשפּיעלט אויף דער מיט פּאָדלאָגע.

פּלוצים האָט זי זיך גענומען אָנטון, פֿערשלאָסען דער אַקו-שאַרקעס האַלבע שטוב און איז אַרויסגעגאַנגען אין דרויסען. ס׳איז געווען אַרום האַלב פֿיער אַזייגער בייטאָג, און די זון האָט נאָך נאָהענט פֿון דרום-מערבֿ׳דיגער זייט געשיינט, און דער קליינער פֿראָסט האָט נאָך אָקעגען איהר שיינענדיגען ים מיט פֿיעל זילבערנע און דימענטענע פֿונקען אַרומגעטאַנצט. און די היבשע שיקסעלעך, וואָס אין די שטיוועל, זענען נאָך איינע דער צווייטער נאָכגעלאָפֿען, זיך געיאָגט און געלאַכט, געיאָגט און געלאַכט. מירעל איז געגאַנגען לינקס און אַראָב, צום שטעדטיל צו. געגאַנגען פּאַמעליך און זיך פֿון צייט צו צייט אין די זייטען אומגעקוקט.

ס׳איז געווען אַזוי פֿריש און לעבליך. ערגיץ ווייט, אין אַ גרויסער רוסישער שטאָדט, האָט שוין געוויס אַ יונגע מוטער איהר דריי-יאָהריג קינד צום ערשטען מאָל מיט דער ערציהערין שפּאַצירען אַרויסגעשיקט, און דאָס קינד איז צוריק אַהיים געקומען אָנ׳ענטציקטס מיט פֿאַרביג-רויטע בעקלעך, מיט אַ פֿרישען, שמייכעלדיגען פּנימ׳ל און מיט אַנ׳איין-און-איינציג ניי-מאָדנעם וואָרט:

Мама, весна!.. весна!

און דאָ אין שטעדטיל זענען נעבען דער שול, וואָס איז אַ ביסעל נידעריגער פֿון דער אַפּטייק, עלטערע און יונגערע פֿאַסטענדיגע יודען אין אַ קליינער בינטעל געשטאַנען; זיי האָבען געהאַט געדולד צו וואַרטען אויפֿ׳ן אסתּר-תּענית׳דיגען „ויחל“ און זענען געווען ענטציקט פֿון יונגלעך ווייסע-חבֿרה׳ניקעס, וואָס האָבען פֿאַר זייערע אויגען איינער אויפֿ׳ן צווייטען מיט שניי געוואָרפֿען.

די יודען האָבען זי דערזעהן און האָבען אויף אַ ווײַלע אָן די יונגלעך פֿערגעסען. זיי האָבען געוואוסט:

— זי, מירעל הורוויץ, האָט דעם פֿאָטערס שטוב פֿערלאָזען און וואוינט דאָרט... בײַ דער אַקושאָרקע שאַץ וואוינט זי.

און זי איז פֿאַמעליך און מיעד געגאַנגען ווייטער אַראָב מיט'ן שטעדטיל. זי האָט פֿערהאַלטען אַ ביסעל די טריט פֿאַר איהר געוועזענעם מחותנ'ס שטוב מיט די אויסווייניגסטע בלאָהע לאָדען און האָט געזעהן:

פֿאַר'ן פֿאָרענטיגען גאַניק מיט דער פֿאַראַד־טיר שטעהט איהר געוועזענעם חתנ'ס פֿוהר, און פֿון דער הינטער־טיר, וואָס פֿיהרט אין קיך, פֿערטראָגט זיך אַהער אַלע מאָל אַ ריח פֿון פֿרישע צוקער־געבעקס מיט רעגעלמעסיגע קלעפּ פֿון אַ פּאָר אונרוהיגע מעשענע שטייסלעך און דערמאָנען אָן אַ נאָהענטער, לאַנג־דער־וואַרטער חתונה:

— אַ שעמעוודיג־לייטישער איז דער חתן... און די כּלה... זי איז איהם ווערט... ווערט... ווערט...

און ס'איז געווען מאָדנע:

אין איהר, מירלע'ן, האָט דאָס אַלץ קיין בענקענדיגע געפֿיהלען נישט דערוועקט און נישט אַרויסגערופֿען קיין פּחד פֿאַר'ן קו־מענדיגען לעבען.

מיט אַ נעפּילדיגען און קאַלטען בעשלוס האָט זי זיך אַלץ נעהענטער און נעהענטער צום פֿאָטערס שטוב גערוקט. מיט'ן זעל־בען קאַלטבלוטיגען בעשלוס איז זי אַריינגעקומען אַהין אין פֿאָ־טערס שטוב. פּוסט און האַלב פֿינסטער איז דאָרט אין די חדרים געווען, און קיינער האָט זיך דאָרט נישט געפֿונען, ווער ס'זאָל זי בעמערקען. איז זי, די שלאַנקע און אומעטיגע, געבליבען דאָרט שטעהן בײַ דער טיר, און גערוכט האָט זיך איהר שוין, אַז זי לעבט נישט, ווי אַלע מענשען, נאָר זי געהט איינע אַליין אַרום בײַ דער זייט פֿון לעבען, אויפֿ'ן עולם התהו און פּלאָנטערט זיך דאָרט פֿון קליינערהייד אין אַ לאַנגען פֿערוואָגעלטען חלום, וואָס האָט נישט קיין אָנהויב און קיין סוף:

— אָט איז זי שוין, דוכט זיך, איצט צו עפּיס צוגעקומען און וועט עפּיס טון, און אפֿשר איז זי נאָך צו גאָרנישט ניט געקומען און

וועט גאָרנישט ניט טון. איינע אַליין וועט זי נאָר ווייטער אַרומבלאָנדזשען, ווי אַן׳אייביגער חלום פֿון תּוהו ובֿוהו און וועט אין ערגעץ נישט אָנקומען.

— און אָט שטעהט זי ווידער אַמאָל אין אָט דער שטוב, וואו זי איז שוין אַזוי פֿיעל מאָל געשטאַנען, און געהט דאָ פּאַמעליך פֿון איין חדר אין צווייטען. ווי אַמאָל, הערשען איצט דאָ די חושכ׳דיגע בין־השמשות, שטאַרקען זיך און געהען איבער אין נעפּיל. נאָר אַמאָל זענען דאָ געווען מענשען, און איצט איז דאָ קיינער נישטאָ. פֿון איין חדר אין צווייטען זענען אָפֿען די טירען; אַ שוואַרצע פּוסטקייט זעהט זיך ערטערווייז אין יענע ווינקלען, וואו ס׳זענען פֿון תּמיד אָן געשטאַנען איינינגע זאַכען פֿונ׳ם אַלטען ווייכען מעבעל. זי, מירלען, בעמערקט דאָ קיינער נישט. קיינער שטעלט זי נישט אָב און ווערט מיט איהר קומען נישט פֿרעהליכער. עפּיס איז דאָ שוין, דוכט זיך, שפּעט און נאָך אַלעמען. נאָר די מענשען? וואוהין זענען זיי פֿון דאַנען אַהינגעקומען, די מענשען?

פּלוצים האָט זי איג׳ם האַלב־פֿינסטערן קאַבינעט איינעם אַליין ר׳ גדליה׳ן דערזעהן. די צוזאַמענגעצויגענע האַרץ האָט צו איהם אַ שטאַרקען ציה געטאָן, און אַליין האָט זי מיט אַמאָל אָן איהר נעפּילדיגען בעשלוס פֿערגעסען. אַיינגעדויקערט און שטאַרק פֿערקלענערט איז ער דאָרט געזעסען צו איהר מיט די פּלייצעס, דער קאָפּ עטוואָס פֿערוואָרפֿען אַרונטער און די מויל אָפֿען, ווי ביי אַ פֿיש, און אָנגעשטעלט אַקעגען דעם רפֿואה־דאַמפּף, וואָס ער האָט זיך געלאָזט פֿונ׳ם אויסלענדישען ניקעלנעם מאַשינדעל. אין דער שפּעטער בין־השמשות׳דיגער לופֿט האָט די מאַשינדעל אַקעגען איהם מיט אַ קליינעם בלוי־גרינליכען פֿלאַם געברענט, און מיט אָט דעם בלוי־גרינליכען פֿלאַם איז זיין פּנים קוים בעלויכטען געווען, אויסגעזעהן נאַס און בעדעקט מיט פֿיעל שווייסיגע דאַמפּף־טראָפּענס.

ער האָט געענדיגט דעם דאַמפּף לאָזען און די מאַשינדעל אויסגעלאָשען. דעם נאַסען פּנים האָט ער זיך מיט דער פֿאַטשיילע פּאַמעליך אויסגעווישט, און זי האָט ער נאָך אַלץ הינטער זיך נישט דערשפּירט. נאָר זי איז שוין אַזוי צעבראָכען

געווען. טרערן זענען איהר געשטאַנען אין האַלז, און געגאַנגען איז זי שוין צו איהם מיט פּאַמעליכע טריט און מיט אַ רחמנות צו אַ פאָטער, וועלכער איז מגולגל געוואָרען אין קליין אונבעהאָלפען קינד.

— וואָס פון איהם איז געוואָרען?!

און אין אַ ווײַלע אַרום איז זי שוין געשטאַנען מיט איהם נעבען פענסטער. זי האָט איהם דעם פנים געווישט, געקושט אין שטערן און געזעהן, ווי ער דרעהט זיך פון איהר אַלע מאָל מיט אַ שוואַכען כח צום פענסטער אַוועק, ציטערט מיט'ן גאַנצען איינגעהויקערטען קערפער און כליפעט שטיל אין זיך, ווי מורא=האָבענדיג, ער זאָל די סלונע פונים מויל נישט פערלירען:

— עפּ—עפּ—עפּ—עפּ עפּ פּפּ... פאַר וואָס קומט — דאָס איהם?... עפּ—עפּ—עפּ—פּפּפּ... ביי די עלטערע יאָהרען — עפּ=עפּ=עפּ—עפּ...

ער האָט זיך אַ ביסעל בערוהיגט, ווען די דיענסט=מיידעל איז פון גאַס געקומען און אַ לאָמפּ דאָ אין קאַבינעט און אין עסצימער אָנגעצונדען. דענסטמאָל איז מירעל אין עסצימער אַרויסגעגאַנגען, בעגעגענט דאָרט דעם קאַסיר און, קוקענדיג גלייך אין זיין פנים, זיך נעבען איהם אָבגעשטעלט:

— ווי קלערט ער: ווען מ'דעפּעשירט באַלד זיידענאָווסקען, וואָלט נאָך דער קנס=מאָל געקענט זיין היינטיגען שבת=צונאַכטס? יאָ? טאָ וועט זי איהם בעטען, ער זאָל באַלד אָט די דעפּעש בעזאָרגען.

— נאָר זאָל ער וואַרטען... עפּיס האָט זי איהם, דוכט זיך, נאָך געוואָלט זאָגען און האָט פערגעסען... ניין, ניין... זי האָט זיך שוין דערמאָנט. ער מעג געהן די דעפּעש בעזאָרגען... זי האָט זיך שוין דערמאָנט... דער שליסעל פון דער אַקושאָרקעס פערשלאָסענער שטוב איז ביי איהר געבליבען, זי מוז איהם איצט אַליין געהן אָבטראָגען.

———

אין אַנדערהאַלבען שעה אַרום, ווען זי האָט זיך צוריק אַהיים אומגעקעהרט, האָט זי שוין די שטוב שטאַרק בעלויכטען גע-

טראָפּען. די גדליה איז נאָך אין דער סאַדיגערער קלויז ביי דער מגילה געווען, און אין עסצימער, ביים ווייס פֿערשפּרייטען טיש, מיט די ברענענדיגע ליכט, איז געשטאַנען די נאַר-וואָס אָנגעקומענע גיטעלע, געהאַט אַ פֿערפֿלאַמטען און פֿולפֿאַרביגען פּנים. טראַכטענדיג אפשר נאָך וועגען דעם, מיט וואָס זי האָט זיך פֿון איהר רייכען עלטער-פֿעטער אומגעקעהרט, האָט זי געהערט, ווי דער פֿרום-אַרומגעגאַרטעלטער ייד לייענט פֿאַר איהר די מגילה:

בימים ההם ומרדכי יושב בשער המלך.

מיט אַ ווינק האָט זי דאָ מירלען אָפּגעשטעלט, געוואָלט ביי איהר עפּיס פֿרעגען, נאָר מורא געהאַט אויסצורעדען און איהר אויפֿן בעשריבענעם שטיקעל פּאַפּיר, וואָס אויפֿן טיש, אָנגעוויזען:

— נו — אָ... אַדרעס... נו... אַ קוק געבען, צי געשריבען טוב זיידענאָווסקי'ס אַדרעס.

און איבער עפּיס האָט מירעל, איבערלייענדיג דעם אַדרעס, איהר גאָרנישט ניט געענטפֿערט. אַוועקגעגאַנגען צו זיך אין חדר און זיך דאָרט אין דער פֿינסטער אין בעט געלעגט.

ס'איז געווען אַזוי נישט צום גלויבען:

אין שטאָדט האָט נאָך נאָכדעם עמיצער געשוואוירען, אַז אין יענעם זעלבען אָבענד, ווען די אַקושאָרקע האָט זיך אַהיים אומגעקעהרט, האָט זי זיך בעגעגענט נעבען איהר אויסגעלאָשענער שטוב מיט וועלוויל בורנעס'עס וואַרטענדיגער פֿוהר. ער, וועלוויל בורנעס אַליין, איז דאָרט אין דרויסען אַקעגען דער לבנה געשטאַנען פֿאַר איהר אפשר צעהן מינוט אָהן אַ היטעל און פֿון אויפֿגערעגטקייט קוים קוים געקענט עטליכע ווערטער אויסרעדען:

— ער האָט געקלערט זעהן דאָ מירלען, — האָט ער געזאָגט... ער האָט געוואָלט... איבערגעבען עפּיס, האָט ער איהר געוואָלט... נאָר אייגענטליך... די אַקושאָרקע שאַץ בעדאַרף, אייגענטליך, אויף איהם קיין פֿעראיבעל ניט האָבען.

———

אין צווייטן טאָג אַרום האָט זיך אַ 35־יאָהריגער בחור אָבּ־געשטעלט מיט זיין פוהר נעבּען ר׳ גדליה׳ס שטוב און זיך דער־פרעגט ביי אַבּרהמ׳ל דעם רבֿ, וועלכער איז איהם פון דאָרט אַקעגען אַרויסגעגאַנגען:

— אָט דאָ וואוינט ר׳ גדליה׳ס טאָכטער, מירעל הורוויץ?

דער רבֿ האָט געקוקט מאָדנע אויף איהם און אויף זיינע פעלדוועבּילש־גרויסע וואָנסעס, איז איהם נאָכגעגאַנגען צוריק אין פעדער־שטיבּעל אריין און האָט געזעהן, ווי ער טוט דאָרט אויס דעם טולופּ און דערוואַרימט די נאָז מיט די וואָנסעס פון דער קעלט. דער רבֿ האָט געמיינט, אַז דאָס איז זיידענאָווסקי׳ס אַ ניי־צוגעשיקטער שליח, וואָס האָט אַ שייכות צום שידוך און צו די תנאים. און ער, דער 35־יאָהריגער בחור, וואָס האָט נתן הע־לער׳ן אַ פעטער אַנגעקעהרט און האָט אין צוקער־פאַבּריק גע־דיענט, איז שוין נאָכדעם לאַנג געזעסען מיט מירלען אין דער שטילער זאַל און זי דאָרט ביז פאַרנאַכט אויפ׳ן גרויסשטאָדטי־שען שטייגער געגודעט. רוסיש האָט ער גערעדט שלעכט, ווי אַ דאַנטיסט, אַרויסגעזאָגט אַ „ס״ אויפ׳ן אָרט פון אַ „ש״ און האָט דערצעהלט, אַז דער „פּלעמיאַניק״ זיינער, נתן העלער, פרעגט זיך נאָך אין יעדען בּריעף אויף איהר, מירלען:

— ער בעט אין יעדען בּריעף, מ׳זאָל געוואוירע ווערען, וואָס זי מאַכט.

דערפאַר, וואָס אָט דער בעיאָהרטער בחור איז שוין קיין איבעריגער חכם נישט געווען; דערפאַר, וואָס קיין בר־דעת איז אויף אָט דעם גאַנצען קליינשטעדטילדיג־נאַרישען וויזיט נישט פעהיג געווען, איז איהר, מירלען, שרעקליך לאַנגווייליג געווען מיט איהם דאָ אין זאַל צו זיצען, און געערגערט האָבּען זי סיי זיינע מעשיות וועגען נתן העלער, סיי די בּליקען פון חשד, וואָס מיט זיי איז גיטעלע אַלע מאָל אַהער צו דער טיר צוגעגאַנגען. זי האָט זיך געהילט אין שאַל און געוואָלט, ער זאָל גיכער אַוועק־געהן; און אַז ער איז צולעצט אַוועקגעגאַנגען, איז איהר שוין געווען שטאַרק נמאס די שטוב, דער קנס־מאָל, וואָס צו איהם גרייט מען זיך, איהר גאַנץ קינפטיג לעבען, מיט גיטעלעס פראַגעס:

— וואָס האָט ער געוואָלט, אָט דער יונגער מאַן?

גיטעלע׳ן האָט זי געענטפֿערט עפּיס בייז און אויפֿגערעגט:

— זאָל זי געשווינד אַ ריטער אויפֿזעצן און איהם נאָכשיקן פֿרעגן, וואָס האָט ער געוואָלט.

און אַליין איז זי אַוועקגעגאַנגען צו זיך אין צימער, זיך אויסגעטאָן און זיך תּחילת נאַכט געלעגט שלאָפֿן. צום קנס־מאָל איז דאָך נאָך געבליבן עטליכע טעג: עפּיס האָט נאָך ביז יענער צייט געקענט געשעהן, און זי איז נאָך לחלוטין נישט געווען מחויב צו טראַכטן וועגן איהם, דעם נגידישען בחור, וואָס הייסט שמואליק ווידענאָווסקי, און וועגן דעם אונאָנגענעהמען נייעס, וואָס מיט איהר וועט פֿאָרקומען.

פֿאַר׳ן שלאָף האָט זי נאָך אונגעריכט וועגן העלער׳ן אַ טראַכט געטאָן, און נאָכדעם האָט זיך איהר שוין אַ גאַנצע נאַכט געחלומ׳ט זיין לענגליך פּנים, וואָס מאַכט איהם ענליך צו אַ רומעניער. ערגיץ איז ער איינער אַליין אַרום 10 אַ זייגער גע־גאַנגען דאָרט, אינ׳ם כּרך, דער גובערניע־שטאָדט, וואו ער געפֿינט זיך, געגאַנגען צו זיינעם אַ חבר, וואָס וואוינט אין צווייטען עק שטאָדט, און אין זינען געהאַט דעם גאַנצען וועג אָט דעם חבר׳ס וואַרימען און בעלויכטענעם צימער:

— זיצען וועט מען דאָרט קענען לאַנג ביי אַ גלאָז טיי און דערצעהלען וועט מען דאָרט קענען פֿערטראַכט און מיט גרויס בענקשאַפֿט:

— איז אַ שטעדטעלע ערגיץ וועיט ווייט פֿאַרהאַן, און אַ מיידעל, וואָס הייסט מירעל הורוויץ, לעבט דאָרט אין אָט דעם וויטען שטעדטעלע. האָט זי מיך אַמאָל ליעב געהאַט, אָט די מירעל הורוויץ... שטאַרק האָט זי מיך אַמאָל ליעב געהאַט.

זיין פּנים האָט זיך שוין נאָכדעם געדריקט אין משך פֿון גאַנצען ווייטערדיגען טאָג, זיך געדריקט מטושטשדיג און פֿערפֿינסטערט־ליעב און געצויגען צו זיך די מחשבה מיט׳ן האַרץ. נאָר אין שטוב האָט זיך שוין אַזוי שטאַרק דער נאָהענטער קנס־מאָל געפֿיהלט. און געהערט האָט זיך צו איהר אין צימער, ווי מ׳רוקט אין די אַרומיגע חדרים די טישען, ווי עמיצער קלאָגט זיך און רעכענט אויס:

— וואָס מיינט איהר? אויב די ווידענאָווסקי׳ס וועלען קו־

מען מעהר, ווי אין דריַיען, ווען מען זיך טאַקע מוזען אַ ביסעל מוטשען.

האָט זי מעהר ניט געוואָלט אין זינען האָבען נתן העלערס פּנים און זיך געפּליסט טראַכטען וועגען דעם, וואָס שמואליק ווידענאָווסקי האָט אַנ׳אייראָפּעאישען אויסזעהן:

— זי האָט שוין אַמאָל אַפילו וועגען דעם געקלערט...

אַרומגעהענדיג מיט איהם אין קרייז־שטאָדט, האָט זי וועגען דעם געקלערט.

IX

זיי זענען אָנגעקומען פריַיטאָג ביַיטאָג — די מיטעליאָהריגע פאָטער־און־מוטער, וואָס וואוינען אינ׳ם שטילען עק פאָרשטאָדט פון ווייטען כּרך, מיט׳ן עלטסטען קינד, דעם חתן — און געבראַכט האָבען זיי מיט זיך אַ ליטווישען האַלב־אַרויסגעוויזענעם שמייכעל פון איינגעוויינגסטער צופרידענקייט מיט אַ 7־יאָהריגער חתן־שוועסטערל, אַ „מיזינקע״. דער שמייכעל איז נאָכדעם אַזאַ פער־פיהרערישער געוואָרען; ער האָט זיך דאָ בעוויזען אַפילו אויף די פּנים׳ער פון ווילד־פרעמדע שטאָדט־יודען, זיי געמאַכט פאַר אַזעלכע גוטע, גוטע און זיי געצוואונגען איינעם און דעם זעל־בען שכל אויפטון:

— אַז זיי, די מחותנים אַליין, האָבען זיך גאָר ליעב...

אַז זיי האָבען נאָך גאָר אַמאָל אין סאַדעגערע געטשומאַקעוועט אין געפעלען זיך נאָך עד היום איינער דעם צווייטען בעסער, ווי די חתן־כּלה.

און די 7־יאָהריגע מיידעלע האָט, ווי אַ גרויסע, צו אָפּט די קליידעלעך געביטען און זיך צופיעל אויף דער מוטערס בענ־קיל געדראַפּעט יעדעס מאָל, וואָס טאַטע־מאַמע האָבען דער־צעהלט, ווי אַזוי זי האָט זיך אין וואַגאָן צווייטען קלאַס מיט אַנ׳אַלטען גענעראַל אויסגעטענ׳עט.

— די עלטערע, האָט די מחותנת׳טע וועגען איהר דער־צעהלט, —ענדיגט היינטיגס יאָהר די גימנאַזיע; זי האָט קיין ציַיט נישט און בעדאַרף לערנען. און זי, די קלענסטע, האָט מען מיט־גענומען; זאָל זי נאָך אַ ביסעל הוליען.

און אַריינקוקענדיג דעם קינד אין פּנים׳ל אַריין, האָט זי

געפֿינקעלט מיט די קליינע שוואַרצע אויגען אַזוי געשווינד, ווי אַ קורצזיכטיגער נאַכט-פֿויגעל, געוואָרפֿען אַ מיאוסען חשד אויפ'ן שוואַרצען פינטעל, וואָס בײַם קינדס נעזיל, און האָט די בשעת מעשה אויף איהר הייזעריגליכען קול געפֿרעגט:

— נו, ווי געפֿעלט זי דיר עפּיס, די כלה? האָסט זי שוין געזעהן?

גיטעלע איז לייטיש-שווייגענדיג געזעסען אַקעגען איהר און האָט זי אָנגעקוקט:

אַ הויכע, אַ דאַרע און עטוואָס מיעדע יודענע, האָט אַ מאַט-טונקעלן און לענגליכען בעל-הבית'טע-פּנים, אַ קליינעם, שטאַרק טעמפּען מוח מיט אומגעוועהנליך גרויסע הענד און פֿיס. די הויבשע ירושה-שפּילקע, וואָס אויף איהר שטאַטנעם פּאַריק, איז, אַפּנים, אַ טייערע, אַ בריליאַנטענע, נאָר זי אַליין האָט נישט, וועגען וואָס צו רעדען, שמייכעלט דערפֿאַר צו פֿיעל פֿון אינעווייניגסטער צופֿריעדענקייט און הויבט אָן אַלע מאָל דערציילען גאָר, גאָר פֿון אָנהויב:

— נו, און אַז די טעלעגראַם איז אָנגעקומען פּונקט פּורים צו דער סעודה... און פֿאַנאַנדערגעפֿאַלענע מנינים ווערן זענען שטענדיג בײַ דער סעודה פֿאַראַן, האָט ער, יעקב יוסעל הייסט ער, מן הסתם בעלד אַ קאָמאַנדעווע געטאָן: וויין! גראָבט אויס וויין! (ער האָט דעם וויין אין קעלער פֿערגראָבען נאָך דעם יאָהר, וואָס שמואליק איז געבאָרען געוואָרען) — נו קען מען זיך שוין פֿאָרשטעלען...

אַ ביסעל ווייטער, בײַם געעפֿענטען בוך, וואָס אויף דער קליינער ביכער-עטאַזשערע, איז דער שלאַנקוואוקסיגער 24-יאָהריגער חתן מיט'ן מקורב דעם קאַסיר געשטאַנען. ער האָט געהאַט זיך אויך פֿאַר'ן קאַסיר'ס צוויי מליצה-בריוולעך, וואָס זענען צו זיי אין שטוב אָנגעקומען, איהם גערעכענט פֿאַר אַ משכיל און איהם דערפֿאַר אויפ'ן קול געלאָזט הערען, ווער ס'איז אַזוינס אחד העם.

— איהר פֿערשטעהט? ער קען איך אָבשווייגען אַ גאַנץ יאָהר, אחד העם.

ער האָט געהאַט נאָך גאָר אַ יונגע בלאָנד-רויטליכע און פֿריש-אָרומגעשאָרענע בערדיל, די בערדיל האָט, אויספֿעהלענדיג

די אויערן, זיך מיט די שאַטענע קאָפּ=האָר צונויפגעגאָסען און זיך געצויגען אַרום פּנים, ווי אַ שטרענג=גלייכע רצועה. און דאָך איז ער שטאַרק עהנליך געווען צו זיין מיטעל=וואוקסיגען און געפּאַקט=קרעפטיגען פאָטער, צו אָט דעם ריהרעוודיג=מונטערן מיטעליאָהריגען ברונעט, מיט דער היבשער שטאַרק=שוואַרצער און נישט=געריהרטער באָרד און מיט די פרישע, ווי מיט לאַק אָבגעשמירטע, שוואַרצע אויגען. אָט דער פרעהליכער מחותן האָט אָפען און ברייט=האַרציג ר' גדליה'ן ביים טיי טריקען אַרומגענומען, זיך מיט איהם דערביי שיער נישט צעקושט און שוין אפשר דערפאַר אַזוי פלוצים און אַזוי פרעהליך מיט זיין זאַפטיגער ברוסטשטים צו גימעלען אַריבערגעשריגען:

— מחותנת'טע! איהר וועט אָנקוקען, ס'אַראַ זעקס טאָרטען, אַ מתנה, מיר האָבען אייך צו פיהרען געבראַכט.

מ'האָט זיך געגרייט געהן דאַוונען.

נעבען די מחותנתטעס איז שוין דערווייל געזעסען ליבקע די רביצין מיט דער שוויגער איהרער, איהר גאַסט — אַ יודענע מיט אַ פשוט'ען פּנים, מיט יונג=אַרויסגעפאַלענע פעדע'שטע צייהן און מיט אַ זיידענער טיכעל אויפ'ן קאָפּ. די יודענע האָט ניט געוואוסט, וואוהין די צעהאַקטע קיך=הענד אַהינצוטון, און האָט געוואָלט אויסבעהאַלטען דעם גראָבען האַנד=פינגער, וואָס פון איהם איז ביי איהר שוין יאָהרען=לאַנג אַ זעקסטער — אַ טויגנישט אויסגעוואַקסען. און דאָ נעבען מחותן, האָט זיך שוין אַברהמ'יל דער רב שמייכעלדיג געדרעהט אַ געגרייזעלטע פאה. ער האָט הנאה געהאַט, וואָס דער מחותן טראָגט שבת אַ שוואַרץ=זיידענעם, עטוואָס פערקירצטען סורדעט, און פון דעם, וואָס אויף דער וועלט זענען נאָך בכלל לייטיש=פרומע יודען פאַרהאַן, און האָט דערפאַר אויך אַזוי שעמעוודיג און שטיל אַ זייטיגע סברה אַרויסגעזאָגט:

— אין קלויז וועלען, מן הסתם, די מתפללים וועלען, אַז ר' יעקב יוסעל זאָל זיי פאַר'ן עמוד אַ תפילה שענקען... זיי געדענקען דאָך נאָך, מן הסתם, זיין ימים=נוראימ'דיגען דאַוונען אין סאַדעגערע.

און דער וועלטליכער מחותן האָט, רויערנדיג דעם לעצטען

פֿרײַטאָג־פֿאַרנאַכטיגען פאַפּיראָס, כלומר׳שט אַ שטרענגען פּנים בעקומען:

— ווער? ער וועט דאַווענען פֿאַר׳ן עמוד? חס וחלילה.

ער האָט געוואָלט, מ׳זאָל איהם בעטען.

פּלוצים האָבען זיך אַלע אין חדר מיט אַמאָל פֿון די ערטער אַ הויב געטאָן. דער מחותן האָט אָנ׳ם רב פֿערגעסען און זיך פֿון דערווייטענס גענומען וויעלטליך נויגען אַקעגען מי׳לען, וועלכע האָט זיך אין אַ לאַנגען גרוי־זיידענעם קלייד צום ערשטען מאָל דאָ אין עסצימער בעוויזען. איהרע בלויע אויגען האָבען צו די געקומענע מחותנים געשמייכעלט, און דער נאָר־וואָס אָבגעוואַשענער פּנים איז געווען אַזוי אויסגעמאַטערט־בלאַס און האָט אַ יבגעזעהן עטוואָס עלטער, ווי אין דער אמת׳ן — דעם פֿרעמדען אויג האָט זיך שוין טאַקע געדוכט, אַז זי איז נישט קיין תמימות׳דיגע מיידעל, נאָר עפּיס אַנ׳אונגעוועהנליך ליידענשאַפֿטליכע ווייבעל, וואָס לעבט שוין דריי־פֿיער יאָהר מיט׳ן מאַן, וואָס זי האָט איהם שרעקליך ליעב און גיט זיך איהם איבער מיט גרויס געטריישאַפֿט און אָהן שום חשבון; אַז איבער דעם זעהט שוין איהר איידעלער פּנים אויס אַזוי מיעד און אויסגעמאַטערט־בלאַס, נישט קוקענדיג דערויף, וואָס זי האָט איהם נאָר וואָס לאַנג מיט שטאַרק קאַלטע וואַסער געפֿרישט און איהם אַלערליי סגולות געטאָן.

דער מחותן האָט זיך נישט אַיינגעהערט, וואָס זי האָט, שמייכעלדיג מיט די אָבגעפֿרישטע בלויע אויגען, צו איהם געזאָגט. ער האָט זיך צו ר׳ גדליה׳ן האַלב אויסגערעדט:

— וואָס, דאַווענען געהן? יאָ, ער איז גרייט.

און ווען ער האָט זיך ווידער צו איהר מיט׳ן פּנים אומגעקעהרט, האָט זי שוין אָן איהם געהאַט פֿערגעסען. זי איז געשטאַנען ביים פֿענסטער אַקעגען שמואליק׳ן און צו איהם מיט די זעלבע אָבגעפֿרישטע בלויע אויגען געשמייכעלט:

— איז זי, נאָכדעם ווי ער איז פֿון קריישטאָדט אַוועקגעפֿאָהרען, נאָך איינמאָל דאָרט געווען און זיך איינע אַליין איבער די פּוסטע גאַסען אַרומגעדרעהט, — ווען איז דאָס געווען? אָט וועט זי זיך דערמאָנען, ווען דאָס איז געווען.

נאָר אַליין האָט זי שוין וועגען עפּ׳ס אַנדע״ש געטראַכט

און זיך בשום אופן נישט געקענט דערמאָנען, זיך פּלוצים נאָך אַמאָל צו זיך אין חדר אַריינגעכאַפּט און דאָרט ווידער עפּס געטאָן דעם בלאַסען פּנים, זיך פון דאָרט צוריק אומגעקעהרט אין עס־צימער און פאָרגעלעגט שמואליקן, וואָס איז צוליעב איהר דאַווענען נישט געגאַנגען:

— ער האָט נישט קיין חשק אָנטון דעם טוידענעם טלופּ און זיך מיט איהר אַ ביסעל איבער'ן שטעדטיל דורכגעהן?

דאָ און דאָרט האָט זיך שוין נאָכדעם אַ מיידעל אין אַ שאַל נעבען דער הויז־טיר פון איהר פאָטערס שטוב פערהאַלטען און געזעהן, ווי זיי שפּאַצירען ביידע איבער'ן שטעטל, פערלאָזען די פאָדערשטע גאַס און לאָזען זיך אַוועק צו די הינטער־געסלעך מיט די בעלויכטענע בתי־מדרשים, וואו מ'איז מקבל שבת. אַרום־און־אַרום די בתי־מדרשים האָבען פענסטער אויסגעקרימטע, מיט ליכט אַרומגעשמירטע, די פלעמלעך פון זייערע שבת־ליכט דער שפּעטער לופט בעוויזען. צוויי מיידלעך — כלות זענען דאָרט צו זייער חבר'טע דער שכנה צו גאַסט געקומען, געשטאַנען אַלע דריי נעבען אַזאַ מין פענסטער און זיי, מירלע'ן מיט'ן חתן, נאָכגעקוקט, געוואָלט זעהן שמואליק'ן אין פּנים און נישט געקענט. און אַ יונגע ווייבעל, וואָס איז צופעליג אין דרויסען געשטאַנען, האָט געזעהן, ווי מירעל שטעלט זיך אָב מיט'ן חתן פאַר דער לייהמיג פערשמירטער טיר פון ליפּקיס'עס שטוב און ווייזט איהם אָן:

— אָט דאָ וואוינט איהרער גאָר אַ נאָהענטער גוטער־פריינד; ער הייסט ליפּקיס און איז אַ סטודענט. נאָר ער איז זעהר אַנ־אָרימער און הינקט אַ ביסעל אויף אַ פוס.

———

שבת אין דער פריה איז מען אין שטאָדט געוואָהר געוואָרען, אַז ר' גדליה'ס מחותן וועט דאַוונען פאַר'ן עמוד. צו מוסף איז שוין די אַסאַטענער קלויז געווען פול־געפּאַקט מיט די בעלי־בתים פון ביידע בתי־מדרשים און פון דער גרויסער בעל־מלאכה'־שער שול. הערענדיג, ווי ער, דער מחותן, פערענדיגט פאַמעליך אַיין מי־שברך און געדט אַיך אַזוי פאַמעליך איבער צום צוויי־טען, איז מען אין די הינטערשטע שורות אויף די שפּיץ־פינגער געשטאַנען, אויסגעזעדן פון דער אַלמעמאָר־הויך נישט מעהר ווי

דעם שפּיץ פֿון זיין גאָלדענער עטרה און געטראַכט וועגן איהם, דעם גרויס־שטעדטישען מיטעל־יאָהריגען גביר: דאָרט אין מזרח־וואַנט איז דער זוהן זיינער, דער חתן, אין איין שורה מיט ר' גדליה'ן געשטאַנען, און ער אַליין האָט געהאַט אַ שטאַרקע, אָנגענעהמע שטים און האָט געדאַווענט:

— ווי גאָר די גרויסע חזנים האָט ער געדאַווענט.

אין דער לופֿט, וואָס איבער די קעפּ, איז געהאַנגען די מידע מוספֿ'דיגע שטימונג. ס'האָבען געשוויצט אין דער היץ די געמויערטע ווענט פֿון קלויז, ס'האָט פֿון מזרח מיט אַ הייליגער שבת'דיגער מידקייט אַראָפּגעקוקט דער פֿערהאַנגענער ארון־קודש, און פֿון דער אַלמעמאָר־הויך האָט נאָך אַליין געשימערט דעם שמש'ס פּנים, און געקלאַפּט האָט ער פֿאַר יעדער תּפלה, כדי די שטילקייט צו פֿערגרעסערן.

אַרויסגעגאַנגען פֿון קלויז איז מען שפּעט, אַרום איינס אַ זייגער, דערפֿיהלט די ניכטערע פֿערחלשטע הערצער און זיך געאיילט אַהיים. און נאָכדעם האָט שוין די גאַנצע שטעדטעל געלעבט, ווי אין אַ שבת'דיגען חלום, געדענקט די מחותנים מיט'ן חתן, וואָס געפֿינען זיך ביי ר' גדליה'ן אין שטוב און דעם קנס־מאָל, וואָס וועט דאָרט אין אָבענד פֿאָרקומען.

וואַרים אָנגעטאָנע מיידלעך האָבען זיך טאַקע איבעריגס יום־טובֿ'דיג אין אָט דעם ווינטערדיגען שבת געפֿיהלט און האָבען צו פֿיעל אַרומגעשפּאַצירט אַרויף און אַראָפּ מיט דער לאַנגער גאַס, וואָס צו איהר געהען אַרום די פֿאַרעטיגע פֿענסטער פֿון ר' גדליה'ס שטוב. און נאָר דאָרט, אין אָנהויב מאַרק, איז מאָדנע אומעטיג און ווי פֿערלאָזען געשטאַנען מיט איהרע בלינדע לאָדענס די גרויסע שטוב פֿון מירעל'ס געוועזענעם מחותן אַבֿרהם־משה בורנעס. ס'האָט זי געקרענקט יעדער פֿרעהליכער ניגון, וואָס אַבאַטענער חסידים זינגען ביי ר' גדליה'ן. קיינער איז אין איהר נישט אַריינגעקומען. קיינער איז פֿון איהר דעם גאַנצען שבת נישט אַרויסגעגאַנגען, און אַרויסגעקוקט האָט זי, ווי פֿון אונטער אַ שווערען חרם. וועלוויל בורנעס אַליין, איז דאָרט געווים אויף אָט דעם שבת נישט געווען און געלעגען ערגיץ־וואו ביי זיך אין פּולוועריק. נאָר אין שטאָדט האָט מען דאָך שוין סיי ווי סיי גע־

וואוסט, אַז ער געהט זיך פונאַנדער מיט זיין צווייטער כלה און אַז דאָס, וואָס ער אַליין דערצעהלט יעדען, אַז זיין חתונה איז אָבגעלעגט געוואָרען אויף שבת־נחמו, איז אויך נאָר לפנים.

———

שבת צו־נאַכטס איז ר' גדליה הורוויצ'עס שטוב געווען שטאַרק בעלויכטען און איבערגעפולט מיט פיעל אָרטיגע און פרעמד־שטעדטילדיגע געסט — גבירים.

ס'האָבען אין פאָדערשטיבעל פון אָט די געסט שט..רק הנאה געהאַט איינינע פון ר' גדליה'ס שרעקליך־פעראָרימטע משולחים, געווען צופרידען, וואָס ר' גדליה האָט נאָך גוטע פריינד, און שוין דערפאַר, נאָך יעדען ניי אַריינקומענדיגען גביר, אַזוי פרעה־ליך איינער צום צווייטען די האַנד נאָך אַ ציגאַר אויסגעשטרעקט:

— וואָס זאָגסטו אויף אָט דעם אָ?.. אויך נישט קיין קבצן, אַ? גיב אַ ציגאַר.

ס'איז געווען ענג אַרום דעם גרויסען קיילעכדיגען טיש, וואָס האָט זיך דאָרט ביז די פונאַנדערגעעפענטע טירען פון דער בעלויכטענער זאַל געצויגען. אויבען־אָן נעבען בידע מחותנים איז מיט אַ פרישען פנים פון קעלט, געזעסען דער פרעהליכער נחום טאַראַבײ. ער איז נאָר וואָס מיט זיין אייגענער פוהר אויף די תנאים געקומען און זיך שוין נישט געשעמט אַליין דערצעהלען דעם מחותן יעקב־יוסלען, אַז ער איז ר' גדליה'ן אַ דורש טוב, און איז דערפאַר געקומען אויף זיין טאָכטערס תנאים, אַפילו אום שבת צו נאַכטס. ער איז אַהער געפאָהרען ביז 10 אַזייגער ביי־נאַכט, געבלאָנזשעט אַפילו ערגיץ וואו אין דער פינסטער, וואָס הינטער אַ שלאָפענדיגען דאָרף, און איז פאָרט געקומען. איצט האָט ער שוין דאָ געלאַרימט מיט זיין פרעהליכען פליעסק, מיט זיין קונציגען שפרונג אונטער און מיט זיין יאָציגער שאלה, וואָס מיט איהר האָט ער אַלע מאָל דעם מאָרנע אומעטיגען ר' גדליה'ן געמינטערט:

— וואָס־זשע דען? ער פערשטעהט נישט: ר' גדליה מאַכט תנאים ביי אַ קינד, און ער, טאַראַבײ, ועט דערביי נישט זיין?

ר' גדליה איז פון ביי־טאָג אָן געווען שטאַרק אומעטיג און געפאַלען און נישט געוואוסט, וואָס מ'רעדט צו איהם. זי־

צענדיג נעבן דעם מחותנ׳ס לינקער האַנד, האָט ער די גאַנצע צייט געשוויגן. געהאַט אַנ׳אַראָבגעלאָזענעם קאָפּ מיט יורד׳שע געדאַנקען און געוואוסט, אַז אָט די אַלע געסט זענען זיך שוין איצט אַהער צונויפגעפאָהרען נישט צוליעב איהם, ר׳ גדליה דעם אָנזעצער, נאָר צוליעב׳ן רייכען מחותן יעקב יוסלען, וואָס האָט ביי אַ האַלבען מיליאָן און קנאַקט אויפ׳ן גביר׳ישען שטייגער; אַז ער, דער גאווה׳דיגער און מונטערער מחותן, וויים דערפון, און קוקט זיך דערפאַר צו אידם נישט אום. און זיי, די געסט, האָבען דערפאַר אויף איהם, ר׳ גדליה׳ן, רחמנות און לאָזען איהם אויך צו רוה.

ער האָט זיך שוין אפילו אַ ביסעל דערשראָקען פאַר גיטעלע׳ן, וועלכע איז צו איהם פלוצים נאָך זיינע שליסעלעך צוגעגאַנגען. אייגעדוויקערטערהייד האָט ער זיך אויף די פיס אויפגעשטעלט, נישט געוואוסט, וואו ער איז אין דער וועלט, און האָט לאַנג מיט טאַפּענדיגע הענד אַרומגעשאַרט פון איין קעשענע צו דער צווייטער.

מירעל האָט דאָס געזעהן פון דערווייט. די האַרץ האָט מיט גרויס רחמנות צו איהם אַ ציה געטאָן, איז זי צו איהם צוגעגאַנגען.

— אָט זענען זיי דאָך, די שליסעלעך... ביי דיר אין אויבערשטען טאַש ליגען זיי.

זיין אומעטיגער אויסזעהן האָט זי צעבראָכען. פון תמיד אָן האָט זי געגלויבט, אַז ער, דער פאָטער איהרער, איז אַ שטאַרקער און קען טון אַלץ, כדי צו זיין שטאָלץ, ניט צו פערליערען זיך. און איצט האָט זי איהם צום ערשטען מאָל דערזעהן אַנ׳אונבעהילפיגען מיט אַנ׳אויסזעהן פון אַנ׳אמת׳ען פערלוירענעם יורד. אומעטיג און אונטערטעניג שטיל איז זי געזעסען נעבען גיטעלען מיט דער מחותנת׳טע און געהערט, ווי אָט די קורצזוכטיגע יודענע וויל נישט רעדען קיין לשון־הרע אויף זייער געשוועסטער־קינד אידאַ שפּאָליאַנסקי, וואָס וואוינט אין איין גובערניע־שטאָדט מיט איהר און פעלשט דאָרט אָנ׳ם מאַן. זי הויבט אָן דערצעהלען, אַז זי אַליין האָט איינמאָל אידאַ׳ן געזעהן אין

טעאַטער מיט אַנאָפּיצער און מיט אַ נאָכשלעפּענדיגען פּאָליטעכניק, נאָר פֿערכאַפּט זיך און וויל עס פֿערגלעטען:

— איז זי דאָך די בערימטע פּאַרשוין, אידאַ. און דער מאַן איהרער אַבראַם איז געווים אַ פֿיינער יונגער מאַן. ער האַנדעלט, הלכה זיך, מיט דער אינטענדאַנטסטווע און איז חדשים־ווייז אין דער־היים נישטאָ. נאָר די שטוב זייערע... די שטוב, זאָגט מען, איז שוין אַ היינטיגע... גאָר, גאָר אַ פֿרייע.

אַרום די גרויסע געגרייטע טישען מיט די פֿיעל ברענענדיגע ליכט האָבען זיך שוין די „געוואַשענע“ געסט געהאַט צוריק אַוועקגעזעצט. זיי האָבען דאָרט באַלד נאָך „המוציא“ גענומען שמייכלען מיט די שבת־צו־נאַכטיגע פּנים'ער, טרינקען לחיים און רעדען, קלינגען מיט די קעלישקעס, ווידער טרינקען און ווידער רעדען. דער שמועס האָט זיך געטראָגען איינציטיג פֿון זעכציג קייענדיגע און טרינקענדיגע מיילער, און דאָס אַליין האָט דאָך נישט געשטערט, אַז זי, מירעל, זאָל זיך, ווי פֿריהער, איינזאַם פֿיהלען, אַז זי זאָל געדענקען די גרויסע גובערניע־שטאָדט, וואו זי וועט מיט שמואליק'ן אין דריי צי אין פֿיער צימערן וואוינען, און זאָל זיך פֿאָרשטעלען די גאַסען, וואָס דאָרט איז זי שוין אַמאָל קינדווייז מיט ר' גדליה'ן געווען.

— ערגיץ וועלען זיי שוין דאָרט אין אַ זומער־פֿאַרנאַכט אַזוי אין צווייען געהן, געהן פּאַמעליך און נישט האָבען, וועגען וואָס צו רעדען, זיך אומקעהרען אַהיים און דאָרט ווידער נישט האָבען, וועגען וואָס צו רעדען.

שטאַרק גוט אויפֿ'ן האַרצען וועט שוין נישט זיין סיי פֿון אָט דעם פֿאַרנאַכטיגען שפּאַציר, סיי פֿונ'ם אומקעהרען זיך אַהיים. נאָר זי, מירעל הורוויץ...

— וואָס האָט זי שוין געקענט מיט זיך מאַכען?

דער האַלב־שכור'ער גערויש איז געוואַקסען. פֿערשיידענע אויסגעשרייען האָבען דערוואָרגען אַלע מאָל עמיצען אַנ'אַנדערנס אָנגעהויבענעם ניגון, און דער מונטערער מחותן יעקב־יוסל האָט געטרונקען אַזוי פֿיעל און מיט אַזאַ עקשנות, גלייך ער וואָלט וועלען פֿערטרינקען דעם געדאַנק, אַז ער האָט אַ שידוך געטאָן מיט אַ קבצן, וואָס האָט ניט לאַנג אָנגעזעצט און פֿערמאָגט שוין

נישט אַ פּרוטה. אַלע מאָל האָט ער דאָרט מיט זיין קרעפּטיגען פויסט אויפ'ן טיש געקלאַפּט. פלעשער זענען אומגעפאַלען און זיך צעגאָסען, דער הענג-לאָמפּ האָט זיך געזעצט, און ער האָט נאָך אַלץ געקלאַפּט, זיך אַפילו איינמאָל נישט אומגעקוקט צו ר' גדליה'ן און געשריען צו אַבּרהמיל דעם רבּ:

— ר' אַבּרהמיל רבּ! איך הייס טרינקען!... גלייך מיט מיר הייס איך טרינקען.

מירעל איז נאָך אַלץ געזעסען אין צווייטען עק חדר און האָט געשוויגען. מינוטענווייז האָט זיך געדוכט, אַז אָט דער גאַנצער גערויש קומט פאַר נישט צוליעב איהר, נאָר צוליעב אַ צווייטער מירעל, וואָס איז מיט'ן קנס-מאָל שטאַרק צופרידען, און זי, די אמת'ע מירעל, זעהט דאָס אַלץ נאָר פון דער זייט און האָט דערצו קיין שייכות נישט. און ווען זי האָט פון אָט די מינוטען דערוואַכט, האָט זי שוין געגלויבט, אַז ס'איז נאָך אַ גרויסער ספק, צי זי וועט אַמאָל חתונה האָבען מיט אָט דעם שמואליק'ן, וואָס ער זיצט אויבען-אָן און וואָס צו איהם טרינקט מען לחיים; אַז דערפאַר איז שוין נאַריש סיי דאָס, וואָס מ'פרעהט זיך מיט'ן קנס-מאָל, ווי מיט עפּיס אַ וויכטיגער געשעהעניש, סיי דאָס, וואָס זי האָט זיך איינגעצויגען אין אָט דעם נייעם גרויזיידענעם קלייד און זיצט דאָ צווישען אָט דעם נאַרישען עולם, ווי עפּיס אַ געשליירטע לעלע. און אָט האָט זי צוריק מיט עטליכע שעה געזעהן אין שפּיגעל, וואָס ביי איהר אין חדר, די אייגענע ענטפלעקטע הענד מיט'ן לאַנגען ענג-איינגעצויגענעם גאָרסעט און שטאַרק געוואָלט, אַז נעבען איהר זאָל זיך געפינען יענער זעלבער נתן העלער, וואָס זי האָט איהם שוין אַמאָל פון זיך משלח געווען. איז דאָך שוין אָט דער ווילען אויך נישט מעהר ווי אַ נאַרישקייט געווען, ווארום אָט דעם נתן העלער'ן האָט זי שוין אַמאָל געזאָגט:

— נו, גוט זי וועט מיט איהם חתונה האָבען. און וואָס וועט זי מיט נאָכדעם?

און זי, מירעל הורוויץ, אַליין:

— זי איז שוין, דוכט זיך, אַ דערוואַקסענער מענש, און שלעכט איז איהר שוין, דוכט זיך, אויך, ווי גאָר, גאָר אַנ'ערנסטען

מענשען, נאָר אַליין איז זי נאָך אַלץ אַ „דער רוח־ווייס־וואָס״, און אין קאָפּ קריכן איהר נאָך צייטענווייז אַזעלכע נאַרישע געדאַנקען.

זי האָט זיך איינגעצוענען אויפגעכאַפּט איבער׳ן שכור׳ען טומעל, וואָס איז שוין ביים קיילעכדיגען טיש פול געווען מיט ווילדע געשרייען, מיט חזנ׳ישע „מי שברכ׳ס״ און איבערגעריסענע געזאַנגען. עמיצער האָט דאָרט שוין צייט עטליכע מינוטען מיט אַזאַ עקשנות איהר נאָמען אַרויסגעשריען.

דאָס האָט זיך איהר האַלב־שכור׳ער מחותן יעקב־יוסעל וועגען עפּיס מיט נחום טאַראַבי פערוועט, געקלאַפּט מיט אַ גלאָז אין טיש, זי צעבראָכען, געכאַפּט אַ צווייטע גלאָז און ווידער געקלאַפּט:

— מירעל!!! כ׳הייס צוגעהן אַהער, הייס איך, מירעל!!!

אַנ׳עקעלדיגען פערדראָס האָט דער שרייען אין איהר אַרויסגערופען. זי איז געשטאַנען אַהין מיט די פּלייצעס און זיך נישט אָבגערופען. זי האָט געזעהן:

צווישען אַ בינטעל ידען מיט אָנגעשטרענגטע אויג׳ן שטעהט שמואליק אין דער מיט פון חדר, זינגט פאַר זיי אַ ימים־נוראים׳דיגען שטיקעל, האָט דערביי אַ נאַרישען פּנים און מאַכט מיט די הענד, ווי אַ חזן.

פריהער האָט זיך איהר שטאַרק געוואָלט, ער זאָל איצט דאָ אין שטוב נישט זיין, און זי זאָל איהם ניט זעהן, נאָר באַלד האָט זיך אין איהר די אומעטיגע גלייכגילטיגקייט געשטאַרקט, און קיין ווילען איז שוין אין איהר האַרצען נישט געווען. אַ ווײַלע האָט זי אויף איהם פון דערווייטענס געקוקט און זיך געוואונדערט אויף זיך אַליין:

— צוליעב וואָס האָט זי איהם בעדאַרפט, אָט דעם בחור?.. און בכלל, וואָס וועט זי מיט איהם טון אַלע איהרע יאָהרען?

און פּלוצים האָט זי דעם אָרט, וואָס אין עק עסצימער, פערלאָזען, אַוועקגעגאַנגען צו זיך אין חדר, זיך דאָרט געשווינד אויסגעטאָן, זיך אויך אַזוי געשווינד אין בעט געלעגט און דעם לאָמפּ אויסגעלאָשען.

גיטעלע האָט שוין נאָכדעם אַ פּאָר מאָל צו איהר אין טיר

געקלאַפּט און זיך צולעצט אַהין אויפגערעגט אַריינגעריסען:

— ס'איז דאָך פּשוט אַ בזיון... ווער טוט עס אַזוי? ס'איז דאָך פּשוט נישט שען.

און זי איז דאָרט גלייכגילטיג אין בעט געלעגען און אַ ביסעל ברוגז'דיג אָבגעענטפערט:

— ווער האָט דאָס איהר געזאָגט, אַז ס'איז נישט שען?

זי האָט געוואָלט איינשלאָפען, און נישט געקענט, אין שטוב איז נאָך אַזוי לאַנג דער שכור'ער טומעל געשטאַנען; טישען מיט בענק האָט מען דאָרט אָקאָרשט פון עסצימער אַרויסגעטראָגען, און טאַנצען האָט מען דאָרט פון ס'ניי אָנגעהויבען. האָט זי זיך דאָ אין בעט לאַנג געדרעהט פון איין זייט אויף דער צווייטער און איז געווען ברוגז אויף זיך אַליין:

— סיי ווי סיי וועט פון דעם גאָרנישט ניט זיין. צו קיין חתונה וועט דאָס נישט צוקומען, און זי, מירעל... זי איז נישט מחויב צו טראַכטען וועגען איהם, וועגען אָט דעם בחור, וואָס זינגט אין עסצימער אַ ימים־נוראים'דיגען שטיקעל — און מאַכט דערביי מיט די הענד, ווי אַ חזן.

X

די מחותנים האָבען דאָ פערבראַכט נאָך איינע אַ שלאָף־לויזע נאַכט און זיך גע'סוד'עט אין זאַל מיט ר' גדליה'ן און מיט גיטעלע'ן.

די נאַכט פון זונטאָג אויף מאָנטאָג איז דאָס געווען, און אין שטוב איז קיינער נישט געשלאָפען. אַרום 4 אַ זייגער ביי־נאַכט האָט מען אויף מירלע'ן אין זאַל אַריינגערופען. מ'האָט צו איהר אַרויפגעקוקט פון די נידעריגע שטולען, וואָס אויף זיי איז מען די גאַנצע צייט געזעסען, און די מחותנת'טע האָט ביי איהר גע־פרעגט:

— נו, ווי געפעלט עס איהר, אָט דאָס, וואָס מ'וויל אָב־שטעלען די חתונה אויף שבת נאָך שבועות?

מירעל איז געשטאַנען אַקעגען און האָט געשוויגען. ביז שבת נאָך שבועות, האָט זיך איהר געדוכט, איז נאָך אַזוי ווייט — פיעל מעשים קען מען ביז יענער צייט אָבטון, כדי די חתונה

צעשטערען. זי האָט געוואָלט, אַז די מחותּנים מיט שמואליקן זאָלען צום גיכסטען פון שטוב אוועקפאָהרען און האָט געענט־פערט:

— גוט, זאָל זיין שבת נאָך שבועות.

זי איז נאָכדעם אָבגעשלאָפען דעם גאַנצען געפילדינען אין ברודיג־לעבליכען פריה־מאָרגען, געשלאָפען די גאַנצע צייט, וואָס מ'האָט נאָך די מחותּנים'ס גאַנץ־פריהענדיגען אַוועקפאָהרען די ברודיג־פערלאָזטע שטוב געראָמט, און — נאָכדעם, ווען אין די חדרים איז שוין ווידער ציכטיג־ריין און שטיל געווען, און ר' גדליה מיט'ן קאַסיר זענען שוין געווען אַוועקגעפאָה'ען אין קרייז־שטאָדט, וואוהין ס'האָט זיי מיט אַ דעפּעש אַרויסגערופען דעם קאַשפּעריוזקער גראַפס אויסלענדישער אייד'עם.

די אויגען איהרע האָבען זיך איינמאָל געהאַט אַקוגען דער פוסטער חדר־ליפּט אַנ'עפען געטאָן. זי האָט נישט געוואָלט געדענקען, וואָס מיט איהר איז פאָרגעקומען. האָט זי זיי באַלד צוריק פערמאַכט און ווידער דרימלען אָנגעהויבען:

— סיי ווי סיי... און פון וואָס איז דאָ שוין פאַרהאַן צו קלערען?

ס'איז מעהר נישט:

— הען זי קען, למשל, אַזוי אָבשלאָפען אַלע איהרע יאָהרען און אָנ'ם חשבון פון איהר אייגענעם לעבען פערגעסען.

און אָט האָט זי, למשל, אַמאָל אַ מעשה געהערט:

אַ מעשה מיט אַנ'אויסגעדינטען, שטאַרק פערהאָרעוועטען זעלנער, וואָס האָט זיך אין מיטען ווינטער צו זייגע קליינשטעדטיל־דיגע עלטערן אומגעקעהרט, זיך דאָרט באַלד שלאָפען געלעגט און איז אָבגעשלאָפען דעם גאַנצען ווינטער. אויפגעכאַפּט האָט ער זיך אָקאָרשט אין די וואַרימע טעג, וואָס פאַר פסח, און דערזעהן: ער ליגט אין רויסען צווישען בעט־געוואַנט, וואָס מ'האָט אַקעגען דער זון ליפטערן אַרויסגעטראָגען; ערגיץ נאָהענט באַקט מען מצות, און אין שטוב וואַשט מען די פענסטער און מ'שאָבט די ווענט.

ווען זי האָט אַ צווייטען מאָל די אויגען אַקעגען דער פוסטער חדר־ליפּט אַנ'עפען געטאָן, איז שוין געזען אַרום פּיע'י אַ זייגער ביי־

טאָג. ס׳איז געווען שטיל אין די אַרומיגע חדרים, אין געהערט האָט זיך. ווי ווייט־ווייט נעבען דער קיך געניצט אײפֿ׳ן קול די אײנגעשלאָפֿענע גיטעלע, ווי עמ׳ץ דערצעהלט דאָרט פֿאַר ליבקע דער רבי׳צין וועגן דעם גוטען אײנדרוק ,וואָס די מחותּנים האָבען געלאָזט דאָ אין שטעדטיל, און נאָכדעם פֿערערט מען זיך אַלע צוזאַמען און מ׳שמועסט וועגן דעם אונגעריכטען יום־טובֿ, וואָס קומט איצט פֿאַר בײַ דער אַקושאָרקע שאַץ אויבֿ׳ן דאָרף:

— איהר בעקאַנטער, דער העברעאישער פּאָעט, פֿערברענגט שוין דאָרט בײַ איהר דעם צווייטען טאָג; די פֿאַראַיאָהריגע לעהרערין פֿאַליע קומט צוליעב דעם אַזוי פֿריה אויף פּסח פֿון איהר קאָנדיציע, און דער אָרטיגער העברעאישער לעהרער שאַבאַד איז שוין צוויי מאָל געגאַנגען אַהין זיך מיט דער אַקושאָרקעס גאַסט בעקענען און איהם בײדע מאָל אין דערהיים נישט געטראָפֿען.

אַלץ, פֿונ׳ם קנס־מאָל ביז די חתונה אָבשטעלען מיט די מחותּנים׳ס גאַנץ־פֿריהענדיגען אַוועקפֿאָהרען, איז שוין געווען אַזוי ווייט אינ׳ם עבֿר, וואָס הינטער די פּלײצעס. נישט צו גלויבען איז געווען, אַז אַבגעטאָן האָט זיך עס אָקאָרשט הײנט גאַנץ פֿריה. ס׳האָט זיך געמאָלט, ווי דער צוג מיט די מחותּנים און מיט שמואליק׳ן טראָגען זיך שוין ווייט, ווייט איבער יענע הײמליכע סטאַנציעס, וואָס גיבען שוין איבער שטומע גרוסען פֿון דער ווייטער גובערניע־שטאָדט. און מאָדנע איז אויסגעקומען, וואָס זי איז באמת פֿאַר איהם, שמואליק׳ן, אַ כלה געוואָרען, וואָס אין גאַנצען שטעדטיל ווייס מען וועגן דעם און וואָס די מחותּנים וועלען שבת בײַ זיך אין דער היים אַ קדוש מאַכען, און איהר נאָמען וועט מען דאָרט בײַ לחיים־טרינקען דערמאָנען.

אויפֿהויבענדיג זיך פֿון בעט, האָט זי געדענקט, אַז זי בעדאַרף עפּיס טון: אַ בריעף בעדאַרף זי צו שמואליק׳ן אין גובערניע־שטאָדט אָנשרײבען און צו וויסען בעדאַרף זי איהם געבען, אַז פֿונ׳ם קנס־מאָל וועט גאָרנישט ניט ווערען. נאָר אַליין איז זי געווען אַזוי רוהיג, און אַזאַ אַנגענעהמע פֿוילקייט האָט זי אין זיך דערפֿיהלט איבער׳ן געדאַנק, וואָס שמואליק איז דאָ אין שטוב שוין מעהר נישטאָ. זי האָט זיך באַלד געניצענדיג צוריק אין בעט אַרײַנגעלעגט און זיך פֿערטראַכט וועגן דעם,

וואָס דער עיקר שלעכטיגקייט איז שוין פאַרביי און וואָס אויף מבטל זי'ן די תנאים איז נאָך געבליבען גענוג צייט.

— ביז שבת נאָך שבועות איז איהר דערויף נאָך צייט געבליבען.

———

אין אָבענד איז גיטעלע צו איהר אין חדר אַריינגעקומען און איהר אַ בריעף אויסגעשטרעקט:

— ס'איז אָנגעקומען אויף איהר, מירעלע'ס נאָמען, מיט דער פּאָסט איז דאָס אָנגעקומען.

דער בריעף איז געווען פון נתן העלער און אָנגעהויבען האָט ער זיך מיט די ווערטער, וואָס מיט זיי, דוכט זיך, האָבען שוין אַזוי פיעל בריעף זיך אָנגעהויבען:

— „הייסט עס, אַז זי איז שוין אַ כּלה, מירעל".

דער בריעף איז איהר נמאס געוואָרען נאָך פון די ערשטע ווערטער, האָט זי איהם נעבען זיך אַוועקגעלעגט, איהם נאָך אַ מאָל געפּרובט לעזען:

— „אויף איהם, העלער'ן, האָט מען איהר דאָך אַזוי פיעל רכילות אָנגעפיהרט".

נאָר קיין געדולד נישט געהאַט, איהם ווידער אַוועקגעלעגט און איהם שוין טאַקע אַזוי לעזען נישט געענדיגט.

דער בריעף איז שוין נאָכדעם די גאַנצע צייט געלעגען פונאַנדערגעעפענט אויפ'ן בענקיל, וואָס נעבען איהר בעט, און ווען זי איז איינמאָל אַהער פון דרויסען אַריינגעקומען, האָט זי דערזעהן:

גיטעלע טוט זיך מיט אַמאָל אַ רוק פון איהר בעט און געהט געשווינד פון חדר אַרויס, און דער בריעף... ער ליגט נישט ווי פריהער אויפ'ן בענקיל, נאָר אַ ביסעל ווייטער אויף דער פּאָדלאָגע. זי וואָלט, דוכט זיך, געמעגט געווען שווערען, אַז די נייגעריגע גיטעלע האָט דעם בריעף געלייענט.

———

גיטעלע האָט זיך שוין טאַקע נאָכדעם וועגען דעם צו־פיעל גע'סוד'עט מיט ר' גדליה'ן, וועלכער איז איינמאָל ביי־נאַכט אַהיים געקומען:

— אַז זי האָט איהם אַליין געל׳יענט, דעם בריעף... אַז ער שרייבט איהר פּאָרט „דו", שרייבט ער איהר.

ר׳ גדליה האָט זיך צו דעם נישט געוואָלט צוהערען און איז אויף איהר, גיטעלע׳ן, ברוגז געווען:

— ער ווייס, וואָס זי דולט איהם דאָרט דעם קאָפּ, דולט זי איהם... וואָס איהר קאָן זיך דאָרט אויסווייזען!

אַזוי פּערנומען און בעשעפטיגט איז ער שוין געווען מיט׳ן פּלאַן, וואָס עס האָט איהם אויפגעגעבען דעם גראַפ׳ס אייזלענדי-שער איידעם, וועלכער איז אַהער אַראָבגעקומען און האָט קאַשפּע-ריוועק ביי דער באַנק אויסגעקויפט:

— סך הכל מיט 8000 רובל נעהמט ער צו איהם, ר׳ גדליה׳ן, פאַר אַ שותף צום גרויסען וואַלד, מאַכט איהם פאַר׳ן בעל-הבית און רעכענט איהם אויפ׳ן פּרייז, וואָס עס גיבען די סוחרים פון קרייז-שטאָדט. ער, ר׳ גדליה, קען אפשר דורכדעם גראַטעוועט ווערען, קען ער...

און גיטעלע האָט איהם נאָך אַלץ צורוה ניט געלאָזט:

— ער מיינט, אפנים, אַז ער איז שוין מיט איהר פאַרטיג, מיט דער טאָכטער מיט זיינער?... אָט זאָל ער זעהן: זי זאָגט, זי וועט ניט פאָהרען אין קרייז-שטאָדט זיך נייהען די חתונה-קליידער. בשום אופן, זאָגט זי, וועט זי אַהין נישט פאָהרען.

אַ שבת, וואָס פאַר שבת הגדול, האָט געבלאָזען אַ קליינער פאַר-פסח׳דיגער ווינטעל.

געטריקענט און גרוי געוואָרען זענען די שניי-הויפענס, וואָס האָבען דאָ און דאָרט פון צווישען דער בלאָטע אַרויסגעשטעקט, און ס׳איז נישט קלאָר געווען, וועמענס יום-טוב צו-ליעב עס קלינגט פאַר זון-זעצען-זיך אין קליסטער.

ביים גאַניק פון איהר פאָטערס שטוב איז שעה׳ן-לאַנג געשטאַנען אַברהם-משה בורנעס׳עס מיידעל, די שטוב-זיצעריך, גע-שטאַנען איינגעהילט אין דער מוטערס שוואַרצער שאַל און גע-קוקט, ווי ס׳געהען גוים פונ׳ם דאָרף, וואָס אין אי׳ן עק שטאָדט, צום קלויסטער, וואָס אין צווייטען. די גוים געהען פּאַמעליך, האַל-

מען זיך האַרט נעבען די יודישע הייזער, וואָס אין דער לאַנגער גאַס, זוכען סטעזשקעס און ווילען אַרויס טרוקען.

און אַרום=און=אַרום פיהלט זיך שוין דערוויייל אַזוי שטאַרק די פוסטקייט פונ'ם קומענדיגען זומער. דער פּראָוויזאָר=געהילף סאַפּיאַן קאָן זיך קיין אָרט אין דער פוסטער אַפּטייק נישט געפינען און לאָזט זיך געהן איבער'ן שטעדטיל, שטעלט זיך אַלע מאָל אָב און וויל זיך צוריק אומקעהרען. ער בעגעגענט צולעצט אַבֿרהם=משה בורנעס'עס מיידעל, לאָזט זיך מיט איהר געהן אויף דער פריש=אַיינגעטרעטענער סטעזשקע, צו די גוי'אישע הייזער, קוקט נישט צו איהר, און רעדט דאָך אַזוי ערנסט, ווי ממש פאַר אַ בר=דעה.

— ליפּקים, — זאָגט ער מיט רשעות, — איז שוין דאָ נישטאָ; ער איז סוף כל סוף קליגער געוואָרען און האָט זיך דאָרט אין כרך געשמאַק צו זיינע למודים גענומען. און מירעל הורוויץ... מירעל זיצט שוין די צווייטע וואָך אין קרייז=שטאָדט און נייהט זיך דאָרט החתונה=קליידער. Какъ это смѣшно

אַבֿרהם=משה בורנעס'עס מיידעל פיהלט שוין זיך נעבען איהם שלעכט און האָט איהם נישט וואָס צו ענטפערן; זי זוים:

זי אַליין קרימט זיך הינטער זיינע פלייצעס מיט דער נאָז. און אויף דער גאַנצער שטאָדט זאָגט מען, אַז ער האָט ליעב די אַקושאָרקע, וואָס ביי איהר פערברענגט איצט שוין דאָרט עטליכע טעג אידר בעקאַנטער, דער העברעאישער פּאָעט.

און ער קוקט נאָך אַלץ מיט נערוועזע אויגען ערגיץ אַהין פאַר זיך און רעדט ווייטער דאָס זיניגע.

— וועמען, מיינט מירעל, נאַרט זי: זיך, צי די שטאָדט?

פּלוצים דערזעהען זיי אַ וואויקסיגען און ברייט=פּלייציגען בחור, וואָס שפּאַנט אַהער פון דער זייט פון די גוי'אישע הייזער. זיי בלייבען שטעהן און קוקען אויף איהם פון דערווייטענס:

ער זעהט אויס, ווי אַ יונגער פערמעגליכער דאָקטאָר, וואָס האָט ערשט נישט לאַנג דעם אוניווערסיטעט געענדיגט און פערנעהמט זיך נאָך נישט מיט פּראַקטיק.

ס'איז קלאָר, אַז דאָס איז ער, דער אַקושאָרקעס גאַסט, און ס'איז אונמעגליך צו טרעפען, וואוהין ער געהט איצט.

מירעל הורוויץ איז שוין דאָך די צווייטע וואָך אין דער היים נישטאָ. און אין אָנהויב שטאָדט, וואָס אַהינצו דערנעהענט ער זיך, איז דאָך קיינער נישטאָ, אַחוץ דעם קליינעם בינטעל יודען, וואָס וואַרטען אין דרויסען אויף דער שבת־הגדול׳יגער מנחה. ער קוקט צו די יודען פון דער ווייטען. די יודען קוקען צו איהם אַקעגען, אַלע שווייגען, נור ווען ער געהט איבער, בעקומען די יודען שמייכלענדיגע פנימ׳ער, קוקען איהם נאָך אין די פלייצעס און שמועסען זיך וועגען איהם אַדורך:

— וואָס, זאָגסטו, שרייבט ער?

— ביכלעך?

— נו, מהיכא־תיתי, פאַרוואָס דען נישט? זאָל ער שרייבען.

XI

ס׳איז שוין געווען לחלוטין אַ טרוקענער, עטוואָס קיהלער טאָג, ווען מירעל האָט זיך איינמאָל פאַר זון־זעצען־זיך צוריק פון קרייז־שטאָדט אומגעקעהרט און געטראָפען אין די חדרים אַ פאַר־פסח׳דיגען גערודער. די מעבעל איז דורכאויס געווען אָפגערוקט פון אָרט, אָנגעוואָרפען און איבערגעדעקט מיט ווייסע ליילעכער. גיטעלע האָט זיך פונאַנדערגעצאָהלט מיט׳ן אַלטען פאַרבער, וואָס האָט די באַל־קענס אָפגעווייסט און מיט די צוויי גויה׳ס, וואָס האָבען אַ גאַנצען טאָג די פענסטער מיט די מירען געוויפט. זי האָט אָט די גויה׳ס אָנ־געזאָגט קומען אויף מאָרגען אויך. און אין שטוב איז שוין דער־וויל נייעס געווען:

ר׳ גדליה האָט זיך נאָך גאַנץ פריה געהאַט אומגעקעהרט פון גובערניע־שטאָדט, וואו איהם האָט זיך איינגעגעבען צו ווע־רען אַ שותף מיט׳ן גראַפס איידעם אינ׳ם גרויסען קאַשפּעריוועקער וואַלד. גיטעלע׳ן האָט ער שוין אין משך פון טאָג עטליכע מאָל וועגען אָט דעם נייעם גליקליכען געשעפט דערצעהלט. און איצט האָט ער זיך שוין מחבית דעם מיחד געווען מיט׳ן קאַסיר ביי זיך אינ׳ם צוגעראַמטען קאַבינעט. דער קאַסיר איז דאָרט פער־טראַכט ביים טיש געזעסען, און ער האָט זיך נעבען איהם אַרומ־געדרעהט אין די פוטערנע שיך, זיך אַלע מאָל אָפגעשטעלט מיט די פלייצעס צי דער נישט־געהייצטער הרובע און פון דאָרט צו איהם,

דעם קאַסיר זיינעם, איבער די גילדענע ברילען אַריבערגעקוקט:

— וואָס ניין? מ׳קען רעכענען, אַז דער ריוח פון וואַלד זאָל בעטרעפען אַ גאַנצען גביר.

און נאָך:

— ער שפּיעלט זיך מיט׳ן מאַטעריאַל, וואָס מ׳קען אַרויסשלעפּען פון די מיטעלסטע דריי הונדערט דעסיאַטין!

דערפאַר, וואָס ר׳ גדליה׳ן האָט זיך איצט אײַנגעגעבען די שטוב צו בערוהיגען און זיינע געשעפטען צו פערריכטען; דערפאַר, וואָס ער איז איצט שוין מיט די געשעפטען שטאַרק פערטאָן געווען אין האָט וועגען קיין אַנדער זאַך נישט געקלערט, האָט זיך אידה, מירלען, מיט אַמאָל צו דוכטען אָנגעהויבען, אַז קיינער בעדאַרף עס איצט שוין דאָ אין שטוב נישט, אָט דאָס, וואָס זי איז אַ כלה געוואָרען און ליידט דערפון, אַז אַלע קלערען שוין וועגען דעם אַזוי ווינציג, פונקט ווי ווינציג ס׳האָט וועגען דעם צוריק מיט עטליכע וואָכען געקלערט זי אַליין, און דערפאַר זענען איבעריג די חתונה־קליידער, וואָס זי האָט זיך איצט אין קרייזשטאָדט אָנגענומען, דאָס, וואָס זי איז אַהין געפאָהרען, מיט דעם, וואָס זי איז דאָרט גאַנצע אַכט טאָג אָפּגעזעסען:

— זי האָט זי נישט בעדאַרפט, אָט די „געמאַכטע״ נסיעה אין קרייז־שטאָדט; זי האָט פון אָנהויב אָן בעדאַרפט זאָגען, אַז דער קנס־מאָל איז געווען אַ נאַרישער, און אַז קיין חתונה וועט קיינמאָל נישט זיין.

דער קאַסיר איז שוין אין קאַבינעט ניט געווען, און אַ לאָמפּ האָט שוין דאָרט געברענט. ר׳ גדליה איז דאָרט איינער אַליין ביים טיש געזעסען און האָט אין דער שטיל די חשבונות פון זיין נייעם וואַלד גערעכענט. און זי האָט נאָך אַליך אַרומגעשפּאַנט ביי זיך אין חדר און זיך געפיהלט דאָרט עטוואָס פרעמד נאָך די אַכט טעג, וואָס זי איז ניט געווען אין דערהיים. זי האָט זיך דאָרט נישט געקענט צוריהרען נישט צום בעט און נישט צום טישעל און האָט געדענקט, וואָס זי וועט באַלד טון:

— אַהין, צו ר׳ גדליה׳ן אין קאַבינעט, וועט זי אַריינגעהן און וועט איהם זאָגען: „ס׳בעדאַרף דאָס איצט שוין געווים קיינער נישט

האָבן, אַז דעם נאַרישען קנס־מאָל. די חתונה וועט דאָך סיי ווי סיי קיינמאָל נישט זיין, טאָ זאָל נעהמען דערצו אַנ׳עק".

זי האָט וועגען דעם געטראַכט לאַנג, אַרומדרעהענדיג זיך בײַ זיך אין חדר און זיך צולעצט געלאָזט געהן צו ר׳ גדליה׳ן אין קאַבינעט. ס׳זענען שוין אַפילו בײַ איהר די ערשטע ווערטער צוגע־גרייט געווען:

— איך בעדאַרף מיט דיר וועגען עפּיס רעדען.

נאָר דאָרט, בײַ ר׳ גדליה׳ן אין קאַבינעט, איז מיט איהר עפּיס געשעהן, און שווער איז איהר מיט אַמאָל געוואָרען ווייטער אַ וואָרט אַרויסצולאָזען. ר׳ גדליה האָט זיך אין אָנהויב צו איהר גישט אומגעקוקט, געוואָרפען אונגעניט אויפ׳ן „שטשאָט" און דער־צו איבערגע׳חזר׳ט די ציפער אויפ׳ן קול. און ווען ער האָט צו־לעצט אָט די אַרבייט איבערגעריסען און צו איהר דעם פּנים אויס־געדרעהט, האָט זיך איהר מיט אַמאָל אַוועק געטאָן די רוהיג־קייט, וואָס האָט זיך צו איהם פאַר די לעצטע עטליכע טעג אומ־געקעהרט. איצט איז אָט די רוהיגקייט זיינע שוין אָנגעהאַנגען נאָר אָן איהר. נישט מעהר ווי איינינע מינוטען האָט עס נאָך געקענט געדויערן. גענוג איז געווען, אַז זי זאָל נאָר אַ פּאָר ווערטער אויסרעדען, און ער זאָל זיך ווידער דערפיהלען אונגליקליך און זאָל בלייבען זיצען, ווי אַנאָבל, וואָס עס איז אויף איהם אַ מפּלה געקומען.

אַ ווײַלע איז זי דאָרט אַקעגען איהם געשטאַנען און אויף איהם געקוקט, און נאָכדעם האָט זי, נישט ענטפערנדיג אויף זיין שאלה, דעם קאַבינעט פערלאָזען און זיך אומגעקעהרט אין די אויס־געראַדערטע חדרים. זי האָט עס אָבגעלעגט אויף שפּעטער מיט אַ שטיקעל צייט, געווען אויף עמיצען ברוגז און זיך אַליין גע־טרייסט:

— סיי ווי סיי וועט די חתונה קיינמאָל ניט זיין. ס׳וועט שוין געווים אין גיכען נעהמען צו די תנאים אַנ׳עק.

אין אָבענד איז זי געזעסען צווישען די היימישע געסט, וואָס בײַ דער אַקושאָרקע שאַץ איג׳ם בעלויכטענעם שטיבעל און זיך דאָרט צום ערשטען מאָל עלענד און פרעמד דערפיהלט.

אַחוץ דער לעהרערין פֿאַליע מיט דער אַקושאָרקע שאַין, זענען דאָרט אויך געווען דער ציגיינערדש שוואַרצער העבּרעאי־שער לעהרער אַייזיק שאַבּאַד מיט דער טאָכטער פֿונ'ם אָרטיגען גאוה'דיגען יורד: אסתּר פֿינקעל — אַ וואוקסיגע מיידעל מיט אַ לענגליכען און אומעטיגען פּנים, וואָס לערנט שוין דעם דריי־טען יאָהר אין פּאַריז.

דער בּעווייבּטער לעהרער האָט שוין לאַנג מיט קיינעם, אַחוץ זיינע קליינע תּלמידים, קיין עסקים נישט געהאַט, און מיעד איז ער געווען נאָכ'ן טאָג אַרבּייט. ער האָט ווי געדרימעלט שטיל אין אַ זייט און האָט צום דריטען מאָל געוואַרט אויף דער אַקושאָרקעס גאַסט, דעם העבּרעאישען פּאָעט, וועלכער איז נאָך פֿאַרנאַכט פֿון שטוב אַוועק און האָט שוין אין גיכען בּעדאַרפֿט צוריק־קומען.

די מיידלעך האָבּען איהם נישט בּעמערקט. אַלע דריי זענען זיי אומעטיג געזעסען נעבּען מירל'ען אויף דער סאָפֿקע, וואָס נע־בּען דער נישט געהייצטער גרובּע, און אַלע האָבּען זיי זי, מיר־ל'ען, ווי איגנאָרירט. בּעליידיגען זי האָט קיינע פֿון זיי נישט גע־וואָלט, נאָר צו רעדען מיט איהר האָבּען זיי שוין אויך נישט גע־האַט וועגען וואָס.

אסתּר פֿינקעל האָט דערצעהלט וועגען דער פּראָפֿעסיע, וואָס דער פּאַריזער אוניווערסיטעט וועט איהר געבּען אין אַכט חדשים אַרום:

— בּכלל קען זי האָפֿען: דאָס לעבּען וועט זי שוין ווי ניט־איז דורכשטופּען, און גליק... וועגען איבּעריגע גליקען געוועהנט מען זיך אָבּ אין פּאַריז צו טראַכטען.

אסתּר פֿינקעלס לעצטע ווערטער האָבּען, דוכט זיך, גע־האַט עפּיס אַ שייכות צו מירל'ען. קיינער האָט עס אויך געוויס נישט געוואוסט, נאָר אין דער שטילקייט, וואָס דורכאויס אַרום דעם בּרענענדיגען לאָמפּ, האָט זיך שוין געדענקט עפּיס אַן'אומעטיגע און שטילע מעשה; אַ מעשה מיט אַ פֿאַרצווייוואָלעדיגען שבּת־פֿאַרנאַכט, ווען בּיי ר' גדליה'ן אין שטוב זענען די מחותּנים מיט'ן חתן געווען, און נגונים האָבּען דאָרט די אַסאַטענער חסידים בּיים בּין־השמשות'דיגען שלש־סעודות געזונגען: — אין איין שורה האָ־בּען דענסטמאָל די דריי מיידלעך אַרומגעשפּאַצירט אַקעגען דער

מערבֿ'דיגער הימעל־שׂרפֿה, וואָס אַרומט דעם שטעטיל. יעדע פֿון זיי האָט געדריקט אַ בענקענדיגער טרויער, און צו אַ בעשלום זענען זיי דענסטמאָל וועגען מירל'ען געקומען:

— אַ מיידעל, וואָס קען זיך איצט געפֿינען אין דער בין־השמשות'דיגער שטוב, וואו חסידים זינגען אַרום איהר חתן, וואָס זי האָט איהם דערקענט דורך אַ שדכן... וועגען וועמען איז שוין דאָ, בעצם, פֿאַרהאַן צו טראַכטען?

אָקאָרשט אַרום ניין אַ זייגער אין אָבענד האָט זיך אַהער אומגעקעהרט דער אַקושאָרקעס גאַסט, דער העברעאישער פּאָעט־הערץ. ער איז אין זיין טונקעל־בלאָהען אָנצוג געזעסען אויבען־אָן טיש און געקוקט אַראָב צו דער גלאָז טיי. ס'האָט צוזאַמען מיט זיין פּנים געשמייכעלט דער גרינער אָבגלאַנץ, וואָס אין זיינע קליינע טיעף־אַריינגעגראָבענע אויגען, און דערצעהלט האָט אָט דער שמייכעל וועגען זיך אַליין:

— בין איך, הייסט עס, דוקא אַ קלוגער און גלויב אַזוי ווינציג אין סענטימענטאַליטעט און אַפֿילו אין אייגענעם טאַלאַנט. נאָר איצט זעהט איהר מיך גראָד, בשעת איך האָב געטאָן אַ נאַרישקייט: פֿאָהרענדיג קיין אויסלאַנד בין איך אַראָבגעקומען צו גאַסט צו אַ גאַנץ פּשוט'ער מיידעל, וואָס אינטערעסירט מיך אפֿשר נאָך ווינציגער, ווי אייך.

די שטילקייט, וואָס אין חדר, איז מחמת זיין קומען געוואָרען שווער און דריקענדיג. די מיידלעך האָבען געשוויגען און דערפֿאַר אויסגעזעהן ערנסטער און לייטישער, ווי אין דער וואָהר. און אסתר פֿינקעל איז שוין אויף די פֿיס געשטאַנען, זיך אָנגעטאָן און זיך געלאָזט געהן אַהיים. איהר האָט נעכטען די אַקושאָרקע פֿערצעהלט, אַז הערץ האַלט שטאַרק נישט פֿון קורסיסטקעס, איז זי איצט ביים אַוועקגעהן ברוגז געווען און האָט געדענקט:

זי אַליין קען דאָך שוין אויך אין פּאַריז עמיצען וועמען פֿון די יודישע און רוסישע פּאָעטען — קיינער פֿון יענע האַלט זיך נישט אַזוי גאוה'דיג, ווי אָט דער וואוקסיגער פּאַרשוין, וואָס מיט די קורצע און ליכטיגע קאָפּ האָר.

דער העבראישער לעהרער איז שוין דערווייל צופֿיעל וואַכענדיג און בערעדעוודיג געווען, ער האָט געהאַלטען אין דער מיט

פֿון אַ ווײַכטיגען שמועס און האָט בשום אופֿן נישט געקענט פֿער־שטעהן:

פֿאַרוואָס זאָל זיך הערץ בעציהען אַזוי קאַלט צו די אייגענע שירים, וואָס אין פֿערשיידענע כּרעסטאָמאַטיעס?

הערץ האָט זיך לחלוטין צו זיינע רייד נישט צוגעהערט. ס'איז דערפֿאַר אויף איהם, דעם לעהרער, אַ רחמנות געווען. נאָר ער האָט עס נישט געפֿיהלט און געטענ'עט, אַז דאָס, וואָס ער דערצעהלט, איז אַ פֿאַקט:

— ער קען מאָרגען ברענגען אַהער צעהן־פֿופֿצעהן תּלמוד־תּורה יונגלעך, וואָס דעקלאַמירען אויסווייניג הערצ'ס שיר „עם עלות השחר".

הערץ האָט זיך אויפֿגעהויבען פֿון טיש און זיין גאַנצער הויכער וואוקס און האָט גענומען אַרומשפּאַנען איבער'ן חדר. דער גרינער אָבגלאַנץ האָט שוין מעהר אין זיינע אויגען נישט גע־שמייכעלט. ער האָט איצט געוואָלט עפּיס טון און נישט געקענט איבער שאַבאַד'ן מיט מירל'ען, וואָס אינטערעסירען איהם נישט. ער האָט גענומען שעפּטשען דער אַקושאָרקע אויפ'ן אויער און זי געבעטען, זי זאָל איהם בעפֿרייען פֿון שאַבאַד'ן, וועלכער נודעט איהם. דענסטמאָל איז מיט מירל'ען עפּיס געשעהן, עפּיס האָט זי פֿערדראָסען, האָט זי זיך מיט אַמאָל פֿון אָרט אויפֿגעהויבען און האָט דעם לעהרער שאַבאַד די רייד איבערגעשלאָגען:

— שאַבאַד איז נישט קיין בעלן צוזאַמען מיט איהר באַלד אַהיים געהן?

<hr>

און אויסגעקומען איז דאָך סוף־כּל־סוף, אַז בעגלייט האָט זי אַהיים נישט דער לעהרער שאַבאַד, נאָר דער אַקושאָרקעס גאַסט הערץ, וועלכער האָט נישט געהאַט וועגען וואָס מיט איהר צו רע־דען. אין דער פֿינסטערער לופֿט, וואָס אַרום דעם פֿאַר'פּסח'דיגען שטעדטיל איז געווען קיהל און שטיל, און געקלונגען האָ־בען דערפֿאַר צופֿיעל אין די אויערן די לעצטע ווערטער, וואָס מיט זיי האָט שאַבאַד זיך צו איהר, מירל'ען, געווענדט:

— אָט דער חתן איהרער... דער חתן, זאָגט מען, קען גאַנץ גוט העברעאיש.

די פֿינסטער האָט געמעקט די לאַנגע איינגעטרעטענע סטעזשקע

מיט מירעלס בויגיגער פיגור, וואָס צו איהר האָט זיך הערץ אַלע מאָל אומגעקוקט — אַ פיגור פון אַ פערמעגליכער מיידעל אַ כלה, וואָס איז ענג איינגעצויגען אינ'ם שוואַרצען האַרבסט-רעקיל, שווייגט, קוקט נישט צו איהם און טראָגט מיט זיך דעם סוד פון איהר אונבעקאַנטען בת-יחידישען לעבען.

ער האָט צולעצט געפרעגט:

— ביי איהר בעדאַרף, דוכט זיך, זיין אין גיכען חתונה?

דענסטמאָל האָט זיך אין מירלע'ן געשטאַרקט די אָנגעקלייבענע געפאַלענקייט, און אויך אַזעלכע געפאַלענע געדאַנקען האָבען איהר אָנגעהויבען אין קאָפּ צו קומען:

—„די חתונה... מ'ווייס נאָך נישט... ס'איז נאָך בכלל אַ ספק...“

זי האָט אָט די ווערטער נישט געוואָלט זאָגען, און זיך צו איהם נישט אומגעקוקט. נאָר ער האָט אַ צווייטען מאָל זיין שאלה איבערגע'חזר'ט. האָט זיך אין איהר מיט אַמאָל עפּיס אָנגעצונדען, און זי האָט געזאָגט עטוואָס אויפגערעגט און שווער:

— זי וויל איהם עפּיס בעטען.... ער קען איהר געוויס טאָן אָט די קליינע טובה און נאָך אַ ביסעל שווייגען; ס'איז שוין נישט וויט צו די ערשטע שטאָדט-הייזער, און זי וועט שוין באַלד קיין מורא ניט האָבען אַליין צו געהן.

איצט איז איהם שוין געווען עפּיס נייגעריג אין איהר, און דער גרינער אָבגלאַנץ האָט שוין ווידער אין זיינע אויגען געשמייכעלט. ער האָט זי בעלייט וויטער פון די ערשטע שטאָדט-הייזער, צוגעקומען גלייך מיט איהר ביז'ן גאַניק פון איהר פאָטערס שטוב. נאָר זי האָט זיך שוין מעהר צו איהם נישט אומגעקוקט. זי איז באַלד פערשוואונדען געוואָרען אין די אָפענע טירען פון פאָטערס גאַניק און איהם נישט געזאָגט קיין „גוטע נאַכט“.

אויף מאָרגען ביי-טאָג האָט זיך מירעל אומגעקעהרט פונ'ם וויטען שטאָדט-ווינקעל, וואָס ביי דער פּאָסט, און האָט דאָרט איינעם אַליין הערצ'ן בעגעגנט. זיין פּנים האָט זיך איהר איצט שוין געדוכט בעקאַנט פון לאַנג. ער איז דאָרט געשטאַנען ביי דער זייט פון וועג, געקוקט אויף אַנ'אָרימער שטוב, וואו מ'האָט

מצות געבאַקען, און זיך לאַנג צוגעהערט צו איהר אינעווייניגסטען טומעל.

אַז ער האָט דערזעהן מירל'ען, האָבען בײַ איהם די אויגען צו שמייכלען אָנגעהויבען. ער איז צו איהר צוגעגאַנגען און האָט געזאָגט:

— ער האָט נעכטען אין אָבענד וועגען איהר געטראַכט און פיעל מיט דער אַקושאָרקע גערעדט ,— איהם געפעלט, וואָס זי האָט איהם נעכטען געהייסען שווייגען.

אַ ווײַלע איז זי געשטאַנען אַקעגען איהם און האָט איהם אָנגעקוקט: ער האָט מיט זיינע ווערטער געמאַכט אַן אַיינדרוק פון אַ מענשען, וואָס ווייס שוין געוויס עפּיס מעהר פון אַן אַנדערן וועגען מענשען און וועגען לעבען, יעדענפאַלס קלערט ער אַליין אַזוי און שרייבט וועגען דעם ביכער. נאָר מיט איהר, דער כלה־מיידעל, וואָס ער האָט דאָ אין שטעדטיל בעגעגענט, קלערט ער אַפילו נישט וועגען דעם צו רעדען. דעריבער ווערטילט ער זיך שוין נאָר אויבערפלעכליך און גרינג. ער דערפיהלט, ווי ס'ווירקען אויף איהם איהרע בלאָהע אויגען מיט זייער טרויער, טוט ער דערפאַר אַ שמייכעל און חזר'ט נאָך אַמאָל איבער:

— ער מיינט עס ערנסט: איהם געפעלט, וואָס זי האָט איהם נעכטען געהייסען שווייגען.

שפּאַנענדיג פאַמעליך אין איין שורה מיט איהם, האָט זי געדענקט, אַז דאָס געהען איצט אַראָב צום מאַרק־צו, ער, הערץ, העמענס שירים מ'חזר'ט מיט די תלמוד־תורה־יונגלעך אויף אויסווייניג, און זי, מירעל הורוויץ — שמואליק זיידענאָווסקיס כלה, וואָס אויף איהר האָט שאַבאַד דער לעהרער נעכטען אין אָבענה פאַר הערצ'ן אין די אויגען אָנגעוויזען:

— אָט איז דער חתן איהרער... דער חתן, זאָגט מען, קען גאַנץ גוט העברעאיש.

די האָט נישט געוואָלט, ער זאָל זיך פיהלען העכער פון איהר, און געערגערט האָט זי, וואָס ער דערמאָנט נאָך אַמאָל זיין נעכטיגע שאלה און רעדט נאָך אַלץ מיט'ן פריהערדיגען ווערטיל־דיגען טאָן. אַ ווײַלע האָט זי געשוויגען און געהערט, ווי ער פערענטפערט זיך:

— ער האָט דאָך נעכטען מיט זיין שאלה גאָרנישט געמיינט...

און פּלוצים האָט זי איהם די רייד איבערגעשלאָגען און גענומען דערצעהלען וועגען דעם, וואָס דאָ אין שטעדטיל איז פֿאַרהאַן איינער אַ פּראָוויזאָר סאַפּיאַן:

— ער האָט ליעב שענע ליטעראַטור, אָט דער סאַפּיאַן; ער האָט אויך געלייענט זיינע — הערצ'ס — מעשה'לע וועגען דער „טויטער שטאָדט" און האָט געזאָגט: „דער בילד מיט דער ליאַלקע, האָט ער געזאָגט, איז צו איבערפֿלאַכליך און צו גראָב און קיין פּאָעזיע איז דערין נישטאָ".

זיי זענען שוין געשטאַנען גאָר נאָהענט ביים גאַניק פֿון ר' גדליה'ס שטוב. הערץ האָט זיך געשווינד אויף איהר אומגעקוקט. זיין פּנים איז מיט אַמאָל רויט געוואָרען און שעמעוודיג צו שמייכלען אָנגעהויבען.

— הערט! האָט ער מיט'ן פֿריהערדיגען שמייכעל זיך ווערטלען געוואָלט אָנהויבען.

נאָר זי האָט איהם שוין איהר האַנד געהאַט אויסגעשטרעקט. זי האָט זיך מעהר צו איהם נישט אומגעקוקט און איז אַרויפֿגעגאַנגען אויף די טרעפּלעך פֿון איהר פֿאָטערס גאַניק.

אַ שייגעציל פֿון דאָרף האָט איהר נאָכדעם געבראַכט אַ צעטעלע, וואו ס'זענען געווען אונטערגעשריבען די אַקושאָרקע מיט הערצ'ן: מ'האָט זי געבעטען, זי זאָל קומען אויף טיי. זי האָט דעם שייגעציל אָבגעשיקט אָהן שום ענטפֿער און איז אַליין דעם גאַנצען טאָג געבליבען אין דערהיים. פֿאַרנאַכט האָט זי זיך אומגעקעהרט פֿון דער אָרטיגער צעלניק-קלייט, וואו זי האָט נישט געפֿונען דעם מין סחורה, וואָס זי האָט בעדאַרפֿט. זי איז געגאַנגען איינע אַליין און האָט געזעהן, ווי וויט, וויט איבער די גוי'אישע הייזער רויטעלט זיך אַ גאַנצע זייט פֿון הימעל, און ווי מיט'ן וועג, וואָס ציהט זיך פֿון אונטער אָט דער רויטקייט אין שטעדטיל אַריין, קומען אָן די אַקושאָרקע מיט הערצ'ן. זי האָט נישט געוואָלט וועגען זיי טראַכטען. איז זי נאָכדעם לאַנג געלעגען ביי זיך אין חדר און אין זינען געהאַט זיך מיט די תנאים, וואָס זי בעדאַרף מבטל זיין:

— ווי אַרום וואָלט זי, למשל, נאָך ביז פּסח געקענט צו אַט די תּנאים אַנ׳עק מאַכן?

צו איהר אין חדר איז דאָך אין אַ ווײַלע אַרום די אַקושאָרקע אַרײַנגעקומען און געפרעגט:

— מירעל איז נישט אַ בעלן צו געהן אַ ביסעל שפּאַצירען?

די אַקושאָרקע האָט צופיעל געשמייכעלט, צי דערפאַר, וואָס אין דרויסען האָט אויף איהר הערץ געוואַרט, צי דערפאַר, וואָס ער האָט איהר דאָרט געטאָן אין טויט אַרײַן, זי זאָל אַרײַנגעהן אין זאָל רופען מירלע׳ן. זי האָט זיך דאָ נאָך אין אַ נאַרישער לאַגע דערפיהלט דערפאַר, וואָס מירעל האָט געענטפערט קאַלט, אַז זי וויל נישט געהן, זיך אויף אַ ווײַלע דאָ פערהאַלטען און גענומען פּלאַפּלען וועגען זיך און וועגען הערצ׳ן, וועלכער האָט זיך בײַ־טאָג פון שלאָף אויפגעכאַפּט און האָט שמייכלענדיג וועגען איהר, מירלע׳ן, געזאָגט:

— ער בענקט נאָך איהר... ווי אַזוי רופט מען זי? נאָך דער „קליינשטעדטילדיגער טראַגעדיע״ בענקט ער.

מירעל איז געווען עטוואָס בלאַס; זי האָט ווי ערשטוינט אויף דער אַקושאָרקע געקוקט און איהר גאָרנישט ניט געזאָגט, נאָר נאָכדעם, ווען די אַקושאָרקע איז שוין דאָ נישט געווען, האָט זי נאָך לאַנג געדענקט איהם, דעם העברעאישען פּאָעט הערצ׳ן, און געקלונגען האָט נאָך אַלץ אין די אויערן דאָס וואָרט, וואָס ער האָט וועגען איהר געזאָגט:

— אַ „קליינשטעדטילדיגע טראַגעדיע״.

זי האָט נישט געוואוסט, אין וואָס שטעקט די בעליידיגונג מיט׳ן פערדראָס, וואָס זי פיהלט: צי אין דעם, וואָס פאַר איהם, הערצ׳ן, האָט כלומר׳שט נישט געפּאַסט איהר נאָמען צו געדענקען, צי אינ׳ם וואָרט גופא, וואָס ער האָט וועגען איהר געזאָגט:

— „אַ קליינשטעדטילדיגע טראַגעדיע״.

זי האָט געטראַכט, אַז ער מיט׳ן וואָרט זײַנעם גערעדט זי נישט אָן, זיך געוואָלט דערמיט גרינגער מאַכען און בעשלאָסען וועגען איהם, הערצ׳ן:

— סײַ ווי סײַ איז די גאַנצע מעשׂה אַ נאַרישע. און זי

מירעל... זי האָט עפּיס אַנדערש אין זינען און װעט שױן געװיס מעהר זײַן פּנים נישט אָנקוקן.

הערץ האָט זיך אָבער אױף מאָרגן צופֿיעל איבער׳ן שטעדטל געדרעהט און איז עטליכע מאָל דורכגעגאַנגען גאָר נאָענט פֿאַרבײַ ר׳ גדליה הורוויצ׳עס גאַניק. מירעל האָט געזעהן דורכ׳ן פֿענסטער, װי פֿאַרבײַגעהענדיג דרעהט ער אַלע מאָל דעם קאָפּ אַהער צו דער שטוב. זי האָט נישט פֿערשטאַנען, צוליעב װאָס ער טוט עס. אײנמאָל האָט זי אַפֿילו מיט די אַקסלען אַ ציה געטאָן און זיך געװאונדערט:

— װאָס װיל ער?

פֿאַרנאַכט האָט זי זיך דאָך אין שאַל אײַנגעהילט און איז אױפֿ׳ן גאַניק אַרױסגעגאַנגען, גלאַט אַזױ האָט זי עס געטאָן. און ער האָט זי פֿון דער װײַט דערזעהן און איז מיט אַן ערנסטען פּנים צום גאַניק צוגעגאַנגען:

— איצט מוז ער מיט איהר אַ פּאָר װערטער רעדען. נישט מעהר װי אַ פּאָר װערטער. זי קען זיך אָנטון און גיט איהם אַ ביסעל געהן?

זי האָט געפֿיהלט, אַז עס איז נאַריש, אָט דאָס, װאָס זי גיט נאָך, געהט אַרײַן אין שטוב, טוט זיך אָן און לאָזט זי מיט איהם געהן איבער׳ן שטעדטיל:

— יעדענפֿאַלס האָט דאָס געפּאַסט פֿאַר אַ 17־יאָהריגער מײדעלע, נישט פֿאַר איהר, מירעלען, װאָס האָט עפּיס אַנדערש אין זינען.

אַ װײלע זענען זײ אַזױ איבער׳ן שטעדטיל געגאַנגען, געשװיגען און אײנער צום צװײטען נישט געקוקט. און אױסגעקומען איז דאָך אַזױ, אַז זי, מירעל, האָט די ערשטע צו רעדען אָנגעהױבען. זי האָט צו איהם איהר אױפֿגערעגטען פּנים אױסגעדרעהט:

— „אַ קלײנשטעדטילדיגע טראַגעדיע", דוכט זיך, אַזױ האָט ער װעגען איהר נעכטען געזאָגט?

הערץ איז שעמעװדיג רױט געװאָרען, און אין זײַנע אײגען האָט װידער דער גרינער אָבגלאַנץ צו שמײכלען אָנגעהױבען. אין

זיין קול האָט זיך שוין נאָך אַמאָל געהערט דער נעכטיגער װערטילדיגער טאָן:

— בעדאַרף דאָך מירעל װיסן, װאָס ער האָט מיט דעם געמיינט...

מירעל איז בלאַס געװאָרן און האָט אויף אים אַ קוק געטאָן: ניין. אָט דער מענש איז געװען פֿער'סמ'ט מיט די װערטלעך פֿון דער אַקושאָרקע און פֿון איהר אַלטער באָבען. האַלטען האָט מען אים בעדאַרפֿט שטייף אין די הענד, אַנדערש האָט ער געקענט די גאַנצע צייט לצנות מאַכען פֿון זיך, כּדי כאָטש איין רגע לצנות מאַכען פֿון יענעם:

— ער, הערץ אַליין... ער איז דאָך אויך נישט מעהר װי אַ „קליינשטעדטילדיגע טראַגעדיע“.

זי האָט מעהר נישט געװאָלט הערען, װאָס ער זאָגט און אים איבערגעשלאָגען:

— הערט! װי רופֿט מען אייך? איהר זענט נישט אַ בעלן זיך בעקענען מיט אייער קריטיקער?

און ניט אומקוקענדיג זיך מעהר צו אים, האָט זי גענומען ה׳פען דעם פּראָװיזאָר־געהילף סאַפּיאַן, װאָס זי האָט אים פֿון הערװייטענס דערזעהן.

זונטאָג בייטאָג — אַ טאָג פֿאַר ערבֿ־פּסח — איז מירעל איבער דעם ערבֿ־יום־טובֿ'דיגען גערודער אויף לאַנג פֿון שטוב אַװעקגעגאַנגען און האָט עטליכע שעה אַרומגעשפּאַצירט ערגיץ װייט אַרום דעם שטעדטיל. פֿאַר־נאַכט, װען זי האָט זיך אַהיים אומגעקעהרט, האָט מען איהר אין שטוב דערצעהלט:

הערץ איז אין אַ משך פֿון צװיי שעה ביי איהר אין חדר געזעסען און האָט אויף איהר געװאַרט.

אויפ'ן טואַלעט־טישעל איז געלעגען זיינער אַ צעטיל:

„ער פֿאָהרט היינט אַװעק. אַ שאָדען, װאָס ער האָט זי נישט געטראָפֿען און זיך אויף איהר נישט געקענט דערװאַרטען. אויב ער װעט נאָך אַמאָל אַהער אין שטעדטיל קומען, װעט דאָס זיין אויסשליסליך צוליעב איהר, מירעל'ן“.

פֿון אונטען איז געווען אָנגעצייכענט זיין אַדרעס.

ער האָט, הייסט עס, אַפֿילו אָט דעם צעטעלע שוין אײך פֿערענדיגט מיט אַ ווערטיל — מיט אַ ווערטיל, וואָס האָט צוויי פּנים׳ער און קען אַמאָל איבערגעהן אין אַנ׳אמת:

„אויב ער וועט נאָך אַמאָל אַהער אין שטעדטיל קומען, וועט דאָס זיין אויסשליסליך צוליעב איהר, מירלען“.

ניט קלערענדיג מעהר וועגען דעם, וואָס זי טוט, האָט זי זיך צוריק אָנגעטאָן, אַוועקגעגאַנגען צו דער אַקושאָרקע שאַץ און זיך דאָרט אָבגעשטעלט פֿאַר דער טיר, וואָס איז פֿון דרויסען געווען געשלאָסען:

— איז ער שוין, הייסט עס, אַוועקגעפֿאָהרען, הערץ?

און נאָכדעם איז זי אין דער פֿינסטער פֿון תחילת נאַכט איינע אַליין צוריק אַהיים געגאַנגען און האָט שוין געפֿיהלט די פּוסטקייט פֿון די טעג, וואָס וועלען זיך ווידער אַמאָל צו ציהען אָנהויבען:

— איז ער שוין הייסט עס, אַוועקגעפֿאָהרען, הערץ.

און נאָכדעם איז שוין דאָ אין שטעדטיל נישט געווען מעהר, מיט וועמען אַוואָרט אויסצורעדען, און די נאַכט פֿון בדיקת־חמץ האָט זיך גערוקט אויף די טונקעל־בעלויכטענע הייזער. אין געדענקט האָט זיך ער, הערץ, וואָס טראָגט זיך שוין מיט׳ן צוג ערגיץ וואוהין צו דער גרעניץ צו:

— אָט ווען ער זאָל זיך נאָך דאָ געפֿינען... ווען זי בעגעגנט איהם, למשל, איצט אומקעהרענדיג זיך אַהיים...

אינגאַנצען גוט וואָלט איהר דערפֿון געווים נישט געוואָרען, אָבער דער אומעט וואָלט שוין אפֿשר אויך נישט געווען אַזוי גרויס. ער, הערץ, האָט געוויס געהאַט ביי זי צו פֿערשטעהן און איהר דערמיט עטוואָס גרינגער מאַכען. נאָר איהם איז דאָס לחלוטין נישט געגאַנגען אין לעבען, און געזאָגט האָט ער וועגען איהר אַ ווערטיל:

— „אַ קליינשטעדטילדיגע טראַגעדיע“, האָט ער וועגען איהר געזאָגט.

אינגאַנצען די מעשה איז שוין אפֿשר קינדעריש, נאָר דאָך פֿערדריסט: ער האָט זי געקענט פֿערשטעהן, נאָר ער האָט נישט

געוואָלט און האָט זיך געזעגנט מיט דעם געווערטלט:

— בעדאַרף זי דאָך וויסן, וואָס ער האָט מיט דעם געמיינט...

אַ ווײַלע איז זי בײַ זיך אין פֿינסטערן חדר געלעגן און האָט וועגן דעם געטראַכט. צולעצט האָט זי זיך אויפֿגעהייבן, אָנגעצונדען דעם לאָמפּ און זיך געזעצט צו איהם אַ בריעף אָנשרייבן:

„די קלײנשטעדטילדיגע טראַגעדיע" האָט פֿײַנט מענשן, וואָס ווערטלען זיך. וואַרפֿט אָט די ווערטלעך אויף אַ ווײַלע אַוועק און הערט אויס: בײַ מיר
בעדאַרף זײַן חתונה אין אַכט וואָכען אַרום".

אין שטוב איז געווען שטיל און קיהל, דערפֿאַר וואָס מ'האָט אַ גאַנצען טאָג די פֿענסטער געהאַלטען אָפֿען, און אין דרויסען האָט געהירזשעט נעבען אַ קלייט עמיצענס אַ צוגעבונדענער רייטפֿערד. אין איינ'גע פֿון די אַרומיגע, אויף פסח צוגעקליבענע חדרים איז געווען פֿינסטער, כדי קיינער זאָל אין זיי קיין חמץ נישט פֿערטראָגען. ס'האָט זיך געהערט, ווי מיט אַ ליכט אין האַנד שפּאַנט איבער זיי אַרום ר' גדליה און איז בודק חמץ, האַלט נאָך דער ברכה און ער רעדט צו גיטעלע'ן אויף לשון קודש עפּיס וועגן אַ פֿלעדער־וויש און וועגן ברעקלעך. — ערגיץ ווייט אין עס־צימער האָט זיך צוליעב עפּיס געהייצט אין דער הרובע, און געהערט האָט זיך אַהער, ווי ס'קלאַפּט דאָרט די אינעווייניגסטע טשוגענענע טירעל, ריהרט זיך איבערן פֿלאַם און ציהט זיך געשווינד אַהין און צוריק:

— פּאַח — פּאַח — פּאַח... פּאַח — פּאַח — פּאַח... פּאַח— פּאַח — פּאַח...

מירעל האָט זיך פֿערטראַכט, האַלטענדיג די פּען אין האַנד, און זיך פֿערקוקט אין פֿלאַם פֿון לאָמפּ:

— מעגליך, אַז איהר וועט שוין קיין כח נישט בלייבען אָט די חתונה נישט צו דערלאָזען.

קיין כח וועט איהר נישט בלייבען, נישט דערפֿאַר וואָס זי בעדאַרף אָט די חתונה, און נישט דערפֿאַר, וואָס עמיצער אַנדערער בעדאַרף זי, נאָר דערפֿאַר, וואָס איהר איז שוין אַלין־

איינס, און זי פֿיהלט שוין אַ שטאַרקען עקעל יעדען מאָל, וואָס זי טראַכט מבטל זיין אַט די צווייטע תנאים איהרע.

און דאָך: פֿון צייט צו צייט פֿיהלט זי נאָך אַזאַ שטאַרקע בענקשאַפֿט נאָך ליעבע, ליגט זי דאָ ביי זיך אויפֿ'ן בעט און טראַכט:

— מענשען לעבען דערווייל, דענסטמאָל ווען זי ליגט דאָ איינע אַליין אָן אַ זייט. זי זעהט פֿון דער ווייט, ווי זיי לעבען.

זיי ווייסען שוין, דוכט זיך, פֿון אַזאַ לאַנגער צייט, אַז ליעבע איז נישט דער עיקר. יעדערער פֿאַר זיך ווייס דאָס, און זאָגען נישט אויס. און דאָך דער עיקר אַליין, וואו איז ער? אפֿשר איז פֿאָרט פֿאַרהאַן אַזאַ ווינקעל אין לעבען, וואו מ'קען וועגען איהם אַ פּאָר ווערטער הערען?

ווען זי האָט שרייבען געענדיגט, איז שוין געווען אַרום 10 אַ זייגער אין אָבענד. זי האָט דעם אָנגעשריבענעם בריעף אין די הענד גענומען, איהם נאָך אַמאָל איבערגעלייענט, זיך אַ פּאָר מאָל איבער'ן חדר אַדורכגעגאַנגען, זיך נאָך אַמאָל אָבגעשטעלט בײם טיש, ווידער גענומען דעם בריעף אין די הענד און איהם פֿערטראַכטערהייד צעריסען אויף פֿיעל קליינע שטיקלעך:

— ס'אַר אַ נאַרישער בריעף! און בכלל, וואָס קער זי זיך מיט הערצ'ן.

צעטראָגענערהייד האָט זי דערזעהן אויפֿ'ן טואַלעט-טישעל די עטליכע בריעף, וואָס זענען אָנגעקומען פֿון שמואל'יק'ן, ווען זי איז אין דערהיים ניט געווען. פֿיער שטיק זענען זיי געווען, און אַלע — געפּאַקטע און אויף איהר נאָמען געשריבענע, זי האָט איינעם פֿון זיי געעפֿענט און געזעהן:

ער איז געשריבען די ערשטע האַלב העברעאיש, די צווייטע האַלב — יודיש, הויבט זיך אָן מיט די ווערטער „אהובת נפֿשי" און ענדיגט זיך מיט צוויי ליידיגע געפּינטעלטע שורות.

זי האָט די בריעף פֿער'חתמ'עטערהייד דאָ אויפֿ'ן טואַלעט-טישעל געלאָזט און זיך געלאָזט אין עס-צימער געהן. דאָרט האָט זי געטראָפֿען דעם קאַסיר בײם טיש זיצען און איהם געזאָגט פֿאַר ר' גדליה'ן און גיטעלע'ן אין די אויגען:

— וואָס האָט זי איהם געוואָלט בעטען? דאָ זענען איה־

עטליכע בריעף פון שמואליק'ן אָנגעקומען, זאָל ער אַזוי גוט זיין און שמואליק'ן ענטפערן: זי, מירעל, האָט נישט ליעב קיין בריעף צו שרייבען, און בכלל... זי בעט איהם בכלל, ער זאָל איהר מעהר אַזוי פיעל פּאַקעטען נישט שיקען.

XII

אויף די אַנדערע טעג פּסח איז אַראָבגעקומען שמואליק.

אַראָבגעקומען איז ער פּלוצים, כמעט ווי אונגעבעטען, גע־גאַנגען מיט ר' גדליה'ן דאַווענען אין דער סאַדעגערער קלויז און זיך שוין געפיהלט אין שטוב היימיש און גוט, ווי אַ נייער איי־דעם, וואָס עסט דעם ערשטען חודש קעסט.

אין שטעדטיל האָט מען איהם פאַר אַ שענעם געהאַלטען. יום־טוב'דיגע ווייבער האָבען וועגען איהם געשמועסט:

— ער איז דאָך אַזאַ גוטער... ער האָט פשוט קיין גאַל נישט.

מירעל האָט געטראַכט, אַז ער דערוועקט שוין אין איהר נישט אפילו קיין יצר־הרע־געפיהלען, און געקוקט האָט זי שוין אויף איהם גלייכגילטיג און גלאַט אַזוי: זיין היבשער פּנים איז איצט געוואָרען בעקאַנטער און געלער, ווי פריהער, די קליינע, צאַרטע און גלייך אַרומגעשווירענע בערדיל — רויטער, די וואָנ־סעם — שיטערער און לענגער, און די פולבליכע נאָז — מיאוס'ער דערמיט, וואָס זי צעשפּרייט זיך נאַריש ביי די נאָז־לעכער, און מיט'ן קום, קוים מערקזאַמען שמאָר, וואָס איז איהר, דער נאָז, אויף אייביג פון די קינדער־יאָהרען פערבליבען.

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז ער רעדט שלעכט רוסיש און וויל דוקא אויף דער שפּראַך מיט דער אַקושאָרקע שאַץ רעדען; אַז ער האַלט פון שלאָפען בייטאָג און האָט ליעב צו דערצעהלען לאַנגע, אונאינטערעסאַנטע וועלט־מעשיות, וואָס פון זיי בעשלאָגט זיך דעם צווייטען מיט אַ קאַלטען שווייס.

איינמאָל האָט ער אין זאַל אַזאַ מין לאַנגע מעשה דעם צווייטען מאָל דער אַקושאָרקע דערצעהלט. פּלוצים האָט ער בע־מערקט אויף איהר פּנים עפּיס אַ בעהאַלטענעם איבערפליה־שמייכעל, פערפלאָנטערט זיך און נישט געוואוסט, מיט וואָס די מעשה

צו ענדיגען. מירעל איז דאָרט בײַ דער זײַט געזעסען און האָט געפֿיהלט אַנ׳עקעל צו איהם, צו זײַן איבערפֿלאַכליכער נשמה און צו דער לאַנגער אונאינטערעסאַנטער מעשה, וואָס ער דערצעהלט זי שוין דעם צווײַטען מאָל. זי האָט נישט געוואָלט וועגען דעם טראַכטען און זיך אָנגעהויבען דערפֿרעגען בײַ דער אַקושאָרקע וועגען הערצ׳ן:

— ווי קלערט די אַקושאָרקע: ער וועט שוין טאַקע אַהער מעהר נישט אַראָבקומען, הערץ?

נאָר שמואליק האָט די ליטעראַריש-באַקאַנטע פֿאַמיליע דערהערט און זיך אין שמועס אַרײַנגעמישט:

— יאָ, ער האָט געלייענט זײַנע ביכער; ער קען אַפֿילו זײַנעם אַ געשוועסטערקינד — אַנ אַפּיקורס אַ רבֿ.

מירעל איז פֿון זײַן אַרײַנמישען זיך געוואָרען אונטערגעצונדען. ס׳האָט זיך געוואָלט איהם זאָגען, אַז ער דערצעהלט אַ ליגען; אַז ער פֿערשטעהט נישט דאָס, וואָס ער האָט געלייענט. אָבער זי האָט זיך אָבגעהאַלטען, אָבגעטראָטען מיט אַנ אַיינגעהאַלטענעם כּעס צום פֿענסטער און איז דאָרט געשטאַנען, ביז זי האָט זיך בערוהיגט.

זי האָט געטראַכט:

„וועלוויל בורנעס — ער איז געווים מעהר פֿערגרעבט פֿון איהם, שמואליק׳ן, נאָר דאָך... קײן עקעל רופֿט ער יעדענפֿאַלס נישט אַרויס“.

אין אַ פּאָר טעג אַרום, ווען שמואליק האָט זיך איהר איינמאָל איבער׳ן שטעדטיל נאָכגעשלעפּט, האָט זי דערזעהן פֿאַר אבֿרהם-משה בורנעס׳עס שטוב וועלוויל׳ס וואַרטענדיגע פֿוהר. זי האָט זיך צוגעשטעלט און, נישט קוקענדיג צו שמואליק׳ן, געזאָגט:

— ער איז איצט דאָ אין שטעדטיל, דער געוועזענער חתן איהרער? ווען ער האָט נישט אַזעלכע נמאס׳ע טאַטע-מאַמע, וואָלט זי איצט מיט גרויס פֿערגעניגען צו איהם אַרײַנגעגאַנגען.

און ס׳איז געווען אַ״י פֿערדראָסיג:

איהם, שמואליק׳ן, האָט עס לחלוטין נישט אָנגעריהרט — אַזאַ וואַסעריגער איז ער שוין געווען, און אַזאַ איבערפֿלאַך-קאַלטע

 נשמה איז שוין אין איהם געזעסען. געבענדיג אַ קליינעם שמאָר מיט

דער נאָז, האָט ער באַלד ווייטער גענומען דערצעהלען, ווי אַזוי זיי – ער מיט מירלען – וועלען וואוינען נישט צוזאַמען מיט׳ן פאָטער אין דער גרויסער אַלטער שטוב: זיי וועלען וואוינען אינ׳ם קליינעם, נישט לאַנג אויסגעמויערטען פליגעל, וואָס שטעהט אין עק סאַד און געהט אַרויס מיט די פאָרענטיגע פענסטער צו דער שטילער גאַס פון פאָרשטאָדט.

רעדענדיג האָט ער זיך שוין געפידלט מיט איהר שטאַרק היימיש און זי אונטער דער האַנד אָנגענומען. נאָר זי האָט, נישט קוקענדיג צו איהם, זיך בעפרייט, זיך עטוואָס אָבגערוקט און בעקומען אַ שטרענגען פנים:

– זי האָט פיינט, אַז מ׳האַלט זי אונטער דער האַנד... פון תמיד אָן האָט זי עס פיינט, און האָט איהם שוין עטליכע מאָל וועגען דעם געזאָגט.

זי האָט געשוויגען דעם גאַנצען וועג און צו איהם נישט געקוקט.

אין דערהיים האָט זי זיך דערמאָנט, אַז שמואליק וועט שוין געוויס אין גיכען אָוועקפאָהרען, און האָט דערפיהלט, ווי ס׳ווערט איהר מיט אַמאָל גרינגער אין מח און אין האַרץ. זי איז נאָכדעם געשטאַנען אין דער תחילת-נאַכטיגער פינסטער, וואָס ביי איהר אין חדר, געקוקט אינ׳ם טונקעלן פענסטער און געטראַכט וועגען דעם:

– ר׳ גדליה וועט שוין אויף געוויס אויף גאַנצע וואָכען אינ׳ם נייעם קאַשפעריוזקער וואַלד אָוועקפאָהרען.

אין שטוב אַריין וועט זיך צוריק די פאַר-פסח׳דיגע שטילקייט אומקעהרען; און זי, מירעל:

– זי וועט דאָ שוין ווידער קענען בלייבען איינע אַליין... יעדענפאַלס כאָטש איינע אַליין.

ס׳איז שוין געווען ממש אַ הייסער זומערדיגער פריה-מאָרגען, און אַ צעגליהטע מזרח׳דיגע זון האָט פון כאור אָן אָקעגען די פאָרענטיגע אָפענע פענסטער געשווינדעלט, הייס געמאַכט די שייבען מיט די שאַלאָוואַניעס און געשפיעלט מיט איהר שיין אויף די פאָדלאָגעס און אויף די ווענט.

ביי ר׳ גדליה׳ן אין שטוב איז מען דעמאָלט פֿריִער ווי אַלע מאָל אויפֿגעשטאַנען און געגרייט שמואליק׳ן אין וועג. צו מידלען אין פֿענסטער חדר האָט זיך געהערט, ווי אין עס-צימער טרינקט מען טיי מיט מילך, ווי גיטעלע פֿרעגט דאָרט ביי שמואליק׳ן, וואוהין זי זאָל איהם די פּוטער-געבעקס אַריינלעגען: ווי ס׳קומט אַהין אַריין פֿאַר׳ן דאַוונען אַברהמ׳יל דער רבֿ און זאָגט וועגען שמואליק׳ן אויפֿ׳ן קול:

— אַפֿילו, אַז ער וועט אַרויספֿאָהרען צוועלף אַ זייגער, וועט ער דאָך אַ׳יך צום צוג אָנקומען.

אין הויף האָט מען געוואַשען די בריטשקע, פֿערוואָרפֿען די פֿערד האָבער און בעשטעלט אַ געדונגענעם בעל-עגלה, וואָס מיט איהם האָט ר׳ גדליה באַלד נאָך שמואליק׳ן געוואָלט אין קאַשפּעריוקער וואַלד אַוועקפֿאָהרען.

ווען מירעל איז אויפֿגעשטאַנען, איז שוין געווען שפּעט, אַרום 10 אַ זייגער. אַ גאַנצע האַלבע זייט שטוב איז שוין מיט׳ן קורצען פֿאָרענטיגען שאָטען פֿערכאַפּט געווען. אַ ווינטעל, אַ קיים, קיים בלאָזענדיגער, האָט אַהין דורך די אָפֿענע פֿענסטער אַריינגעדרונגען און שוואַך מיט די לאַנגע פֿאָרהאַנגען גערודערט.

מירעל האָט אָבגעטרונקען טיי אין עס-צימער ביים טיש, וואו ס׳זענען געזעסען ר׳ גדליה מיט אַברהמ׳יל דעם רבֿ. שמואליק האָט זיך דאָרט לאַנג אין די תּפֿילין אַרומגעדרעהט. ער האָט געדענקט, אַז אין משך פֿון די לעצטע צוויי טעג האָט מירעל צו איהם קיין וואָרט ניט אויסגערעדט, זיך געפֿיהלט שלעכט און בעליידיגט, געקוקט, ווי זיינע פֿיס שפּאַנען איבער דער פּאָדלאָגע. סך הכּל איינמאָל האָט ער אין אַלכסון צו איהר די אויגען אויסגעדרעהט און האָט געזעהן: זי קוקט נישט צו איהם, נאָר צום בכּבֿודיגען מעכאַניק, דעם דייטש, און הערט, ווי ר׳ גדליה זאָגט צום קאַסיר:

— דדינגט ער, אַז די זעג-מאַשין איז גלייכער אַוועקצושטעלען ביים קליינעם יאַר, דאָרט... נאָך דער 86-טער דעסיאַטין.

אין אַ ווייַלע אַרום איז ער שוין אָהן די תּפֿילין צו איהר

אין חדר אריינגעקומען און זי האָט געטראָפֿן איינע אַליין בײַם אָפֿענעם פֿענסטער.

זי איז געשטאַנען צו איהם מיט די פּלייצעס און זיך נישט אומגעקוקט. ער האָט באַלד בעקומען אַ פֿולען מח מיט פּוסטקייט. זיין פּנים איז געוואָרען געלער פֿון רגע צו רגע. — ער האָט אויף עפּיס געוואַרט.

פּלוצים האָט זיך מירעל צו איהם אויסגעדרעהט און האָט גענומען פֿאַר אַ ביישפּיעל די לעצטע צוויי טעג:

— אָט אַזעלכע טעג קען ער האָבען פֿון איהר פּיעל, פּיעל... ער וועט זיך פֿיהלען מיט איהר אונגליקליך אַלע זיינע יאָהרען.

און וואָס נאָך? זי, מירעל, האָט איהם נישט ליעב און קען מיט איהם נישט חתונה האָבען... זי פֿערשטעהט בכלל נישט, נאָך וואָס בעדאַרף ער זי. ער קען נאָך געווים טון מיט זיך אַ גוטען שידוך. זי ווייס נישט קלאָר, וואָס פֿאַר אַ פֿרוי ער וויל. נאָר אָט זענען, למשל, דאָ אין שטעדטיל בורנעס'עס צוויי מיידלעך פֿאַרהאַן:

— ווען פֿון זיי ער וואָלט נישט נעהמען, וואָלט איהם שוין געווים בעסער געווען, ווי מיט איהר, מירלע'ן.

ווען זי האָט זיך נאָך אַ היבשער פּויזע נאָך אַ מאָל צו איהם אויסגעדרעהט, זענען שוין ביי איהם אין די אויגען געשטאַנען טרערען. צוויי טראָפּענס זענען פּאַמעליך פֿון זיי אַרויסגערונען און זיך פּאַמעליך איבער דער נאָז געשלעפּט. און דאַן האָט זיי דערפֿיהלט און געענטפֿערט אויף זייער נאַסען קריכען מיט אַ שטילען שמאָר אַרויף.

מירלען איז מיט אַ מאָל גרינג און פֿריי געוואָרען, און אַ מחשבה איז ביי איהר געשווינד וועגען זיין וויינען אַדורכגעלאָפֿען:

— הייסט עס, אַז ער האָט שוין ביי זיך גע'פּועל'ט...

זי האָט אויף זיך באַלד דעם שוואַרצען שאַרף אַרויפגעוואָרפֿען, זיך געלאָזט אַוועקגעהן און פֿון דער טיר צום לעצטען מאָל אויף איהם אַ קוק געטאָן:

— הייסט עס, אַז זיי געהען זיך פֿונאַנדער... זי ווינשט איהם אַלץ בעסטע און וויל איהם צום לעצט בעטען איין זאַך: זאָל ער דאָ אין שטוב קיין רעש נישט אָנמאַכען און זיך ביז

סוף פֿיהרען אַזוי, גלייך ער איז נאָך איהר חתן. קיינעם, בעט זי איהם, זאָל ער איצט דאָ אין שטוב וועגען דעם נישט זאָגען. איהרע פֿאָטער און מוטער בעדאַרפֿען עס געוואָהר ווערען שפּעטער, ווען ער, שמואליק, וועט שוין דאָ נישט זיין... זי אַליין האַלט איהם געווים פֿאַר אַ לייטישען מענשען און גלויבט, אַז ער וועט עס פֿון איהרעטוועגען טון.

אונבעמערקט פֿאַר אַלע שטוב-מענשען האָט זי זיך דורך דער הינטערשטער קיך-טיר אין דרויסען אַרויסגערוקט און איז אַוועקגעגאַנגען צו דער אַקושאָרקע שיין.

זי האָט דאָרט מיט גרויס אונגעדולד געוואַרט, די צייט פֿון פֿאָהרען צום צוג זאָל איבערגעהן. געלעגען ביי דער אַקושאָרקע אין בעט און געטראַכט:

— איז שוין, הייסט עס, אַניעק... זי איז סוף-כל-סוף פּטור געוואָרען פֿון איהם, שמואליק'ן, און פֿון די תנאים, וואָס האָבען זי צו איהם צוגעבונדען.

XIII

ווען מירעל האָט זיך פֿון דער אַקושאָרקע אַהיים אומגעקעהרט, איז שוין געווען אַרום דריי אַ זייגער ביי-טאָג. קורצע טונקעלע שאָטענס זענען דורכאויס נעבען די הייזער געלעגען און האָבען צוזאַמען מיט'ן גאַנצען שטעדטיל געצויגען די לאַנגווייליגקייט פֿונ'ם נודנעם און הייסען טאָג.

אַרום-און-אַרום ר' גדליה הורוויץ'עס שטוב איז געווען אַזוי שטיל און רוהיג. אַ חזיר האָט געדרימעלט הינטער איהר אינ'ם בלאָטיגען גרוב, וואוהין מ'האָט די קיך-וואַסער געגאָסען, און די טיר פֿון פֿאָרענטיגען גאַניק איז געווען געשלאָסען פֿון אינעווייניג, ווי אום שבת — מ'איז דאָרט, אַפּנים, געשלאָפֿען ביי-טאָג.

מירעל איז אַריינגעקומען אין הויף און האָט זיך אַרומגעקוקט: די ברישטשקע, וואָס שטעהט תמיד אונטער'ן קליינעם שויך-דעל, איז שוין דאָרט נישטאָ, די שטאַל איז אויך געשלאָסען און ליידיג:

— הייסט עס, אַז די פֿוהר האָט טאַקע שמואליק'ן צו דער

באַהן אָבגעפּיהרט, ר' גדליה איז שוין אויך אין קאַשפּעריוועקער וואַלד אַוועקגעפאָהרען, און קיינער איז אין שטוב, אַחוץ גיטעלען, נישטאָ. — איהר, מירלע'ן, ווילט זיך שוין איצט אַזוי אַהין, אין אָט דער שטילער שטוב, וואו ס'איז קיינער נישטאָ.

אין דער קיהל, וואָס ביי איהר אין חדר, וועט זי לאַנג ליגען אויף איין אָרט, און וועט דאָרט אין דער שטיל טראַכטען וועגען זיך און וועגען דעם, וואָס זי איז שוין צוריק פריי, און אין איהר לעבען קען נאָך עפּיס געשעהן.

אָבער נאָך אין עס-צימער, האָט זי שוין איהר טעות בעמערקט און מיט אַמאָל פערגעסען, וואָס זי האָט פריהער מיט אַ רגע געטראַכט.

די שטוב איז געווען פול מיט סודות און מיט איבערגעשראָקענעם טומעל, וואָס מ'האָט פערבאָרגען פון דער שטאָדט און פון די מענשען, וואָס זענען געוועהנט אַהער אַריינצוקומען.

מ'האָט זי גערופען אין דעם פערמאַכטען זאַל, וואו מ'איז געזעסען אַרום דעם פערוויינטען און דערשלאָגענעם שמואליק'ן און איהם צופיעל געבעטען, ער זאָל אויסטרינקען זיין קאַלטע גלאָז טיי. איבערוועדען האָט מען דאָרט מיט איהר געוואָלט פאַר שמואליק'ן אין די אויגען, און אַ פּאָר לייטישע שאלות זענען שוין פאַר איהר אָנגעגרייט געווען. נאָר זי האָט אַהין נישט געוואָלט געהן. זי האָט זיך פערשלאָסען ביי זיך אין חדר, זיך דאָרט געפיהלט שטאַרק גערדיקט און שלעכט און געטראַכט:

— אייגענטליך איז זי, מירעל, געווען אַזוי נאַריש און קינדעריש-נאַאיוו... ווי האָט זי אפילו געקאָנט קלערען, אַז אַלץ וועט זיך ענדיגען אַזוי גיך און אַזוי גרינג?..

מ'האָט זיך די גאַנצע צייט געהאַלטען עצות אין דער פערמאַכטער זאַל, פון וואַנען שמואליק איז זעלטען אַרויסגעגאַנגען.

אברהמ'יל דעם רב האָט מען אין מיט די עצות אַריינגעמישט, דעם קאַסיר האָט מען פון שטוב נישט אַרויסגעלאָזט. און אַרויסגערופען האָט מען מיט אַ דעפּעש יענעם גוטען-פריינד

פֿון זיידענאָווסקי'ס הויזגעזינד, וועלכער איז אַהער פֿאָריגען ווינ־טער צוגעשיקט געוואָרען.

אין אָבענד איז ר' גדליה צו מירלען אין חדר אַריינגעקו־מען און האָט בײַ איהר געפֿרעגט:

— וואָס וויל זי? זי קען זאָגען, וואָס זי וויל?

מירעל האָט געהאַט אַ ערנסטען פּנים. זי האָט געענטפֿערט ברוגז און קאַלט:

— זי וויל גאָרנישט... זי וויל, מ'זאָל זי לאָזען צורוה.

ר' גדליה האָט זיך אומגעקעהרט צו דער טיר, וואָס פֿיהרט אין זאַל אַריין, און האָט געזאָגט וועגען שמואליק'ן שטיל, גלייך ער וואָלט מורא האָבען, עמיצער זאָל אונטערהערען:

— יענער וויל אַרויסרופֿען אַהער די עלטערן זיינע... ס'איז פּשוט אַ בזיון פֿאַר דער שטאָדט.

און נאָך:

— אפֿשר מיינט זי, אַז די געשעפֿטען זיינע האָבען שוין גליקליך צו געהן אָנגעהויבען? אפֿשר קלערט זי, אַז די פֿופֿציג פּראָצענט, וואָס ער האָט אין קאַשפּעריווקער וואַלד, וועלען איהם קלעקען מעהר, ווי אויף אויסצוצאָהלען די חובות און אָבצולע־בען מיט גרייכ חשבון אַ פּאָר שטילע יאָהר?

ער איז דאָ אַ ווײַלע געשטאַנען און האָט געטראַכט וועגען זיינע לעצטע ווערטער.

— ער זאָגט איהר נאָך אַ מאָל: זיי — ער מיט גיטעלען — נעה־מען פֿון זיך אַראָב די אחריות... זאָל זי טהון, ווי זי פֿערשטעהט.

ס'איז געוועזען קלאָר: זיי, די פֿאָטער־און־מוטער איהרע, האָבען שוין געטאָן צוליעב איהר אַלץ, וואָס זיי האָבען געקאָנט. איצט מאַכען זיי זי בעל־הבית איבער זיך אַליין און זאָגען:

— טו, וואָס דו ווילסט.

איהר איז נאָך ר' גדליה'ס אַוועקגעהן געוואָרען נאָך שווערער, ווי פֿריהער, און שרעקען האָט זי אָנגעהויבען איהר קומענדיגע איינזאַמקייט:

— זיי, ר' גדליה מיט גיטעלען, וועלען זיין די עדות פֿון אָט דעם אומגלינדליכען עלענדען לעבען; זיי וועלען וועגען דעם קיינמאָל נישט רעדען, נאָר זיי וועלען טראַכטען: „נו, וואָס קענען זיי העלפֿען?“

ביי־נאַכט האָבן זיך איהר גע'חלומ'ט די ברוגז'ע פּנימ'ער פֿון שמואליק'ס עלטערן, וואָס האָבן זיך דאָ אין שטוב שעה'ן־לאַנג אין איין פּאַקען געהאַלטען און צו קיינעם נישט געוואָלט אַ וואָרט אויסרעדן. פּלוצים איז זי מיט'ן טאָגליך אויסגעוואַקסען נעבען פענסטער אין האָט דערזעהן זייער אייגענע אָבּפּאָהרענדיגע פֿוהר. אויבען־אָן זענען דאָרט געזעסען אברהם־משה בורנעס מיט'ן ווייב, און צווישען זיי איז שמואליק געווען איינגעהויקערט אין דרייען. שמואליק'ס קאָפּ איז געווען אַראָבגעלאָזען, זיינע אַקסלען האָבן געציטערט פֿון איינגעהאַלטענעם כליפּען, און זיי — אברהם־משה בורנעס מיט'ן ווייב — האָבן ביידע געשטאָרכעט דעם קליינעם שייגעץ, דעם אָנטרייבער, און איהם געאיילט, ער זאָל טרייבען וואָס געשווינדער צו דער באַהן.

ווען זי האָט זיך גאַנץ־פריה פֿון שלאָף אויפגעכאַפּט, האָט זי קודם כל אַ טראַכט געטאָן, אַז שמואליק'ס עלטערן זענען נאָך דאָ אין שטוב נישטאָ. דער דריקענדיגער קאָשמאַר האָט איהר נאָכלאָזען אָנגעהויבען, איז זי געלעגען אין בעט, געקלערט, אַז ס'איז נאָך געבליבען צייט אויף צו כאַפּען צוריק, און זי, מירעל... זי קאָן זיך נאָך בעטראַכטען און בעשליסען ביי זיך חתונה האָבן מיט שמואליק'ן נישט אויף אייביג, נאָר אויף דערווייל, ביז אַ צייט.

———

אויף מאָרגען האָט מען שוין געוואוסט אין גאַנצען שטעדטיל:

— מירעל איז צוריק שלום געוואָרען מיט איהר חתן, און די חתונה איז נאָך אַמאָל אָבגעשטעלט געוואָרען אויף שבת נאָך שבועות.

מ'האָט געשמועסט וועגען די שפּאָגעל־נייע צווייטע תנאים, וואָס מירעל האָט פֿון ס'נייע מיט'ן חתן אויסגענומען:

„לעבען מיט איהר, ווי אַ מאַן מיט אַ ווייב, זאָל ער זיך נישט ריכטען. און זי, מירעל...

זי מעג אוועקגעהן אויף אייביג פֿון איהם און פֿון זיין שטוב אין יעדער צייט, וואָס איהר וועט זיך פֿערוועלען“.

— וועגען וואָס איז דאָ שוין געווען שייך צו קלערען?

שמואליק זיידענאָווסקי האָט געוויס נאָך איצט אויך געקאָנט דעם גליקליכסטען שידוך טון. אויב ער האָט ביי זיך גע'פּועל'ט

לעבן מיט מירל'ען אייביג, ווי אום יום־כּפּור, איז דאָס שוין נאָר געווען דערפֿאַר, וואָס זי איז איהם שוין אפֿשר ניט ווינציגער, ווי וועלוויל בּורנעס'ן אײַנגעבּאַקען אין האַרצען געווען. אָבער די מעשׂה, די מעשׂה אַליין איז דאָך שטאַרק אינטערעסאַנט און טשיקאַווע גע־וואָרען, און כּדאי איז פֿון ס'ניי געווען צו בעלעגערן טיר און פֿענס־טער און צו זעהן, ווי אָט די פּאָריל שפּאַצירט איבער דער לאַנגער גאַס — אַ פּאָריל, וואָס וועט לעבן נישט, ווי מאַן־און־ווייב, נאָר עפּיס משונה און אַנדערש, ווי קיין פּאָר־פֿאָלק האָט נאָך ביז היינטיגען טאָג דאָ אין שטעדטיל ניט געלעבט.

שמואליק האָט שוין איצט איבער עפּיס אַלעמען אויסגעזעהן, ווי אַ הייליגער מאַנסביל. פֿאַר בעקאַנטע האָט ער נאָך, ווי פֿריהער, דערצעהלט לאַנגע גודנע מעשׂיות, נאָר זיין קול איז שוין געווען שטיל, ווי ביי אַ יורה, דער פּנים — אומעטיג, און געדוכט האָט זיך, אַז ער פֿאַסט. מענשען האָבען געפֿיהלט צו איהם אַ רחמנות און האָבען בעקלאָגט זיין מזל:

— מאָלט איך: ס'איז אַז אָך און וועה צו איהם אויך... ער איז נעבּיך אויך גוט אַריינגעפֿאַלען.

און מירעל האָט זיך נאָך שפּאַצירענדיג איבער'ן שטעדטיל אַזוי שטרענג מיט איהם געפֿיהרט — ער האָט שוין אַפֿילו נישט דערוועגט זיך זי אונטער דער האַנד אָנצונעהמען.

אין מיטען דער גאַס האָט זי איינמאָל אפֿשר אויף אַ האַלבּע שעה צייט אָן איהם פֿערגעסען און האָט זיך אַוועקגעשטעלט רעדען מיט בּרכה דער שוסטערין, וואָס ביי איהר האָט זי אַמאָל זעקס חדשים צייט געוויגען:

— יאָ, האָט זי צו אָט דער בּרכה'ן גאַנץ ערנסט געזאָגט, — אַייער שטוב פֿאַלט איין, איהר מוזט זי געוויס נאָך היינטיגען ווינטער איבערבּויען.

אַרום און אַרום זענען לייט אויף זייערע גאַנקעס געשטאַנען און האָבען געגאַפֿט:

— גוואַלד געשריען: אָט דאָס טוט מען, בשעת מ'גערט שפּאַ־צירען מיט אַ חתן?

 און זי האָט נאָך געהייסען, בּרכה'ס מאַן זאָל קומען שמואליק'ן

אַ מאָס אויף אַ פּאָר שיך אַראָבגענומען, און האָט אָט דער שוסטע־רן נאָכגעשריען אויפ'ן קול:

— נישקשה, אייער מאַן איז אַ גוטער בעל־מלאכה! ער גייהט געוויס נישט ערגער פון די שוסטערס, וואָס אין די גרויסע שטעדט.

.XIV

שמואליק איז נאָכדעם אויף גאַנצע אַכט טעג דאָ אין שטוב פערבליבען. ער האָט געהאַט אַ דערשלאָגענעם אויסזעהן און אָבגעלעגט זיין נסיעה פון טאָג אויף טאָג.

ווען ער איז אַהיים אַוועקגעפאָהרען, האָט זיך חאָ אין שטוב שוין שטאַרק די נאָהענטע חתונה געפיהלט, און אין קיך האָט שוין אַ קיילעכיגען מעת־לעת אין אויווען געברענט. מעהר פון אַ האַלב טויג ווייבער האָבען דאָרט געשווינד מיט די נאַסע פערקאָ־טשעטע הענד גערודערט: געשיילט מאַנדלען, געקלאָפּט אייער, גע־שטויסען צימרינג — און אַליין אונטער דער השגחה פון אַ פרעמדער הייזעריגער סאַרווערין, אַ יודינע אין בלאָהע ברילען, וואָס האָט גע־רעדט ווינציג, ווי אַ גוט־יודישע אַלמנה, און געטאָן געשווינד, ווי פאַר צעהן.

ר' גדליה איז, ווי פריהער, גאַנצע וואָכען אָבגעווען אין קאַש־פעריווקער וואַלד.

אין שטוב האָט שוין דערווייל געבעל־הבת'עוועט גיטעלע'ס פרעמדשטעדטילדיגע אָרימע קרובה, און די פאָרעטיגע חדרים זע־נען שוין פול געווען מיט דער היבשער קאָמפּאַניע ווייבערשע שניי־דערס, וועלכע זענען מיט מירעלס האַלב־אויפגענייהטע קליידער פון קרייז־שטאָדט אַראָבגעקומען און האָבען זיי דאָ אין שטוב פער־ענדיגט.

אין שטאָדט גלויבט מען נאָך אַליין נישט, אַז מירעל האָט באמת חתונה, און אַ שמועס מאַכט מען נאָך וועגען דעם ביי אברהם משה גורנעם אין עס־צימער:

— וואַרט און האָט בטחון: זי וועט נאָך אי"ה ויידענאָווסקי'ן אויף די תנאים אָבשיקען.

צו ר' גדליה'ן אין שטוב קומען שוין פון אַ צייט נישט אַריין נישט די אַקושאָרקע שאַץ אין נישט דער פראָוויזאָר־געדיליק סאַפּ־

יאַן. בײדע שפּאַצירען זײ אַלע טאָג אַראָב דעם שטעדטיל, װערען אַלײן מעהר פֿערפֿרעמדט צו מירלען און געפֿינען שױן אין איהר קײן אינטערעס ניט:

— און מיט װעמען זאָלען זײ זיך טאַקע דאָ אינטערעסירען? זײ האָבען קײנמאָל קײן חתונה־מײדעל נישט געזעהן?

און מירעל אַלײן װײס שױן, אַפּנים, אױך, אַז זי איז די לעצטע צײט שטאַרק אַראָבגעפֿאַלען; װײס עס, בשעת זי שטעהט אַ גאַנצען בײ־טאָג אינ'ם שטילען, מיט װעש פֿערװאַלגערטען חדר; װײס עס, בשעת זי לעגט אָפּ די װעש צונױף און בױגט זיך הערמיט אינ'ם אָפֿענעם נדן־קאַסטען. אַרום און אַרום איהר געהט זיך רעגעלמעסיג פֿאָראױס די ערב־חתונה'דיגע אַרבײט, און אין מיטען דער שטילקײט, װאָס אין די קיהלע חדרים, הערט זיך פֿון צײט־צו־צײט דער הײזעריגער קלאַנג פֿון דער גרױסער שנײדערשער שער. ס'פּרובט אָפּ די שטילקײט אױפֿרודערן אײנער פֿון די בחורים־אַרבײטער, װאָס זיצט אָנגעבױגען איבער זײן נײה־מאַשין און דרעהט זי אונטען געשװינד מיט אַ פֿוס. אונגעריכט פֿאַר אַלעמען טוט ער פּלוצים אַ זונג מיט'ן גאַנצען קול:

אױ, מײן געליעבטע!
אין אַ װײטען װעג
פֿאָהר איך אַװעק.

און נאָכדעם הערט זיך שױן נאָר דער אײנזאַמער קלאַפּען פֿון דער געשװינד־שטעפּענדיגער מאַשין, הערט זיך לאַנג הײזעריג און בײז און װערט צולעצט פֿערשװיגען. אינ'ם קעגענאיבערדיגען װינקעל גרײט זיך שױן שטעפּען אַ צװײטע מאַשין. און דורכ'ן אָפֿענעם פֿענסטער דרינגט דערװײל אַרײן דער לעבליכער שטאָדט־װינטעל, בלאָזט פֿאַמעליך אױף אַ פֿאָרהאַנג הױך, הױך ביז צום באַלקען און בעװײזט, אַז אינ'ם סוף־אַפּרילדיגען דרױסען זענען די הימלען עטװאָס פֿערטונקעלט. און אַז װײט װײט, אין די גױאישע סעדלעך בליהען שױן צײט עטליכע טעג די בױמער.

מירלען רופֿט מען אין זאַל אַרײן אַ קלײד מעסטען. אַ שטיק צעהן שנײדער־יונגען פֿערגעסען דאָרט מיט אַמאָל אָן זײערע אױפֿגעהױבענע נאָדלען, גלאָצען אױס די אידיאָטישע אױגען און קוקען אױף איהרע נאַקעטע פּליצעס און הענד. און זי שטעהט אינ'ם

ניי־פערסטריגעטען קלייד אקעגען גרויסען שפיגעל און געדענקט:

— אט איז זי, מירעל, עפּיס געווען און האט עפּיס שטארק נישט געוואלט... און איצט איז זי גארנישט און געפאלען, און ווייס לחלוטין נישט, וואס מיט איהר וועט זיין ווייטער, און מעסטען מעסט זי זיי נאך אליין, אומשטיינס געזאגט, אט די חתונה־קליידער איהרע.

פלוצים ווערט זי אויפגערעגט און בייז און שטופּט אב פון זיך דעם שניידער, וואס בעט זי שטעהן גלייך:

— וואס וועט ער איהר דערצעהלען מעשיות, דער שניידער? אז די גאנצע פּלייצע קנייטשט זיך, און די גאנצע קלייד איז בע־גראבען אין דער ערד.

און איינמאל ביי־טאג איז זיך אזוי אויף ר׳ גדליה הורוויצ׳עס גאניק געשטאנען איינע פון די קרייז־שטעדטיגע מיידלעך שניידע־רינס און האט דארט אין דרויסען געפּרעסט א נייע זיידענע קלייד. די מיידעל האט דארט אלע מאל גענומען דעם הייסען אייזען אין האנד, געשפּריצט אונטער די וואסער פון מויל און געהערט, ווי אין שטוב כאפּט אום איין מאשין ביי דער צווייטער דעם שטעפּען. ווייט, ווייט ארום דער מורח׳דיגער שטאדט־בריק זענען פאמעליך איינער נאכ׳ן צווייטען אבגעשטארבען די רעגעלמעסיגע קלעפּ פונ׳ם שמידי־שען האמער, און אין שטעדטיל איז געווען שטיל. פלוצים האט זיך פון יענעם זעלבען עק־שטאדט געלאזט הערען דער קלינגען פון א פּאר פרעמד־שטעדטילדיגע גלעקער, און אן׳אונבעקאנטע בעל־עגלה׳ישע פוהר האט זיך אהער אלץ נעהענטער און נעהענטער גע־נומען רוקען. א פרעמדער וואוקסיגער בחור איז אויבען־אן אויף אט דער פוהר געזעסען און האט פארבייפאהרענדיג נישט אראבגעלאזען קיין אויג פון ר׳ גדליה הורוויצ׳עס שטוב. די מיידעל האט אויך א ווײלע פערגעסען אן קלייד, וואס זי פּרעסט, בעגלייט די פוהר מיט די אויגען ביז צו די ערשטע גוי׳אישע סעדלעך און זיך בערוהיגט:

— מסתמא א פרעמדער... מסתמא נאר אדורכגעפאהרען.

נאר אין א ווײלע ארום איז עמיצער גאנץ רוהיג אהער אין שטוב אריינגעקומען און דערצעהלט שטיל, ווי אהן לונג־און־לעבער:

— צו דער אקושארקע, זאגט מען, איז ווידער אמאל געקומען דער פאר׳פּסח׳דיגער גאסט.

מעסטענדיג א נייע קלייד, איז דענסטמאל מירעל געשטאַנען אקעגען שפיגעל מיט נאקעטע אקסלען און מיט א הייסען, פלאַמענדיגען פנים.

— ווער? האט זי מיט אמאל בעקומען ברייט פונאַנדערגעעפענטע ערשטוינטע אויגען, — ווער, זאָגט מען, איז געקומען?

און נאָך איידער מ׳האט איהר געענטפערט, האט זי שוין לחלוטין געהאט פערגעסען אָנ׳ם עלטסטען שניידער, וואָס איז נעבען איהר אויף די קניה געשטאַנען און זי פון אלע זייטען ארומגעשפילעט מיט שפילקעס. זי האט געשווינד פון זיך די ניט־דערמאַסטענע קלייד אַראָבגעריסען און זיך געכאַפּט צוריק צום וואָכעדיגען קאַפּטעל.

דער שניידער איז געוואָרען אויסער זיך, אויסגעדרעהט דעם פנים צו די צוויי אַרבייטער, וואָס זענען צוליעב אָט דעם קלייד אָהן אַרבייט געבליבען, און האט אָנגעהויבען ווישען דעם שווייסיגען שטערן:

— מאָלט אייך, מירעלע׳ס קאַפּריזען... ער קען זיי שוין פון גאַנץ לאַנג. נאָר איצט איז ער געווען זיכער, אַז מ׳וועט דינסטאָג אין אָבענד די אַרבייט ענדיגען און מ׳וועט פרייטאָג גאַנץ פריה קענען אַהיים פאָהרען.

נאָר ביי מירלע׳ן האָבען שוין געציטערט די ליפען, בעת די פינגער האָבען אויף זיך געשווינד דעם קעלנעריל פון קאַפּטעל פערקנעפּעלט:

— וואָס וויל ער פון איהר, דער שניידער? זי וויים לחלוטין נישט, וואָס ער וויל.

זי איז געשווינד פון זאַל אַרויס און אין גרויס אונגעדולד גענומען אויף עמיצען וואַרטען. יעדעס מאָל, וואָס די דרויסען־טיר האָט א קלאַפּ געטאָן, איז זי פון איהר חדר אין עס־צימער אַריינגעלאָפען און אויפגערעגטערהייד געשיקט די דיענסט־מיידעל א קוק טון אין פערהער־שטיבעל:

— אַנו, ווער? ווער איז אַהין אַריינגעגאַנגען?

א.ן פאַרנאַכט איז שוין ביי איהר די שטימונג געווען אַזוי געפאַלען און דער פנים — אומעטיג און מיעד.

קײנער איז צו איהר אַהער נישט געקומען.

אײנע אַלײן איז זי געזעסען אויף די טרעפּלעך פֿון גאַניק, זיך געהילט אינ׳ם זומערדיגען שאַל און געקוקט, ווי די פֿערגעהענדיגע זון רויטעלט נאָך דאָ־און־דאָרט די שפּיצען פֿון די שטרויענע דעכער. ערגיץ וואו האָט אין אָבענד אַ וואָך, וואָס פֿאַר אַ „בן־זכר״, בעדאַרפֿט פֿאָרקומען. האָט מען אַהין געטראָגען פֿון מאַרק אַ פֿערטיל־עמערדיגען שטאָף ווײן. דער ווײן האָט זיך געכליאַפּעט אין דער גרויסער פֿלאַש, געשימערט אַקעגען דער פֿערגעהענדיגער זון און אויסגעזעהן צופֿיעל לויטער און רויט. ס׳האָט זיך געמאָלט די שטוב, וואו אָט די וואָך וועט אין אָבענד פֿאָרקומען; ס׳האָבען זיך געמאָלט די געגרייטע טישען, די יודען מיט די בעשײנטע פּנים׳ער, וואָס וועלען ארום זײ זיצען און וועלען לחיים טרינקען. און ווייט, ווייט אַרויס דעם שטאָדטישען דאָרף האָט זיך געמאָלט אַ צווייטע גויאישע האַלבע שטוב, וואָס וועט הײנט ביז שפּעט אין דער נאַכט זײן בעלויכטען: זיצען וועלען דאָרט די אַקושאָרקע מיט הערצ׳ן, זיצען וועט דאָרט אויך דער פּראָוויזאָר־געהילף סאַפּיאַן. און אַלע וועלען זײ, רעדענדיג וועגען פֿערשײדענע ענינים, וויסען, וואָס עס איז געשטאַנען אינ׳ם בריעף, וועלכען זי, מירעל, האָט באַלד נאָך פּסח אַוועקגעשיקט. נאָר יעדער בעזונדער וועט וועגען דעם קײן וואָרט נישט דערמאָנען און יעדער בעזונדער וועט געדענקען ערגיץ וואו בײ זיך אין מוח:

— וועגען וואָס איז דאָ שײך צו רעדען?.. אַ נאַרישע מעשה מיט אַ בריעף... גאָר, גאָר אַ נאַרישע מעשה מיט מירעל׳ס אַ בריעף...

———

אויף מאָרגען גאַנץ פֿריה האָט די אַקושאָרקע געכאַפּט אַ פֿרעמד פֿערד־און־וועגיל, געפֿלויגען מיט דעם איבעריג שטעהטיל און אַלײן אָנגעטריבען.

ווײבער האָבען דאָס געזעהן מיט זון־אויפֿגאַנג, בשעת זײ האָבען זײערע בהמות אין טשערעדע געטריבען.

מ׳איז געוואָהר געוואָרען:

אַ גאַנצע נאַכט האָט מען גע׳שכור׳ט אין דער אַקושאָרקעס עק־דאָרפֿישער שטיבעל. געטרונקען האָבען דאָרט פֿיעל: הערץ, די אַקושאָרקע אַלײן, דער בעל־הבית׳טעס זוהן — דער אויס־

געדיינטער סאָלדאַט און נאָך עפּיס אַ לעהרער פון נאָהענטען שטעדטיל — אַנ'אָבגעפּליקטער 38־יאָהריגער פאַרשוין אין אַ בלאָ־הער העמדיל, וואָס האָט שוין אַמאָל געהאַט סמיכות אויף רבנות מיט אַ שוחט'ס אַ טאָכטער פאַר אַ ווייב און איז איצט פער־ליעבט אין אַ פערמעגליכען קרעמערס אַ מיידעל, וואָס איז נאָך קיין זיבצעהן יאָהר נישט אַלט.

אויסגעטרונקען, איז דאָרט הערץ שטאַרק ברוגז געוואָרען, וואָס מ'מאַכט מיט איהם אַ שמועס וועגען מירלען, און האָט וועגען איהר געזאָגט האַלב אויף לצנות, האַלב אויף דער אמת:

— ער פערשטעהט נישט, וואָס מ'וויל: זי איז טאַקע נישט מעהר ווי אַנ'איבערגאַנגס־פונקט, און זיין וועט פון איהר גאָר־נישט. אָבער אַ מיידעל איז זי דאָך.

ביי־טאָג האָט מען וועגען דעם גערעדט ביי ר' גדליה הור־וויץ אין שטוב. עמיצער האָט אויסגעמאָלט, ס'אַראַ פּנים די אַקו־שאָרקע האָט געהאַט, בשעת דער פערד־און־וועגיל איז מיט איהר איבער'ן שטעדטיל געפלויגען. אַ צווייטער האָט פון חוזק וועגען געפרעגט:

— כ'בעט אייך: וויפיעל איז זי אַלט, די אַקושאָרקע?

מירעל האָט עס געהערט, זולענדיג עפּיס אונטער די בערג וועש און קליידער, וואָס אַרום איהר. זי האָט אויף אַ רגע צו־זוכען אויפגעהערט און אָנגעשטעלט די אויגען אויף דעם, וואָס דערצעהלט.

פאַרנאַכט האָט זי זיך אין גאַס מיט דער אַקושאָרקע בע־געגענט. ביידע מיידלעך האָבען זיך אַ ווײלע געקוקט אין די פּנימ'ער, נישט געהאַט, וועגען וואָס צו רעדען, און געפיהלט, אַז זיי האָבען איינע די צווייטע פיינט.

מירעל האָט געזאָגט:

— זי האָט געהערט: הערץ איז געקומען.

און די אַקושאָרקע האָט געשמייכעלט שלעכט, ווי אַ שׂונאי־דערס אַ טאָכטער, בשעת זי איז זיך אָן עמיצען נוקם:

— יאָ, האָט זי געזאָגט, — נאָך זונטאָג איז ער געקומען.

אַ פּויזע.

— לאַנג וועט ער דאָ פערברענגען?

— עטליכע טעג.

אַ צווייטע פויזע.

— די אַקושאָרקע ווייס נישט, פאַרוואָס הערץ האָט איהר, מירל'ען, אויפ'ן בריעף נישט געענטפערט?

דענסטמאָל איז דער אַקושאָרקעס שמייכעל מיט אַמאָל געוואָרען אַזאַ שטעלענדיגער, און דער געלעכטער — אַזאַ נאַרישער און גיפטיגער, גלייך מירעל וואָלט בּי איהר עפּיס געוואָלט צוגעהמען און קען נישט.

— זי פערשטעהט נישט, וואָס מירעל „וויאַזשעט" זיך צו הערצ'ן — יענעם ליגט געוויס מעהר נישט אין זינען, נאָר זי, מירעל, מיט איהרע בריוולעך.

און מירעל איז אַקעגען איהר געשטאַנען און האָט איהר אין פּנים געקוקט.

אַהיים איז זי שוין געגאַנגען גיכער, ווי אַלע מאָל, און האָט עס נישט בעמערקט. אין פעדער־שטוב האָט צו איהר עפּיס געזאָגט דער עלטסטער שניידער, און זי האָט נישט געהערט; געלעגען נאָכדעם לאַנג ביי זיך אין חדר און האָט עס נישט געדענקט.

פלוצים האָט זי זיך אויפגעכאַפּט, געשווינד פערקנעפּילט אויף זיך דאָס זומערדיגע אויבערשטל, זיך נישט אומגעקוקט צום עלטסטען שניידער, וואָס האָט זי ווידער געוואָלט אָבשטעלען, און האָט פלינק אַוועקגעשפּאַנט אַרויף צו דער אַקושאָרקע שאַצ'ס עק־דאָרפישען שטיבעל.

ווען זי האָט זיך פון דאָרט צוריק אַהיים אומגעקעהרט, איז שוין געווען אַרום 10 אַ זייגער אין אָבענד. מיט אַ פלאַמענדיגען פּנים איז זי אַריין צו זיך אין חדר, געבליבען שטעהן, געוואָלט זיך עפּיס דערמאָנען און זיך גענומען דערפרעגען ביי דער נייהטאָרין־מיידעל:

— די מיידעל געדענקט נישט, וואָס פאַר אַנאַרבייט זי, מירעל, האָט היינט ביי־טאָג געהאַט צו טון?

און באַלד איז זי אַוועק אינ'ם עקסטען היבשען חדר מיט די טונקעלע לאָמפּען, וואו ס'האָבען נאָכ'ן טאָג אַרבייט געדרימעלט זיצענדיג די אָנגעהאָרעוועטע שניידער. זי האָט זיך דאָרט געהייסען געבען מעסטען יענע ניט־פערענדיגטע קלייד, וואָס מ'האָט זי

איבער איהר נאָך ביי־טאָג אַוועקגעלעגט, און איז געוואָרען שטאַרק אונצופֿרידען מיט'ן שניידער דעם בעל־הבית, וועלכער האָט געוואָלט אויף מאָרגען איינער אַליין אין קרייז־שטאָדט אָבפֿאָהרען. דער פּנים איהרער האָט שטאַרק געפֿלאַמט, בשעת זי האָט אויף זיך אַקעגען שפּיגעל דעם גאָרסעט צורעכטגעמאַכט, און זי האָט געטענה'ט:

— קומענדיגען מאָנטאָג פֿאָהרט מען אַרויס אויף דער חתונה, — זי וועט זיך אַפֿילו מיט צונויפֿלעגען די קליידער אויף קיינעם, אַחוץ דעם עלטסטען שניידער, נישט פֿערלאָזען.

איהר האָט זיך געוואָלט, אַז אַרום איהר אין שטוב זאָל ווערען וואָס מעהר טאַרעראַם; זי איז געלאָפֿען צו ר' גדליה'ן אין קאַבינעט, איהם אָהער געבראַכט און איהם געצוואונגען, ער זאָל דאָ אויפ'ן אָרט איהרע ווערטער פֿאַר די שניידער איבער'חזר'ן:

— אויב די שניידער וועלען נעהמען אַרבייטען ביי־נאַכט, וועט מען זיי אַ דריטעל שׂכירות מוסיף זיין.

XV.

נאָר אין גיכען איז שוין געקומען אַזאַ שעֶנער טאָג פֿריי־טאָג, וואָס דעמאָלט האָבען די שניידערשע מאַשינען דאָ שוין מעהר נישט געקלאַפּט. די גאַרדינען זענען דאָ שוין אויף אַלע פֿענסטער געהאַנגען, און די שטוב האָט מען צום לעצטען מאָל אין גרויס אײַלעניש גענומען צוקלייבען.

ערב־שבת־פֿאַרשפּיעל איז דאָס געווען.

אַרום דריי אַ זייגער ביי־טאָג שטעהען זיך אַזוי נעבען ר' גדליה'ס שטוב די צוויי גרויסע גוי'אישע פֿוהרען, וואָס צו זיי בינ־דען די שניידער אין אײַלעניש זייערע מאַשינען מיט די פּאָר נאַ־הישע מאַגעקענען. און דער צעטראָגענער ר' גדליה אַליין קומט בשעת מעשׂה אָן פֿונ'ם גרויסען קאַספּעריזוקער וואַלד און שמייכעלט פֿרעה־ליך צום שטעדטיל. אַראָבקריכענדיג פֿון זיין פֿוהר, עפֿענט ער ברייט דעם טייסטער און בעווייזט די שניידער דאָ, אויף די פֿריש־אָבגעוואַשענע גאַניק־טרעפּלעך, אַז ער איז נאָך אין שטאַנד גבירייש פֿאַר זיין טאָכטערס חתונה־קליידער צו בעצאָהלען. פֿון גליק שימערט ביי איהם דער פּנים, און לאָזענדיג זיך אויף דער נישט־אויסגע־שפּאַנטער פֿוהר אין מרחץ אַריין פֿאָהרען, פֿערגעסט ער דאָך נישט

זיך אָבצושטעלען נעבען אַברהמ׳יל דעם רבֿ און אידם אויף מיט זיך מיטנעהמען.

אין מאַרק זענען געשטאַנען יורען, געקוקט, ווי די שניידער וואַרפען זיך געשווינד אַריין אין די גרויסע וועגען, נעזעהן, ווי זיי שמייסען געשמאַק אַוועק מיט׳ן וועג אין קרייז־שטאָרט, און זיך וועגען זיי גוט־מוטיג אַדורכגעשמייכעלט:

— זיי וועלען אַריינשמייסען אין שבת, די שניידער.

— אויף אַ פּאָר שעה וועלען זיי געוויס אין שבת אַריינשמייסען.

און נאָכדעם איז שוין געווען אַזוי שטיל אין שטעדטיל און אין ר׳ גדליה׳ס צוגעקליבענער שטוב.

ס׳זענען האָרט אויף די פענסטער געהאַנגען די ראָזע גאַרדינען, ס׳זענען געלעגען אויסגעשפּרייט די סאַמעטענע סטעזשקעס און האָבען אַרויסגערופען אַ בענקשאַפט נאָך פרעמדען גליק.

ליגט זיך אַזוי אַ סטעזשקע אין זאַל אויף דער ריינער פּאָדלאָגע, ליגט מיט איהר גאַנצער אויסגעצויגענער לענג און איז זיך מתקנא אין אַ צווייטער סטעזשקע, וואָס ליגט ערגיץ ווייט אין אַ צווייטער חתונה׳דיג צוגעקליבענער שטוב.

— די כלה איז אין יענער שטוב גליקליך, קלערט, חלמט זיך, אָט די סטעזשקע.

טוט זיך קוים, קוים אַ ריהר דער לאַנגער פאָרהאַנג, וואָס אויפ׳ן פענסטער, און וויל, דוכט זיך, אומעטיג צוגעבען:

— זי האָט ליעב דעם חתן, יענע כלה.

אין מירעל איז נאָך אַלץ געשטאַנען אַקעגען קליינעם שפּיגעלע, וואָס ביי איהר אין חדר, און זיך אָנגעטאָן פּשוט, ווי אויף אַלע שבת.

ס׳איז געווען שטיל אין די אַרומיגע חדרים; ס׳האָט זיך גע־פיהלט אַ בענקשאַפט נאָכ׳ן בת־יחיד׳ישען לעבען, וואָס גוסס׳ט, און ס׳האָט זיך נישט געוואָלט טראַכטען וועגען שמואליק׳ען, וואָס גרייט זיך אינ׳ם פאָרשטאָדט פונ׳ם ווייטען כרך צו דער זעלבער חתונה, וואָס זי — סיי ווי סיי איז דאָך אָט די גאַנצע חתונה שוין מעהר נישט געווען, ווי אויף קאַטאָוועס, ביז אַ צייט און אויף דערווייל. מעהר ווי אַנאַנדערש מאָל איז זי דערין געווען איבערצייגט איצט ערבֿ־שבת־פאָרשפּיעל, זיך געפיהלט וואָכעדיג, ווי אין די טעג פון

גאַנץ יאָהר און זיך שוין אַפילו, ווי אין אַ פּשוט׳ען פרייטאָג, געלאָזט געהן עפּיס קויפען אין אַפּטייק.

געהענדיג אַהין איינע אַליין מיט דער גאַס, וואָס אַרויף דעם שטעדטיל, האָט זי געדענקט, אַז זי איז עלענד און איז דאָך עפּיס ווי פּער׳עקש׳נט אין אָט דער עלענדקייט, און בעדאַרף איצט נישט קיינעם, קיינעם; אַז פון צייט-צו-צייט קלערט זי נאָך, אַז אין איהר לעבען פעהלט אַנ „עיקר", און סך הכל מיט איין מינוט שפּעטער גלייבט זי שוין נישט סיי אין זיך סיי אין אָט דעם „עיקר", קוקט זיך אַרום און זעהט, אַז קיינער גלויבט נישט.

און פּלוצים איז זי רויט געוואָרען און זיך דערמאָנט, אַז אָט דיזעלבע ווערטער האָט זי געשריבען אין׳ם בריעף, וואָס אויף איהם האָט הערץ ניט געענטפערט. אַרויפשפּרינגענדיג אויף די טרעפּלעך פון אַפּטייק, איז זי שוין געווען אַזוי אין כעס אויף זיך אַליין:

— עפּיס אַ מין נאַרישער בריעף... און בכלל ווער האָט איהם בעדאַרפט, אָט דעם בריעף?

און אין אַ ווײַלע אַרום, ווען זי איז צוריק פון אַפּטייק אַרויסגעגאַנגען, איז שוין די ווייטע און רויטע זון געהאַנגען אין מערבֿ-ווערטיקאַל, ווי אַ גרויסע פייערדיג-גאָלדענע מטבע, און אין אָנהויב ערבֿ-שבת׳דיגען שטעדטיל איז איינער אַליין געשטאַנען הערץ. פון זיינע קליינע אַריינגעראָבענע אויגען האָט ווי שטענדיג אַרויסגעשמייכעלט דער גרינער אָבגלאַנץ, און אַליין האָט ער אַיינגעבויגענערהייד געקוקט אויף די יודען, וואָס זענען שוין צוריק פון מרחץ געקומען, שטעהען דאָ און דאָרט נעבען זייערע פונאַנדערגעעפענטע טירען און גרייטען זיך געהן צו קבלת-שבת. הערצ׳ס פּנים איז אינגאַנצען געווען איינגעטונקט אין דער שיין פון דער אונטערגעהענדיגער זון; ער האָט אויסגעזעהן אַ גאָלדענער. ער האָט דערזעהן מירל׳ען, געטאָן צו איהר עטליכע שפּאַן און איהר אָנגעוויזען אויפ׳ן שטעדטיל:

— זאָל זי אַ קוק טון: ממש אַ שבת׳דיגער הימעל; שבת׳דיג זעהען אויס אויפ׳ן מערבֿ׳דיגען באַרג אַפילו די אַרומיגע גרינע פעלדער.

מירעל האָט מעכאַניש אַ קוק געטאָן צום באַרג און האָט דאָרט גאָרנישט געזעהן, אַחוץ דעם מיעדען גוי, וואָס דעראַקערט

צו נאַכט זיין פּעלד. אַ הייבשער צעאַקערטער פּאַס האָט זיך דאָרט שוין געצויגן איבער'ן גאַנצן רעליעף פֿון גרינעם באַרג און איהם אַרומגענומען, ווי מיט אַ ברייטען שוואַרצען גאַרטעל. זי האָט נאָך נישט געוואוסט, צי הערצ'ס ווערטער האָבען אַנ'איראָנישען זין, צי ניין, און האָט געקוקט אויף איהם מיט דערשראָקען־ערשטוינטע אויגען:

— בכלל ווייס זי נישט, וואָס ער וויל פֿון איהר, אָט דער פּאַרשוין, און קען איהם מיט'ן שכל נישט תופס זיין.

און ביי איהם האָבען די אויגען נאָך איראָנישער צו שמייכלען אָנגעהויבען. ער האָט זי בעטראַכט, ווי אַ קלוגיטשקער, און געפרעגט האָט ער שוין ביי איהר, אַפּנים, גלאַט אַזוי, פֿון חוזק וועגען:

— זי האָט אַמאָל געטראַכט וועגן יודען?

אין מירל'ען האָט געזאָדען עפּיס טיעף, אינעווייניג. זי איז געווען בלאַס פֿון אויפֿרעגונג, נישט געקוקט צו איהם, געהאַלטען האַרט צונויפֿגעדריקט די ליפּען און געאָטעמט שווער און צו אָפֿט.

— ווער האָט נאָך איהם געשיקט?

איבער עפּיס האָט זיך איצט געדענקט דער צעטעלע, וואָס ער האָט פֿאַר'ן ערשטען אַוועקפֿאָהרען ביי איהר אין חדר געלאָזט: „אויב ער וועט נאָך אַמאָל קומען אַהער אין שטעדטיל, וועט דאָס זיין אויסשליסליך צוליעב איהר, מירל'ען". און בעליידיגט האָט דערפֿאַר שטאַרק און טיעף אָט די איצטיגע משונה'דיג־קאַלטע און דערווייטערטע בעציהונג זיינע מיט'ן רעדען אויף איהר אונטער די אויגען ערגיץ דאָרט ביי דער אַקושאָרקע אין שטוב. — ניין, עפּיס איז שוין אין יענעם צעטעלע געווען ערגערס, ווי אַ ווערטיל.

ער האָט זיך געלאָזט זי בעגלייטען אַראָב מיט'ן שטעדטיל און געזאָגט:

— ער האָט דאָ צוריק מיט עטליכע טעג איהר פֿאָטער געזעהן...

נאָר זי האָט איהם באַלד די רייד איבערגעהאַקט:

— פֿאַרדאַן מענשען, וואָס מוזען בעליידיגען מיט יעדען וואָרט, וואָס זיי רעדען אַרויס. די איינציגע גוטע זאַך, וואָס זיי קענען טון — איז שווייגען... און זי, מירעל, — זי האָט איהם שוין איינמאָל געבעטען וועגן דעם.

און נישט אומקוקענדיג זיך מעהר צו איהם, דעם פֿערשעמטען, האָט זי זיך געשטעלט רעדען מיט דער אַקעגען־געקומענער יודינע, וואָס איהר האָט ר׳ גדליה ערשט צוריק מיט עטליכע טעג אַריינגעשיקט דעם לעצטען חוב מיט׳ן פּראָצענט און האָט פֿערגעסען ביי איהר די קוויטלעך אָבצונעהמען. ביי דער יודינע האָט געשימערט דער שמייכעלדיגער גוטער פּנים, וואָס אונטער׳ן ליכטיג־זיידענעם שבּת׳דיגען טיכעל, און געאיהרצט האָט זי ר׳ גדליה׳ן אונטער די אויגען:

— אַניט קען מען דען אָבשאַצען זייער האַרץ — ר׳ גדליה׳ס? אַניט האָט זי נישט געזאָגט פֿריהער, אַז זיי וועלען, חלילה, נישט אָנרירען יענעמס און וועלען נישט שולדיג בלייבען קיינעם אַ קאָפּיקע?

און הערץ איז דאָ נאָך געשטאַנען און זי נאָך נאָכדעם אַראָב ביז צו דער שטוב בעגלייט.

— הערט, האָט ער, שמייכלענדיג מיט זיין רויט שעמעוודיגען פּנים, געוואָלט פֿערפֿיהרען מיט איהר אַ וועלטליכען שמועס, — ער קען מיידלעך, וואָס ווערען צוציהענד פּונקט מיט איין מאָמענט פֿריהער, איידער זיי האָבען חתונה...

זי האָט נישט געוואָלט הערען און איהם די האַנד אויסגעשטרעקט.

— זאָל ער איהר מוחל זיין, זי בעדאַרף אַריינגעהן אין שטוב.

צוליעב עפּיס האָט ער נאָך געזאָגט:

— ער האָט געמיינט, אַז זי איז איצט פֿריי; די אַקושאָרקע וועט ערשט שפּעט אין אָבענד אַהיים קומען.... ער האָט אַרויס די בעדלעך פֿון דאָרף אַ זעלטען שענעם אָרט בעמערקט.

און זי האָט איהם דאָ איינעם אַליין געלאָזט, אַריין אין שטוב און פֿון שטוב — צו זיך אין חדר. דאָרט האָט זי אָקאָרשט אין אַ ווייַלע אַרום דערפֿיהלט, אַז ס׳ציהט צוריק צו איהם, אַז די וויל נאָך אַמאָל זעהן איהם, וועלכער האָט זיך איינער אַליין צו דער אַקושאָרקעס וואוינונג אומגעקעהרט, און האָט מיט איהם וואָס צו רעדען. צווישען די פֿיעל געדאַנקען, וואָס ביי איהר אין מח, זענען אַרויפֿגעשוואומען איינציגע און זיך אַלע מאָל איבערגע׳חזר׳ט:

— מאָנטאָג פֿאָהרט זי אַרויס אויף דער חתונה... הערץ איז דאָרט איינער אַליין נעבען דער שטוב, וואו ס'איז איצט ניטאָ די אַקן־שאָרקע.

און אַליין איז זי נאָכדעם אין דרויסען אויפ'ן גאַניק גע־שטאַנען, געשטאַנען לאַנג, ביז ס'איז שוין אינגאַנצען פֿינסטער געוואָרען, ביז יודען האָבען אָנגעהויבען צו גיהן פֿון דאַווענען, און ר' גדליה איז אַהער אין זיין יידענער קאַפּאָטע מיט אַ פֿרעהליכען און שימערנדיגען פּנים אויף די טרעפּלעך אַרויפֿגעקומען און האָט איבערגע'חזר'ט צוויי מאָל:

— גוט שבת, גוט שבת.

זונטאָג פֿאַר מיטאָג האָט זיך הערץ ווידער אין שטעדטיל אַרומגעדרעהט און איז סוף כל סוף איינער אַליין אַריינגעקומען צו ר' גדליה הערווי'ץ אין שטוב.

ס'איז געווען מאָרגנע:

אין עס־צימער ביים טיש זענען דאָרט דענסטמאָל געזע־סען מעהר פֿון אַ האַלבען מנין היימישע יודען — גוטע־פֿריינד, און אברהמ'יל דער רב איז דאָרט אויך געווען און האָט געטרונקען צו ר' גדליה'ן לחיים:

— השי"ת זאָל העלפֿען, מ'זאָל אַרויספֿאָהרען בשלום און מ'זאָל קומען בשלום.

— לחיים! גאָט זאָל געבען אין אַ שעה טובה ומוצלחת.

פֿון די אַרומיגע חדרים האָט זיך געהערט, ווי מ'פּאַקט קערב און מ'פֿערקלאַפּט קעסטלען, און ווי גיטעלע'ס פֿרעמד־שטעדטילדיגע קרובה קלינגט מיט די שליסעלעך און שרייט צו עמיצען אַרויס דורכ'ן אָפֿענעם פֿענסטער:

— קומט מאָרגען צוועלף אַ זייגער; האַלב איינס וועלען מיר שוין זיין אַרויסגעפֿאָהרען.

פּלוצים האָט זיך געעפֿענט די טיר, און אַריינגעשטעלט האָט זיך איינער אַליין הערץ — אַ געזונטער און וואוקסיגער בחור, וואָס קיינער פֿון די יודען קען איהם נישט און וואָס פֿרעגט זיך נאָך אויף מירל'ען.

די יודען האָבען איהם אָנגעקוקט; אָנגעקוקט האָט

איהם אויך ר׳ גדליה, פערריסען די שפיציציגע נאָז מיט די גילדענע ברילען און געקלערט וועגען איהם, ווי וועגען עפּיס אַ כלי־זמר־יונג, וואָס איז געקומען אַהער אין שטעדטיל אַ חתונה בעשטעלען, און איז איצט פערבלאָנדזשעט געוואָרען נישט אין יענער שטוב, וואוהין ער האָט בעדאַרפט.

און הערץ האָט נאָך נאָכדעם גענומען שמייכלען צו מיר־לען, וואָס האָט אין זאַל אַריין זיין קול דערהערט און האָט זיך אַנ׳איבערגעשראָקענע ביי דער טיר בעוויזען.

אָקעגען אַ האַלבע שעה האָבען זיי גערעדט דאָרט, קעגענאיבער דער געשלאָסענער טיר פון זאַל. ווען זיי זענען ביידע צוריק פון זאַל אַרויס, האָט ביי מירלע׳ן פון אויפרעגונג געברענט דער פּנים. זי האָט צו איהם נישט געקוקט, און ער איז רוהיג געגאַנגען פאַר איהר און האָט געשמייכעלט צו זיך אַליין.

אויף די טרעפּלעך פון גאַניק האָבען זיי זיך אָבגעשטעלט און דורכגעלאָזט אַ פּאָר יודען, וואָס האָבען זיך שוין מיט ר׳ גדליה׳ן געהאַט אָבגעזעגענט.

מירעל האָט געקוקט צום זומערדיג־בלויען הימעל, וואָס איבער׳ן שטעדטיל, זי האָט געזאָגט קאַלט און איהם, הערצ׳ן, אויף צו־להכעיס:

— זי איז אַזוי צופרידען, וואָס די לעצטע טעג זענען שענע און לויטערע; דער טאָג פון איהר חופּה וועט שוין געווים אויך זיין אַ שענער.

און ער האָט נאָר אַ מעהר מערקזאַמען שמייכעל געטאָן, געגעבען צו איהר אַ שאָקעל מיט׳ן קאָפּ און זיך פּאַמעליך אַוועקגע־לאָזט צוריק, צו די עק־דאָרפישע שטיבלעך.

און אין שטאָדט האָט מען נאָך דערצעהלט, אַז מאָנטאָג, אַ פּאָר שעה פאַר׳ן אַרויספאָהרען, איז מירעל איינע אַליין אַרום־און־אַרום דעם שטעדטיל צו דער אַקושאָרקע שאַץ אַוועק, נישט געטראָפען דאָרט קיינעם און איז געוואָהר געוואָרען ביי דער גויה, דער בעל־הבית׳טע:

— הערץ איז נאָך נעכטען אין אָבענד קיין אויסלאַנד אַוועק־געפאָהרען און וועט שוין מעהר צוריק נישט קומען.

פֿון בורנעס׳עס הויז זענען נאָך גאַנץ פֿריה די פֿאָטער און מוטער אין קרייז־שטאָדט געווען אַוועקגעפֿאָהרען.

ביי טאָג, ווען ר׳ גדליה׳ס שטוב איז שוין געווען פּוסט און געשלאָסען, איז עמיצער אַהער צו בורנעס׳עס קינדער געקומען און האָט פֿערזיכערט, אַז די אָרטיגע שניידער, וואָס מ׳האָט זיי מירעל׳ס קליידער נישט געגעבען נייהען, האָבען וועגען הערצ׳ען און מירלע׳ן אַנ׳אַנאָנימען בריעף צו שמואליק׳ס פֿאָטער און מוטער אָנגעשריבען, און אַז דער בריעף וועט אַהין אָנקומען פּונקט דעם „פֿרעהליכען שבת“.

אין אברהם משה בורנעס׳עס עס־צימער איז שוין דענסטמאָל געווען איבעריג פֿרעהליך ביי טיי טרינקען, און די פֿאָטאָגראַפֿטשיכע, די רויזענבוימיכע איז דאָרט מיט איהר גיטאַרע געזעסען, און די קליינע קינדער האָבען צופֿיעל אין די אַרומיגע חדרים געפּילדערט. מ׳האָט צולעצט געלאָזט אָט די קליינע קינדער לויפֿען אויף פֿריהער און מ׳איז אַוועקגעגאַנגען שפּאַצירען איבער׳ן שטעדטיל. די לופֿט האָט זיך געדוכט פֿרייער — דאָרט ביי ר׳ גדליה׳ן אין שטוב איז שוין קיינער נישט געווען.

אָבער דורכגעהענדיג פֿאַרביי אָט דער געשלאָסענער שטוב, איז אַלעמען מיט אַמאָל געוואָרען עפּיס מאָדנע אומעטיג פֿון איהרע אויסווייניג געשלאָסענע לאָדען און פֿון איהר אינעווייניגסטער פּוסטקייט. אַנ׳אָנגעפּעלצטער גוי, אַ סטרוזש, איז דאָרט געזעסען אויף די טרעפּלעך פֿון גאַניק אין מיטען העלען טאָג און געהיט איהר פֿאַרענטיגע געשלאָסענע טיר. און זי, די שטוב אַליין, האָט אָהן לשון עפּיס דערצעהלט וועגען די אַוועקגעפֿאָהרענע און וועגען דעם היבשען און ווייטען וואָקזאַל, וואו ס׳וועט מאָרגען פֿאָרקומען מירעל׳ס חופּה.

ס׳האָט זיך געמאָלט דעם פֿאַרבייגעהענדיגען מענשישען מח:

דאָרט, אינ׳ם ווייטען געברוקירטען שטעדטעלע, וואָס איבער׳ן רעלסען־שנור, ציהט זיך איצט דער זעלבער שטילער זומערדיגער ביי־טאָג, וואָס דאָ; כלי־זמר שפּיעלען דאָרט צום אָנבייסען, וואָס ביי חתנ׳ס־צד, און מירעל גרייט זיך אַהין געהן

און טוט זיך אָן אין׳ם נײַעם זײַדענעם קלייד, וואָס מיט׳ן שלעפּ.

ווען עמיצער פֿון די שפּאַצירענדיגע האָט פֿאָרגעלעגט זיך אומקערן און בעסער געהן צו די דעמבענע ווענדלעך, האָבן זיך שוין אַלע אַהין געלאָזט פֿויל, אָהן אַ שום ווילען. פּלוצים האָט בורנעס׳עס קלענערע מיידעל דערזעהן פֿון ווײַטנס די פֿוהר, וואָס האָט זיך נאָר־וואָס נעבן זייער פּאַראַד־גאַניק אָבגעשטעלט. זי האָט קיין שכל נישט געהאַט און האָט אויסגעשריען אויפ׳ן קול:

— זעה נאָר וועלוויל׳ס פֿוהר!.. וועלוויל איז געקומען!

אַלע שפּאַצירענדע האָבן דאָך שוין געוואוסט, פֿאַרוואָס וועלוויל איז אין די לעצטע אָנדערהאַלבן חדשים אַפֿילו איינמאָל אַהער אין שטעדטיל נישט געקומען.

די עלטערע מיידעל האָט זיך באַלד איינע אַליין געשווינד אַהין אַוועקגעלאָזט, אַרייַנגעקומען אין עס־צימער און דערזעהן:

וועלוויל שטעהט דאָרט איינער אַליין אין זיין ליבּטיגען פֿאָהר־כאַלאַט, שטעהט מיט אַנ׳אַראָבגעלאָזטען קאָפּ, קוקט אַראָב צו זיין אויסגעצויגענעם פֿינגער און שאַרט מיט איהם די וואַסער, וואָס איז פֿון נאָך טיי טרינקען אויף דער טיש־קלעיאָנקע פֿערבליבען.

טראַכטענדיג וועגען איהם און וועגען מירלען, האָט די מיידעל נאַריש אויסגעשריגען:

— זעה נאָר — וועלוויל!...

זי האָט זיך מיט איהם געוואָלט דערפֿרעהען, נאָר ער האָט איהר גאָרנישט נישט געענטפֿערט און דעם אַראָבגעלאָזטען קאָפּ נישט אויפֿגעהויבען.

אַ ווײַלע איז געווען שטיל. די שוועסטער האָט זיך געפֿיהלט שלעכט. זי איז צו איינעם פֿון די פֿענסטער צוגעגאַנגען, פֿערהויבען דעם פֿאָרהאַנג און האָט לאַנג און אומעטיג אַרויסגעקוקט אין דרויסען. צולעצט האָט זי נאָך אַמאָל צו איהם איהר פּנים אויסגעדרעהט:

— וועלוויל, — האָט זי געפֿרעגט — דו ווערסט דאָ נעכטיגען?

דענסטמאָל האָט ער אָקאָרשט אויפֿגעהערט מיט׳ן פֿינגער די וואַסער צו שאַרען, בעהאַלטען ביידע הענד אין די זייטען־

קעשענעס פון פאָדר־כאַלאַט און, נישט קוקנדיג צו איהר, אי־בערגעפרעגט:

— אַ?.. וואָס?.. ניין, ער פאָהרט צוריק אַהיים.

און באַלד איז ער צוריק פון שטוב אַרויסגעגאַנגען און זיך אויפגעזעצט אויף דער פוהר.

די שפּאַצירענדע קאָמפּאַניע האָט געהערט, ווי ער זאָגט דעם אָנטרייבער:

— צוריק אַהיים... אויפ'ן פולוואַריק.

און נאָכדעם איז מען שוין דאָ גלאַט אַזוי געשטאַנען און געקוקט:

די פערד מיט דער גרינגער רעסאָרען־בריטשקע טראָגען זיך געשווינד צוריק צווישען די לעצטע הייזער פון שטאָדט, און וועלוויל זיצט דאָרט עטוואָס איינגעבויגען אויבען־אָן, זיצט מיט די פּלייצעס אַהער און קוקט זיך אַפילו איינמאָל נישט אום.

דריטער טייל.

דער אנהויב פון סוף.

I.

—שמואליק, גײה דיר אַװעק!

שמואליק שטײט איבּער איהר מיט אַ האַלבּ־אָפֿענעם מויל, לאַכט אונטער און רײניגט זיך די צײהן פֿון נאָכ'ן עסען. אין דרויסען װאַרט שוין אויף איהם די אײגענע געשפּאַנטע פֿוהר, װאָס װעט איהם אין משך פֿון גאַנצע דרײ שעה אין פֿאָטערס גוראַלניע אַרײן אָבּ־פֿיהרען.

ער טרעט סוף כּל סוף אָבּ פֿון דער קאַנאַפּע, װאָס מירעל ליגט אויף איהר, שפּײט אויס בּעשעפֿטיגט בּײ דער טיר, טשמאָ־קעט עפּיס אַרויס פֿון צװישען די צײהן און זאָגט איהר אַליגען:

— פֿרײטאָג, מירעלע, פֿרײטאָג.

פֿרײטאָג װעט ער פֿאַרפֿריה פֿון גוראַלניע קומען. ער װעט זײן אין שטאָדט און װעט פֿרעגען, פֿאַרװאָס מ'שיקט נישט צו דעם גרויסען שטײה־זײגער.

זײן ליגען איז אַנ'איבּעריגער, אינטערעסירט זי נישט און רופֿט אַרויס אין איהר אַנ'עקעל. זי װיל אויף איהם נישט קוקען. זײן גאַנצע אָבּגעלאָזענע פֿיגור, די רויטליכע בּערדיל, װאָס ער האָט שוין צװײ װאָכען צײט נישט אַרומגעשוירען, דערמאָנט איהר, אַז צו־ריק מיט אַ חודש צײט האָט זי זיך איהם אָבּגעגעבּען אָהן שום לײדענשאַפֿט און װילען; אַז ער, שמואליק, האָט שוין בּעקומען פֿון איהר אַלץ, װאָס ער האָט בּעדאַרפֿט, און איז דערפֿאַר געװאָרען רו־היגער, אָבּגעלאָזענער און נמאס'ער. אָט איז נעכטען אַ טאָג שבּת געװען, און אין די װײסע אַרבּעל איז ער דעם גאַנצען בּײטאָג אָבּגעשלאָפֿען אויף דער נידעריגער קאַנאַפּע, װאָס אין קלײנעם פֿיער־עקיגען קאַבּינעט. אײנער פֿון זײן מוטערס יונגע קרובֿים האָט איהם דאָרט פֿאַר זון־זעצען געװעקט און געקיצעלט, האָט ער זיך אין אַ קנויל צוזאַמענגעצויגען און זיך בּײם יונגען קרובֿ אָבּגעבּעטען:

— ניט... קיצעל נישט... כ'בין דאָך שוין אַן אַלטער יוד.

און זי, מירעל, האָט געמיינט, אַז זי האָט חתונה אויף קאַ־טאָוועס, און האָט מיט איהם כּלה־וויז אַ תּנאַי אויסגענומען:

„לעבּען מיט איהר ווי אַ מאַן מיט אַ ווייב זאָל ער זיך גאָר נישט רייכטען".

און פיעל כּלה־מיידלעך, וואָס ווייסען נישט, וואָס זיי ווילען, האָבען, ווי זי, געמיינט, אַז זיי האָבען חתונה אויף קאַטאָוועס, אויף דערווייל און האָבען מיט זייערע ניט־געראָטענע חתנים דעם זעלבען תּנאַי אויסגענומען.

ס'דערהערט זיך סוף כּל סוף דער גערויש פון שמואליק'ס אָבּ־פאָהרענדיגער בּריטשקע, און ס'ווערט עטוואָס גרינגער, האָט ער פאָהרט אַוועק אויף אַ גאַנצער וואָך. און נאָכדעם איז שוין אַזוי טרוי־עריג און שטיל אין אַלע פיער ניי־אויסגעמעבּעלטע חדרים, און ס'הערט זיך, ווי אין קיך צעוואַשט מען אויף גיך די געפעס. טעלער צו צו טעלער פאַלען דאָרט צו מיט אַ וויינענדיג־טויבּען קלאַנג, גלייך ס'טוען זיי וועה די קלעפּ, וואָס זיי כאַפּען.

גלאַט אַזוי געהט זי אַרויס צו איהר גרויסען האַלבּ־אויס־געגראָבּענעם, האַלבּ־פערטריקענטען גאָרטען, שטעלט זיך אָבּ און קוקט:

אַלץ איז שוין דאָרט געל, פערטריקענט און שמעקט מיט שפּעט־טען זומער, אָבּגעפליקטע ווייגשעל־בּוימער ציהען זיך פון איהר קליינעם פליגעל בּיז צו דעם שווערם גרויסען וויים־אָבּגעקאַלכטען הויז און סודיען זיך וועגען מרה־שחורה'דיגע הימלען און קיהלען אָנהויבּ אֶלול. און פון דאָרט, פונ'ם ווייטען סאַד־ווינקעל, וואוהין ס'געהט אַרויס די גלעזערנע ווערענדע פון שווערם שטוב, שטעקט די שוויגער אַרויס דעם קאָפּ דורך אַן אָבּגערוקטען פענסטער און שרייט:

— מירעלע! דעם האַלבּען פונט טיי... האָסט געליהען אַ האַלבּען פונט טיי, פאַרוואָס האָסטו נישט אין זינען אָבּצושיקען?

נישט אין האַלבּען פונט טיי געהט איהר, דער שטאַרק־רייכער יודינע, גאָר ס'פערדריסט זי, און זי וויל זי אויסלעהרנען:

— אַ ווייבּעל בּעדאַרף איין מאָל פאַר אַלע מאָל געדענקען: אַז מ'אַנטלייהט, מוז מען אין זינען האָבען אָבּצוגעבּען.

מירעל ענטפערט נישט. די שוויגער איז איהר מיאוס. זי דרעהט

זיך אַוועק צום פּאַסאַד פֿון איהר פֿליגעל און זעצט זיך דאָרט צו אויף די טרעפּלעך פֿון גאַניק.

אַנ׳אויסגערוהטער איזוואָזטשיק אויף איין פֿערד רוקט זיך פֿון דאַנען פּאַמעליך צו דער לאַנגער קייטען-בריק, צו דער פֿיעלגאַסיגער גובערניע-שטאָדט און צו איהר האַלבען מיליאָן בעשעפֿטיגטע מענשען, וואָס ברומען דאָרט אַ קיילעכדיגען מעת-לעת דעם געוויש פֿון זייער וואָכעדיגען טומעל. און זי זיצט און קוקט דעם איזוואָזטשיק נאָך:

— וואָס וואָלט זי, אַשטייגער, איצט געקענט נעהמען טון?

ווייט, ווייט אויפ׳ן געברוקירטען וועג, קעגענאיבער דעם צווייטען פּוסטען פֿאָרשטאָדט-עק רוישט נאָך עמיצענס אַ לויפֿענדיגע פֿוהר. ס׳דוכט זיך: נישט קיין רעדער קלאַפּען דאָרט, נאָר אַ טרוקענער בת-קול האַלט זיך דאָרט אין איין חזר׳ן:

— מאָרגען וועט דאָסזעלבע פֿאָרקומען... איבערמאָרגען וועט דאָסזעלבע פֿאָרקומען.

און אַקעגען קלעטערט אַנ׳אַלטער האָהן אויפ׳ן שטיינערנעם, ערטערווייז אָבגעפֿאַלענעם פּאַרקען פֿון פּוסטען קלויסטער-הויף און עפֿענט זיין פּיסק:

— קו—קו—רי—קו—ו.

און שאַ, שטיל. אויסגעשטאָרבען מיט אַ תשובה-געדאַנק אַלע געמיינע און פֿיינערע הייזער, וואָס אין זאַמדיגען עק פֿאָרשטאָדט. ס׳זעהט זיך שוין קיין מענש ניט אַרום, און ס׳געדענקט זיך אַ מעשה פֿון אָנהויב זומער, פֿון צוריק מיט צוויי חדשים:

געווען דאָ ר׳ גדליה מיט ניטעלען; פֿערבראַכט ביים שוועהר אין שטוב דעם רוישיגען „פֿרעהליכען שבת“, זיך געפֿיהלט שלעכט און עלענד, דערפֿאַר וואָס זיי האָבען אַ שידוך געטאָן מיט רייכערע פֿון זיך, און האָבען נישט, מיט וואָס זיך אויסצושטעלען, און זיך אַלע ווילע איינער דעם צווייטען אויף סודות אָן אַ זייט אָבגערופֿען. געזעסען נאָכדעם, ווי פֿרעמדע, צווישען די פֿיעל רייכע שטאָדט-געסט, וואָס זענען אויף דער מלוה-מלכה געקומען אַהער, אין איהר מיט שמואליק׳ס ניי-אויסגעמעבעלטען פֿליגעל; און אַוועקגעפֿאָהרען זענען זיי פֿון דאַנען שטיל, מיט אַ פֿערבאָרגענעם געפֿיהל פֿון אַ פּאָר דערווייטערטע קרובים-יורדים.

איצט זענען זיי שוין אַזוי ווייט פֿון דאַנען מיט זייער געפֿאַלענקייט, מיט זייער גאַנצען פּוסטען שטעדטעלע און מיט'ן גאַניק, וואָס ביי איהם איז די טיר תּמיד געשלאָסען. דערמאָנט מען זיך אָן זיי, דוכט זיך ניט אַנדערש, נאָר זיי שלאָפֿען דאָרט בייטאָג, און אין די אַרומיגע חדרים איז שטיל, און די ווענט לאַנגווייליגען זיך דאָרט און טראַכטען: „שוין חתונה געמאַכט מירעלען, שוין חתונה געמאַכט".

איצט האָט זי זיך שוין אָבגעגעבען שמואליק'ן און געהן געהט זי שוין אָפֿט צו איהר היגער געשוועסטער-קינד, אידאַ שפּאָליאַנסקי, — דער ווייבליך-אויסגעלאַסענער שטאָדט-פּאַרשוין, וואָס איז שטאַרק רייך און וואָס פֿעלשט אָנ'ם אַוועקגעפֿאָהרענעם מאַן. און אין סאַמע צענטער פֿון דער גובערניע-שטאָדט האָט זי, מירעל, שוין פֿיעל מאָל זיך אַרומגעדרעהט און בעגעגענט האָט זי זיך שוין דאָרט מיט נתן העלער, וואָס וויל דאָ אין כּרך אַ קאָפּיקע-צייטונג אַרויסגעבען. שפּעט אין אָבענד האָט זי זיך איינמאָל פֿון אידאַ'ן אַהיים אומגעקעהרט, דורכגעגאַנגען די צענטראַל-גאַס און האָט דאָרט איהם, נתנ'ען, צום ערשטען מאָל אין די פּלייצעס דערזעהן. אין אַ נייעם און ברייטען האַרבסט-מאַנטעל איז ער געשטאַנען אויף אַ פּוסטען ראָג, נעבען אַ הויכען עלעקטרישען לאַמטערן, וואָס האָט שוין ביים אויסלעשען געהאַלטען, און האָט גערעדט מיט אַ לייטישען בעיאָהרטען קריסט וועגען זיין לאַנג פֿערטראַכטער קאָפּיקע-בלעטיל:

— פּאָנימאַיעטע, אָבער דער ערשטער נומער מוז דאָך ערשיינען נישט שפּעטער פֿונ'ם פֿופֿצעהנטען.

זי איז געווען צעטומעלט און האָט נישט געדענקט, ווען זי האָט גאָר גאָהענט נעבען זיך דערזעהן איהם, זיין לענגלעכען מאַט-טונקעלן און פֿרישען פּנים מיט די פֿריש-געגאָלטע באַקען און וואָנסעס, וואָס האָבען אויסגעזעהן שטאַרק שוואַרץ, ווי ביי אַ רומענער.

— סוף כּל סוף, האָט ער שטעהענדיג אַקעגען איהר אין אויפֿרעגונג געזאָגט — זיי האָבען זיך, סוף כּל סוף, נאָך אַמאָל בעגעגענט.

ביי איהר האָט די האַרץ געפּרובט טון עטליכע גיכע אָבגעריסענע קלעפּ. דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט, איז דוקא געווען נאַריש און האָט דערוועקט אין איהר אַ געדאַנק:

— ער איז נאָך אַליין נישט קליגער געוואָרען, נתן.

נאָר אַרום-און-אַרום איהם האָט שוין די לופט געשמעקט מיט די פאַרצוויי-יאָהריגע פריהלינגס-אָבענדען, וואָס ביי איהר אין שטעדטיל, מיט'ן פייכטען גראָז פונ'ם גרינעם בערגיל, וואָס אויף איהם זענען זיי אַרום די גוי'אישע הייזער ביז שפּעט אין דער נאַכט געזעסען.

ביינאַכט האָט זיך איהר גע'חלומ'ט, אַז זי איז יונגער מיט צוויי יאָהר און אַז זי האָט איהם ליעב, נתנ'ען. און נאָכדעם האָט זי שוין אַלע גאַנץ פריה געצויגען צום רוישיגען שטאָדט-צענטער און ווייטער, צו יענער שטילער, פערוואַקסענער גאַס, וואו נתן האָט אויף איהר אין אָנהויב אָבענד בעדאַרפט וואַרטען.

בייטאָג האָט זי שוין געדענקט, אַז ס'איז נאַריש אָט דאָס, וואָס זי ציהט צו איהם. זי איז געזעסען אויף די טרעפּלעך פון גאַניק, געקוקט אויפ'ן פוסטען עק-פאָרשטאָדט און געטראַכט, אַז זי אַליין איז שוין אַ מאָל העכער פון אָט דעם געפיהל געשטאַנען און האָט אַליין אָט דעם נתנ'ען פון זיך משלח געווען; דענסטמאָל האָט זי עפּיס געוואָלט, און איצט איז דאָס לעבען איהרס פוסט, און שמואליק'ען האָט זי זיך שוין אָבגעגעבען, און אויף אייביג האָט זי זיך שוין אָבגעריסען פון ר' גדליה'ן מיט גיטעלען.

און פאַרנאַכט איז אויפ'ן האַרצען נאָך אומעטיגער געוואָרען. און דער מח מיט די געפיהלען זענען שוין געווען ווי פערנעפּילט פונ'ם איבערגעלעבטען טאָג, און געדענקט האָט זיך, אַז מענשען זענען ערגיץ גליקליך. לינקס, אין עק אַייזערנעם פּאַרקען, וואָס רינגעלט אַרום דעם שוועהרס שטוב, האָט דענסטמאָל כמעט שטענדיג אין איין צייט אַ קלאַפּ געטאָן די אַוטאָמאַטישע טירעל, און אַרויסגעגאַנגען איז פון דאָרט פערפוצטערהייד שמואליק'ס קלענערע שוועסטער ריקעל — אַ וואוקסיגע 19-יאָהריגע מיידעל, וואָס האָט אָקאָרשט פאַריגען זומער די גימנאַזיע געענדיגט, זעהט אויס עלטער, ווי אויפ'ן אמת, פערשפּרייט אַרום זיך אַ געפיהל צי פון מיעדקייט, צי פון גלייכגילטיגקייט, און איז אינגאַנצען מיט'ן

גרויסען הוט און מיט'ן פערקעס, וואָס זענען ביידע אַ ביסעל אָנגערוקט אויף אַ זייט, ווי געמאַכט געוואָרען נאָכ'ן גרויס־שטאָדטישען פאַסאָן. נעבען מירלען שטעלט זי זיך אָב שווער, ווי אַנ׳ענג אײַנגעשפּאַנטע אין איהר לאַנגען גאָרסעט מיט'ן נייעם גרויס־שטאָדטישען אָנצוג, און דערצעהלט, אַז זי געהט איצט פאָהרען מיט'ן טראַמוויי אין שטאָדט:

— מירעל בעדאַרף דאָרט גאָרנישט האָבען?

מירעל האָט געקוקט אויף איהר פון אונטען אַרויף און האָט זי בעטראַכט:

אַ וואוקסיגע, אַ שלאַנקע, האָט אַ מאַט־טונקעלען פנים מיט אויך אַזעלכע מאַט־טונקעלע אויגען, שווייגט ס'רוב און וויל נישט הערען וועגען די שידוכים, וואָס מ'רעדט איהר. ס'דוכט זיך, אַז זי רעדט קיינמאָל ניט קיין קלוגע זאַכען נאָר דערפאַר, וואָס זי איז צופיעל מיעד. נאָר אין אמת'ען איז גאָר ביי איהר דער קאָפּ, ווי ביי איהר מוטער, צופיעל טעמפּ, און ס'ווערען אין איהם זעלטען ווען מחשבות געבוירען. און אַ חשד איז דאָך פאַרהאַן, אַז אָט די מיידעל איז אין שטאָדט עפּיס געוואָהר געוואָרען וועגען איהר, מירלען, און וועגען העלער'ן און וועט עם היינט, מאָרגען ביי דער שוויגער אין שטוב דערצעהלען.

איבער אָט דעם לעצטען געדאַנק טוט ביי מירלען אַ קלאַפּ די האַרץ און ווערט באַלד ווי פערשטאָרבען. צום אָנהויב קוקט זי, ווי ריקעל דערווייטערט זיך און ווערט פערשוואונדען, און נאָכדעם געהט זי אַריין אין שטוב און טוט זיך לאַנג אָן ביי זיך אין שלאָף־צימער. זי געהט אַוועק צו יענעם זייט פאָרשטאָדט, וואו ס'קלינגט אַלע מאָל אַ נייַ אָנגעקומענער טראַמווייוואַגאָן, זעצט זיך אין איהם אַריין, בשעת ער איז שוין בעלויכטען, און טראָגט זיך אין איהם איבער דער לאַנגער אַייזערנער בריק, וואָס פיהרט אין שטאָדט אַריין.

ס'איז אַ שטילער פינסטערער און שטאַרק אויסגעשטערנטער אלול־אָבענד, און די לבנה איז אויפ'ן הימעל נישטאָ. פון אונטען, איבער'ן ברייטען אויבערפלאַך פונ'ם מעכטיג פליסענדיגען טייך, גליטשען זיך דאָ און דאָרט אויסגערודערטע, שוואַך בעלויכטענע שיפען. זיי שטעלען זיך אָב, גיבען אַ פייף, רוקען זיך צוריק

און גיבען אָב אַ שטומען גערוס פון די מענשען, וואָס זענען אין זיי נאָך בייטאָג אַהער אין גובערניע־שטאָדט אָנגעקומען:

— עט, עט, עט!... זיי האָבען זיך שוין אויסגעשלאָפען, אָט די מענשען, און מוזען שוין איצט אודאי זיין אין טעאַטער, אין קלוב, צי אין די שטאָדט־סעדער.

און אַקעגען פינקעלט דער שטאַרק בעלויכטענער בערגיגער כרך, מיגעט מיט זיינע מיליאָנען געדיכטע און שיטערע פייערן און וואַרפט אָב אַהער דעם גערויש פון זיין תחילת־נאַכטיגען טו־מעל. ער הערט זיך אַהער יעדעס מאָל, וואָס דער וואַגאָן שטעלט זיך אָב, אָט דער טומעל — ער איז עהנליך צום קוואָקען פון צעהן־טויזענדער טייך־זשאַבעס און דערמאָנט אָן דער וויטער און שטילער גאַס, וואו ס'וואַרט שוין ערגיץ ער, נתן העלער.

———

דער פריה־בעלויכטענער טראַמווי־וואַגאָן איז שוין שטענדיג געווען פול געפאַקט מיט מענשען, וואָס זיצען לייטיש אויף זייערע ערטער און שווייגען. יעדערער פון זיי האָט מיט זיין שווייגען געוואָלט מרמז זיין, אַז ער בעמערקט נישט דעם צווייטען, און יעדער פון זיי איז דאָך אויסגעקומען קאָמיש און האָט נישט מעהר ווי געמאַכט אַנ'איינדרוק פון אַ קאַפריזער בריה, וואָס איז נאָר־וואָס אויף דער לינקער זייט פון שלאָף אויפגעשטאַנען.

ז', מירעל, האָט בעצם אָט די אַלע בּרואים בעדאַרפט אויף כפּרות, נאָר ערגיץ־וואו, הינטער איהרע פלייצעס האָבען זיך שוין שטענדיג געפונען אַ פּאָר אָנגעזעהענע פאָרשטאָדט־בעלי־בתּים, וואָס האָבען זיך איינער צום צווייטען אַ בויג געטאָן און זיך וועגען איהר, מירלען, דורכגעשעפטשעט:

— יעקב־יוסעל זיידענאָווסקי'ס שנור?

זיי האָבען געהערט ביי זיך אין דער היים, אַז זיידע־נאָווסקי'ס שנור איז עפּיס אַזעלכע, וואָס צו איהר גלוסטען שטאַרק יונגע לייט. האָבען זיי זי איצט געוואָלט זעהן מיט די אייגענע אויגען און האָבען דערביי געהאַט אַ געוויסען טעם:

— עפּיס אַ וועלט זאָגט; ס'איז כּדאי צו וויסען דעם גע־שמאַק פון אַ וועלט.

האָט זיך אויך איינמאָל געמאַכט, אַז אַן אָפּיצער, וואָס איז אַקעגען מיט זיין פֿרוי געזעסען, האָט זיך אויף איהר גאַנץ לאַנג פערקוקט, זיך, אַפּנים, דערמאָנט אָן זיין ערשטער ליעבע און שוין צו גלויבען אָנגעהויבען, אַז ער האָט בטעות מיט דיין ווייב חתונה געהאַט. מירעל האָט אינסטינקטיוו דערפֿיהלט זיין בליק און געעפֿענט אויף איהם די היבשע אומעטיגע אויגען — טיעפֿע און און בלאָהע אויגען, וואָס קוקען פֿון אונטער די שוואַרצע וויעס פֿון זייער שטענדיגען טרויער אַרויס און דערצעהלען, ווי אַזוי דאָס אייגענע לעבען האָט זיך נישט איינגעגעבען. ביידע, דער אָפּיצער און מירעל, זענען רויט געוואָרען, און זי האָט נאָך דערצו דערפֿיהלט דעם האַרטען גאָרסעט, וואָס ליגט שטייף אַרום איהרע זייטען, זיך פֿון אָרט אויפֿגעהויבען און גענאַנגען זיך אַוועקשטעלען אויפֿ'ן קליינעם גאַניק פֿון וואַגאָן.

ווען זי איז סוף כל סוף אַראָבגעגאַנגען אויפֿ'ן אָנהויב פֿון דער ברייטער און שטאַרק רוישיגער צענטראַל-גאַס, האָבען דאָרט די עלעקטרישע לאַמטערנעס שוין אומעטום געפֿינקעלט מיט זייערע היבשע בלאַנק-ווייסע פֿייערן, זיך צונויפֿגעגאָסען מיט דער שיין פֿון די בלאַסע בין-השמשות און געלויכטען צוזאַמען, ווי אום יום-טוב. ווייט, ווייט אין דער טיעפֿעניש פֿון דער שנור-גלייכער גאַס איז אָט דער יום-טוב פֿאָרגעקומען. ער האָט אויסגעזעהן פֿון דאָרט, ווי אַ חופּה מיט ליכט, וואָס רוקט זיך אַהער און קומט אָן פֿון ערגיץ אַ פֿער'כּשופֿ'טער רוישיגער מלוכה, און געדוכט האָט זיך, אַז מ'קלאַפּט דאָרט שטאַרק אין פֿיעל גרויסע אומגעלומפּערט ברומענדיגע פּויקען.

אַקעגען, אויפֿ'ן רעכטען ברייטען טראָטואַר האָבען זיך בעגעגענט פֿערפּוצטע בחורים, וואָס קוקען פֿרויען אין די פּנים'ער אַריין, רייך געקליידטע ווייבלעך, וואָס גאַרען צו פֿעלשען אָן זייערע מאַגען און ווייסען נישט, ווי אַזוי, און גאַנצע מחנות פֿון פֿריה-צייטיגע סטודענטען מיט קורסיסטקעס, וואָס זעהען תמיד אויס צעטראָגען און, געפֿינענדיג זיך אויף איין גאַס, מיינען זיי, אַז זיי פֿערשפּעטיגען עפּיס אויף דער צווייטער.

אָט האַקט זיך דער טראָטואַר איבער מיט דער שטילער

גאַס, וואָס מ'מ'ן לאַנגען בולוואַר אין דער מיט. דאָרט וואוינט איהר

געשוועסטערקינד אידאַ שפּאָליאַנסקי. נאָר זי גערט גלייך ווייטער. אַקעגן געהען נאָך אַלץ פיל מענשען, יום־טובֿדיגע, שוואַרץ־געקליידטע — אַלע זענען זיי איר פרעמד. נאָר אָט הייבט זיך שוין אָן די גאַס איינצושטילן, מענשן בעגעגענען זיך שוין ווינציק, און זי גייט שוין לינקס אויף דער צווייטער שטילער, פערוואַקסענער גאַס. די דריטע גאַס איז שוין אַ שטילערע, אַ מער פערוואַקסענע, און אויף דער פערטער — ברענען שוין נאָר פּשוטע האַלב־טונקעלע לאַמטערנעס, און נעבן איינער פון זיי וואַרט שוין אויף איר פון לאַנג נתן העלער און לאָזט זיך אין אונגעדולד איר אַקעגן.

ער האָט געמיינט, אַז זי וועט שוין נישט קומען, און איז דאָ שיער פון זינען נישט אַראָפּ. איצט האָט ער מורא, אַז ס'איז איר קיהל, און איז צופרידען, וואָס זי לאָזט, ער זאָל זיין ברייטען האַרבסט־מאַנטעל אויף זייערע ביידענס פּלייצעס אַרויפוואַרפען. ס'ציטערט שוין ביי איהם אפילו די רעכטע האַנד, וואָס מיט איהר נעהמט ער אַרום אונטער אָט דעם האַרבסט־מאַנטעל די טאַליע פון איהר, שמואליק זיידענאָוסקי'ס יונגער ווייבעל. די האָר איהרע, זאָגט ער, שמעקען נישט מיט פערפומען — נאָר מיט זייער אייגענעם ריח. און זי איז אינגאַנצען — די בת־יחידה און מפונקת —

— ער געדענקט זי דאָך נאָך פון איהר קליינעם שטעדטיל.

און זי שווייגט און געדענקט, אַז ס'איז שוין נישט אויף לאַנג, אָט דאָס, וואָס ס'ציהט זי צו איהם, און זי דרעהט זיך מיט איהם אַרום.

זי קוקט אויף די צוויי פערמעגליכע מיידלעך, וואָס קומען אָן אַקעגן. ביידע זענען זיי, אפנים, גרויסשטעדטיש־געבוירענע און ווייסען, וואָס אַ שענער בחור בעדייט; די מיידלעך קוקען אויף העלער'ן און שמייכלען, געהען אָב עטליכע שפּאַן, דרעהען די קעפּ אַהינטער, און שמייכלען ווידער. און זי הערט שוין נישט, וואָס העלער פּלאַפּעלט וועגן זיך און וועגן זיין קאָפּיקע־צייטונג, און טראַכט, אַז ס'איז נישט פאַר איהר אָט דער אַרומדרעהען זיך מיט העלער'ן:

— פֿאַר זיי, פֿאַר אַט די צווײ גרױסשטעדטיג־געבוירענע מייד־לעך, איז דאָס אפשר אַזאַך, נאָר פֿאַר איהר, מירעל הורוויץ...
זי האָט שוין אַליין אַמאָל אָט דעם נתנ׳ען פֿון זיך משלח געווען.
און עפּיס אַנדערש פֿעהלט איהר; מיידעלוויז האָט זי שוין אפילו אָנגעהויבען צו פֿערשטעהן, וואָס איהר פֿעהלט, נאָר איצט איז זי פֿערטומעלט געוואָרען אין אָט דער טומעלדיגער גובערניע־שטאָדט, וואו זי האָט זיך נישט לאַנג בעזעצט, און ער וועט זיך שוין באַלד פֿעהלען, אָט דער טומעל...
— געוויס וועט ער זיך שוין אין גיכען פֿעהלען.

II.

פֿון טאָג צו טאָג האָט ער זיך מעהר געלאָזט דערקענען.
ער, דער פֿאַר־צוויי־יאָהריגער נתן העלער, איז נאָך אַלץ געווען גרינג אויף דער דעה און האָט מיט זיין פּוסטקייט, ווי אַלע מאָל, דערמאָנט אָן אַנ׳אַרויסגעטריבענעם, גרויסשטעדטיגען גימנאַזיסט.
מירלען איז אַזוי ווינציג אָנגענאַנגען זיין פּלאַפּלעריי מיט דעם, וואָס ער איז צוריק מיט פֿיער חדשים אַ חתן געוואָרען דאָ אין שטאָדט פֿאַר אַ רייכער און קראַנקער מיידעל — אַ יתומה, און וויל איצט דעם שידוך אָבלאָזען.
נאָר איינמאָל אין אָבענד האָט ער גלייך אָנגעהויבען פֿאָדערן, זי זאָל זיך גט׳ען מיט שמואליק׳ען און זאָל חתונה האָבען מיט איהם, נתן העלער, וואָס וועט מאַכען גליקליכע געשעפֿטען אין זיין קאָפּיקע ציימונג, און וואָס פֿאַר איהם האָט מען דאָ אין גובערניע־שטאָדט דרך־ארץ.
איהר איז דאָס געווען מיאוס. און ער האָט געהאַט צו איהר טענות, פֿאַרוואָס זי הערט נישט, וואָס ער רעדט, און טראַכט וועגען עפּיס אַנדערש:
— ביי קיינעם אין די אויגען זעהט ער דאָך נישט אויס אַזוי קליין און נאַריש, ווי ביי איהר, מירלען.
זי האָט איהם דערויף גאָרנישט ניט געענטפֿערט; זי האָט נאָר אויף איהם אַ מאָדנעם קוק געטאָן און האָט אויפֿגעהערט צו קומען צו איהם פֿאַרנאַכט אויף דער שטילער פֿערוואַקסענער גאַס.

———

פֿון דענסטמאָל אָן האָט זי זיך שוין ווידער גאַנצע טעג גענודעט אויף די טרעפּלעך פֿון איהר געמויערטען גאַניק און גערענקט, אַז זי האָט זיך די לעצטע צייט אָראָבגעלאָזען און טאָר עס מעהר אויף ווייטער נישט דערלאָזען:

— מיידעלוויז איז זי דאָך שוין געווען געשטאַנען אויף אַ דרך און האָט מיט שמואליק׳ען חתונה געהאַט נאָר אויף דערוויל, ביז אַ צייט.

זי האָט בעדאַרפֿט עפּיס טון, כדי צו בעפֿרייען זיך פֿון איהר איצטיגער לאַגע, און האָט נישט געוואוסט וואָס.

ס׳איז געווען קלאָגעדיג אויפֿ׳ן האַרצען.

טעג האָבען זיך נאָך דערצו אויך געצויגען אַזעלכע פֿערי־חושכ׳טע, אלול׳דיגע, אומעטיגע; פֿערוואָלקענטע הימלען האָבען פֿון נאָך מיטאָג אָן שטום אַראָבגעקוקט צום פּוסטען און זאַמדיגען עקפֿאַרשטאָדט, און געוועקט האָבען צו עפּיס די פֿאַרבייגעהענדיגע מענשען מיט די רעגעלמעסיגע פֿאַרנאַכטיגע קלעפּ פֿון דער שווייגערס אייזערנעם פּאַרקען־טירעל:

— וואַרט... מען מוז זיך פּאַמעליך פֿונאַנדערקלייבען און בעטראַכטען: וואָס דאַרף טון ווייטער אַ מיידעל, וואָס איז געוואַקסען אַ בת־יחידה ביי ר׳ גדליה הורוויץ, און האָט שוין עפּיס געהאַט אָנגעהויבען צו פֿערשטעהן, און האָט שוין חתונה געהאַט נאָר אויף קאַטאָוועס, אויף דערוויל.

פֿון העלער׳ן איז איהר איינמאָל אום שבת אָנגעקומען אַ בריעף, אַז ער האָט זי ליעב, און זיין לעבען איז איהם אָהן איהר פּוסט; אַז זיין כלה, וואָס איז שוין וועגען דעם געוואָהר געוואָרען, איז נאָך דינסטאָג אָהן זיין וויסען אַוועקגעפֿאָהרען צו איהר ברודער קיין לאָדז און זיך געהייסען רעדען שדוכים; אַז היינט איז שבת, און אין דער צייט, וואָס ביי איהר, מירלען, אין דערהיים וועט זיין דער מאַן, און געסט וועלען זיצען ביי זיי און פֿערברענגען, וועט ער זיך, ווי אַלע פֿאַרנאַכט, איינער אַליין אַרומדרעהען אויף דער שטילער גאַס, און די היים זיינע וועט איהם זיין נמאס, און ער וועט זיך עקען פֿון גרוים מאַטערניש און וועט טראַכטען:

— אפשר... אפשר וועט זי פֿאָרט צו איהם אַ ציה טון, און זי וועט קומען?

דער בריעף האָט זיך געוואַלגערט נעבען איהר אַ ניט־דער־ל'יענטער, און אַליין איז זי געלעגען אויף דער קאַנאַפּע מיט'ן פּנים אַרויף און געהאַלטען די הענד אונטער'ן קאָפּ.

די גאַנצע בעגעגעניש, מיט העלער'ן — אַ בחור, וואָס האָט נישט קיין עלטערן און קיין שוועסטער־און־ברידער און וואַלגערט זיך שוין דעם צווייטען יאָהר ערגיץ אין אַ געדונגענעם צימער, וואָס אין שטאָדט־צענטער — האָט זיך איהר איצט שוין געדוכט אַזוי אי־בעריג נודנע און נאַריש. ס'האָט זיך געמאָלט, ווי ער לאַנגווייליגט זיך איצט דאָרט אויף דער ווייטער און שטילער גאַס, נעבען דעם איינציגען שבת'דיג־געשלאָסענעם יודישען קלייטעל; ווי ס'איז איהם דאָרט פּוסט אויף דער נשמה, און ס'איז איהם נמאס זיין געדונגענער חדר, וואו ער קען שוין לאַנג נישט איינזיצען. און ס'איז שוין געווען אַזאַ חידוש אויף זיך אַליין:

— זי, מירעל הורוויץ... נאָך וואָס האָט זי זיי בעדאַרפט, אָט די געגנג, וואָס זי איז צו איהם טאָג ביי טאָג אין שטאָדט אַריין געגאַנגען?

און יענעם שבת איז שמואליק ווידער אָבגעשלאָפען דעם גאַנצען בייטאָג מיט די וויסע אַרבעל אין זיין קליינעם קאַבינעט, און ווידער האָט איהם דאָרט פאַר זון־זעצען געוועקט און געקיצעלט איינער פון זיין מוטערס יונגע קרובים.

— שמואליק!.. עפען די אויגען... ס'ברענט די גוראַלניע, שמואליק!

מירעל האָט זיי נישט געקענט פערליידען, אָט די יונגע שמיי־כעלדיגע קרובים, און האָט צו זיי קיינמאָל קיין וואָרט נישט אויס־גערעדט. דורכגעהענדיג פאַרביי דער אָפענער קאַבינעט־טיר, האָט זי אַהין אַפּילו קיין קוק נישט געטאָן. נאָר שמואליק איז שוין דאָרט געלעגען אויף דער קאַנאַפּע מיט אָפענע אויגען. ער האָט זיך געצויגען מיט זיין גאַנצען פערשלאָפענעם גוף און צו איהר ווייך און גוט־הארציג געשמייכעלט:

— מירעלע, וועסט געהן צום טאַטען, מירעלע?

זי האָט גלייך אַריבערגעשפּאַנט אין עס־צימער אַריין און זיך צו איהם נישט אומגעקוקט. מיט אַ פּאָר שבתים צוריק האָט זי

איהם אויף אָט דער פראַגע געענטפערט: „ער וועט טרעפען אַהין אָהין אידר”. ער איז נישט קליין געווען אָט דעם ענטפער צו געדענקען און איהר מעהר דעם קאָפּ נישט דולען.

שפּעטער, ווען שמואליק האָט שוין מיט׳ן פאָטער צו דער שבת׳דיגער מנחה געהאַט אַוועקגעשפּאַנט, האָט זיך פּלוצים צו איהר אין עס־צימער דערהערט אַ שאַרפער קלונג פון׳ם נייעם פּאַראַדגלעקיל, עמיצענס אַ געשווינדער שפּרונג־אַריין מיט אויך אַזעלכע געשווינדע אָנפראַגען וועגען שמואליק׳ען:

— נישטאָ? ווען קומט ער? אַוועקגעגאַנגען אויף שלש־סעודות צום פאָטער?

געווען איז דאָס שמואליקס שוועסטער־קינד מאָנטשיק דער גרויסער. ער איז לכבוד שבת געווען אָנגעטאָן אין אַ שפּאָגעל־נייעם גראָהען אָנצוג מיט אויך אַזעלכע שפּאָגעל־נייע געלאַקירטע שיך. און איינגעפּאַנצען מיט זיין סוחריש־צעטראָגענעם פּנים און גרויסשטעדטיג־ריהרעווידיגען גוף, האָט ער זיך געריסען צוריק אין טומעלדיגען כרך־צענטער אַריין, פון וואַנען ער איז נאָר וואָס אַראָבגעקומען, גלייך ס׳וואָלטען איהם דאָרט פאַרגעשטאַנען נישט קיין שווינדלערישע פערדיענסטען, נאָר גאָר עפּיס אַ נייע און וויכטיגע נאַכט־עבֿרה. ס׳האָבען שוין אַפילו ביי איהם מעהר ווי תמיד געגלאַנצט די צעטראָגען־גרויסע, שוואַרצע אויגען. און דאָך איז ער דאָ אַ היבשע ווילע אָהן אַ היטעל געבען מירלען געזעסען, זיך בעצויגען צו איהר, ווי צו אַ ניי צוגעקומענער קרובֿה, מיט וועמען ער וויל היימיש ווערען, און האָט לאַנג דערצעהלט וועגען זיך מיט שמואליק׳ן, וועגען דעם ליטווישען מלמד, ביי וועמען זיי האָבען קינדווייז ביים פעטער יוסלען אין שטוב געלערנט, און וועגען די טייבעלעך, וואָס זיי פלעגען דענסטמאָל האָדעווען אין אָט דעם פליגעל, וואו ס׳וואוינען איצט מירעל מיט שמואליק׳ן.

— און איינמאָל האָבען זיי דאָ שוין צעהן פּאָר טייבעלעך מיט אַמאָל געהאַט. האָבען זיי גענומען פון איין פּאָר אַנ„ער” און פון דער צווייטער פּאָר אַ „זי”, זיי פערשלאָסען אין אָט דעם קליינעם חדר, וואָס איז איצט שמואליקס קאַבינעט, און האָבען געוואָלט זעהן, וואָס דערפון וועט אַרויס. מירעל קען דאָס גלויבען!? אַזעלכע שנעקען!?

ער, מאַנטשיק, איז נאָך דענסטמאָל קיין צעהן יאָהר ניט אַלט געווען.

ס'איז געווען צו דערקענען, אַז דער איינפאַל, פערשפאַרען אין איין חדר אַ פרעמדען „ער" מיט אַ פרעמדער „זי", איז געווען זיינער, מאַנטשיק'ס — ער האָט פאַרגעגעבען, און שמואליק האָט אויסגעפיהרט. ס'האָט שוין טאַקע דערפאַר פון איהם געשמעקט מיט פיעל אָבגעטאָנע גרויס־שטעדטיגע עבירות. נאָר ס'האָט אויסגעזעהן, אַז פיעל עבירות שטעהען איהם נאָך פאָר, דעריבער איז ער נאָך אַזאַ קרעפטיגער, אַזאַ ריהרעוודיגער און אַזאַ צעטראָגענער.

מירעל האָט כמעט נישט געהערט, וואָס ער האָט דערצעהלט. ליגענדיג אויף דער קאַנאַפע, האָט זי געקוקט אויף איהם מיט גרויסע אויגען און האָט געדענקט, אַז זינט זי לעבט, האָט זי נאָך, דוכט זיך, עפּיס אַזאַ מין פאַרשויין נישט געזעהן. איינמאָל, אין די ערשטע טעג פון איהר אָנקומען, האָט ער זי, מירלען, אין שטאָדט אויף דער סאַמע רווישענדיגער גאַס בעגעגענט און זי דאָרט עטליכע קוואַרטאַלען בעגלייט. האָט זי געזעהן, אַז ער האָט פיעל, פיעל קריסטליכע און יודישע בעקאַנטע, אַז ער איז כמעט מיט זיי אַלעמען אויף „דו" און אַז צו איינינגע פון זיי שרייט ער אויפ'ן קול:

— קום אַריין צו מיר היינט אין אָבענד, איך בעדאַרף דיך האָבען.

— זיי עלף אַ זייגער אין דער היים, דו הערסט? פונקט עלף.

און ביי דער שוויגער אין שטוב האָט מען פון אָט דעם צעטראָגענעם בחור געהאַלטען אַנ'עולם ומלואה. יעדעס מאָל, וואָס ער האָט זיך צו זיי פון שטאָדט אַראָבגעכאַפּט, האָט מען איהם אַרומגעשטעלט און בעשאָטען מיט שאלות:

— מאַנטשיק, פאַרוואָס ביזטו ניט געקומען שבת?

—מאַנטשיק, די מומע פעריל האָט דיר צוגעשיקט פון װאַרשא אַ מתנה, האָסט געזעהן?

— מאַנטשיק, דו וועסט פאָהרען מיט אונז זונטאָג אין גוראַלניע?

אַלע זיידענאָוסקעס האָבען איהם מחמת עפּיס איבעריג ליעב געהאַט און אַלע האָבען זיי נישט געדענקט, אַז זיי האָבען שוין פיעל מאָל דערצעהלט וועגען איהם יעדען ניי־צוגעקומענעם משפּחה־

מענשען, און האָבען פון ס'ניי אַלע מיט אַמאָל דערצעהלט, אַז ער איז אַ קלוגער, אַ דורכגעטריבענער; אַז אַ קאָפּ האָט ער פון קינדוויז־אָן אַ זעלטענעם, און אַז קענען קען ער אַ סך, אַ סך, כאָטש ער האָט נאָך ביי אַלטצעהן יאָהר די ניט דערענדיגטע קאָמערץ־שול אוועקגעוואָרפען און האָט מיט זיין קלוגען קעפּיל פערדרעהט עפּיס אַ מאָדנע גליקליכע סוחר'ישע אַרטעל, וואו ער איז נאָך עד היום בעל־הבית. איצט האָט ער שוין אין כרך אַ נאָמען, אַ קרעדיט מיט אַ גרויס בעקאַנטשאַפט, און מענשען קומען צו איהם אָפּט פרעגען סוחר'ישע עצות. ווען ס'לאָזען זיך איהם דאָ אויס דבורים, און אַוועקצוגעהן איז ער שוין גרייט און די היטעל האַלט ער שוין אין האַנד, דערמאָנט ער זיך פּלוצים אָן איינעם פון אָט די עצה־פרעגערס און פערהאַלט זיך נאָך אַ ווייל:

— איז צו איהם אָט דאָ, איצטיגע וואָך געקומען פרעגען אַן עצה איינער אַ יונגער מאַן און האָט געזאָגט, אַז ער איז מירעל'ס אַ בעקאַנטער, אַ שעֶנער איז ער, אָט דער יונגער מאַן, גאָר, גאָר אַ שעֶנער; אַפּיסעל עהנליך אויף אַ רומענער. וואַרט, ווי איז די פאַמיליע זיינע?... העל... העל... העלער, העלער. ער וויל דאָ אַרויסגעבען אַ רוסישע קאָפּיקע־בלעטיל און האָט דערויף סך הכל דריי טויזענד רובל. עט!... ס'וועט נישט געהן, ס'איז קיין געשעפט נישט.

ביי מירלען האָט נאָר צום אָנהויב אַ קלאַפּ געטאָן די האַרץ און איז באַלד געוואָרען, ווי פערשטאָרבען:

אָט דער מאָנטשיק האָט די לעצטע מעשה געקענט הערצעהלען גלאַט אַזוי, צופעליג. נאָר ס'האָט אויך געקענט זיין אין דעם עפּיס אַ מיין... פון הער שוויגער האָט מען איהם, למשל, געקענט אונטערשיקען.

אַ היבשע ווייל נאָך מאָנטשיק'ס אַוועקגעהן איז זי נאָך קאַלט און רוהיג אויף איהר אָרט געלעגען. ס'איז איהר שוין אַפילו געווען אַ חידוש אויף זיך אַליין. נאָר פּלוצים האָט זי אָנגעהויבען פערדריסען, וואָס ער, העלער, געהט אַרום צווישען איהר מאַנס קרובים און רעדט וועגען איהר, מירלען. זי האָט מעהר נישט געוואָלט וועגען איהם טראַכטען און זיך געשווינד ווי מיט כעס גענומען אָנטון, כדי צו געהן אויף יענער שטילער גאַס, וואו ער וואַרט אויף איהר:

— ניין... ס'מוז דאָך אַ מאָל נעהמען אַ נ'עק; איהר עקעלט שוין פון דער גאַנצער מעשה. זאָל ער אויפהערען אויף איהר, מירלען, האָפענונגען צו האָבען.

———

נתן העלער האָט, ווי תמיד, געוואַרט אויף איהר נעבען דער געשלאָסענער פאָסט-אָבטיילונג, וואָס אויף דער שטילער גאַס, געטראַכט, אַז זי וועט שוין נישט קומען, און זיך געעקט. אַלע ווײַלע האָט ער געקניטשט מיט די אויגען און זיך אײַנגעקוקט אין יענעם ווײַטען עק-גאַס, פון וואַנען די נידעריגע און ווײַטע זון האָט נאָך אַהער געבאַקט, געצונדען די פערגעלטע בלעטער, וואָס אויף די אַרומיגע בוימער מיט די דעכער פון די נאָהענטע הײַזער. צײַטענווײַז איז פון דאָרט געגאַנגען אַ מענש אַ בעלויכטענער מיט דער רויטליך-פערגעלטער זונען-שײַן, אַ גילדענער — נישט מירעל איז דאָס געווען. ווען ער האָט זי סוף-כל סוף פון דאָרט אָנקומען דערזעהן, האָט ער זי שוין גישט אינגאַנצען דערקענט און נישט געגלויבט, אַז דאָס איז זי. ער האָט געדענקט, אַז ער בעדאַרף איהר עפּיס דערצעהלען וועגען זיך, וועגען די טעג, וואָס ער האָט איבערגעלעבט, וועגען דעם, וואָס ווײַטער קען זיך מעהר מיט איהם אַזוי נישט ציהען. ס'האָט געצויגען צו איהר שלאַנקער פיגור און צו איהר פּנים; ס'האָט זיך געוואָלט וויינען.

נאָר צוקומענדיג צו איהר, האָט ער דערזעהן, אַז איהר פּנים איז אומעטיג שטרענג און פערפרעמדט, און האָט מיט אַמאָל פערגעסען, וואָס ער האָט איהר זאָגען געוואָלט. אַ ווײַלע זענען זיי אַזוי אָהן לשון איינער אַקעגען צווייטען געשטאַנען. מירעל האָט געקוקט אויף איהם, דענסטמאָל ווען זיין קאָפּ איז געווען אַראָבגעלאָזען. זי האָט גאָרנישט ניט געזאָגט. ער האָט געהערט: זי האָט אַ לאַנגען און שטילען אָטעם געטאָן און זיך פאַמעליך געלאָזט שפּאַנען. ער האָט אויך עפּיס ווי אַ זיפץ געטאָן און זיך פאַמעליך געלאָזט נאָך איהר. איצט איז שוין געווען קלאָר, אַז זי איז צו איהם געקומען דאָס לעצטע מאָל. ער האָט געציטערט מיט'ן גאַנצען גוף. ווען ער וואָלט געוואָלט אָנהויבען רעדען, וואָלטען אפשר בײַ איהם די צייהן געוואָלט געקלאַפּט. ער האָט געקוקט נישט צו איהר, נאָר אַקעגען, צו דער געשלאָסענער פּאָסט. דער דאַך איז אויף איהר

נאָך מיט דער לעצטער זונען־שיין בעלויכטען געווען; אין איינעם אַ פענסטער איז דאָרט אַ שויב געווען אויסגעזעצט; זי איז געווען פון אינעווייניג פערשטעלט מיט אַ בלאָהען פּאַפּיר. דאָ האָט ער אָקאָרשט נאָך אַמאָל אויף מירלען אַ קוק געטאָן און האָט בעמערקט, אַז זי איז פאַר די לעצטע טעג שטאַרק פון פּנים אַראָב, און אונטער די אויגען איז בּיי איהר שוואַרץ; אַז געווען איז זי געוויס די גאַנצע צייט פערשפּאַרט בּיי זיך אין שטוב און געליטען האָט זי דאָרט פון געדאַנקען, וואָס האָבען צו איהם, העלער׳ן, קיין שייכות נישט. כ׳האָט איהם פערדראָסען, האָט ער געזאָגט:

— וואָס־זשע דען? ער איז דאָך בּיי איהר גאָרנישט..

מירעל האָט נישט געענטפערט.

זיי האָבען פערקעהרעוועט לינקס און זענען געגאַנגען אַראָב באַרג מיט דער ברייטער און פערקרימטער גאַס, וואו די נעברו־קירטע שטיינער זענען געווען גרעסער, ווי אומעטום, איבער די וואַסערן, וואָס רינען איבער זיי אין די יעהרליכע רעגען־צייטען. און נאָכדעם האָבען זיי דערגרייכט דעם עק פון אָט דער פערקרימ־טער גאַס, וואָס איז אויך געווען דער עק פון שטאָדט; און נאָכ־דעם זענען זיי ביידע געזעסען דאָרט אין עק אויפ׳ן בענקעל, וואָס אַקעגען דער לאַנגער איינגאָרענדיגער און גרויס־פענסטערדיגער גיס־פאַבריק. די ווייטע מערב־זון האָט איהר רויטען אונטערגאַנגס־פייער אין די פענסטער פון אָט דער עלעקטריש־בעלויכטענער גיס־פאַבריק אָבגעשפּיגעלט, און רעכטס האָבען זיך שוין אין אָט דער רויטקייט געטוקט די הויכע, גרינע בערג מיט די לייהם־גריבער, וואָס לאָזען נישט, די שטאָדט זאָל זיך ווייטער בויען. אַ געפּענטעטער פערד האָט זיך דאָרט אויפ׳ן באַרג נעבען דער אַלט־פערלאָזטער ווינט־מיהל אויפ׳ן פערוויטעלטען גראָז געפּאַשעט, און אַ שייגעציל אין ווייסע לייווענטענע פלודערלעך איז דאָרט אין עק געשטאַנען און אויף דער שטאָדט אַראָבגעקוקט. פּלוצים האָט נתן דערפּיהלט, אַז ער ווערט אויפגערעגטער פון רגע צו רגע, און אַז ער הויבט אָן צו רעדען, נאָך איידער דער מח ווייסט, וואָס פאַר אַ ווערטער ס׳וועלען בּיי איהם פון מויל אַרויסגעהן:

— ער ווייס... איין זאַך ווייס ער. ער וויל, אייגענטליך, בּיי איהר פרעגען...

מירעל האָט איהם ערשטוינט אָנגעקוקט און נישט געוואוסט, וואָס ער וויל.

ער האָט נאָך אַלץ דעם פאָדים פון זיינע געדאַנקען אָנכאַפּען נישט געקענט. ס'האָט זיך איהם געדוכט, אַז מירעל קוקט אויף איהם, ווי אויף אַנ'אידיאָט, וואָס פּלאַפּעלט. איז ער נאָך מעהר אויפּגערעגט געוואָרען, און פערדראָסען האָט איהם אויף איהר אַזוי שטאַרק — דער פערדראָס האָט איהם געהאָלפען, ער זאָל מיט אַמאָל ביי זיך שטאַרק ווערען און זאָל מיט אַמאָל, אונגעריכט פאַר זיך אַליין, אַרויסזאָגען דאָס, וואָס ער וויל.

— אָט וואָס ער וויל וויסען: מירעל האָט איהם ליעב? זי קען דאָך דאָס נישט אָבלייקענען. פרעגט ער ביי איהר איין זאַך: פאַרוואָס וויל זי זיך נישט גט'ען מיט איהר מאַן און חתונה האָבען מיט איהם, העלער'ן?

מירעל האָט איהם אויסגעהערט, אַ קנייטש געטאָן מיט די אַקסלען און גענומען אַראָבקוקען צו די פּאַסקעלעך, וואָס זי האָט מיט'ן שירם־שפּיצעל אויף דער ערד אויסגעדרעהט:

— נו, און נאָכדעם, נאָך דער חתונה?..

— נאָכדעם?

נתן העלער האָט נישט פערשטאַנען, וואָס זי מיינט מיט דעם:

— נאָכדעם... נאָכדעם וועלען זיי אַוועקפאָהרען קיין אויסלאַנד... בכלל נאָכדעם...

מירעל האָט ווידער מיט די אַקסלען אַ קנייטש געטאָן און זיך פון בענקעל אויפגעהויבען.

העלער האָט עפּיס געוואָלט אויפווייזען; נאָר זי האָט עס געוואוסט אויף פריהער. ס'איז איהר געווען נמאס צו הערען, האָט זי איהם קאַלטבלוטיג אָבגעשטעלט:

— זי האָט פיינט אַ סך צו רעדען.

נאָר העלער איז שוין געווען אויסער זיך:

— נו, ווי־זשע לעבט זי, למשל, שוין פיער חדשים צייט מיט איהר נאַרישען מאַן? אין שטאָדט לאַכט מען פון איהם... איהם אין די אויגען לאַכט מען פון איהם...

ער איז אַנטשוויגען געוואָרען נאָר דערפאַר, וואָס מירעל האָט צו איהם איהר פּנים אויסגעדרעהט. ער האָט געזעהן: נאָך מעהר

פֿערפֿרעמדט, ווי פֿריהער, איז אָט דער פּנים געווען; ער האָט אויף איהם אומעטיג געקוקט, און ווי אַ ציטער איז, דאַכט זיך, איבער איהם דורכגעגאַנגען.

זי האָט געזאָגט:

— עטליכע מאָל האָט זי איהם געבעטען, ער זאָל נישט רעדען וועגען איהר מאַן און זאָל איהם צו רוה לאָזען... דער מאַן איהרער איז אַ גוטער... ער טוט, על כל פּנים, קיינעם קיין שלעכטס נישט.

ס'האָט זי פֿערדראָסען אויף זיך; ס'האָט זיך געדוכט, אַז פֿיעל, פֿיעל ווייבלעך, האָבען שוין די זעלבע ווערטער וועגען זייערע נאַרישע מאַנען געזאָגט צו יענע יונגע לייט, מיט וועמען זיי דרעהען זיך אַרום אויף די שטילע גאַסען.

— יעדענפֿאַלס איז ער, העלער, נישט ווערט, מ'זאָל איבער איהם די מיינונג וועגען איהר מאַן בייטען.

זי האָט נישט געוואָלט טראַכטען וועגען אָט די לעצטע ווערטער, וואָס זי האָט צו איהם מיט כעס פֿאַר'ן אַוועקגעהן געזאָגט. זי האָט זיך מעהר צו איהם נישט אומגעקוקט און זיך געפּלייסט אָן איהם פֿערגעסען. געהענדיג מיט רעגעלמעסיגע גיכע טריט, האָט זי געהאַט אַ געוועהנליך אומעטיגען פּנים, געוואָלט פֿערטרייבען פֿון זיך די אויפֿרעגונג און שטאַרקען אין זיך די געדאַנקען:

— האָט זי שוין, הייסט עס, מיט איהם, מיט העלער'ן, פֿערענדיגט. און איצט... וואַרט... עפּיס מיט נאָך עמיצען האָט זי, דוכט זיך, בעדאַרפֿט פֿערענדיגען... יאָ. מיט זיי, מיט די זיידענאָווסקי'ס, מוז זי שוין אין גיכען אַנ'עק מאַכען.

זי בעדאַרף איצט אַהיים קומען און זיך באַלד פֿאַר אָט דער אַרבייט נעהמען.

III.

ס'איז געווען שפּעט אין אָבענד, ווען זי האָט זיך נאָך עטליכע שעה אַרומדרעהען צוריק אַהיים אומגעקעהרט און איז אין עק-פֿאָרשטאָדט צו איהר שטיבעל צוגעקומען. פֿון די אויסגעלאָשענע פֿענסטער האָט אויף איהר מיט אַמאָל פּוסטקייט אַ בלאָז געטאָן, און קיין חשק איז שוין נישט געבליבען דער שלאָפֿענדיגער דיענסטמי-

דעל אנצוקלינגען און אין די פינסטערע חדרים אריינצוקומען. פון קעגנאיבער דעם פינסטערן סאד האבן ארויסגעקוקט די שבת=צונאכ=טיג=בעלויכטענע פענסטער פון שווערס גרויסער שטוב. מ'האט בע=דארפט אהין אריינגעהן; מ'האט דארט בעדארפט נאך אמאל עפיס זעהן, כדי צו איבערצייגען זיך נאך אמאל דערין, וואס זי טראכט:

— ס'איז פאר איהר קיין געשעפט נישט, אט דאס, וואס זי איז נאך ביז היינט נישט אוועק פון זיידענאווסקי'ס שטוב.

און זי איז אהין סוף=כל=סוף אריינגעגאנגען, געזעסען דארט לאנג אין עס=צימער און זיך געגודעט, ניט אויסטוענדיג פון זיך דעם גאס=קאפטעל און ניט=אויסרעדענדיג צו קיינעם א ווארט.

ווי אלע מאל, האבען זיך אהין אויף דעם שבת=צו=נאכטס כמעט די גאנצע משפחה קרובים צוזאמענגעקליבען. זיי זענען גע=זעסען אויף די אלטע און נייע בענקלעך, וואס ארום דעם לאנגען פערשפרייטען טיש און געבען גרויסען „בופעט"; געשטאנען בינט=לעכווייז נעבען גלעזערנעם הויך=אוועקגעשטעלטען ירושה=שאפ=קעלע, אדער זיך געוואלגערט אויף דער גרויסער אוןברייטער קאנאפע, וואס איבער איהר איז נידעריג געהאנגען דער איינציגער אויסגענייהטער בילד.

פון קליין ביז גרויס האבען אט די קרובים שמואליק'ען ליעב געהאט, איהם געהאלטען פאר אנ'אונגעוועהנטליך=גוטען און וייך=הארציגען, זיך געשפיעלט מיט איהם, ווי מיט א קליין געראטען קינד. אלע האבען זיי געוואוסט, אז מירעל איז א שענע, א פיינע, נאר אלע זענען זיי פון איהר נישט אינגאנצען צופרידען געווען, און זיך געהאלטען פון איהר עטוואס ווייט, תמיד גערעדט צווישען זיך, אז מירעל איז נישט די, וואס אויף איהר האבען זיי מיט שמואליק'ען די לעצטע עטליכע יאהר געווארט, און נישט געקאנט פערגעסען אן אנארטיגער שטארק רייכער מיידעל — איטע מוריינים, וואס פגר'ט נאך עד היום נאך שמואליק'ען אוועק.

— א משל, אז דער אלטער מוריינים אליין האט אקארשט אט דא אנומעלטען געזאגט: שמואליק'ען האט ער בדעה געהאט אויסצוצעהלען צוואנציג טויזענד רובעל.

געווען איז איצט אויך צווישען די קרובים די עטוואס=פער=פרעמדטע געוועזענע קורסיסטין, מרים — א וואוקסיגע, א שענע און

גרויסגופּיגע, מיט אַ נ'עבר פֿון אַ געזעצט־קלוגער רעוואָלוציאָנערין; אָקאָרשט צוריק מיט אָנדערהאַלבן יאָהר האָט זי חתונה געהאַט פֿאַר'ן פּאַרטיי־חבֿר, אינזשענער ליובאַשיץ, געהאַט מיט איהם אַ קינד, אָנגעהויבן באַלד נאָך דעם ערשטען קימפּעט פּעט וויערען, צופֿיעל שמייכלען און נאָכאַמאָל געהן צום פֿעטער יעקבֿ־יוסלען אין שטוב. זי האָט אויך, ווי אַלע קרובֿים, געזאָגט, אַז זי איז צו שמואליק'ען פֿון תּמיד אָן נישט גלייכגילטיג, צופֿיעל האַרציג צו איהם געשמייכעלט און געהאַלטען אין איין דערצעהלען וועגען איינעם פֿון זיינע גוט־האַרציגע קוריאָזען:

— טרעפֿט זי זיך מיט שמואליק'ען פֿאַר אַ וואָכען דריי אויפֿ'ן גרויסען וואָקזאַל און בעקאָנט איהם דאָרט מיט זייער קרובֿ נאַאום קליגער — נאַאום איז געפֿאָהרען פֿון כאַרקאָוו, וואו ער האָט אָקאָרשט היינטיגס יאָהר אויף דאָקטאָר געענדיגט...

דער קוריאָז איז בעשטאַנען דערין, וואָס שמואליק איז נאַאיוו, ווי אַ קינד, און האָט אַ גוט האַרץ. דאָס ערשטע מאָל האָט מען איהם בעקאָנט מיט אָט דעם יונגען דאָקטאָר דעם קרובֿ, וועמען ער האָט, זינט ער לעבט, אפֿילו איין מאָל ניט געזעהן, און ער איז מיט אַמאָל געוואָרען צו איהם היימיש און איז צו איהם נישט אויף קאַטאָוועס צוגעשטאַנען:

— נאַאום, קומט אַראָב צו מיר אויף שבת, נו, נאַאום! שטעמפּעלט אָב דעם בילעט, נאַאום.

פֿונ'ם בעל־הבית'ס קאַבינעט, מיט'ן בעל־הבית'ס אַ פּאַפּיראָס אין מויל, איז אַרויסגעגאַנגען אַ מיטעליאָהריגער יוד, אַ שרכן — אַ הויכער, אַ האַלב־פֿרומער, אין אַ צו ברייטען סורדעט, מיט אַ שמאָל לענגליכער בערדיל און שבת'דיג צופֿרידענעם פּנים, און מיט אַ טבֿע פֿאַרצושטעלען זיך מעהר אידיאָטיש, ווי ער איז אין אמת'ן. ער האָט ביים גרויסען טיש געכאַפּט אַ פּאָר ווערטער פֿונ'ם שמועס, וואָס מ'האָט דאָרט געפֿיהרט, און זיך באַלד גענומען שווערען אויפֿ'ן קול:

— וואָס? קורסיסטקעס? זאָל ער אַזוי אַ גוט יאָהר האָבען אויסגעבעטען, ווי זיי פּגר'ן שיער נישט כּלות צו ווערען. צום אָנהויב מאַכען זיי דערפֿון כּלומר'שט אַנ'אָנשטעל און מאַכען

חוזק, נאָר אַז זיי זעהען עפּיס אויף דער אמת, בעקומען זיי חשק און הערען אויף צו לאַכען... ווי ער איז אַ יוד.

אַקעגען שמואליק׳ס שוועסטער, ריקלען, זענען אָט די שמועסען געגאַנגען. דאָרט, אויבען־אָן ביים טיש איז די שוויגער מיט׳ן שאַל אויף די אַקסלען געזעסען און האָט נאַריש געפּינקעלט מיט די אויגען. פריהער אַ ביסעל, פאַר מירעל׳ס אָנקומען האָט זי זיך געקלאָגט פאַר דער געוועזענער קורסיסטין מרים׳ען אויפ׳ן אויער:

— אָבער די זאַך אַליין איז דאָך אַ חדוש... זי געהט אַלע טאָג אין שטאָדט אַריין, מירעל, פאַרוואָס זאָל זי אַ מאָל נישט רופען מיט זיך שמואליק׳ען?

איצט האָט זי שוין דערצעהלט אַ בעיאָהרטער יודינע וועגען די צוויי קורסיסטינס, וואָס האָבען זיך אין שטאָדט ביים פעטער עזריאל מאיר׳ס טאָכטער אַ חדר אָבגעדונגען:

— דערצעהלט זי, דעם פעטער עזריאל מאיר׳ס טאָכטער, אַז אָפּט קומט צו אָט די קורסיסטקעס שפּעט אין אָבענד אַ סטודענט און בלייבט ביי זיי נעכטיגען.

און אַ ביסעל ווייטער, אין דער מיט פון גרויסען חדר, איז געשטאַנען דעם בעל־הבית׳ס יונגסטער ברודער, שלום זיידענאָווסקי, אַ תמיד־אונצופרידענער, מאַט־טונקעלער יונגערמאַן, מיט אַן׳אויסזעהן פון אַ בעיאָהרטען ישיבה־בחור, וואָס האָט זיך נאָר וואָס די פאות מיט׳ן סודעט אונטערגעקירצט. ער איז דאָרט געשטאַנען איינער אַליין, געקוקט אויפ׳ן גאַנצען עולם פאָרזיכטיג און געדולדיג, ווי פון אַ זייט, און האָט דערביי גאוה׳דיג געשוויגען. אַליין איז ער נישט לאַנג, נאָכ׳ן טויט פון זיינע פאַנאַטישע עלטערן, געבליבען ניט מעהר, ווי אַ האַלב־אַפּיקורסישער פערגיפטיגטער משכיל, חתונה געהאַט צוליעב נדן מיט אַן׳איבערגעוואַקסענער דאַר׳גופ׳יגער מיידעל, וואָס ער האָט זי דריי יאָהר צייט נישט געוואָלט, זיך בעזעצט מיט איהר אינ׳ם נאָהענטען שטעדטיל, וואו ס׳וואוינט אַ גוטער־יוד, און האָט דאָרט געמוזט אַ סקלאַד פון ברעטער עפענען. פיהלט ער איצט צו געלד אַ טיעפע שנאה מיט אַ געירש׳עטער קרעמעריש־קרענקליכער ליעבע, גלויבט נישט, אַז עמיצער איז אין דעם פאַך בעסער פון איהם, און טראָגט דערפאַר אַרום אין זיך

אַנ'אויסגעוויינטלעך שלעכטע מיינונג וועגן דער גאַנצער יודישער יוגנד:

— אַז ביי אונז קאָנען ניט זיין קיין געזונטע טיפּען...

צו מירלען האָט ער זיך פון אָנהויב אָן בעצויגען שלעכט און פיינדליך, גלייך ער וואָלט איהר בשום אופן נישט קאָנען מוחל זיין, וואָס זי האָט חתונה געהאַט מיט זיין ברודערס נאַרישען שמואליק'ען. ער האָט דעם גאַנצען אָבענד צו איהר נישט געקוקט, געפיהלט, ווי ס'רענט איהם דאָך אויף איהר שענער און מעטיגער פנים מיט די פערזאָרגטע בלויע אויגען, צוגעגאַנגען צולעצט צום יונגען ליובאַשיץ דעם סטודענט, וואָס איז נישט ווייט פון מירלען געזעסען, און איהם דערצעהלט מיט אַזאַ טאָן, גלייך ס'וואָלט זיך האַנדלען וועגען אַ צופאַל, וועלכער איז נאָר וואָס פאַר זיינע אויגען אויף איינער פון די רוסישע שטאָדט-גאַסען געשעהן:

— יאָ... געהען זיי ביי אונז קליינערהייד אַרום, אָט די יונגע לייט, און טראַכטען: איך וועל זיין אַ בן-מלך... ס'וואַרט ערגיץ אויף מיר אַ בת-מלכה...

ס'איז אָנגעקומען פון שטאָדט מאָנטשיק. אָנגעקומען אַ פערשפעטיגטער, אַ צעטראָגענער מיט אַנ'אויסזעהן פון אַ מענשען, וואָס איז אַהער אַראָבגעפאַלען פון יענער וועלט. נאָר וואָס האָט זיך ביי איהם עפּיס גאָר אַ לוינענדיג געשעפטיל פון אונטער די הענד אַרויסגעגליטשט, איז ביי איהם דער קאָפּ נאָך אין שטאָדט געווען און האָט געזוכט עצות, ווי אַזוי אָט דעם געשעפטיל מציל צו זיין, און די אויגען האָבען אויסגעלאָשטערהייד אין לאָמפ אַריינגעקוקט. ער האָט טאַקע צום אָנהויב נישט בעמערקט, ווי הינטער זיינע פּלייצעס שטיקען זיך און שטופען זיך איינע צו דער צווייטער די יונגע קרובות, ווי ס'טוט איהם פון דאָרט אַלע מאָל אַנ'אַנדערע אַ שטילען שלעפּ פאַר'ן רעקיל, און ווי עמיצער רוקט איהם מאַראַנצען-שאָלעכץ הינטער'ן קאָלנער. ווען ער האָט זיך סוף-כל-סוף אומגעקוקט, האָבען זיי שוין אַלע אויפ'ן קול פון איהם געלאַכט, און נאָר די געוועזענע קורסיסטין מרים ליובאַשיץ האָט זיך געפלייסט האָבען אַנ'ערנסטען פנים און האָט געטריבען קאַטאָוועס:

— פע, מאַנטשיק!... שוין אפשר אַ האַלבע שעה, זינט איך פרעג ביי דיר עפּיס... וואָס הייסט, דו ענטפערסט נישט?

דענסטמאָל האָט זיך מאַנטשיק אָקאָרשט דערמאָנט, אַז ער איז הונגעריק, און זיך אָנגעהויבן וואונדערן:

— וואַרט, קיין טיי האָט ער פאַרנאַכט געוויס נישט געטרונקען, אָבער מיטאָג?... וואָס איז דאָס פאַר אַ מעשׂה? ער קאָן זיך בשום אופן נישט דערמאָנען, צי ער האָט היינט געגעסן מיטאָג, צי ניין.

מ'האָט פון איהם ווידער געלאַכט און איהם עסען געגע־בען. האָט ער געכאַפּט אַ פּאָר ביס שטעהענדיג, זיך ווידער אַמאָל פערטראַכט, גענומען פון שאָל אין דער האַנד די גלאָז טיי און איז מיט איהר אַוועק שפּאַצירען איבער'ן חדר.

אויבען־אָן ביים טיש האָט מען נאָך אַליץ גערעדט וועגען „קורסיסטקעס". עמיצער האָט אונטערגעהערט, ווי ציניש די צוויי קורסיסטינס, וואָס קוואַרטירען ביים פעטער עזריאל מאירים טאָכטער, האָבען צווישען זיך גערעדט, נאָכדעם ווי דער סטודענט, וואָס נעכ־טיגט ביי זיי, איז איינמאָל גאַנץ פריה פון זיי אַוועקגעגאַנגען. די שוויגער האָט זיך פערקרימט און הילכיג אויסגעשפּיגען, און ביי די מאַנסבילען האָבען זיך דערפון די תאוה'דיגע געפיה־לען צעפלאַקערט, און נישט קיין שענע מעשׂיות האָט מען איינער דעם צווייטען אָנגעהויבען דערצעהלען. עמיצער האָט אָב־גערופען שמואליקען אָן אַ זייט און זיך גענומען מיט איהם סוד'ען וועגען אַ קליינוואוקסיגער, שטאַרק־ליידענשאַפטליכער ווייבעלע, אַ קורסיסטין, וואָס האָט אין קורסק אַ מאַן אַ וואַיאַזשאָר געלאָזט און איז שוין דאָ אין שטאָדט פון עמיצען טראָגעדיג געוואָרען. ביי שמואליקען האָט זיך פון אָט דעם סוד דער פנים צעברענט, און פערגעסען האָט ער אָן די מענשען, וואָס פילען אָן דעם גרויסען עס־צימער; מ'האָט זיך געהערט, ווי ער פרעגט דאָרט אויפ'ן קול:

— טאַקע דאָ? אין שטאָדט?

נאָר אין פינסטערן קאָרידאָר, וואָס צווישען קאַבינעט און עס־צימער, האָט זיך שוין דערוויל געלאָזט הערען די קלינגענדיגע ברוסט־שטים פונ'ם מיטעל־יאָהריגען און קרעפטיגען בעל־הבית, דעם ברונעט:

— היים באַלד שפּאַנען די פֿוהר, ברוך; דו האָסט נאָך צום צוג אַ שעה מיט אַ פֿערטיל.

אין חדר איז מיט אַמאָל געוואָרען שטיל. ווען אויף דער שוועל האָט זיך בעוויזען זיין לעבעדיגע פֿיגור, האָבען שוין אַלע צו איהם מיט דרך ארץ געקוקט, געזעהן, ווי ער לעגט דאָרט מאַנטשיק׳ן זיין האַנד אויפ׳ן אַקסעל אַרויף און טוט צו איהם שמייכעלדיג אַ וואונק:

— טראַסקעסט, אַ?

קיינער האָט נישט געוואוסט, צי אָט דאָס וואָרט „טראַסקעסט" איז געזאָגט געוואָרען אויף דער אמת, צי אויף לצנות. די אויגען האָבען ביי איהם ווי שטענדיג געגלאַנצט, גלייך ער האָט זיי נאָר וואָס מיט לאַק אָבגעשמירט, און זיין גאַנצע פֿיגור האָט ווי איבערגע׳חזר׳ט אָהן לשון דאָס, וואָס אַלע האָבען שוין לאַנג וועגען איהם געוואוסט און וואָס ער אַליין האָט וועגען זיך קיינמאָל נישט געזאָגט:

— ביי אַ האַלבען מיליאָן געלד... אַ? אַ נאָמען אויף דער גאַנצער סביבה... און אַליין עפּיס אויך נישט אַבי ווער... עפּיס פֿון די ויידענאָווסקים!

מירעל האָט אויף איהם געקוקט פֿון קעגענאיבער דעם טיש, וואו זי איז נאָך אַלץ אָנגעטאָנערהייד געזעסען. אָט דער יוד, וואָס האָט זיך ווערטלען ליעב געהאַט, געפֿאָהרען עד היום אויף יום=כפור קיין סאַדיגערע און צו יעדען לאַנגען שלש-סעודות ניט אַנדערש, ווי אַ גאַנצען מנין בעדאַרפֿט, האָט אין איהרע אויגען צייטענווייז אויסגעזעהן ווי אַ פּשוט׳ער איבערגע-טאָגער זשוליק. ס׳איז רעכט געווען צו גלויבען, אַז, ניט קוקענדיג אויף זיין יודישער פֿיהרעכץ, בלייבט ער אָפֿט אונטער-וועגענס אונגעטריי זיין אייגענער ווייב און טוט אָב נאָר מיאוס׳ע מעשים; אַנדערש האָט מען ניט געקאָנט פֿערשטעהן, פֿאַרוואָס ער ברעכט צייטענווייז אַזוי פלוצים זיין שטאָלצע, עקשנות׳דיגע נאַטור און ווערט אָפֿט פּחדנות׳דיג=ווייך אַפילו צו זיינע אייגענע קליינע קינדער.

אָט האָט ער צולעצט זי, די ערשטע שנור זיינע, דערזעהן, צוגעגאַנגען מיט אַ שמייכעל און מיט העזות און זיך גענומען

װערטלען מיט אַזאַ טאָן, גלײַך נאָר ער אַלײן װײס בסודי־סודות, אַז זי איז פֿאַר זײַן זוהן לחלוטין קײן װײַב נישט:

— אַ... מירעלע... װי גײט עס עפּיס אין בעל־הבית׳ישקײט?

אַלע האָבן אַהער געקוקט, געשװיגן און געשמײכלט, און נאָר די געװעזענע קורסיסטין — מרים ליובאַשיץ, װאָס האָט זיך בכיון היגטער עמיצענס פּלײצעס בעהאַלטען, האָט פֿון דאָרט שטיל געענטפֿערט פֿאַר מירלען מיט אַ װערטיל, װאָס קײנער האָט נישט אײַנגעהערט, און האָט געװאָלט דערמיט דעם פֿעטער יעקבֿ־יוסעלס אויפֿמערקזאַמקײט צו זיך צוציהען.

מ׳האָט געלאַכט פֿונ׳ם שװעהרס לצנות׳דיג קלוגע אײַנפֿאַלען:

— זאָל זיך מירעל אויסמאָלען: די קעכין האָט זי פּלוצים אַװעקגעװאָרפֿען, און קײן אַנדערע קאָן זי נישט קריגען.

— ס׳קאָן דאָך אַמאָל געמאָלט זײַן אַ „זאַבאַסטאָװקע“ פֿון קעכינס, למשל.

ס׳האָט ניט געלאַכט נאָר דעם שװעהרס גאוה׳דיגער און שטאַרק־שלעכטער ברודער — שלום זײַדענאָװסקי. אַ שטרענג־אָנגעבלאָזענער, מיט אַ שלעכטער מײנונג בײַ זיך אין קאָפּ װעגען דעם, װאָס אַט דער גאַנצער עולם איז אײגענטליך ניט אין שטאַנד צו פֿערשטעהן ניט איהם, דעם בױערדיגען קאָפּ, ניט די סבה פֿון זײַן שנאה צו מענשען, איז ער בײַ דער זײַט אָבגעזונדערט פֿון אַלע געשטאַנען און האָט געשװיגען. דער קאָפּ איז בײַ איהם געשטאַנען אַ ביסעל אָן אַ זײַט, די רעכטע האַנד איז געװען פֿערוקט צװישען די קנעפּלעך פֿון זײַן פֿערשפּילעטען סורדעט, און די דורכדרינגענדיגע אויגען האָבען די גאַנצע צײַט געקוקט אויף מירלען שלעכט און װי פֿון אויבען אַראָב. צװישען דעם גאַנצען אַרומיגען עולם האָט דאָך נאָר ער אַלײן גערעכענט זײַן עלטערן ברודער פֿאַר אַ פּשוט׳ן האָנאָרניק און נאַרישען כבוד־זוכער. נאָר געװאוסט, אַז קײנער חוץ איהם װעט עס דאָ נישט פֿערשטעהן, און דערפֿאַר נישט געװאָלט װעגען דעם רעדען. ער האָט נאָך נידעריגער אַראָבגעלאָזען דעם קאָפּ, אונטערגעהויבען די ברײטע גלאַנצענדיגע געמבע, װאָס אויף איהר איז זעלטען־זעלטען אַ האָר געװאַקסען, זיך גאוה׳דיג געלאָזט שפּאַנען איבער׳ן חדר און שוין קײן װאָרט נישט געענטפֿערט אפֿילו דער געװעזענער קורסיסטין

מרימ'ן, וואָס האָט איהם געהאַלטען פאַר אַ קמצן און איז שוין צו איהם זינט עטליכע מינוט צייט מיט איהר נודנער שאלה צוגעשטאַנען:

— שלום, אויף ווען בעטסטו, זאָל מען פאָהרען צו דיר צו־גאַסט?

דער שוועהר איז שוין דאָ אין הדר נישט געווען. דער עולם האָט זיך שוין צוריק געפיהרט צופיעל פרעהליך און פריי, און מירעל איז נאָך אַלץ אָנגעטאָנערהייד ביים טיש געזעסען. פלוצים האָט זי אויך זיך ווידער אַמאָל בעמערקט שלום ויידע־נאָוסקים בליק און איז אונגעריכט פאַר זיך אַליין פון אָרט אויפ־געשפרונגען.

זי האָט זיך דאָ אין שטוב מיט קיינעם נישט געזעגענט, זיך איינע אַליין געלאָזט אַהיים געהן, און זיך נאָך אַלץ נישט געקאָנט בערוהיגען:

— ניין, אָט דעם ישיבה־בחור וועט זי סוף־כל־סוף אַמאָל מוזען זאָגען, אַז ער איז אַ גרויסער טפש, אָדער עפּיס אַנדערש אין דעמזועלבען זי.

און די האַרץ האָט גענאָגט די גאַנצע צייט, וואָס זי האָט זיך נאָכדעם ביי זיך אין צימער אויסגעטאָן און אין בעט זיך געלעגט:

— אָט רידהרען זי שוין אָן שלום ווידענאָוסקי'ס בליקען... און דער עיקר...

דער עיקר איז, וואָס זי אַליין פיהלט אַלע טאָג, אַז מען בעדאַרף עפּיס צו טון, און ווייס נישט, וואָס און ווי אַזוי צו טון. אַלע טאָג טראַכט זי, אַז זי וועט עס וויסען מאָרגען, נאָר מאָרגען פאַלט זי ווידער, דערפאַר וואָס זי געפינט זיך אונ־טער איין דאַך מיט שמואליק'ען און איז זיין ווייב. סוף־כל־סוף מוז זי דאָך פון אָט דעם גאַנצען לעבען עפּיס אַנ'אויסגאַנג גע־פינען.

ס'איז מעהר נישט —

— פאַרהאַן אַנדערע מענשען, וואָס זוכען אויך יאָהרען לאַנג אָט דעמזועלבען אויסגאַנג, און אַז זיי געפינען איהם נישט, נעהמען

זיי זיך סוף-כל-סוף דאָס לעבען און לאָזען איבער האַלב-נאַרישע, האַלב-קלוגע בריוולעך.

ס'איז שוין געווען שפּעט נאָך האַלבער נאַכט, ווען זי האָט שוואַך איינצושלאָפען אָנגעהויבען. אין שטוב איז געווען שטאַרק פינסטער און שטיל. ערגיץ אין קיך, וואָס איבער'ן קאָרידאָר, האָט פון געשמאַקען שלאָף הילכיג געשנאַרכט די ניט-אויסגעטאָנע דיענסט-מיידעל, און די קאַץ האָט דאָרט איבער דער פּאָדלאָגע מיט אַ שטיקעל צוקער געקלאַפּט און דערמיט געווירקט, אַז זי, מירעל, זאָל זיך אין שלאָף פערגעסען נישט קאָנען, און אַז אין איהר דרימלענדיגען מח זאָל זיך נאָך אַלץ איבער'חזר'ן דער סוף פונ'ם לעצטען געדאַנק:

— און אַז זיי געפינען „איהם" נישט, נעהמען זיי זיך סוף-כל-סוף דאָס לעבען און לאָזען איבער האַלב-נאַרישע, האַלב-קלוגע בריוולעך.

זי האָט נישט געדענקט, וויפיעל צייט האָט זיך אָט דער פערוואָגעלטער דרימעל געצויגען.

פּלוצים האָט זי פון שלאָף דערפיהלט, ווי צו איהרע נאַקעטע פּלייצעס ריהרט מען זיך צו מיט אַ קאַלטער האַנד. זי האָט געגעבען אַ ציטער מיט'ן גאַנצען גוף און געעפענט די אויגען.

אין חדר איז געווען צופיעל ליכטיג פונ'ם אַריינגעטראָגענעם קאַבינעט-לאָמפּ, און נעבען בעט איז אין אונטערשטע וועש געשטאַנען שמואליק, געשטאַנען איינגעבויגען, געציטערט און געשמייכעלט — ער איז געווען אויפגערעגט פון די מעשה'לעך, וואָס ער האָט זיך אַ גאַנצען אָבענד וועגען דעם קורסקער טראָגעדיגען ווייבעלע אָנגעהערט.

אַ ווייל'ע האָט מירעל אויף איהם געקוקט מיט שרעק:

— וואָס בעדאַרפסטו דאָ, שמואליק?

און באַלד איז פאַר איהר קלאָר געוואָרען, צוליעב וואָס ער שטעהט דאָ נעבען איהר בעט, און אין די אויגען איהרע האָט זיך מיט אַמאָל אָנגעצונדען אַ פייער פון עקשנות און פערדראָס:

— שמואליק, נעהם באַלד אַ קישען און געה לעג זיך אין קאַבינעט.

— דו הערסט, וואָס מ'זאָגט דיר, שמואליק?

שמואליק שטעהט נאָך אַלץ אַ האַלב-נאַקעטער און אײַנגעבויגענער, ציטערט, שמײכעלט נאַריש און ריהרט זיך נישט פון אָרט. נאָר מ'רעל'ס האַנד האַלט שוין פאַר דער גאַלקע מיט'ן עלעקטרישען קנעפּיל און קלינגט אָהן אַנ'אויפהער צו דער שנאָרכענדיגער דיענסטמיידעל, וואָס אין קיך. ס'דוכט זיך, אַז דער קלינגענדיגער גלעקיל וועט באַלד די שטוב צעטראָגען, און ס'הערט זיך שוין, ווי די דיענסט-מיידעל שלעפּט אַהער איהרע באָרוויסע פיס איבער דער פּאָדלאָגע. דעמאָלט נעהמט שמואליק נאַריש-שעמעוודיג אַ קישען אין די הענד און געהט אַוועק צו זיך אין קאַבינעט. די דיענסטמיידעל טראָגט פון דאַנען אַרויס דעם לאָמפּ און לעשט איהם אויס, און אין שטוב ווערט ווידער פינסטער און פּוסט. ס'דוכט זיך, עמיצער וויינט אײַנגעהאַלטען-שטיל און פון טיעפען, טיעפען האַרצען. נאָר ווען מ'זעצט זיך אויפ'ן געלעגער און מ'שטרענגט אָן די אויערן, הערט מען נור, ווי די קאַץ קוליעט די שטיקעל צוקער איבער דער פּאָדלאָגע און ווי די דיענסטמיידעל אָטעמט און שנאָרכעט.

.IV

אויף מאָרגען איז מ'רעל אויפגעשטאַנען שפּעט, אַרום עלף אַ זייגער אין דער פריה.

אין קיך האָט שוין געשווינד דער האַק-מעסער געקלאַפּט, און אין הויף האָט מען שוין אויסגעשפּאַנט די צוריקגעקומענע פוהר, וואָס האָט שמואליק'ן נאָך מיט'ן טאָגליך אין גוראַלניע אַרײַן אָפּגעפיהרט. דעם שווערס מיוחס — דער פוהרמאַן, האָט דאָרט לאַנג נעבען דער צוריקגעקומענער בריטשקע געוואַלדעוועט, געשריען אויף שמואליק'ס קליינעם ברודערל, וואָס פּלאָנטערט זיך צווישען די פערדס פיס, און אויף דער שוויגערס שיקסע, וואָס גיסט די קיך-וואַסער אין מיטען צוגערימטען הויף. די שוויגער אַליין איז דאָרט אויך געשטאַנען, זיך געוואונדערט, וואָס שמואליק איז דאָס מאָל אַזוי פריה אין גוראַלניע אַוועקגעפאָהרען, און האָט בײַם שרײַענדיגען פוהרמאַן אויף אַ בריעף נאָכגעפרעגט. אין אַ ווײַלע אַרום, ווען

מירעל איז דעם הויף אַדורכגעגאַנגען, איז שוין דאָרט קיינער נישט געווען. אַ שטילקייט פֿון וואָך האָט געררוהט דורכאויס אַרום די געשלאָסענע שטאַלען, און דער פֿוהרמאַן איז שוין אויך ערגיץ אין קיך געזעסען, און נאָר אין מיטען צוגערוימטען הויף איז נאָך צוליעב עפּיס די אויסגעשפּאַנטע רעסאָרען־ברישקע מיט איהר אַריינגעשטעלטען דישעל געשטאַנען און אָהן לשון דערמאָנט אָן איהם, דעם אַוועקגעפֿאָהרענעם שמואליק׳ען:

— האָט ער נעכטען ביינאַכט אין די אונטערשטע יועש לאַנג פֿון איהר בעט ניט געוואָלט אָבטרעטען... שעמט ער זיך איצט איהר אין די אויגען צו קוקען, און יועט זיך דעריבער אַזוי גיך פֿון גוראַלניע ניט אומקעהרען.

זי איז באַלד אַוועקגעגאַנגען צוריק אין עס־צימער, זיך אַיינגעהילט אין שאַל און זיך אויף דער קאַנאַפּע אַוועקגעלעגט. ס׳איז געווען אַזוי שווער און עקעלדיג אויף דער נשמה, גלייך מ׳וואָלט נעהמען די האַרץ און עס איינגאַנצען אין עפּיס ברודיגעס איינטונקען. און פֿון אונטער די דרויסענדיגע פֿערוואָלקענטע הימלען האָט אַריינגעקוקט דער נייער ווינטער זונטאָג און האָט דאָ דורכאויס זיין איינציגע לאַנגווייליגע מחשבה געשפּריט:

— אַ נייע וואָך... אַ וויסטע וואָך, אַ פּוסטע וואָך.

פֿון דער שלעכט אָבגעשלאָפֿענער, אויפֿגערעגטער נאַכט האָט מיט שווערקייט געבראָכען דער הינטערשטער האַלבער קאָפּ, וואָס צום האַלז־און אַקען. די געפֿיהלען זענען געווען מטושטש׳דיג און שוואַך, ווי אין אָנהויב פֿון אַ טיפֿוס־קרענק, די אויגען האָבען זיך פֿון זיך אַליין געקלעפּט, און אין אַיינדרימלענדיג־פֿערנעפּילטען געוויסען האָבען זיך געפּלאָנטערט געדאַנקען וועגען די קלעפּ פֿון האַק־מעסער, וואָס הערען זיך פֿון קיך, וועגען דעם אייגענעם פֿערלוירענעם לעבען, וועגען דעם טעמפּען וועהטאָג, וואָס אין הינטערשטען האַלבען קאָפּ, און וועגען דעם, וואָס דאָ אויף דער קאַנאַפּע וועט זי ליגען לאַנג, לאַנג:

— זי וועט דאָ דרימלען אַ גאַנצען טאָג.

———

זיך אויפֿגעכאַפּט און באַמערקט דעם געגרייטן טיש; געפּרוּווט צוגעהן און עפּעס עסן, נאָר נישט געקאָנט, זיך צוריק געלעגט און ווידער געדרימלט. געעפֿנט די אויגן אָקאָרשט נאָהענט צו בין־השמשות און האָט דערזעהן:

דער רוח האָט אָנגעטראָגן אַ דורכפֿאָהרענדיגן יונגען־מאַן, אַ חזן — אַ הויכען און דאַרען פּאַרשוין אין אַ קורץ אָבגעטראָגענעם סורדעטיל מיט אַ ברודיגען פּאַפּירענעם קראַגען און מיט אַ קאַמער־טאָן אין טאַש. ער רעדט מיט אַ פֿאָנפֿענדיגען קול און דערפֿרעגט זיך אויף שמואליק'ען, ווי אויף אַ חשוב'ען שול־בעל־הבית:

— הכלל, די מאַדאַם ווייס נישט, ווען דער הער וועלען קומען?

— פּאָנימאַיעטע־לי, — הכלל אויף שבת וועלען דער הער אויך נישט קומען?

זי איז, דוכט זיך, כלל נישט געווען מחויב צו נודען זיך נעבען איהם, צו פֿיהלען, ווי דער ריח, וואָס ער פֿערשפּרייט אַרום זיך, איז עהנליך צום ריח פֿון צעפּוילטע געזאַלצענע פֿיש, און צו ענטפֿערן איהם אַלע מאָל דאָס זעלבע, וואָס זי האָט שוין געענטפֿערט פֿריהער:

— כ'ווייס נישט.

— ניין.

— כ'ווייס נישט.

פֿריהער האָט זי איהם אין די אויגען געפּרוּווט דעם חדר לופֿטערן און אַלע פֿענסטער געעפֿנט, — זי האָט געמיינט, אַז ס'וועט העלפֿען. נאָר ער האָט זיך נאָך אַליץ פֿון אָרט נישט גערירט. האָט זי איהם צולעצט איינעם אַליין דאָ אין חדר געלאָזט, אַרויסגעגאַנגען אין דרויסען און זיך דאָרט אויף די טרעפּלעך פֿון גאַניק אַוועקגעזעצט.

———

פּאַמעליך, פּאַמעליך האָט זיך אָנגערוקט דער טונקעלער פֿאַר־נאַכט און געשפּרייט שטילקייט אַרום די געצעהלטע הייזער, וואָס אין זאַמדיגען עק פֿאַרשטאָדט. ס'איז שוין קיין מענש נישט אַדורכגע־גאַנגען, און די לופֿט האָט זיך אין ערגיץ קיין ריהר נישט גע־טאָן. ערגיץ ווייט נעבען דער שאָפּע מיט די סטערטעס שטרוי,

וואָס קעגענאיבער דעם גרויסען קלויסטער-הויף, האָט זיך געדרעהט אַ דרעש-מאַשין און הערדראָשען צו נאַכט-צו דעם גלח׳ס אויסגעטריקענטע תּבֿואות. און לינקס, פֿון צווישען דעם שוועהרס בוימער, וואָס פֿון דאָרט האָט פֿריהער אַ ביסעל אַ גאַנצע מחנה קרובֿים שלום זיידענאָווסקי׳ן אין וועג אַרויסגעבעגלייט, האָט זיך דערהערט, ווי די שוויגער שמייסט איינעם פֿון איהרע קליינע קינדער-יונגלעך, ווי דאָס קינד רייסט זיך און שרייט, און ווי שמייסענדיג, הערט די שוויגער ניט אויף צו חזר׳ן אויף איהר הייזעריגליכען און נאַרישען קול:

— אויף אַ מאַמען טאָר מען אַזוי ניט זאָגען... אויף אַ מאַמען טאָר מען אַזוי ניט זאָגען... אויף אַ מאַמען טאָר מען ניט.

הערענדיג דעם געשריי פֿונ׳ם וויינענדיגען קינד, האָט זיך געמאָלט, ווי די שוויגער האַלט איהם דאָרט אַריבערגעבויגען איבער די קניה און בויגט די קורצזיכטיגע אויגען נאָר נאָהענט צום אָרט, וואוהין זי שמייסט. ס׳האָט זיך געטראַכט וועגען דעם, וואָס אָט די נאַרישע און לאַנגע יודינע האָט קיין שׂכל ניט, ווייס נישט, ווי אַזוי אַרום קינדער צו געהן, און מאַכט פֿון זיי אַ תּל; וועגען דעם, וואָס ערשט צוריק מיט אַ יאָהר 15—16 האָט זי, פּונקט ווי איצט, געשמיסען שמואליק׳ען, דעם איצטיגען מאַן איהרען, און האָט צו איהם, פּונקט ווי איצט, געשריען:

— אַ מאַמען טאָר מען אַזוי נישט זאָגען... אַ מאַמען טאָר מען אַזוי נישט זאָגען...

און דערפֿאַר, וואָס ס׳איז איצט שוין קיין ספֿק נישט, אַז שמואליק וואָלט בעצם בעדאַרפֿט האָבען אַ ווייב, וואָס זאָל איהם זיינע קינדער, פּונקט ווי זיין מאַמע, שמייסען, איז פֿון איהר מיט אַמאָל עפּיס אַ שווערע משׂא אַראָב, און די גרינגע האַרץ האָט מיט אַמאָל די האַלב-פֿערגעסענע האָפֿנונג דערפֿיהלט:

— וואַרט!... קיין זאַך בינדט זי דאָך נישט צו צו איהם, צו שמואליק׳ען, און נישט צו אָט דער שטוב, און זי, מירעל... זי קאָן דאָך אָט די שטוב פֿערלאָזען אין יעדער צייט, וואָס זי וויל.

סך-הכּל איינעם אַ פּלאַן בעדאַרף זי געפֿינען.

ס׳האָט זיך געדענקט אַ מעשׂה, וואָס האָט זיך צוריק מיט עטליכע יאָהר ביי זיי אין קרייז-שטאָדט פֿערלאָפֿען:

אַ שווייגענדיגע און פֿאַרעקשנ'טע ווייבעל — אַ שנור בײַ אַ רײַכער פֿאַמיליע דיזשור — הויבט זיך אויף אין אײנעם אַ פֿריה־מאָרגען פֿונ'ם אײַנגעזעסענעם אָרט, זאָגט פֿאַר'ן אַוועקגעהן קיין וואָרט נישט דעם מאַן און די שווער־און־שוויגער און קומט מעהר אַהיים נישט צו געהן.

אין שטאָדט ווערט מען וועגען דעם געוואָהר, און אין בעל־הבתישע הײַזער ווערטילט מען זיך:

— נישקשה, זי וועט זיך אומקעהרען... זי וועט, איה"ש, זײַן אַ גאַסט אויף שבת.

אָבער די ווייבעל קעהרט זיך נישט אום, און קײנער ווייס עד היום נישט, וואו איהר געבײַן איז אַהין געקומען... קײנער ווייס נישט... אָבער איהר — מירלען — איהר איז דאָס איצט אַזוי נויטיג צו וויסען... אָט וועט זי אויסרעכענען:

— וואוהין האָט, למשל, אָט די ווייבעל געקאָנט אַהינקומען?

שמואליק איז נאָך אַלץ אין גוראַלניע געזעסען און קיין מינדסטע ידיעה פֿון זיך נישט צוגעשיקט. ער האָט זיך געגרייט געהן פֿון דאָרט מיט דער פֿאַר'פסח'דיגער פּאַרטיע אָקסען קיין וואַרשא. אין שטאָדט אַרײַן איז צוליעב דעם געקומען דער נאָמען פֿון אָקסענשטאַל, ר' בונעס — אַ קלײנוואוקסיגער פֿערשמאָלצעוועטער און געפּאַקטער יודעל מיט אַ שטאַרק רויטען האַלז־און־אַכען, וואָס האָט אום זומער אַ לאַנגען קאַפֿטען געטראָגען און האָט געהאַט אַ טבע נישט צו פֿערגעסען, וואָס דער בעל־הבית זאָגט אָן. ער האָט געבראַכט אַהער צום פֿעררינכטען עטליכע אַלטע שטאַל־לאַמטערנעס, געקויפֿט פֿיעל נײַע קורצע שטריק מיט עטליכע פּוד שטײנערנע זאַליץ, כּדי די אָקסען זאָלען האָבען אויפ'ן וועג וואָס צו לעקען. ער איז אויך אַרײַנגעקומען אַהער אין שטוב, אַרײַנברענגענדיג מיט זיך דעם ריח פֿון דער גוראַלניע־בראַהע, געטראָפֿען מירלען אײנע אַלײן אויף דער קאַנאַפּע ליגען און איהר דאָ זײַן שליחות איבערגעגעבען:

— דער יונגער בעל־הבית האָבען געזאָגט... מ'זאָל געבען די פֿאַר'פסח'דיגע קאָנטע, האָבען זיי געזאָגט.

מירעל האָט איהם אויסגעהערט, זיך אַפילו פון אָרט נישט גערידהרט און איהם אין קיך אַריין אָבגעשיקט.

די דיענסטמיידעל האָט, אַפנים, געמיינט, אַז ס'רעדט זיך װעגען עפּיס אַ פאַר־פּסח'דיגער כלי, און האָט אויף איהם אַ פּאָר גרויסע אויגען אויסגעגלאָצט:

— פון װאַנען זאָל זי װיסען, אַז זי האָט נאָך דאָ פאַר פּסח נישט געדיענט?... זאָל ער אַ פרעג געבען אין הויף בײם פוהרמאַן טעאָדאָר'ן.

דער יודעל האָט זיך אַזוי לאַנג אין הויף אַרומגעדרעהט, ביז מ'האָט איהם פון דאָרט סוף־כל־סוף צוריק צום אַלטען בעל־הבית אין שטוב אַריינגערופען און זיך ביי איהם דערפרעגט:

— װאָס זשע? זי האָט נאָך אַלץ נישט געגעבען די קאָנטע, די יונגע בעל־הבית'טע?

די שװיגער אַליין איז אַהער סוף־כל־סוף מיט'ן שאַל אויף די אַקסלען אַריינגעקומען, זיך אין קאַבינעט אויף דער שאַפע אַזוי לאַנג צװישען די ביכער געפּאָרקעט, ביז זי האָט צװישען זיי איינעם אַ בוך געפונען, אַריינגעקוקט אין איהם מיט איהרע אייגענע קורצזיכ־טיגע אויגען און איבערגעלייענט די ערשטע שורה מיט אַ קול פון אַ יודינע, װאָס לייענט אין טייטש־חומש:

„קאָנטע משורים שנקנו חודש שבט, אָדר וניסן“.

— נאַט, — האָט זי צום יודען בכיון אויפ'ן קול געזאָגט, זיך געלאָזט אַװעקגעהן און זיך צו מירלען נישט אומגעקערט; זי איז געװען אויסער זיך, אַריינגעקומען צו זיך אַהיים מיט גרויס תרעומות און גענומען װאַרפען אויפגערעגטע בליקען צו איהר מאַן אין קאַבינעט, װאו ער איז מיט געשעפטס־מענשען געװען פערנומען. זי האָט זיך איינגעהאַלטען פון צו רעדען אינ'ם משך פון גאַנצען מיטאָג, אָבגעװאַרט, ביז ער, יעקב־יוסעל, איז אַװעקגעגאַנגען רוהען אין שלאָף־צימער, זיך דאָרט נעבען איהם בײם בעט אַװעקגעזעצט און זיך מיט איהם אָנגעהויבען שעפּטשען אַזוי שטיל, גלייך עמיצער װאָלט זי פאַר'ן האַלז װאַרגען:

— פערשטעהסט? כ'מיין, װאָס איז זי שמואליק'ען פאַר אַ װייב, מ'שטיינס געזאָגט?

— יאָ, און אינגאַנצען די פיהרעכץ איהרע... און דער געהן,

מ׳שטיינס געזאגט, צו דער שענער שוועסטער־קינד... און דאס, וואס איך בעדארף איהר די שטוב פיהרען און אין זינען האבען, אז מ׳בעדארף ביי איהר די באלקענס איבערפארבען... וואס הייסט? אפילו די היהנער שיק איך איהר דאך שעכטען.

דער קרעפטיגער ברוגעט, דער בעל־הבית, וואס האט גנב׳ישע קלוגע אויגען געהאט, איז געלעגען מיט די ווייסע ארבעל אין בעט, גערויכערט שוויגענדיג זיין פאפיראס און אלע מאל געווארפען אזעלכע גנב׳ישע אויגען צו דער טיר, גלייך ער וואלט מורא האבען, אז עמיצער הערט זיך אונטער. ער האט איהר דערויף גארנישט געענטפערט, שוין לאנג, אפנים, גע׳פועל׳ט ביי זיך, אז שמואליק האט שלעכט אנגעטראפען, און געוואלט וואס גיכער אויפהערען וועגען דעם צו רעדען. און זי, די קורציכטיגע יודינע, האט זיך נאך אלץ נישט געקאנט בערוהיגען, געפינטעלט פיעל מיט די וויעס און איז שעפטשענדיג שטיל צו א בעשלוס געקומען:

— גאר גארנישט... ווען זי טרעפט אן אויף אנדערע מענשען, פערשטעהט מען דאך שוין, וואס ס׳וואלט געווען. האט זי דאך אנגעטראפען אויף אונז... און שמואליק איז אויך א שטילע טויב... איז גארנישט... אבגעווישט די ליפען, און שא! שטיל... ווי נישט געזעהן.

אין א פאר טעג ארום איז די שוויגער אהער אריינגעקומען צוזאמען מיט א פאר געדונגענע בעלי־מלאכות—פארבערס; זי האט זיך נישט אומגעקוקט אויף מירלען, וואס איז אויף דער קאנאפע געלעגען, געגאנגען מיט די בעלי־מלאכות פון איין חדר אין צווייטען און זיי די באלקענס אנגעוויזען:

— זעהט איהר? פריהער בעדארף מען איבערפארבען דעם באלקען אין קאבינעט, און די מעבעל פון דארט אין עס־צימער ארויסטראגען; און נאכדעם וועט מען דעם עס־צימער אין קאבינעט איבערגעטראגען און מ׳וועט זיך דארט צום באלקען נעהמען.

די שוויגער איז, ניט אומקוקענדיג זיך, אוועקגעגאנגען, און די בעלי־מלאכות האבען באלד די קאבינעט־מעבעל אהער, אין עס־צימער, איבערגעטראגען און זיך באלד צו דער ארבייט גענומען.

אין שטוב האט באלד אנגעהויבען שמעקען מיט אייל־פארב,

מיט אַ געשמירעכץ פון וואָכרע און ענגלישער סאַזשע. די אונאָרד=
נונג איז געוואַקסען פון טאָג צו טאָג. די פערוואַלגערטע חדרים
האָט מען שוין נישט צוגעראַמט, ניט בייטאָג, ניט ביינאַכט, און
די פאַרבער האָבען זיך נאָך אַליך געטאָן זייערס און געמאָלט פאַ=
מעליך איין באַלקען נאָכ'ן צווייטען.
זיי זענען נאָך כלל קיין זקנים נישט געווען, אָט די צוויי=
יודען=פאַרבער. אויסגענייהטע העמדער האָבען זיי נאָך אונטער די
איינגעשמירטע רעקלעך געטראָגען, און מיידלעך האָט נאָך ער'ייץ
נאָך זיי און נאָך זייער מאָלעריי דער רוח אַוועקגעכאַפט. שטעהען
זיי זיך ביידע גאַנצע טעג אויף די הויכע צונעריכטע שטעלען,
ווירען פאַמעליך מיט די ווירעלעך, שמירען צו מיט די פענזלעך, האָ=
בען דערפון הנאה און פייפען זיך דערביי צו אַנ'אומעטיגען בעל=
מלאכה'שען ניגון.
און אַמאָל האָט זיך געטראָפען, אַז צוליעב אַ נויטיג שטי=
קעל געצייג איז איינעם פון זיי אויסגעקומען דעם צווייטען חדר
אַדורכגעהן און דאָרט עפּיס בעמערקען. ער איז אַריינגעקומען צו=
ריק אַביסעל אַנ'אויפגערעגטער, זיך אַרומגעקוקט, צי קיינער אַחוץ
זיין חבר איז דאָ נישטאָ, און האָט געפרעגט ביי איהם אויפ'ן
וואונק:
— נישט קיין מיאוס'ע בעל=הבית'טעלע, אַ?
ער האָט זי שוין טאַקע אין זינען געהאַט די גאַנצע צייט, וואָס
ער האָט זיך דאָ מיט זיין חבר אויף דער הויכער שטעל אַוועקגעזעצט,
פערדריכערט מיט איהם די פּאַפּיראָסען און איהם איינע פון זיינע
יונגעלשע מעשיות אָנגעהויבען דערצעהלען:
— איז דאָס געווען... צוריק מיט אַ יאָהר אַכט איז דאָס
געווען... געאַרבייט האָבען מיר דענסטמאָל אין קאַזיאָנעם דאָרף —
קלאָקע, און אַ יונג שנורעלע איז דאָרט ביים בעל=הבית געווען —
אַ ריהרעדוויגע, אַ דורכגעטריבענע.
און מירעל איז דענסטמאָל געלעגען אויף דער קאַנאַפּע,
וואָס אין צווייטען פערוואַלגערטען חדר, אינ'ם בּרייטען דעקאָלטירטען
שטוב=כאַלאַט, וואָס מיט די גלח'ישע אַרבעל, זיך געהילט אינ'ם
דינעם שאַל און געזעהן פאַר זיך די פערשיידענע ערטער, וואוהין
זי קאָן, פערלאָזענדיג אָט די שטוב, אַוועקפאָהרען:

— סיי־ווי־סיי: ערגער ווי דאָ קאָן איהר שוין ניט אין ערגיץ זיין.

אַרום און אַרום איהר זענען געשטאַנען די בעטען, בײדע גאַרדעראָב־שאַפֿעס, וואָס מיט די שפּיגעל־טירען, די ווײכע שטו־לען פֿון זאַל מיט'ן היבשען וואַש־קאַסטען, וואָס פֿון איהם נעהמט מען שוין גאַנצע טעג נישט אַראָב די נאַסע פּאָרלאָנע־שמאַטע. אַלץ האָט דאָ אויסגעזעהן, ווי אין אַ מאָדנעם ערב־פּסח, וואָס קומט פֿאָר אין מיטען חודש אלול. די אַרומיגע לופֿט איז נאָך פֿון נאָכמיטאָג אָן געווען פֿערפֿינסטערט און טונקעל, דער מח מיט די געדאַנקען — פֿערנעפּילט און פֿערטראָגען, און גערוכט זיך שוין, אַז דער היינטיגער טאָג קומט פֿאָר נישט איצט, נאָר מיט פֿינף, זעקס יאָהר צוריק.

אַ מעשה מיט אַ בוך איז נאָך צו אָט דעם אַלץ צוגעקומען— אַ מעשה מיט הערצ'ס אַ ניי צוגעשיקטען העברעאישען בוך, וואָס שמעקט מיט נייע פּאַפּיר, מיט פֿרישען דרוקער־פֿאַרב און מיט פֿרעמדען בחור.

דער בריעפֿטרעגער האָט עס איינמאָל צווישען דער איבעריגער קאָרעספּאָנדענץ געבראַכט צו דער שוויגער אין שטוב. האָט מען זיך אַלע אַרום דעם אַרומגעשטעלט און מורא געהאַט דערפֿאַר, ווי פֿאַר עפּיס לעבעדיגס. עמיץ האָט עפּיס בעמערקט אין דער פֿעסטער מע־נערישער האַנדשריפֿט, וואָס אויפֿ'ן אַדרעס:

— וואַרט... אויפֿ'ן אַדרעס שטעהט דאָך בכּיון שמואליק'ס נאָ־מען נישט דערמאָנט.

און נאָך:

— וואָס זשע דען? מ'האָט פֿריהער נישט געוואוסט, אַז אַזוינע, ווי מירעל, מוז תמיד האָבען אַ בחור נאָך פֿון מיידעלווייז?

דאָס בוך איז דאָ אַ היבשע ווײלע אויפֿ'ן טיש געלעגען און האָט אַלעמען אויסגעזעהן, ווי אַ לעבעדיגע אונטערגעוואָרפֿענע עבֿירה־פּרוכט. ס'האָט דערמאָנט אָן מירעל'ס און נאָך עמיצענס אַ בשותּפֿות'דיגער זינד, און מ'האָט נישט געוואוסט, וואָס דער־מיט צו טון:

— זאָל מען עס מירלען נישט אָבשיקען, ביז וואַנען יעקבֿ־יוסעל וועט קומען?

מ'האָט עס איהר, סוף־כל־סוף, אַריינגעשיקט. איז זי געוואָרען מאָדנע אויפגערעגט און צעטראָגען. זי האָט זיך געשווינד אָנגעטאָן און האָט זיך געלאָזט געהן אויף דער טעלעגראַפען־סטאַנציע, נאָר באַלד האָט זי זיך אומגעקעהרט, געשיקט די דיענסטמיידעל צו דער שוויגער אין שטוב און איהר אָנגעזאָגט:

— אויף אַ בריעף זאָל זי דאָרט פרעגען, זי הערט? צוזאַמען מיט'ן בוך, זאָל זי זאָגען, — האָט בעדאַרפט אַ בריעף אָנקומען.

———

ביי דער שוויגער אין שטוב האָט מען פון דענסטמאָל אָן אָנגעהויבען זוכען עצות און אָבגעהאַלטען בסוד קליינע אסיפות:

— וואָס הייסט? מען מוז דאָך סוף־כל־סוף מיט שמואליק'ן איבעררעדען און מיט איהם אַיינשמועסען, אַז ס'איז פאַר איהם קיין לעבען נישט.

מ'האָט פערשטאַנען: מ'טאָר איהם מיט אַמאָל נישט זאָגען, אַז אַלע ווייסען שוין, וואָס צווישען איהם און מירלען איז דענסטמאָל שבת־צו־נאַכטס פאָרגעקומען. מ'האָט געזוכט דערצו דעם פאַסיגען מענשען, אין גוראַלניע אַריין צו שיקען, און מ'האָט זיך אָבגעשטעלט אויף דער געוועזענער קורסיסטין — מרים'ס עצה:

— אפשר איז זי טאַקע גערעכט מרים... אפשר פאַסט טאַקע דערצו דער יונגערער ליובאַשיץ, דער סטודענט?

———

איינמאָל פאַר זון־זעצען האָט ער זיך אַ פערשטויבטער פון גוראַלניע אומגעקעהרט, דער יונגערער ליובאַשיץ, דער סטודענט. ער האָט געהאַט אַ שטייפעלדיגען פנים פון אַ מענשען, וואָס האָט פון גוטסקייט אָבגעטאָן אַ שליחות, וואָס פאַסט נישט פאַר איהם, און האָט דערצעהלט אינ'ם בעזונדערן חדר, וואוהין מ'האָט איהם אַריינגעפיהרט:

— יאָ, ער האָט דאָרט מיט איהם איבערגערעדט, מיט שמואליק'ען.

אַרום און אַרום זענען געשטאַנען כּמעט אַלע דערוואַקסענע שטובּמענשען מיט דער שוויגער און מיט דער געוועזענער קורסיסטין מרים׳ן בּראש. מען האָט זיך געהיט פֿאַר אַ פֿרעמדען אויער, מ׳האָט פֿערטריבּען פֿון דאַנען די קליינע קינדער און געקוקט דעם שמייכעלדיגען שליח אין פּנים אַריין:

— זאָגט ער, הייסט עס, אַז שמואליק׳ען האָבּען זיך געשטעלט טרערען אין די אויגען, בּשעת ער האָט איהם, ליובּאַשיצ׳ן, דערזעהן?

דער יונגער סטודענט ליובּאַשיץ איז געווען אַ גרויס־גופֿיגער, אַ וואוקסיגער, אַ געפּאַקטער און אַ בּלאָנדער, ווי אַלע ליובּאַשיצעס. ער איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט מיט זיינע בּרייטע פּלייצעס אָן דער פֿייער־קאַסע און האָט אויסגעזעהן מיעד פֿונ׳ם וועג. אַליין איז ער סך הכּל געווען אַ שטיקעל פּאָעט, געדרוקט זיינע לידער אין אַ סטודענטישען זשורנאַל, זיך דערפֿאַר געגאָלט די האָנסען, גע׳חקירה׳ט משוגע׳נערווייז וועגען וואָס ניט־איז און האָט געהאַט אַנ׳אייגענע מיינונג וועגען טאָלסטאָי׳ען. נאָר ווען ער האָט גערעדט וועגען שמואליק׳ען, האָט ער בּעקומען דעם זעלבּען קינדערש שמייכעלדיגען פּנים, ווי בּשעת ער איז שכּור, און געדוכט האָט זיך, אַז אָט, אָט וועלען זיך בּיי איהם אַליין טרערען אין די היבּשע בּלויליכע אויגען בּעווייזען:

— האָט, הייסט עס, שמואליק אַ זאָג געטאָן, בּשעת ער האָט איהם, ליובּאַשיצ׳ען, נאָר דערזעהן:

— „זעה נאָר — שואליק! האָט ער אַ זאָג געטאָן, — ווי קומסטו אַהער, שואליק?“.

ס׳האָט אויסגעזעהן, ווי שמואליק מיינט, אַז אַלע ווייסען שוין, פֿאַרוואָס ער קומט אַהיים נישט, און שעמט זיך אַפֿילו פֿאַר איהם, שואליק׳ען. נאָר נאָכדעם, ווען, שפּאַצירענדיג איבּער דער גוראַלניע, האָט ער — ליובּאַשיץ — מירעל׳ס נאָמען דערמאָנט, האָט איהם שמואליק אונטער דער האַנד אָנגענומען און אָנגעהויבּען רעדען אַזוי שטיל און אַזוי מאָדנע, אַז איהם, ליובּאַשיצ׳ען, האָט שוין אויך פֿאַר׳ן האַרץ אַ קלעם געטאָן.

— דו פֿערשטעהסט, שואליק? האָט ער צו איהם גע-

זאָגט, — מירעל איז אַ שלאַק... געוויס אַ שלאַק, נאָר אַז זי וויל, קען זי זיין גוט.

און נאָכדעם האָט ער געשוויגען, שמואליק, און טרערען זענען איהם אין די אויגען געשטאַנען. יאָ... און נאָכדעם האָט ער איהם. ליונאַשיצ'ען, נאָך אַמאָל אונטער דער האַנד אָנגענומען און איהם געזאָגט:

— מיין נישט, שואליק, אַז אַזעלכע מירעלס זענען פאַרהאַן אַ סך... ס'איז מעהר נישט, זאָגט ער, — זי רעכענט מיך פאַר אַ נאַר, מירעל... גאָר פאַר אַ נאַר רעכענט זי מיך.

V

שמואליק איז טאַקע אָהער נישט געקומען; ער איז גלייך פון גוראַלניע מיט די אָקסען קיין וואַרשאַ אָבגעפאָהרען.

צום שווערער אין שטוב זענען פון איהם געגאַנגען אָפטע טעלעגראַמען וועגען דעם גרויסען ברענענדיגען מאַרק. ער האָט דאָרט, ווי גאָר אַ געניטער סוחר, דער מקח פערריסען, בעשלאָסען צו בלייבען מיט זיינע אָקסען אפילו אויף דער צווייטער וואָך און האָט געפאָדערט, מ'זאָל איהם וואָס גיכער פון אַלע נאָהענטע און וויטע אָקסען־שטאַלען די „גרויסע פודען“ אַרויסשיקען.

ביים שווערער אין קאַבינעט האָט מען זיך וועגען דעם מישב געווען עטליכע מאָל אין טאָג. מ'האָט אַהין שוין אַריינגעלאָזט די קליינע קינדער און געפרעגט האָט מען שוין אויף לצנות אַ דעה אפילו ביים קלענסטען זעקס־יאָהריגען קלייענדיגען יונגעלע, וואָס ס'שמעקט פון איהם מיט שטאַל, און וואָס די שוויגער אַליין שמייסט איהם אָפט אין געזעסיל:

— וואָס זאָגסטו, שמענדריק מיט די גלעקלעך?... זאָל מען שיקען אָקסען?

מ'איז געווען ניט אויף צו־כלומר'שט אויפגעלעגט:

— וואָס הייסט? אַז גאָט העלפט, דער מאַרק גיט זיך איין, פערדיענט מען דאָך אַ גאַנצען גביר מיט געלד.

די שוויגער האָט זיך געמאַכט אַנ'איסרייד און איז אַריינגעקומען צו מירלען אין שטיבעל כלומר'שט אַ קוק געבען, צי די

באַלקענס קומען נישט אַרויס צופֿיעל טונקעל. זי האָט געטראָפֿען מירלען אינ'ם אויפֿגערודערטען עס-צימער אויף דער קאַנאַפּע ליגען און איהר דערצעהלט, אַז שמואליק געפֿינט זיך אין וואַרשאַ, און אַז מ'שרייבט איהם איצט אַ בריעף:

— יאָ, וואָס-זשע זאָל מען איהם עפּיס פֿאַר איהר, מירלען, צושרייבען?

מירעל האָט גלייכגילטיג מיט די אַקסלען אַ ציה געטאָן:

— גאָרנישט... זי האָט איהם נישט וואָס צו שרייבען.

זי איז געשטאַנען מיט'ן פּנים צום פֿענסטער און נישט געזעהן, מיט וואָס פֿאַר אַנ'אויסזעהן די שוויגער האָט די שטוב פֿערלאָזט. און נאָכדעם איז זי צוריק געזעסען אויף דער קאַנאַפּע, צוריק געפֿיהלט, ווי די שטוב איז איהר נמאס, און ווידער אַמאָל געדענקט, אַז זי בעדאַרף עפּיס טון:

זי מוז געפֿינען אַ מיטעל, ווי אַזוי אָט די שטוב צו פֿערלאָזען.

ס'האָט זי ערגיץ געצויגען און נישט געלאָזט איינזיצען אויף אַנ'אָרט. האָט זי עטליכע טאָג צייט געהאַלטען אין איין געהן אין שטאָדט אַריין, זיך דאָרט לאַנג איינע אַליין אַרומגעדרעהט און האָט סוף-כל-סוף צו נאַכט-צו פֿערקעהרעוועט אויף דער שטילער בולוואַר-גאַס, צו איהר געשוועסטערקינד אידאַ שפּאָליאַנסקי. ס'האָט זיך איהר געדוכט, אַז זי בעדאַרף זאָגען איהר, אידאַ'ן, וואָס הערט זיך ניט צו צו די ציינישע קלאַנגען, וואָס געהען אַרום וועגען איהר אין שטאָדט:

— הער, אידאַ, דו ביזט שוין געווים ביי זיך הפקר, נאָר דאָך, וואָס וואָלסטו אַליין געזאָגט, ווען מ'דערצעהלט דיר: מירעל האָט אַוועקגעוואָרפֿען שמואליק'ען און וויל מיט איהם מעהר נישט וואוינען.

און ס'רוב איז שוין אויסגעקומען, אַז אידאַ איז צו אָבענד-צו אין איהר רייכער שטוב ניט געווען, זיך ערגיץ פֿראַנק און פֿריי אַרומגעפֿיהרט מיט אַ יונגען שטאַרק רייכען אָפֿיצער, ווען מירעל האָט דאָ איינמאָל אין בין-השמשות געטראָפֿען, און ביידע שטוב-דיענסטען האָבען נישט געוואוסט, וואוהין זי איז אַוועקגעגאַנגען און ווען זי וועט קומען.

אין אַלע פֿינף חדרים איז געווען פֿינסטער און שטיל. כּמעט אומעטום זענען געלעגן גרויסע נייע קאָבּריצעס; אויף די קאָבּריצעס איז דורכאויס געשטאַנען ניי-מאָדנע ווייכע מעבּעל און האָט אויסגעזעהן אַזוי פֿערטראַכט, גלייך סווייס פֿיעל סודות וועגען דער בעל-הבּית׳טע, דער שטאָדט-פּאַרשוין, וואָס בּלייבּט אונגעטריי דעם מאַן, דענסטמאָל ווען ער פֿערדיענט גרויסע געלדער ערג׳יץ אין די ווייטע רוסישע גובּערניעס; וועגען דעם, וואָס ער, דער בּעל-הבּית, וועט סוף-כּל-סוף וועגען דעם געוואָהר ווערען, און חרוב וועט אַט די שטוב ווערען.

נאָך אַ פּאָר שעה וואַרטען און וואַלגערן זיך אויף דער ויידענער שלאָף-זאָפֿע, וואָס בּיי אידע׳ן אין צימער, האָט זי סוף-כּל-סוף פֿערלאָזט אַט די שטוב מיט אַ געפֿיהל פֿון עפּיס אַ בּלאָנדשענדיגען פּוסט-און-פּאַסניק. זי איז געגאַנגען צוריק אַהיים און האָט געדענקט, אַז אין אַט דער גאַנצער גובּערניע-שטאָדט, איז זי איבּעריג און עלענד; אַז אַלע מענשען, וואָס קומען איהר אַקעגען, האָבּען מיט זייערע גענג עפּיס בּעשטימטע ציעלען — טוען זיי עפּיס, איז דאָס נאָר, וואָס זיי מוזען. און זי, מירעל... זי הויבּט זיך אָן דערמאָנען אָן אַלץ, וואָס זי האָט אין איהר לעבּען געטאָן און וואָס דערפֿון איז אַרויסגעקומען:

— קיין אונגליק וואָלט, דוכט זיך, נישט געווען געשעהן, ווען זי וואָלט פֿון געבּוירען אָן געווען ליגען אין בּעט און זיך בּיז היינט פֿון אָרט קיין ריהר נישט געטאָן.

———

און זי האָט סוף-כּל-סוף לחלוטין אויפֿגעהערט צו געהן אין שטאָדט.

גאַנצע טעג איז זי אין שטוב געזעסען; געטראָגען איינעם און דעם זעלבּען קויטיג-רויטליכען און צעבּראַסטעטען כאַלאַט מיט עמיצענס אַ פּאָר גרויסע מאַנסבּילשע שטעק-שיך; זיך אָנגעטאָן אין אָט די בּגדים נאָך בּאַלד, ווי זי איז אַרום עלף אַ זייגער אין דער פֿריה, פֿון בּעט אויפֿגעשטאַנען; זיך דעם פּנים נישט געוואַשען און די האָר נישט פֿערקעמט; זיך אין עס-צימער

אויף דער קאַנאַפּע אַוועקגעלעגט, און זיך פֿאַרט געמאַטערט און געליטען פֿונ׳ם אַלטען געדאַנק:

— אויב זי וועט באמת נישט געפֿינען קיין מיטעל, ווי אַזוי פֿון אָט דעם איצטיגען לעבען ניצול צו ווערען, איז דאָך שוין פֿערפֿאַלען אַלץ... און אָט דאָ געפֿינען זיך, ביי די זיידענאָווסקי׳ס אין שטוב — ס׳איז שוין יעדענפֿאַלס נישט פֿאַר איהר, און ס׳קען זיך שוין אַזוי לאַנג נישט פֿערציהען.

די שוויגער האָט פֿון נאָך דער מעשה מיט שמואליק׳ס בריעף לחלוטין אויפֿגעהערט צו איהר צו רעדען. איינמאָל איז זי אַהער מיט איהר שיקסע אַריינגעקומען און זי צוזאַמען מיט׳ן דיענסטמיידעל אַוועקגעשטעלט טיר און פֿענסטער צו זייפֿען און די חדרים ראַמען. זי האָט דאָ געפֿינקעלט מיט די וויעס און גערעדט נישט צו מירלען, נאָר צו זיי — צו דער שיקסע און צום דיענסטמיידעל:

— וואָס הייסט? ס׳איז דאָך שוין כמעט פֿיער חדשים, זינט מ׳האָט דאָ אַפֿילו די ווענט נישט אַרומגעווישט.

די גאַנצע בעטגעוואַנט האָט זי זיי געהייסען אין גאָרטען אַרויסטראָגען לופֿטערן און נאָך אַ פּאָדלאָגען-פּוצער האָט זי אין שטאָדט אַריינגעשיקט און אַלטונג געגעבען, ער זאָל, פּוצענדיג אין שלאָף-צימער, די בעטען מיט די שאַפֿעס אָברוקען. דאָרט, אין דריטען חדר, האָט זי שוין אַפֿילו די קליידעל אונטערגעהויבען און זיך פֿערקרימט, אַראָבקוקענדיג צום דעם שטאַרק-אונריינעם פּאָדלאָגע-ווינקעל, וואָס זי האָט געפֿונען. ס׳האָט זיך געהערט, ווי זי שפּייט הילכיג אויס, טרעט אָב אין אַ זייט, אַוועקרוקענדיג איינע פֿון די בענקלעך און לערנט דעם פּאָדלאָגע-פּוצער מיט עקעל און אויף גוי׳איש:

— העט וסקריז... העט וסקריז*).

און מירעל איז דענסטמאל נאָך אַלץ געלעגען אויף דער קאַנאַפּע און זיך פֿון אָרט נישט גערידהרט. ס׳איז איהר נאָר שוין שטאַרק נמאס געווען דער גאַנצער אַרום-און-אַרום, און אַ משונה׳דיגער ווילען האָט זיך געפֿיהלט אָנצונעהמען נעבען דער

*) אומעטום... אומעטום.

ברוסט פאַר'ן כאַלאַט און רייסען, רייסען. האָט זי ביידע הענד צום פערשטעלטען פּנים שטייף, שטייף צוגעדריקט און זיך געעקט פון וועהטאָג:

— ס'איז דאָך אַנ'אומגליק, אַנ'אומגליק... אַזאַ מין אונבעהאָלפענקייט... סך הכל איין פּלאַן בעדאַרף זי האָבען. און דער פּלאַן זאָל נישט זיין, און אונמעגליך זאָל זיין איהם צו געפינען!

———

ביי דער שוויגער אין שטוב האָט מען זיך געריכט אויף שמואליק'ען. מ'האָט שוין דאָרט אַפילו געוואוסט, ווען און מיט וואָס פאַר אַ צוג ער וועט קומען.

מאָנטשיק ווידענאָווסקי'ן האָט מען דאָרט געפּאַקט אין מיטען העלען טאָג, בשעת ער, דער צעטראָגענער, האָט זיך אויף אַ רגע צוליעב געשעפט פון שטאָדט אַראָבגעכאַפּט. מ'האָט אויף איהם אָבגעוואַרט, ביז ער וועט פונ'ם פּעטער'ס, יעקב יוסעל'ס, קאַבינעט אַרויס, און איהם אַריינגעכאַפּט אין אַ בעזונדער חדר:

— מאָנטשיק, אַ גרויסער אומגליק האָט דאָך געטראָפען שמואליק'ען! מאָנטשיק, וואָס לעגען מיר עס אָב?... אויף וועמען פערלאָזען מיר זיך?

מאָנטשיק האָט צעטראָגען געקוקט אויף די ווייבער, וואָס האָבען איהם אַרומגעשטעלט, און געדענקט די עטליכע מענשען, וואָס זענען געבליבען אויף איהם וואַרטען דאָרט, ביי איהם אין קאָרידאָר:

אַקעגען אַ מענשען זעקס-זיבען האָבען דאָרט, מן הסתם, נאָך בעדאַרף בלייבען וואַרטען... אין צווי בענק בעדאַרף ער נאָך דערנאָך זיין... און זיי, די מוהמע מיט מרים ליובאַשיץ, זאָגען, אַז ס'איז אַ גרויס רחמנות אויף שמואליק'ען... וואַרט. ער, מאָנטשיק אַליין, האָט שוין, דוכט זיך, אויך אַ מאָל אַ טראַכט געטאָן, אַז ס'איז פון אָנהויב אָן קיין שידוך נישט געווען... אַ? וואָס זאָגט זי, די מוהמע?.. געוויס... ער איז אַליין מודה:

— אויף איהם, מאָנטשיקען, ליגט אַ חוב, ער זאָל עפּיס אָנהויבען צו טון.

ער איז אין אײלעניש באַלד אַוועקגעלאָפֿן צוריק אַהײם, צו זײנע געשעפֿטן. נאָר שפּעטער איז ער װידער אַהער אַראָפּגעקומען און האָט זיך מיט אַ שאַרפֿן קלונג אַרײנגעריסן גלײך צו שמואליק׳ן אין פֿליגעל.

ער האָט דאָרט געטראָפֿן מירלען אינ׳ם צעכאַראַסטען כאַלאַט און אין די מענערשע שטעק-שיך אויף דער קאַנאַפּע ליגן און האָט צעטראָגענערהייד בעמערקט:

אין די ציכטיג-רײנע חדרים איז צוגעקליבן און שטיל געבליבן שמואליק׳ס קומען. מיט אַ בלויען יום-טובֿ׳דיגען סערוועט איז שוין אַפֿילו אין עס-צימער דער טיש פֿערשפּרייט. נאָר דאָס אַלײן קעדער זיך נישט אָן מיט איהר, מירל׳ען, װאָס װאַלגערט זיך אויף דער קאַנאַפּע. און דערפֿאַר טראַכט זיך מעהר װעגען איהר, אײדער איהם, און ס׳װערט מאָדנע אומעטיג סײ פֿון די אָבגעװעקטע פֿאַרלאַנגעס, סײ פֿון די אױסגעשטעלטע שטילען.

ער איז דאָרט לאַנג אַקעגען איהר געזעסען, זיך געמאַכט, גלײך װי ער בעמערקט גאָרנישט, און האָט לאַנג דערצעהלט װעגען זײנע געשעפֿטן, װעגען זײן מוטער, שװעסטער און קלײנעם ברודערל, װאָס ער האַלט אויס, און װאָס ער װאוינט מיט זײ אינאײנעם, זינט זײן פֿאָטער איז געשטאָרבן און האָט געלאָזט שלעכטע געשעפֿטן:

— די שװעסטער זײנע — האָט ער דערצעהלט — איז סך הכּל מיט צװײ יאָהר יונגער פֿון איהם. אַ שװאַרצע איז זי, אַ ציגײנערין, און רעדען רעדט זי פֿון געבוירען אָן אַ סך, מאָהלט, װי פֿון אַלטען סיסטעם אַ ביטעל-מיהל. אַ יאָהר נאָך דער גימנאַזיע איז זי געזעסען שטיל אין דער-הײם, זיך גענודעט און גערעדט אַלדאָס-בײז אויף קורסיסטינס. ערשט הײנטיגען װינטער האָט זי זיך אָנגעהױבן אײנרעדן, אַז זי האָט אַ שטים, און אָנגעהױבן זינגען בײ אַ פּראָפֿעסאָר.

מירעל האָט אין זײן ריהרעװדיג-צעטראָגענעם פּנים געקוקט און האָט גלײכגילטיג געװאַרט. מיט יעדער רגע איז קלאָרער געװאָרען, אַז מ׳האָט איהם אַהער פֿון דער שװיגער צוגעשיקט. ס׳איז געװען אַ חידוש, װאָס ער הויבט ניט אָן:

— יאָ, וואָס־זשע קלערט זי וועגן שמואליק'ען? וואָס, שטעלט זי זיך פאָר, קען פון אזא לעבען זיין דער תכלית?

נאָר ער האָט, כאַפּענדיג אויף איהר צעטראָגענע בליקען, נאָך אַליין מיט פערשיידענע מעשיות געשאָטען, און צו גלויבען איז שוין צייטענווייז געווען, אַז ער האָט דערביי קיין מיין נישט — ער וויל נאָר פון איהר אַ ביסעל דעם אומעט פערטרייבען:

— ער, מאָנטשיק, האַלט זיך לחלוטין נישט פאַר קיין מוזיקער. נאָר דער שוועסטערס קול קען ער ממש נישט אַריבערטראָגען. עפּיס אַ מין גרילטשענדיגע קוויטשעריי, און נישט פון ברוסט, נאָר ערגיץ פון גאָרגעל און פון נאָז. ער בעט זי: זינג נישט, ווען איך בין אין דער־היים. און זי בעליידיגט זיך, וויינט און קלאָגט זיך איבער איהם פאַר זיינע בעקאַנטע: אַן אייגענער ברודער, זאָגט זי, — וואָלט זי בעדאַרפט אונטערהאַלטען און איהר מיטפיהלען, און ער לא די וואָס ער פיהלט איהר ניט מיט, נאָר ער וויל איהר צעשטערען דעם גאַנצען אידעאַל פון איהר לעבען.

אַלע מאָל האָט ער זיך אָבגעשטעלט, זיך צעטראָגענערהייד אין איהר אַיינגעקוקט און דערביי עפּיס אַ געדאַנק געכאַפּט. און נאָכדעם איז ער שוין אינגאַנצען אַנטשוויגען געוואָרען. אַראָבגעלאָזט די אויגען און אָנגעהויבען גלעטען דעם בלאָהען סערוועט. איצט איז שוין דער שווייגען געווען אַ שווערער און נאָגענדיגער. ס'האָט זיך געהערט, ווי אין קיך דערפרעגט זיך די שוויגער ביי דער דיענסט־מויד, צי מ'האָט אויף די קישענס ווייסע ציכען אָנגעצויגען; ווי זי געהט פון דאָרט מיט איהר שיקסע אין שלאָף־צימער אַריין און פּאָרקעט זיך לאַנג ביי דער שאַפּע, זוכענדיג דעם נויטיגען שליסעל; ווי זי העלפט דאָרט דער שיקסע די ציכלעך אָנציהען, געהט פון דאַנען צוריק אַהיים אַוועק און קוקט זיך דאָ אויף קיינעם נישט אום.

מאָנטשיק האָט זיך סוף כל סוף צעטראָגענערהייד מיט איהר געזעגענט און איז אַוועק צום פעטער יעקב יוסל'ען אין שטוב. אין פעדערשטיבעל האָט ער דאָרט נישט דערקענט עפּיס אַ לייטישען יונגען־מאַן, וואָס האָט איהם די האַנד געגעבען, און איז גלייך אַריין אינ'ם בעזונדערן חדר, וואו מ'האָט איהם איבעראַניים

אַרומגעשטעלט. די שוואַרצע אויגען האָבען בײ איהם געשטראַהלט: זײ האָבען אויסגעזעהן פֿערחלומ'ט און האָבען געקוקט אויף די אַרומיגע מיט זײער גאַנצער אויסגעגלאָטשטער גרײס:

— וואָס קען מען האָבען צו מירל'ען?.. ער איז דאָרט איצט געזעסען אַקעגען אַ שעה... זאָגענדיג דעם אמת: ער ווײס נישט, ווען ס'איז איצט ערגער — מירל'ען צי שמואליק'ען.

און דענסטמאָל, ווען די װײבער האָבען איהם ערשטוינט אָנגעקוקט און געוואָלט אָנהויבען חלומות צו איהם בטל'ען, האָט ער שוין צעטראָגען איבער'ן חדר אַרומגעשפּאַנט און האָט זײ נישט בעמערקט. זיך פּלוצים אָן עפּיס דערמאָנט און זיך נאָך אַמאָל אַקעגען זײ מיט אַנ'אויפֿגעהויבענעם פֿינגער אָבגעשטעלט:

— זי איז אַ קלוגע, האָט ער צו זײ װעגען מירל'ען מיט אָט דעם פֿינגער געשאָקעלט, — אַ דורכגעטריבענע איז זי... ער, מאָנטשיק, האָט גאָר פֿון אָנהויב אַזוי פֿיעל נישט געוואוסט.

מירעל האָט איהם בעמערקט, בשעת ער האָט זיך אַ חלומדיג-פֿערטראַכטער צוריק צום טראַמוואַי געלאָזט געהן און איז נאָהענט פֿאַרבײ איהרע פֿענסטער דורכגעגאַנגען. עפּיס איז איהר פּלוצים אַרײן אין קאָפּ, האָט זי איהם אין שויב אָנגעקלאַפּט און זיך דאָרט איבעראַניים מיט איהם רעדען אַװעקגעשטעלט:

— נײן, מאָנטשיק בעדאַרף װיסען פֿריהער: אויב ער אײלט זיך איצט אַהײם, איז אָט דער שמועס זײערער נישט איבעריג נויטיג.

איהרע אויגען מיט'ן פּנים האָבען דערבײ נישט געוואָלט װעגען עפּיס װיסען, און ער, מאָנטשיק, איז אַקעגען אָט דעם פּנים געשטאַנען, געדענקט, אַז ער האָט קײן צײט נישט, און האָט זיך דאָך געהאַלטען אין דער מעלה:

— וואָס? ער אײלט זיך? חס וחלילה... אַדרבא.

ער האָט פֿאַר איהר דרך-ארץ און געהט נאָכדעם צוזאַמען מיט איהר אין שטאָדט אַרײן. און אַז זי בעשטעלט איהם אויף מאָרגען אויך, האַלט ער זיך װידער אין דער מעלה און זאָגט איהר צו. אין קאָפּ דרעהען זיך בײ איהם געדאַנקען, אַז זי טראַכט די גאַנצע צײט װעגען עפּיס אַ זאַך, וואָס זי וויל בפֿיון פֿערשווייגען, ניט װעגען דעם, וואָס זי רעדט; אַז שמואליק'ן,

וועמען ער האָט ליעב, בעדאַרף ער עפּיס זאָגען וועגען איהר, דער אינטערעסאַנטער און קלוגער, וואָס איז שוין געוויס מיט איהם קיין פּאָר נישט. נאָר ווען ער בעגלייט זי אַהיים און געהט נאָכדעם איינער אַליין צוריק צום טראַמוויי, פֿערגעסט ער אָן אָט די אַלע געדאַנקען און פֿערטיעפֿט זיך צעטראָגענערהייד אין זיינע בייטאָגעדיגע געשעפֿטען. אינ'ם איבערפֿולטען בעלויכטעטען טראַמוויי־וואַגאָן זעצט זיך צו איהם צו דער זעלבער יונגער־מאַן, וואָס האָט איהם אַמאָל ביים פֿעטער יעקב־יוסל'ען אין פֿעדער־שטיבעל די האַנד געגעבען; דער יונגער מאַן רעדט צו איהם וועגען אַ בעקאַנטען געשעפֿט. און ער קוקט איהם אָן מיט גרויסע אויסגעגלאָצטע אויגען און איז ברוגז אויף זיך אַליין:

— מילא, ער, מאָנטשיק, זעהט זיך טאַקע איבער אַ טאָג מיט הונדערטער סוחרים, אָבער וואָס הייסט, ער דערקענט שוין קיין מענשען נישט?

VI

שפּעטליך אין אָבענד איז מירעל אין עטליכע טעג אַרום נאָך אַ מאָל מיט מאָנטשיק'ען אין שטאָדט אַריין געפֿאָהרען, דורכגעגאַנגען מיט איהם די צענטראַל־גאַס און דערזעהן נאָך פֿון ווייטענס, ווי ביי איינעם אַ ליידיגען ראָג וואַרט זיי אָב נתן העלער. ער שטעהט דאָרט איינער אַליין אין זיין ברייטען האַרבסט־מאַנטעל, האָט אַן'אומגליקליכען פּנים און קוקט איהר, מירל'ען, גלייך אין די אויגען.

כּדי נישט צו בעגעגענען זיך מיט איהם, איז זי באַלד מיט'ן פֿערטראַכטען מאָנטשיק'ען אַריבער אויפֿ'ן צווייטען טראָטואַר און איז מיט איהם דאָרט אַריינגעגאַנגען אין אַן'איבערגעפֿולטען, רוישיגען קאַפֿע־הויז, וואו קלעפּ פֿון טעלער האָבען נאָך פֿון פֿאַרנאַכט אָן מלחמה געהאַלטען מיט די שרייענדיגע נגונים פֿונ'ם אונטערגעריסענעם אָרקעסטער. נאָר ווען זי איז פֿון דאָרט אַרום האַלבער נאַכט מיט מאָנטשיק'ען אַרויסגעגאַנגען, איז דער בחור אין האַרבסט־מאַנטעל נאָך אַלץ אַקעגען קאַפֿע געשטאַנען און, ווי פֿריהער, גלייך אויף איהר געקוקט. דערזעהענדיג איהם, האָט

די אַזש אַ ציטער געטאָן און זיך ווי פון שרעק צו מאָנטשיק׳ען צוגעדריקט:

— מאָנטשיק איז אַ מבין, ווי יענער קוקט?

מאָנטשיק האָט אויף אַ רגע פון זיינע געשעפטס־געדאַנקען אויפגעוואַכט און איהר שאלה נישט פערשטאַנען. ער האָט געוואָרפען אַרום זיך אַ צעטראָגענעם בליק, נאָר גאָרנישט נישט בעמערקט. געהענדיג אין איין שורה מיט איהר האָט ער זיך באַלד ווידער פערטראַכט וועגען דער קוראָפּאָליער פּאַטיק־פאַבריק, וואָס געדט שלעכט און האַלט זיך ביי פערקויפען:

— יענע וואָך האָט זיך איהם איינגעגעבען צונויפצופיהרען די קוראָפּאָליער אַקציאָנערען מיט די קונים... ווען דער דירעקטאָר זייערער איז נישט אַזאַ הונט און אַזאַ כאַבאַרניק, וואָלט עפּיס די נייע וואָך געקענט דערפון אַרויס.

פּלוצים האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און האָט מיט צוויי פינגער דעם אָנגעברוגזט׳ען שטערן אונטערגעשפּאַרט:

— וואַרט... ער קען זיך בשום אופן נישט דערמאָנען, צי אויף דער טעלעגראַם, וואָס ער האָט ביי טאָג געקלאַפּט דעם דירעקטאָר, האָט ער זיך אונטערגע׳חתמ׳עט, צי ניין?

ער האָט זיך באמת שלעכט געפיהלט און אַ קוק געטאָן צו מירלען מיט אַזאַ בעטלערישען פּנים, גלייך ער נויטיגט זיך איצט שטאַרק אָן איהר רחמנות:

— מירעל מוז איהם מוחל זיין. ער מוז אויף אַ רגע׳לע אין נאָהענטען טעלעגראַף אַריינלויפען און דאָרט אַ ספּראַווקע מאַכען.

נאָר מירעל האָט איהם, דעם צעטראָגענעם, נאָך אַליין נעהענטער צום טעלעגראַף צוגעפיהרט און איהם דאָרט אויסגעזידעלט, פאַרוואָס ער וויל זי אַליין אין דרויסען נישט לאָזען:

— וואָס מאַכט ער קונצען, מאָנטשיק?... זאָל ער די רגע אַריין אין טעלעגראַף. זי וועט אָהן איהם אויך צו זיך אַהיים טרעפען.

ס׳האָט זי געצויגען צוריק, צו נתן העלער, די גאַנצע צייט, וואָס זי האָט צו מאָנטשיק׳ען גערעדט, און נאָכדעם, ווען זי איז איינע אַליין שטעהן געבליבען אויפ׳ן פּוסטען טראָטואַר און זיך

אומגעקוקט. „ער" איז נאָך אַלץ געשטאַנען דאָרט בײַם ראָג גאַס און האָט איהר נאָכגעקוקט. ער האָט דאָרט גאָרנישט ניט געוואָלט; ער איז נאָר געווען אונגליקליך — און האָט איהר נאָכגעקוקט.

פלוצים האָט זי זיך מיט׳ן פּנים צום פאָרשטאָדט אויסגעדרעהט און זיך געשווינד אין אַ דראָזשקע אַרײַנגעזעצט.

זי איז געווען אין כּעס אויפ׳ן געפיהל, וואָס ציהט זי צו צו איהם, אויף זיך אַליין, אויפ׳ן וואַלגערן זיך בײַ די זײַדענאַווסקי׳ס אין שטוב און אויף דעם, וואָס פון אַלץ, וואָס זי האָט אין איהר לעבען געטאָן, איז קיין אײנציגע נוצליכע זאַך נישט אַרויסגעקומען:

— אָט בעדאַרף זי אַ מיטעל צו בעפרײַען זיך פון שמואליק׳ן, און האָט איהם נישט.

— און אָט דרעהט זי זיך שוין עטליכע טעג מיט מאָנטשיק׳ן אין שטאָדט אַרום און קלערט בײַ איהם וועגען אָט דעם מיטעל פרעגען. און אינגאַנצען איז דאָס איבעריג און נאַריש... וואָרום ער, מאָנטשיק... ער איז שמואליק׳ס אַ קרוב און האָט איהם ליעב. און חוץ דעם...

— וואָס קען ער איהר דערויף זאָגען?

זי האָט נישט בעמערקט, ווי זי איז די פאָרשטאָדט־בריק איבערגעפאָהרען און איז צו דער עקסטער גאַס צוגעקומען. פלוצים האָט זי דערזעהן, ווי די פענסטער פון איהר שטוב, אַחוץ׳ן שלאָף־צימער, זענען אַלע שטאַרק בעלויכטען און בעריהמען זיך פאַר׳ן פינסטערן האַלב־נאַכטיגען דרויסען:

— געסט האָבען מיר, געסט, געסט.

זי האָט זיך ערשטוינט אין אָט די בעלויכטענע פענסטער אײַנגעקוקט:

— אפשר דער פאָטער איהרער, צי די מוטער... זי האָט זיי פון נאָך דער חתונה אַפילו קיין איין בריעף נישט געשריבען.

אָבער נאָך אין קאָרידאָר, וואו די דיענסטמיידעל האָט הינטער איהרע פלייצעס די טיר פערשלאָסען, האָט זי שוין בעמערקט, אַז ס׳איז קיין זאַך נישט געשעהן, און אַז קיין געסט זענען נישטאָ: — שמואליק איז נאָר נאָך אַ חודש וואַלגערן זיך פון ווארשא פּשוט צו־

ריק צו זיך אהיים געקומען. געקומען אזוי מארנע שטיל און א ביסעל שעמעוודיג — ער ווייס: קיין איבעריגער נחת ווארט שוין דא נישט אויף איהם.

דער קאפ מיט׳ן בערדיל זענען ביי איהם געווען אבגעשארען פון ס׳ניי און אזוי נידעריג, גלייך ס׳וואלט מארגען ערב־פסח זיין. זיין ליפטיגער אנצוג איז געווען א נייער, א ווארשאווער; די נייע שיך האבען אונטערגעסקריפעט. און אליין האט ער שוין אויך אויסגעזעהן אזוי ניי, צאפעלדיג און פריש — ס׳האט זיך געדוכט, אז ער איז נאר וואס פון באד געקומען, אז פאר דער צייט פון זיין זיצען אין גוראלניע און אין ווארשא האט ער אויף זיך געארבייט און האט זיך פון פיעל פון זיינע יונגעלשע תנועות אבגעוועהנט.

מירעל איז דא אין עס־צימער דורכגעגאנגען און זיך צו איהם נישט אומגעקוקט. ס׳איז איהם געווארען א בזיון פאר׳ן בעיאהרטען גרייז־גראהען און אונריינעם יודען — זייער אקסען־קויפער. דער יוד איז דא מיט׳ן שטעקען אין האנד און מיט די קאליע העליש־רויטע אויגען פאר׳ן טיש געזעסען און האט פערשפרייט ארום זיך א ריח פון א שארפען שמעק־טאבאק און פון ציגען־פלייש. און שמואליק האט שעמעוודיג דעם קאפ אראבגעלאזען און גענומען בייסען מיט די צייהן דעם שפיץ פון א שוועבעל־שטעקיל. די אויגען זענען ביי איהם געווארען פערטרערט.

מירעל איז שוין דערווייל געווען אין דער בעלויכטענער זאל. זי האט דארט דעם אויבערשטען סאק פון זיך אראבגעצויגען. און נישט געוואוסט, פארוואס זי איז פון עס־צימער נישט אריינגעגאנגען גלייך רעכטס אין פינסטערן שלאף־חדר. זי האט זיך געוואלט אן עפיס דערמאנען, נאר נישט געקאנט און געדענקט, אז שמואליק שטעהט אין צווייטען חדר; גענומען צוליעב עפיס נאך אמאל אנטון דעם סאק, נאר איהם באלד צוריקגעלעגט, און איז דורכ׳ן עס־צימער אוועק גלייך אין פינסטערן שלאף־חדר. זי האט דארט ניט אויסגעטאן די ענגע שווארץ־זיידענע קאפטעל מיט׳ן איינגעצויגענעם גארסעט און זיך גלייך אין בעט אוועקגעלעגט. זי האט זיך פערשטעלט מיט ביידע הענד דעם

פנים און זיך גענומען גרייטן צו דעם, וואָס ס׳וועט באַלד פאָר־
קומען:

— אַנ׳עק... איצט מוז שוין נעהמען אַנ׳עק...

ס׳איז געווען שטיל אין אַלע אַרומיגע חדרים. אין מיטען דער שטילקייט האָט זיך געהערט, ווי שמואליק שפּאַנט פּאַמעליך אַרום איבער׳ן עס־צימער, ווי דער ברודיגער יוד, דער אָקסן־הענדלער, האָט הנאה פון די פאָר טויזענד רובל ריוח, וואָס וועלען איהם איצט אויף זיינע קליינע פּראָצענטען אויספאַלען און קאָן זיך נישט אָבוואונדערן פונ׳ם מאַרק, וואָס שמואליק האָט אָנגעטראָפען:

— אַזאַ מאַרק, מעג ער זאָגען, — געדענקט מען נישט פון נאַפּאָלעאָנ׳ס צייטען אָן... וואָס רעדט ער, שמואליק? זיבען רובעל אַ פּוד?!...

זיינע קאַליע אויגען מיט די איבערגעקעהרטע רויטע וויעס האָבען איהם געשטערט. די טרערען זענען אַראָבגערונען אויף די באַקען און ערטערווייז דערגרייכט די גרייז־גראָהע, ברודיג־פער־גלטע באָרד, און ער האָט עס נישט געפיהלט, געשטופּט טאַ־באַק אין נאָז און געהאַלטען דעם שמייכלדיגען פּנים עטוואָס פערריסען, ווי אַ בלינדער, וואָס חלומ׳ט וואַכענדיג. ער האָט גע־חלומ׳ט וועגען נאָך איינעם אַזאַ גליקליכען מאַרק:

— איז אויב שמואליק וויל טאַקע באַלד נאָך סוכות ווידער אַמאָל קיין וואַרשאָ געהן, וועלען אין סטאַלינער וואָלאָווניע *) מוזען בלייבען די פּאָפּיוקער אַבטצעהן יאָלעווקעס **)... און די זיבען יעליסאַוועטער, וואָס שטעהען ביי דער טיר... יאָ, און דער לעבעדיגער, אָט דער וואָס מיט די גרויסע הערנער... אַ מאָדנע זאַך: אָט די דריי שטעהען שוין אָט אַ חשבון פון פערט־האַלבען חדשים, און נעהמען נאָך אויף זיך קיין לייב נישט... ער האָט זיי אַטאַפּ געטאָן אָט דאָ יענע וואָך, עט... עס הייסט נישט קיין לייב נישט... ער האָט פיינט אַזעלכע אָקסען.

דער יוד איז סוף כל סוף אַוועקגעגאַנגען, און די טיר האָט נאָך איהם שמואליק פערשלאָסען. די שטילקייט איז שוין איצט

*) אָקסן־שטאַל. **) נישט קעלביגע בהמות.

געווען אַ גאַנצע, ווי אין מיט דער נאַכט. און געהערט האָט זיך נאָר, ווי שמואליק שפּאַנט פּאַמעליך איבערן עס-צימער, ווי זיינע נייע שיך סקריפּען אונטער און דערצייהלען עפּיס וועגן דעם, וואָס איהם, דעם בעל-הבית זייערן איז שלעכט; וועגן דעם, וואָס ער טראַכט איצט וועגן איהר, מירלען, וואָס ליגט אין פֿינסטערן חדר אין בעט. האָט זי ליעב, וויל צו איהר אַריינגעהן, נאָר קען נישט און ווייס נישט, ווי אַזוי; פֿיהלט, אַז ער איז אונגליקליך, און אַז אייביג, אייביג וועט שוין פֿון איהם אָט דער אונגליק נישט אַוועק:

— און אָט איז ער איצט, אַשטייגער, נאָך פֿיער וואָכען צייט צו זיך אַהיים געקומען...

געלד האָט ער גאָר נישקשה'דיג פֿערדיענט... ער ווערט אַ גביר... קאָפּטען מיט מתנות האָט ער מירלען אַהיים אָנגעקויפֿט... ער האָט געמיינט, זיי וועלען איהר געפֿעלען, האָט ער געמיינט... און נאָך האָט ער געמיינט:

— ער וועט נאָך זעקס וואָכען אַהיים קומען, וועט זי מיט איהם רעדען אָנהויבען...

ער האָט נאָך אַלץ געביסען מיט די צייהן דעם שוועבעל-שטעקעלע, און אין די אויגען זענען איהם נאָך אַלץ געשטאַנען די טרערען:

— אַז זי האַלט איהם פֿאַר אַ נאַר, מירעל.

פֿאַר די אויגען איז איהם געשטאַנען איהר פּנים — אַ פֿרישער און עטוואָס שמעקענדיגער. איצט ליגט זי דאָרט אין צווייטען פֿינסטערן חדר אויפֿן בעט און האַלט פֿערמאַכט די אויגען. — אפֿשר שלאָפֿט זי שוין דאָרט, און אפֿשר נייןן. ער האָט געוואוסט:

ווען ער געהט איצט צו איהר צו, וואָלט ער איהר נישט געהאַט וואָס צו זאָגען. און דאָך איז ער אַהין געגאַנגען, פּאַמעליך, טריט ביי טריט, זיך אַלע מאָל אָבגעשטעלט, דעם אַראָבגעלאָזטען קאָפּ נישט אויפֿגעהויבען, און האָט געדענקט:

— זי האַלט איהם פֿאַר אַ נאַר, מירעל.

ער האָט די שוועל פֿון פֿינסטערן חדר אַריבערגעטראָטען און זיך אָבגעשטעלט. די שיין פֿונ'ם בעלויכטענעם עס-צימער האָט אַהער דער-

גרייכט, אַקעגן, אין בעט, האָט זיך שוין געוועבט איהר פיגור — אַ שלאַנקע און בויגיגע פיגור, אַנ׳ענג-איינגעצויגענע אינ׳ם שוואַרצען שמאָלען קלייד. פּאַמעליך, פּאַמעליך איז ער צו איהר מיט אַנאַראָפּגעלאָזטען קאָפּ געגאַנגען; געטאָן אַ שפּאַן, זיך אָפּגעשטעלט און ווידער אַ שפּאַן געטאָן. איצט האָט ער שוין געזעהן איהר פּנים. פֿערוואָרפֿען עטוואָס אַרונטער איז ער היך אין קישען געלעגען, און די אויגען זענען געווען פֿערמאַכט. אַ ווײלע איז ער פֿאַר׳ן בעט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגען געשטאַנען. ער האָט געוואוסט, אַז ער בעדאַרף זיך צוריק אומקעהרען און איז דאָך נאָך נעהענטער צוגעגאַנגען, דערזעהן איהר אַראָפּגעלאָזטע האַלב-אויסגעצויגענע האַנד אויפ׳ן זייטעל פֿון בעט און זי שטיל פֿאַר אָט דער האַנד אָנגענומען.

ער איז געשטאַנען אַזוי שטיל, שטיל, האַלטענדיג איהר האַנד, און האָט שטיל צו וויינען אָנגעהויבען.

זי האָט ביי איהם די האַנד נישט אַוועקגענומען. ער האָט געהערט: זי האָט ווי פֿון האַלבען-שלאָף אַ זיפֿץ געטאָן און האָט געזאָגט מיט אַ מאָנאָטאָניש שטילען און פֿערשלאָפֿענעם קול:

— וואָס בעדאַרפֿסטו מיך, שמואליק?

דענסטמאָל האָט ער זיך אויפ׳ן בעט אַראָפּגעזעצט און האָט כליפּען אָנגעהויבען. ער האָט געקושט איהר האַנד, ער האָט פֿיעל געקושט אָט די האַנד. זי האָט די אויגען נישט געעפֿענט און געשוויגען. ער האָט זיך נעהענטער צו איהר צוגערוקט און זי אַרומגענומען. זי האָט נאָך אַלץ די אויגען נישט געעפֿענט און געשוויגען. און דאָרט, אין קיך, האָט זיך שוין די שטאַרק-פֿערשלאָפֿענע דיענסטמיידעל אויף אַ ווײלע פֿון שלאָף אויפֿגעכאַפּט. — זי האָט געשלעפּט די באָרוויסע פֿיס איבער דער פּאָדלאָגע, אַרומגעגאַנגען פֿון חדר צו חדר און האָט אויסגעלאָשען די לאָמפּען.

VII

אַ טאָג נאָך ראש השנה, ווען שמואליק איז אויף אַ פּאָר שעה אין גוראַלניע אַריין צוגעפֿאָהרען, האָט מירעל אין איהר געלעגן

לעדערנעם סאַק עטליכע זאַכען פֿערפּאַקט און זיך געגרייט נאָך אין דעם זעלבען טאָג אַוועקפֿאָהרען צו איהר פֿאָטער אַהיים.

זי האָט דערבײַ צו קיינעם קיין וואָרט נישט אויסגערעדט און האָט זיך געהאַלטען פֿעסט בײַ איהר בעשטימטען פּלאַן:

— איצט נעהמט שוין געוויס צו אַליין אַניעק... זי ווערט ניצול פֿון די זיידענאָווסקי'ס.

בײַ דער שוויגער אין עס־צימער האָט זיך דענסטמאָל בײַטאָג שוין שטאַרק דער צום־גדליה־תענית געפֿיהלט. דער בעל־הבית איז דאָרט אויבען־אָן אויף זײַן ברייטען, כבוד־זולערשען שטייגער געזעסען, און אַ פֿערמעגליכע הורכפֿאָהרענדיגע קרובה האָט דאָרט לאַנג מיט איהר מאַן דעם למדן פֿערבראַכט און האָט צו הויך אויף איהר קליינשטעדטילדיגען קול גערעדט.

מ'האָט געשמועסט וועגען דער וואַרשאַווער מוהמע פּעריל, אַז, ווי שמואליק דערצעהלט, האָט זי זעהר אַ גוט יאָהר געהאַט; אַז דער היגער מוהמע אסתר'ן איז איצט, קיין עין־הרע, אפֿשר בעסער, ווי בשעת דער מאַן איהרער האָט געלעבט, און זי פֿאָהרט אַלע זומער קיין אויסלאַנד; און אַז מאָנטשיק, וואָס האַלט זי אויס, איז געבוירען געוואָרען פּונקט אינ'ם יאָהר, וואָס בײַם פֿעטער עזריאל־מאיר איז געשטאָרבען די ערשטע ווײַב; ער איז שוין אַלט זעקס און צוואַנציג יאָהר און פֿערדיענט גרויסע געלדער, — נאָר ער האָט צייט און רעדט קיינמאָל נישט וועגען חתונה האָבען.

פּלוצים איז עמיצער פֿון די אייגענע אַריינגעקומען און האָט דער שוויגער אויפֿ'ן אויער מירעל'ס סוד אַיינגעראָמט. די שוויגער האָט עס באַלד אויפֿ'ן מאַנס אויער איבערגעשעפּטשעט, גענומען איהם קוקען גלייך אין פּנים אַרײַן, און דערבײַ מאָדנע געפֿינקעלט מיט די אויגען. די לעצטע עטליכע טעג האָט שמואליק אויסגעזעהן אַזוי פֿרעהליך. דעם צווייטען טאָג ראש־השנה בײַטאָג האָט מען איהם געזעהן שטעהן צוזאַמען מיט מירלען אויף די גאַניק־טרעפּלעך אַקעגען דער זון, און זי, די שוויגער, האָט שוין אַפֿילו נאָכדעם געפֿרעגט אַניעצה בײַ מרים לובאַשיץ:

— אַשטייגער, ווער צו ווערען בעדאַרף, נאָך מרים'ס יושר, אָנהויבען פֿריהער צו רעדען? אַ? אַוודאי קומט, אַז מירעלע זאָל פֿריהער אָנהויבען, אַ?

די שוויגער איז באַלד מיט'ן שאַל אויף די אַקסלען צו מירלען אין פליגעל אַריינגעקומען און דאָרט אָנגעהויבן פאָרזיכטיג צו רעדן, פריהער צו דער דיענסט־מיידעל, און נאָכדעם נאָך פאָרזיכטיגער צו איהר, מירלען אַליין:

— אויף לאַנג פאָהרסטו, מירעלע?

און נאָך:

— אפשר ווילסטו צו־וואַרטען אויף שמואליק'ן?

מירעל האָט זיך געדרעהט צווישען איהרע צוויי פעקלעך מיט אַנ'ערנסטען פער'עקשנ'טען פנים, גענומען אויף גיך דעם אויבערשטען מאַנטעל אָנטון, געשיקט נאָך אַ דראָזשקע און דערביי אויף דער שוויגערס שאלות געענטפערט אָפּגעהאַקט און קורץ:

— זי וויים נישט.

— זי וועט זעהן.

— זי קען נישט וואַרטען.

אַזוי שטאַרק איז זי איצט מיט איהר פלאַן ביי זיך געבליבען; ס'איז איהר שוין אַפילו געווען אַ חידוש אויף זיך אַליין:

— אָט די פשוט'ע זאַך האָט זי דאָך גרינג געקאָנט טון צוריק מיט אַ חודש און מיט צוויי... וואו איז איהר די גאַנצע צייט דער קאָפּ געווען?

אין משך פון דער גאַנצער אַכטצעהן־שעה'דיגער באַהן־רייזע האָט זי זיך געפיהלט אַזוי גרינג און פריש, גלייך ווי פיעל פון איהרע אַמאָליגע און איצטיגע האָפענונגען העגען אָב דוקא אָן דער נסיעה, און גלייך ווי פון איצט אָן הויבט זי אָן צו לעבען פון ס'ניי, לחלוטין פון ס'ניי. ס'איז געווען איבעריג גוט אָבצושטעהן גאַנצע האַלבע שעה'ן ביים ריינעם, ברייטען פענסטער פון וואַגאָן צווייטען קלאַס און צו קוקען אויף די פרעמדע שטיבלעך, אויף די אונבעקאַנטע פעלדער און האָריזאָנטען, בעפוצטע מיט סעדער און וועלדלעך, וואָס בעווייזען זיך געשווינד דעם גיך־לויפענדיגען צוג און בלייבען אויך אַזוי געשווינד פון הינטען. ס'האָבען זיך בשעת מעשה געדענקט די איינענע בלויע אויגען, וואָס קוקען אַרויס מיט גרויס אומעט פון אונטער די לאַנגע שוואַרצע וויעס. ס'האָט זיך אויך געדענקט, אַז זי, די שלאַנק־וואוקסיגע און שוואַרץ־געקליידעטע, איז איצט פריי און איינע אַליין צווישען אָט די אַלע פרעמד־פנימ'דיגע

רייזענדער, וואָס קוקען אויף איהר מיט שטאַרק־נייגעריגע אויגען יעדעס מאָל, וואָס איהר קומט אויס נאָהענט נעבען זיי דורכגעהן, טרעטען איהר מיט גרויס דרך־ארץ אָב הדעם וועג און דערוועגען זיך דאָך נישט מיט איהר רעדען אָנצוהויבען. איינער אַ בלאָנדין, וואָס האָט, זיצענדיג אַקעגען איהר, די גאַנצע צייט געשלונגען מיט גרויס אינטערעס די בלעטער פֿון זיין דייטשען בוך, האָט צולעצט אויף איהר אַ היבשע ווײלע די אויגען אָבגעשטעלט און זיך לייטיש דערפֿרעגט:

— נישט מיט איהר האָט ער זיך פֿאַר צוויי יאָהרען אין איטאַליען בעגעגענט?

אויף אַ גרויסען וואָקזאַל, וואו דער שטאַרק־פֿערשטויבטער צוג האָט אַ גאַנצע האַלבע שעה אָבגעאָטעמט, האָט איהר לאַנג נאָכגעקוקט אַ וואוקסיגער און רייכער קריסט — אַ יעגער, בײ וועמען ס'איז איבער די פּלייצעס אַ צווייערהענדיגע ביקס געווען אַריבערגעוואָרפֿען. ער האָט זיך אַרומגעדרעהט בײם טיש, וואו זי האָט אין וואָקזאַל געפֿריהשטיקט, און זיך צולעצט פּונקט אַקעגען איהר געזעצט טיי טרינקען.

פֿאָהרענדיג אויפ'ן צווייטען טאָג פֿונ'ם לעצטען וואָקזאַל מיט דער פֿוהר, האָט זיך נאָך אָט דאָס אַלץ געדענקט, און געטראַכט האָט זיך דערביי מטושטש'דיג און גרינג וועגען אַ נייעם לעבען און וועגען דעם, וואָס זי האָט גוט געטאָן דערמיט, וואָס אויף שמואליק'ס מיט דער שוויגער'ס אָנפֿראַגען האָט זי געענטפֿערט אונבעשטימט און קאַלט:

— זי ווייס נישט, זי וועט זעהן.

אָבער נאָך אין יענעם זעלבען טאָג, אַרום איינס אַזייגער, ווען די אונגעריכטע בעל־עגלה'שע פֿוהר איז מיט איהר אין אָנהויב שטעדטיל אַריינגעפֿאָהרען, האָט אויף איהר פֿון די אַלט־בעקאַנטע פֿערמרה־שחורה'טע הייזער מיט'ן אַמאָליגען יאוש אַ בלאָז געטאָן, און דערפֿיהלט האָט זי אין זיך צוריק אַזוי שטאַרק די מיידעל'שע וואָכענדיגע פּוסטקייט, גלייך זי איז קיינמאָל פֿון דאַנען נישט אַרויסגעפֿאָהרען און איז איצט אַהער נישט געקומען.

די גאַנצע נישטיגע און פֿאַראָרימטע שטעדטעלע מיט איהרע

אַלט־בעקאַנטע אָרימע און צעוואָרפענע הייזער איז ווי פערגלי־
ווערט געוואָרען אויף דער איינציגער לאַנגאָנעדיגער מחשבה:
— נישט צום איבערמאַכען איז דער אונגליק... און נישט
צו האָפען איז פאַרהאַן אויף וועמען...
און דאָרט, אַ ביסעל נידעריגער, האָט שוין פון הינטער'ן מאַרק
אַרויסגעקוקט איהר פאָטער'ס שטוב מיט'ן גאַניק; זי, די שטוב איז
דאָרט, ווי תמיד, אומעטיג געשטאַנען און נאָך אַליך דערצעהלט
יעדען מענשען, וואָס איז נעבען איהר פעדערשטער וואַנט אַדורכגע־
גאַנגען:
— שוין חתונה געהאַט מירעל... שוין דאָרט, אין פאַר־
שטאָדט פון כרך, מירעל.
קיינער איז זיך מיט איהר זעהן נישט געגאַנגען, און קיינער
האָט זיך מיט איהר קומען נישט דערפרעהט. אין שטוב זענען קיין
שנויים נישט פאָרגעקומען. גיטעלע האָט נאָר גענומען דעם שבת־
דיגען פאַריק אויף אין דער וואָכען, און די צירונג איהרע האָט נאָך
אַליך געפעהלט. דערזעהענדיג צום אָנהויב מירלע'ן, האָט זי זיך
פאַמעליך, פאַמעליך אויפגעשטעלט פונ'ם בענקיל, וואָס פאַר'ן קיי־
לעכיגען טיש, געוואָרען רויט און קוים קוים שמייכלען אָנגעהויבען:
— זעה נאָר, האָט זי שעמעוודיג און שטיל אַ זאָג געטאָן —
מירעלע...
און איבער עפּיס האָט זי נאָך אַליך נישט אָבגעלאָזט דעם
בלאַט פון קיילעכיגען טיש, וואָס אויף איהם האָט זי ביידע הענד
געהאַלטען. ס'איז איהר, אפנים, שטאַרק מאָדנע געווען סיי דאָס,
וואָס מירעל איז איצט פלוצים און אונגעריכט אַהיים געקומען, סיי
דאָס, וואָס פאַר די גאַנצע פערטהאַלבען חדשים פון איהר וואוי־
נען אין פאָרשטאָדט פון כרך האָט מען פון איהר קיין תמונת
אות נישט געזעהן, און נאָר שמואליק האָט צוגעשריבען פאַר איהר
גערוסען אין יעדען בריעף.
— „ס'לאָזט אייך גריסען זוגתי היקרה מרת מירל'ה תחי'.
גלאַט אַזוי, אַפנים, האָט שוין גיטעלע צוגעגעבען:
— זי האָט זיך אויפ'ן פנים גאָרנישט ניט פערריכט, מירעלע.
און באַלד האָט זי ביי דער דיענסט־מיידעל צוגענומען די
קאָמפּרעסען און איז אַוועקגעגאַנגען זיי צולעגען אין שלאָף־צימער

ר׳ גדליה׳ן, בײַ װעמען ס׳האָט זיך די לעצטע צײַט װידער אַמאָל אָבגערופֿען די װינטערדיקע חולאת.

אָנגעטאָנערהײד איז ער דאָרט אין אײנעם פֿון די צװײ אַלטע הילצערנע בעטן געלעגן. ער האָט געהאַלטן דעם בלעכענעם קאָמפּרעס בײַם בויך און האָט נישט געקרעכצט.

— כּ׳ליג, האָט ער דאָרט מירלען געזאָגט און האָט דערבײַ שעפּעוודיק אַ שמײכל געטאָן, — כ׳בין ערשט בײַטאָג אַרומאַרומגעגאַנגען.

זײַן פּנים האָט אויסגעזען געל און ערגער, װי אַלע מאָל, און דער שמײכל האָט שוין מער צו זײַן שפּיציקער נאָז נישט געפּאַסט.

קוקנדיק אויף אים, האָט זיך איבער עפּיס געטראַכט, אַז ער װעט שוין קײן סך נישט לעבן, אַז דער קול זײַנער איז שוין געביטען, װי דער קול פֿון אַ מענטשן, װעמען מ׳האָט שוין אויפ׳ן הימל אַרויפגערופֿען און אים דאָרט זײַן בוך מיט׳ן גזר-דין באַװיזן:

— נאַ קוק: שטאַרבן װעסטו... װען? — דאָס איז נישט דײַן זאַך.

פֿאַרנאַכט, װען דער װעכטאָג איז בײַ אים איבערגעגאַנגען, האָט ער זיך פּונ׳ם בעט אויפגעהויבן און האָט געהײסן די פֿוהר שפּאַנען, כּדי אין קאַשפּעריװקער װאַלד אַװעקצופֿאָרן. ער האָט דאָרט געמוזט זײַן. ער האָט אָנגעטאָן דעם פֿאָהר-כאַלאַט, צוגעגאַנגען צו מירלען און, טראַכטענדיק װעגן עפּיס, געשטאַנען פֿאַר איהר אַ װײַלע מיט אַן׳אַראָבגעלאָזטען קאָפּ.

אין דרויסן האָט שוין אויף אים די געשפּאַנטע פֿוהר געװאַרט, און גיטעלע איז אין חדר נישט געװען.

מעגליך, אַז ער האָט געטראַכט װעגן דעם, װאָס איהר, דער צוגעפּאַסט-געקומענער טאָכטער, װאָלט ער איצט באַדאַרפֿט אַ מתּנה געבן און האָט נישט בײַד.

פּלוצים האָט ער בײַ איהר געפֿרעגט:

— װי לעבט זיך איהר עפּיס? ער מײנט: װי לעבט זיך איהר מיט שמואליק׳ן? — קײן שלעכטער מאַן באַדאַרף ער נישט זײַן..

נאָר אַלײן האָט ער שוין, אַפּנים, דערפֿילט, אַז ס׳איז נישט

דאָס, וואָס ער האָט איהר זאָגען געוואָלט, און זיך פערשעמט. ווידער דעם קאָפּ אַראָבגעלאָזען, געטראַכט אַ ווײלע און זיך צולעצט אויפגעכאַפּט:

— טאַ! וועלען מיר גערן פאָהרען.

וועגען עפּיס האָט באַלד נאָך זײן אַוועקפאָהרען שטיל און פאַמעליך די שווײגענדיגע גיטעלע אָנגעהויבען דערצעהלען:

וועגען דעם, וואָס דער קאַשפּעריוקער וואַלד איז שוין גאָרנישט אַזאַ מציאה, ווי מ׳האָט געמײנט, האָט זי דערצעהלט; וועגען דעם, וואָס דער קרוב זײערער — דער קאַסיר האָט שוין בײ זײ נישט וואָס צו טון און איז שוין אויף אַ שטעלע בײ די סוחרים־שותּפים פון קרײז־שטעדט:

— נו, און אַ מענש איז ער דאָך פון תּמיד אָן אַ פעהיגער, אַנאיבערגעגעבענער און אַ בעטראַכטער. וועלוויל בורנעס האָט דוקא געשיקט צו איהם, ער זאָל איבערגעהן צו זײן פאָטער, און האָט איהם געוואָלט געבען טויזענד רובעל אַ יאָהר... איך מיט גדליה׳ן האָבען איהם דוקא צוגערעדט... און אַברהמ׳יל דער רב האָט איהם אויך געמאַכט פאַר אַ משוגע׳נעם... נו, איז ער דאָך אַניעקשן, האָט ער נים געוואָלט.

און נאָכדעם האָט מען געטרונקען טײ און נישט געהאַט מעהר וואָס צו רעדען. און נאָכדעם איז מירעל לאַנג אײנע אַלײן אין דרויסען בײ דער טיר געשטאַנען און האָט אויפ׳ן שטעדטיל געקוקט:

אַלץ איז דאָרט, ווי שטענדיג, געווען פּוסט און תּשובה׳דיג געפאַלען. שפּעט אין בין השמשות איז די פאַר־צוויי־יאָהריגע לעהרערין פאָליע געגאַנגען צו דער אַקושאָרקע שאַץ, וואָס וואוינט אויפ׳ן דאָרף, אין דער געהילפס־פּראָוויזאָר סאַפּיאַן האָט איך אַהין אַוועקגעשפּאַנט, און דער קרומער סטודענט ליפּקים... און אין שטעדטיל איז געווען טונקעל און קיהל, און אַ ווינטעל האָט זיך געיאָגט נאָכ׳ן מאַרק־שטויב. און וואָווע בורנעס האָט שוין געוואוסט, אַז זי איז געקומען און איז דערפאַר אַזוי פריה צו זיך אויפ׳ן פּאָלוואַריק אויף נאַכטלעגער אַוועקגעפאָהרען. און נאָר אין דער היבשער סאַדעגערער קלויז, וואָס האָט מיט איהרע בעלויכטענע פענסטער פונים קעגענאיבערדיגען הינטער־געסיל אַרויסגעקוקט, האָבען זיך געשאָקעלט

תשובה'דיג דערשלאָגענע יודען און האָבען מיט גוואַלדיג-טרויעריגע קולות נאָכגעשריגען דער חזן:

— לדוד!!!

עפּיס אַ געפּאַקטער און פריש-אויסגעשלאָפענער בחור מיט אַ פרעמדען אינטעליגענטיש-פערגרעבטען פּנים — אַפּנים, אַ נייער לעהרער אין תלמוד-תורה, — האָט דאָ גאָר נאָהענט הורכגעשפּאַנט אין דער פינסטער פון קיהלען תחילת אָבענד. ער האָט ווי אַ ציטער געגעבען מיט זיין גאַנצען קרעפטיגען קערפּער און אַ טראַכט געטאָן מיט פערגעניגען:

— דאָרט, וואוהין ער שפּאַנט, וועט זיין ליכטיג און וואַרים;
אַ לאָמפּ וועט ברענען איפ'ן טיש מיט די אָנגעגאָסענע גלעזער טיי,
און אַ ווערטיל וועט מען דאָרט קענען זאָגן.

נאָר איהר, מירלע'ן, האָט איצט שוין אַלץ אויסגעזעהן אַזוי איבעריג און נאַריש. נאַריש איז געווען דאָס, וואָס, פאָהרענדיג אַהער, האָט זי די גאַנצע צייט אויף עמיצען אַ האָפענונג געהאַט. נאַריש איז געווען דאָס, וואָס ביי דער אַקושאָרקע אינ'ם בעלויכטענעם גוי'אישען שטיבעל האָבען זיך איצט צונויפגעקליבען פּונקט דיזעלבע, וואָס האָבען זיך שוין אַהין צונויפגעקליבען פאַר-צוויי-יאָהרען, און רעדען איצט דאָרט פּונקט דאָסזעלבע, וואָס זיי האָבען שוין דאָרט גערעדט פאַר-אַ-יאָהרען. אַלע: די אַקושאָרקע, פּאָליע, סאַפּיאַן, ליפּקים, זענען נישט צופרידען מיט'ן לעבען, נאָר קיינער פון זיי טוט גאָרנישט, כדי אָט דאָס לעבען איבערצומאַכען. און אויף דער וועלט זענען פאַרהאַן פיעל אַזעלכע נישט-צופרידענע אַקושאָרקעס, פּאָליעס, סאַפּיאַנס, און אַלע קומען זיי זיך איצט אין אָבענד צונויף אין בעלויכטענע הייזער, וואָס אין פערשיידענע שטעדט און שטעדטלעך, און אַלע געהען זיי נאָכדעם אַוועק צו זיך אַהיים און טוען דאָרט ווייטער דאָס, וואָס זיי האָבען שוין געטאָן נעכטען, דאָס, וואָס ס'איז שוין פיעל מענשען פאַר זיי נמאס געוואָרען צו טון.

און סוף כל סוף.. איצט, אין אָט דעם קיהלען פאַרנאַכט, וואָס נעדמט אַרום די וועלט...

— ערגי'ץ מוזען דאָך איצט, סוף כל סוף, זיין אַזעלכע, וואָס פּרובען טון עפּיס אַנדערש.

וועז זי איז צוריק אין שטוב אַריינגעגאַנגען, האָט דאָרט

אין עס־צימער שוין פֿון לאַנג דער הענג־לאָמפּ געברענט, און ליבקע די רבי'צין איז שוין דאָרט פֿון לאַנג געזעסן, געשמייכעלט צו דער שווייגענדיגער גיטעלען און דערביי וועגן איהר, מירלע'ן, עפּיס גאָר אַ ציניש ווייבערשע זאַך געזאָגט.

— אַזוי גאָר?..

מירלע'ן איז דערפֿון געוואָרען שטאַרק עקעלדיג און שווער. זי איז אַריינגעגאַנגען אין איהר געוועזענעם חדר, וואָס קעגענאיבער דער פֿינסטערער זאַל, זיך אָבגעשטעלט און איהם ביי דער שיין פֿון לאָמפּ בעטראַכט. אַלץ איז דאָרט געווען וואָכענדיג: די טישלעך נישט צוגעדעקט; די לופֿט קאַלט, גלייך אין דרויסען וואָלט איצט ווינטער געווען, און מ'האָט שוין דאָרט די הרובע פֿון אַ חודש צייט נישט געהייצט; אין דער ליידיגער שאַפֿע איז געהאַנגען איהרע אַנ'איבערגעלאָזטע קליידעל מיט אַנ'אָבגעטראָגענעם האַרבסט־רעקיל, אַ קורצען און אויף וואַטע. דער געלעגער איז געווען נישט פֿערבעט, נאָר איבערגעדעקט, אַזוי אַז די קאָפּ־קישענס האָבען פֿון אונטער דער קאָלדרע גלייך מיט דער איבערבעט אַרויסגעשטעקט. און געדוכט האָט זיך איבער עפּיס, אַז ס'איז פֿיעל גרינגער אייביג נע־ונד צו זיין, איידער אין אָט דער בעט זיך נאָך אַמאָל אַריינצולעגען.

ס'איז איהר געווען שווער מעהר דאָרט צו בלייבען. איז זי צוריק אין עס־צימער אַרויסגעגאַנגען, זיך דאָרט ביים טיש געזעצט, אונטערגעשפּאַרט מיט ביידע הענד דעם קאָפּ, געטראַכט אַ ווילע און זיך פּלוצים אָנגעהויבען דערפֿרעגען וועגען די צוגען, וואָס גערען אָב אין כרך:

— צוויי צוגען געהען, דוכט זיך, אַהין אָב... זי ווייס נישט, מיט וואָסערן ס'איז פֿאַר איהר גלייכער מאָרגען אַהיים צו פֿאָהרען: מיט'ן אינדערפֿריהענדיגען, צי מיט'ן פֿאַרנאַכטיגען.

גיטעלע האָט צוגעשמייכעלט און פֿערוואונדערט עפּיס געפֿרעגט. די רבי'צין האָט עפּיס צוגעגעבען. מירעל האָט נישט געהערט וואָס. די אויגען האָבען ביי איהר נאָך אַלץ געקוקט ערגיץ וואוהין פֿאַר זיך.

— איז, הייסט עס, מאָרגען — צוריק אַהין, אין פֿאָרשטאָדט פֿון כרך...

פֿון אָט דער גאַנצער נסיעה איהרער האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בּוידעם. דאָ, אין שטוב, קען זי שוין קיין איבעריגע שעה נישט בּלייבּען. זי אַליין מוז שוין געפֿינען פֿאַר זיך אַ וועג, ווי אַזוי דאָס איינענע לעבּען צו ראַטעווען. און אויב זי קעהרט זיך איצט אום צוריק אין פֿאָרשטאָדט, איז דאָס יעדענפֿאַלס נישט אויף לאַנג... גאָר אויף אַ קורצער צייט קעהרט זי זיך איצט אַהין אום.

VIII

זי איז אָנגעקומען צוריק אין פֿאָרשטאָדט אויפֿ'ן דריטען טאָג בּיינאַכט, ווען אַלע זענען שוין געשלאָפֿען. זי האָט אויסגעזעהן אויפֿ'ן פּנים שלעכט, ווי נאָך אַ שלאַפֿקייט, און האָט ניט גערעדט צו קיינעם. געלעגען אָנגעטאָנערהייד אין בּעט און איז עטליכע טעג פֿון שטוב נישט אַרויסגעגאַנגען. בּיי שמואליק'ן אין קאַבּינעט זענען איינינע בּיכער געווען. האָט זי זיי איינציגווייז צו זיך אין שלאָף־צימער איבּערגעטראָגען, און געוואַלגערט האָבּען זיי זיך דורכאויס אַרום בּעט, וואו זי איז געלעגען. איצט האָט זי צו שמואליק'ען גאָרנישט ניט געהאַט — נישט בּעסער און נישט ערגער האָט ער איהר שוין געקאָנט מאַכען. און אַזוי פֿעסט איז שוין בּיי איהר בּעשטימט געווען, אַז זי געהט פֿון איהם אין גיכען אַוועק. זי האָט נאָר נישט געקענט פֿערליידען, וואָס ער דרעהט זיך אַמאָל אַרום בּיי איהר אין חדר, נישט געקוקט צו איהם און איהם נישט געענטפֿערט, אויב ער האָט גערעדט צו איהר.

שמואליק, האָט געוואוסט, אַז פֿון דעם פֿאָטער איהרען האָבּען זיך די דאָקטוירים מיאש געווען — אבֿרהמ'יל דער רבֿ האָט עס איהם אין אַ בּריעף געשריבּען; די מאַמע זיינע האָט זיך גע'חידוש'ט דאָרט בּיי זיך אין שטוב און האָט בּשום אופֿן נישט געקענט פֿערשטעהן:

— וואָס הייסט? אַ פֿאָטער איז מסוכּן שלאַף — ווי זיצט אַ טאָכטער נישט אָב בּיי איהם כאָטש אַ פּאָר טעג?

ער האָט צום דריטען מאָל געפּרובּט בּיי מירל'ען וועגען

דעם אַ פֿרעג טון, איז זי געוואָרען אויפֿגערעגט און האָט איהם די רייד איבערגעריסען:

— זי ווייס נישט... זי ווייס נישט...

דענסטמאָל האָבען זיך בײַ שמואליק׳ען אין די אויגען טרערען געשטעלט, און אַוועקגעגאַנגען איז ער אין עס-צימער צום פֿענסטער, געשטאַנען דאָרט אַ ווײַלע און האָט מיט אַט די פֿאַרטרערטע אויגען צום פֿאַרוואָלקענטען דרויסען אַרויסגעקוקט. ס׳איז איהם געווען שלעכט, און קיין געדאַנקען האָט ער אין מח נישט געהאַט. ער איז פֿון הסח-הדעת וועגען אַוועקגעגאַנגען צום פֿאָטער אין דער גרויסער שטוב. האָט מען דאָרט עפּיס איף זיין פּנים בעמערקט, און די שוויגער האָט איהם בסוד אין אַ זייט אָבגערופֿען:

— וואָס-זשע, שמואליק? שוין ווידער עפּיס אַ נייעס?

נאָר ער האָט דערשלאָגענערהייד געמאַכט אַ פּנים פֿון אַנ׳ערנסטען מאַנספּיל און אפֿילו די ברעמען אָנגע׳ברוגז׳ט:

— ניין, ווער זאָגט דען?.. ניין... גאָרנישט...

און באַלד איז ער אַוועק צום פֿאָטער אין קאַבינעט, וואו ס׳האָבען זיך געפֿונען דריי מענשען פֿון פֿערשיידענע אָקסען-שטאַלען און האָבען געשמועסט וועגען גיהן מיט אַ נייער פּאַרטיע קיין וואַרשאַ. דער פֿאָטער האָט דאָרט בײַ איהם וועגען דעם געפֿרעגט, האָט ער ניט געוואוסט, וואָס מ׳רעדט צו איהם, און געענטפֿערט:

— אַ?

חול המועד סכּות בײַ-טאָג איז מען בײַ דער שוויגער אין עס-צימער געזעסען אַרום לאַנגען ווײַס-פֿערשפּרייטען טיש און געטרונקען טיי. כּמעט אַלע שטאָדט-קרובֿים זענען דאָרט צוליעב יום-טובֿ צונויפֿגעקליבען געווען. מ׳האָט אויסגעזעהן לוסטיג און בכּיון נישט געוואָלט אין זינען האָבען מירל׳ען. די שוויגער אַליין האָט נאָר וואָס אַ טראַכט געטאָן, אַז מיט שמואליק׳ען האַלט שלעכט. נאָר דער קאָפּ איז בײַ איהר געווען אַזוי טעמפּ. זי האָט באַלד אָן דעם פֿערגעסען און גענומען נאַריש פֿינקלען מיט די אויגען.

מ'איז דאָ אויך בײם טיש געזעסען די געװעזענע קורסיסטין מרים ליובאַשיץ און האָט געהאַלטען אויף די הענד איהר זעקס־חדשים'דיגע קינד — אַ בלאָנדע מײדעלע מיט אַ הױלען קעפּעלע, בלױע גלעזערנע אױגעלעך און אױסגעצױגענער און נאַסער איבערשטער ליפּעל. אָקאָרשט צוריק מיט אַ פֿערטיל שעה האָבען זיך כּמעט אַלע שטוב־מענשען אַרום אָט דעם קינד געריסען. יעדערער האָט עס צו זיך אויף די הענד געכאַפּט, געטאַנצט מיט דעם, עס געהױבען אין דער לופֿט. און דאָס קינד האָט אויף אַלץ געקוקט מיט בלױ־גלעזערנע אױגעלעך, זיך געשראָקען און אָפֿטמאָל גענומען ברעכען פּיסקלעך. די שװיגער האָט עס צו זיך אויף די הענד גענומען און, פֿינקלענדיג מיט די אױגען, אָנגעהױבען צו דעם רעדען. האָט דאָס קינד דאָס ערשטע מאָל די קורפּאַטע נעזיל שטאַרק פֿערקנײטשט, אַרױסגעשטעקט די צינגעלע און פֿרעהליך צו שמײכלען אָנגעהױבען. דענסטמאָל זענען אַלע שטאַרק ענטציקט געװאָרען, און מרים ליובאַשיץ האָט געזאָגט:

— איהר זעהט, צי ניין?... ס'האָט שוין ליעב די מוהמע.

איצט איז שוין אין עס־צימער געװען שטיל. די קרובים זענען שוין געװען ערגיץ אין זאַל, און דאָס קינד איז שוין בײ מרים'ן אויף די הענד געזעסען. עס האָט מיט בײדע שװאַכע פֿױסטלעך איבער דער מוטערס פּנים געשאַרט, געשפּריצט פֿונ'ם מײלכעל און מיט גרױס אימפּעט אױסגעברומט איבער'ן שטילען עס־צימער:

— בבבע!...

גלײך דער פּנים װאָלט אַ שױב זײן, און דאָס קינד װאָלט זיך אײנגעשפּאַרט זי אױסצושלאָגען. די מוטער האָט געדרעהט דעם פּנים אָן אַ זײט, װי מורא האָבענדיג פֿאַר אַ פּאַטש פֿון אָט די צװײ קלײנע פֿױסטלעך, און זיך געפֿלײסט ענטפֿערן אויף דער מוהמעס שאלה:

— װאָס האָט מען דאָ שוין װאָס צו קלערען? פֿאַר קײן נאָרמאַלען מענשען קען מען שוין מירלען געװיס נישט רעכענען.

אַרום טיש זענען שוין כּמעט אַלע בענקלעך לײדיג געװען, און די

יונגוואַרג האָט שוין געפּילדערט ערגיץ־וואו אין דריטען חדר. די שוויגער האָט זיך אַרומגעקוקט, צי קיינער הערט נישט אונטער, געהייסען עמיצען פערמאַכען די טיר, וואָס פיהרט אין קאָרידאָר, און זיך נעהנטער צו מרימ'ן צוגערוקט:

— ווער שמועסט שוין דאָ וועגען „נאָרמאַל"?

און די געוועזענע קורסיסטין איז געבליבען שטיל, גע־הערט דער שוויגערס טענות און האָט צוזאַמען מיט איהר גע־טראַכט, אַז פון נאָרמאַליטעט איז דאָ שוין נישט שייך צו רעדען:

— וואָרום אָט איז, למשל, זי, מרים ליזבאַשיץ — רבונו של עולם... זי לעבט דאָך עפּיס אויך מיט אַ מאַן.

מרים האָט זיך אויפגעהויבען, אָבגעגעבען דאָס קינד דער אַלטער גויה, דער ניאַנקע, און זיך געלאָזט געהן אַהיים. די שוויגער איז געגאַנגען בעגלייטען צום טראַמוויי און איבער'ן וועג נאָך אַלץ דאָס איהריגע גע'טענ'עט:

— און נאָך אַ זאַך: וואָס וויל זי פון שמואליק'ען? זי וויל גט? זאָל זי זאָגען, אַז זי וויל גט...

אין דרויסען איז געווען וואָלקענדיג. ס'האָט זיך געלאָזט געהן אַ רעגענדיל. און מירעל איז איינע אַליין אין פענסטער מיט אַ שאַל איפ'ן קאָפּ געשטאַנען און האָט זיי נאָכגעקוקט מיט אומעטיגע אויגען.

פּלוציב האָבען זיי זיך אָבגעשטעלט און דערזעהן:

פונ'ם טראַמוויי, וואָס איז נאָר־וואָס פון שטאָדט אָנגעקו־מען, געהט אַראָב מאָנטשיק ווידענאָווסקי. ער איז צעטראָגען, טראָגט גרויסע צוויי פּעק ביכער אונטער ביידע פּאַכוועס, געהט דירך פּאַרביי און בעמערקט זיי נישט. איין בוך איז פון אונ־טער זיין לינקער פּאַכווע אַרויסגעפאַלען, און אַ פרעמדע ווייבעל, וואָס איז געגאַנגען פון הינטען, האָט איהם נאָכגעשריען איפ'ן קול:

— הערט!... וייט־זשע מוחל!... אָט האָט איהר פער־לוירען.

און ער האָט זיך נישט אומגעקוקט און האָט געשווינד געשפּאַנט גלייך צו מירלען אין פליגעל.

צוריקצו־וועגס איז די שוויגער אין פליגעל אריינגעגאנגען אין געזעהן:

אין שטוב איז שטיל און שלעפעריג, און מאַנטשיק דער גרויסער איז שוין דאָרט נישטאָ. שמואליק שלאָפט אין די ווייסע אַרבעל אויף דער קאַנאַפע, וואָס אין קאַבינעט, און אין שלאָף־צימער ליגט מירעל אויפ'ן בעט, וואָס איז נאָך פון גאַנץ פריה נישט צונעקליבען, און אַרום איהר וואַלגערן זיך פיעל נייע און אַלטע ביכער.

———

פון דענסטמאָל אָן האָט די שוויגער אויף מאַנטשיק'ען אַני־אוימ'חן געוואָרפען און איהם אין עפּים חושד זיין אָנגעהויבען. —

זי האָט איהם גלייך אין פּנים נישט געקענט קוקען.

ווי אַזוי וועגען אָט דעם חשד איהרע אייגענע דערצעהלען, האָט זי נישט געוואוסט, נאָר בכלל, אויב ער איז איבערגעגאַנגען אויף מירעל'ס צד און האָט קיינעם נישט געוואָלט דערצעהלען, וואָס פאַר אַ שמועסען ער פיהרט מיט איהר, האָט זי, די שוויגער, איהם איינמאָל געמעגט אָנכאַפּען באַלד ביי זיין אַריינקומען און אַ פרעג טון ביי איהם מיט אַ שטאָך:

— אפשר קען ער איהר קלאָר מאַכען, וואָס מירעל וויל פון שמואליק'ען? מ'זאָגט, אַז ער, מאַנטשיק וויים ביי איהר אַלע סודות, ביי מירלען.

מאַנטשיק האָט דענסטמאָל אויף איהר אַ פּאָר גרויסע אוי־גען אויסגעגלאָטשט און איהר גאָרנישט ניט געענטפערט. ער איז אויף אַ ווײלע אַריין צום פעטער אין קאַבינעט, וואו ער האָט געלד־געשעפטען געהאַט, און איז באַלד פון דאָרט צוריק אַרויס און זיך געלאָזט אַהיים געהן, זיך אָבגעשטעלט נעבען דער פּאַראַד־טיר פון שמואליק'ס פליגעל, נאָר באַלד אַוועק צוריק צום טראַמוויי און אַ טראַכט געטאָן, אַז ער בעדאַרף זיך נעהמען אין די הענד:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ גאַנג? מ'קען דאָך באמת מיינען, אַז ער וויל ביי שמואליק'ען די ווייב צונעהמען.

ער האָט אויפגעהערט אַהער אין פאָרשטאָדט צו קומען.

IX

שמואליק האָט זיך דערווייל אין אַ געוועהנליכען מיטוואָכדיגען פאַרנאַכט אומגעקעהרט פונ'ם ליבעדינער אָקסען־שטאַל, וואו ער האָט אין משך פון צוויי טעג די נייע אָקסען איבערגעשריבען, און האָט געטראָפען מירעל'ס טיר פון אינעווייניג פערשלאָסען.

ער איז דאָרט אַ וויילע געשטאַנען און אין טיר אָנגעקלאַפט, אָבגעוואַרט און ווידער אָנגעקלאַפט. ס'האָט איהם פון דאָרט קיינער נישט געענטפערט. האָט ער גענומען אַרומשפאַנען אין עס־צימער און איבער'ן קאַבינעט, זיך פון צייט צו צייט אָבגעשטעלט און אַרויסגעקוקט צום פערוואָלקענטען דרויסען. ער האָט געדענקט, אַז מירעל האָט שוין צו איהם צוויי וואָכען צייט נישט גערעדט; אַז די וועש, וואָס ער טראָגט איצט, איז שוין שטאַרק ברודיג, און ער האָט נאָך צוריק מיט עטליכע טעג בעדאַרפט האָבען צו דער שאַפע, וואָס ביי מירלען אין חדר; אַז די בעציהונגען פון מירלען צו איהם ווערען שוין אַלע מאָל ערגער, און אַז ער, שמואליק, איז אונבעהילפיג און קען דערצו קיין עצה ניט געפינען.

אין אָבענד איז ער די שטוב זיינע פון דרויסען אַרומגעגאַנגען און איז צוגעקומען ביז'ן גאָרטען, וואוהין ס'געהען אַרויס די פענסטער פון מירעל'ס חדר. דער גאָרטען איז געווען אינגאַנצען נאַס. אַ האַרבסט־רעגענדיל האָט אין אַלכסון געגאָסען, און אַ ווינטעל האָט דעם רעגענדיל געבלאָזען, און די ווײנשעל־בוימער האָבען זיך געשאָקעלט, זיך גענעצט און שטיל וועגען עפּיס געקלאָגט. אין עק סאָד האָבען זיך עטליכע אַלטע טאָפּאָלען אין איין שורה געצויגען. זיי האָבען זיך אַלע אין איין זייט מיט זייערע שפּיצען געבויגען און אומעטיג געוואונקען צום שטאַרק פערשוואַרצטען הימעל־ווינקעל, פון וואַנען דער ווינט טרייבט די וואָלקענס:

— אָט פון דאָרט... פון דאָרט קומט דער אונגליק.

די לאָרענס פון מירעל'ס חדר זענען אינעווייניג געשלאָסען

געווען, און די שוין פֿון ברענענדיגען לאָמפּ האָט זיך פֿון דאָרט דורך די שפּאַלטען דורכגעשלאָגען — הייסט עס, אַז זי איז נישט געשלאָפֿען.

ער האָט זיך אומגעקעהרט צו זיך אין קאַבינעט אַריין און זיך דאָרט אויף דער קאַנאַפּע אַוועקגעלעגט, נישט געקענט אַיינשלאָפֿען, נישט געוואוסט, וואָס צו טון, און געקראַצט נעבען זיך די צעראַטע:

— שוין פֿערפֿאַלען, אפּנים, זיין לעבען... פֿערפֿאַלען.

ער איז סוף כל סוף אַנטשלאָפֿען געוואָרען אין די קליידער און זיך אויפֿגעכאַפּט איינמאָל אַרום איינס אַזייגער ביינאַכט, ווען אין מירעל'ס חדר איז נאָך ליכטיג געווען, און דאָס צווייטע מאָל — גאַנץ פֿריה, ווען די דיענסט-מיידעל האָט נאָך די פּאָדלאָגעס געוויש, און דורך די פֿענסטער האָט ערשט אַריינגעקוקט דער אָנהויב פֿון אַנייעם רעגענדיג-וואָלקענדיגען טאָג.

איצט איז שוין אין מירעל'ס חדר פֿינסטער געווען — זי איז געשלאָפֿען.

ער איז אַרויסגעגאַנגען אין דרויסען, אויפֿגעוועקט דעם פֿוהרמאַן, איהם געהייסען די פֿוהר שפּאַנען און איז אַוועקגעפֿאָהרען אין גוראַלניע.

נאָר אין גוראַלניע האָט ער דערפֿיהלט, אַז ער בעדאַרף איצט זיין נישט דאָ, נאָר דאָרט, ביי זיך אין דערהיים. ער האָט זיך צו גאָרנישט ניט געגומען. זיין חדר האָט זיך געפֿונען צווישען די קופּערנע, תמיד-זודיגע קעסלען, וואָס אין גרויסען קאָרפּוס. ס'איז דאָרט געווען שטאַרק הייס, און די לופֿט האָט געשמעקט מיט מאַליאַס, מיט איבערגעבריענטען ספּירט און צוגעסמאַלעטען גערשטען. אַרום צוויי אַזייגער ביי-טאָג האָט זיך די זון פֿון צווישען די פֿערוואָלקענטע הימלען דורכגעשלאָגען, און מיראַדיג נמאס האָט אין גוראַלניע-הויף אויסגעזעהן אַלצדינג, אויף וואָס איהר קראַנקע זילבער-שיין איז געפֿאַלען. ביים געעפֿענטען פּאָדוואַל, וואָס נעבען גוראַלניע-טייכעל, זענען געשטאַנען פֿיעל פֿוהרען מיט אַייזערנע פֿעסער, און געקאָמאַנדעוועט האָט מיט זיי דער אַלטער תמיד-שכורער און תמיד בייזער פּאָדוואַלניק:

Стой! —

Подавай! —

Куда полѣзъ? —

ערגיץ פֿון הינטען, פֿונ'ם טאָל, וואָס הינטער'ן גרויסען קאָרפּוס, האָט אַהער געזעצט אַ פֿייכטער שלעכט־שמעקעדיגער דאַמפּף — דאָס האָט מען דאָרט די פֿרישע בראַהע צום אָקסענגשטאַל געלאָזט און גענומען הייצען אויף דער צווייטער ביינאַכטיגער „סמענע“.

דערנאָכדעם האָט שמואליק ווידער אַמאָל געהייסען די פֿוהר שפּאַנען און איז אַוועקגעפֿאָהרען צוריק אַהיים.

איצט איז שוין ווידער וואָלקענדיג און קיהל געוועז, און קיין רעגען איז נישט געגאַנגען. די לופֿט איז געוועזן טונקעל, ווי אין אָנהויב בין־השמשות, און פֿון די נאַסע פֿעלדער האָט געשמעקט מיט פֿייכטער איבערגעאַקערטער ערד, מיט פֿרישען פֿערדישען מיסט און מיט פֿוילע דיניעס, וואָס ערגיץ־וואו אויף אַ ניט דערגראָבענעם באַשטאַן. ביידע גרויסע גניאַדע פֿערד זענען געלאָפֿען לעבעדיג און דרייסט, בויגענדיג פֿרעהליך די קעפּ צו דער ערד און ענטפֿערנדיג אויף יעדען פֿאָך פֿונ'ם פֿוהרמאַנס רוט מיט אַ צופֿרידענעם שפּרונג אונטער אָדער מיט אַ הילכיגען פֿערדישען ניסען. די ווייכע רעסאָרען־בריטשקע, האָט זיך געוויגט און איז גרינג נאָך זיי נאָכגעלאָפֿען. און שמואליק איז אין איהר טיעף געזעסען און די גאַנצע צייט געדענקט, אַז דאָס פֿאָהרט ער, שמואליק זיידענאָווסקי, וואָס פֿערמאָגט שוין אייגענעם קאַפּיטאַל מעהר פֿון דרייסיג טויזענד רובעל, הענגט שוין נישט אָב פֿון קיינעם, פֿון קיינעם, אפֿילו פֿון זיין פֿאָטער אַליין, און איילט זיך איצט צו זיך אַהיים. דאָרט ביי זיך אין דער־היים האָט ער אַ וויב, וואָס ליגט שוין באַלד צוויי וואָכען ביי זיך אין חדר פֿערשלאָסען. בעדאַרף ער איצט צו איהר אַריינקומען און ביי איהר פֿרעגען:

— מירעל, בעדאַרף ער ביי איהר פֿרעגען, — זאָג: אפֿשר בין איך דיר שווער? איך קען דיר דינגען אין מיטען שטאָדט צוויי צי דריי צימערן, זאָלסט וואוינען בעזונדער. פֿערשטעהסט. מירעל? איך פֿאָדער פֿון דיר גאָרנישט.

טראַכטענדיג וועגען דעם, האָט ער שוין אויף זיך אַליין אזאַ רחמנות געהאַט, און טרערען זענען איהם אין די אויגען געשטאַנען. און דאָך האָט זיך איהם געדוכט. אַז ס'איז שען אָט דאָס,

וואָס ער וועט אידר איצט זאָגען, און אַז ער וועט מיט דעם מירלען געפֿעלען.

ער האָט געוואָלט וואָס גיכער אַהיים קומען.

אָבער, ווי נאָר ער איז מיט דער פֿוהר אין פֿאָטערס הויף אַריינגעקומען, האָט ער זיך מיט אַמאָל דערפֿיהלט שלעכט, ווי אין דער נעכטיגער פֿערוואָגעלטער נאַכט. און קלאָר זענען פֿאַר איהם געוואָרען די עלענדע שווערע שעה'ן, וואָס איהם שטעהען פֿאָר היינט, מאָרגען און איבערמאָרגען... אין דרויסען איז שוין געווען אָבענדיג-טונקעל. אינ'ם פֿאָטערס גרויסער שטוב זענען כמעט אַלע פֿענסטער צום הויף געווען בעלויכטען, און אין זיין שטוב איז געווען פֿינסטער. געלויכטען האָט זיך דאָרט נאָר אין די צווי פֿענסטער פֿון מירעל'ס עקסטען חדר, און די לאָדענס זענען דאָרט פֿון אינעווייניג געווען געשלאָסען.

זי איז דאָרט, אפֿנים, נאָך אַלץ פֿערשפּאַרט געלעגען.

אַראָבקריכענדיג פֿון דער בריטשקע, האָט ער זיך דערמאָנט אָן די ברודיגע וועש, וואָס ער טראָגט, און זיך געלאָזט גערהן גלייך צו זיין שטוב.

האָט איהם אָבער פלוצים אָבגעשטעלט זיין פֿאָטערס דיענסטמידעל, וואָס איז אַהער גיך פֿון דער גרויסער שטוב געגאַנגען:

— מ'רופֿט איהם, האָט זי צו איהם געשריען — צום פֿאָטער אין קאַבינעט רופֿט מען איהם; מ'האָט געזאָגט, ער זאָל די מינוט אַריינקומען.

— די מינוט?

ער האָט נישט פֿערשטאַנען, וואָס זיי איז דאָרט אַזוי מיט אַמאָל אָנגעקומען, און איז אַהין אַוועק. נאָר ביים פֿאָטער אין קאַבינעט איז דאָס מאָל געווען אַזוי אָנגערויכערט און היים. אַלץ האָט דערמאָנט אָן אַנ'ערנסטען שמועס, וואָס האָט זיך דאָ שעה'ן-לאַנג וועגען איהם מיט מירלען געפֿיהרט.

ביים טיש זענען אַקעגען פֿאָטער געזעסען די מוטער, מרים ליובאַשיץ מיט'ן יונגערן ליובאַשיץ, דעם סטודענט, און אַלע האָבען געהאַט פֿערפֿלאַמטע פנימ'ער פֿון מענשען, וואָס האָבען לאַנג זייערע מיינונגען אַרויסגעזאָגט און לאַנג עצות געזוכט. ליובאַשיץ דער יונגערער איז באַלד ביי שמואליק'ס אַריינקומען פֿון

קאַבינעט אַרויס. ער האָט זיך, אפנים, פֿערשעמט און זיך אין עס־צימער מיט ריקלען געשטעלט רעדן. דער פֿאָטער האָט, ניט קוקענדיג צו איהם, ווי מורא געהאַט זיך מיט זיינע אויגען בעגעגענען, אַראָבגעלאָזען דעם קאָפּ, און אַ נייעם פּאַפּיראָס פֿער־רויכערט. מרים האָט עפּיס אויפֿ'ן טיש מיט אַ פֿינגער געשאַרט. און נאָר די מוטער האָט זיך צו איהם האַלב־אויסגעדרעהט, געטאָן אַ פּאָר פּינקעל מיט די אויגען און איהם נעהענטער צום טיש צוגערופֿען:

— קום נאָר אַהער, שמואליק...

שמוליקען האָט באַלד אָנגעהויבען צו שיסען אין אַ שלייף, און פֿערקרימט האָט ער עטוואָס דעם פּנים — אַזוי נישט אָנגענעהם און שווער איז פֿאַר איהם געווען דער שמועס, וואָס די מוטער האָט אָנגעהויבען.

צעטומעלטערהייד האָט ער געהערט, ווי זי דערמאָנט זיינעם מיט מירעל'ס נעמען. עפּיס האָט זי דערצעהלט, ווי אַזוי זי, די מוטער, איז אַהין צו מירלען אין חדר אַריינגעקומען און האָט אָנגעהויבען מיט איהר צו רעדען, און ווי אַזוי מירעל האָט איהר באַלד די רייד איבערגעשלאָגען און איהר געענטפֿערט, ווי אַ מענש, וואָס איז שוין געווים ניט ביים קלאָרען זינען:

— אַז איך וויל ניט רעדען, האָט זי איהר געענטפֿערט— אַז איך וויל שווייגען.

און באַלד האָט זיך ביי דער מוטער אין מויל אָנגעהויבען פֿיעל מאָל איבער'חזר'ן דאָס וואָרט „גט".

איהם האָט אַזוי צו אַהרען אָנגעהויבען, אָט דאָס, וואָס די מוטער חזר'ט אַזוי פֿיעל מאָל איבער דאָס וואָרט „גט". ער האָט זיך אָנגע'ברוגז'ט און האָט זיך איהר אפֿילו עטוואָס נאָכגעקריכט:

— אַ משל: גט, גט... אַ משל.

אין זינען האָבענדיג מירלען, וואָס ליגט איצט ביי זיך אין חדר אויפֿ'ן בעט, האָט ער דאָס ברוגז אונטערגעברומט. ער האָט געוואָלט וואָס גיכער אַהין אַוועקגעהן און אין טיר אָנקלאַפּען. נאָר דער פֿאָטער האָט פּלוצים דעם קאָפּ אויפֿגעהויבען און גענומען רעדען צו איהם דאָסזעלבע, וואָס די מוטער:

— וואָס זשע דען, אַז נישט קיין גט? האָסט אַנ־ אַנדער בּרירה?

און מרים ליובּאַשיץ האָט זיך פֿונ׳ם אָרט אויפֿגעשטעלט און דעם פֿאָטער אונטערגעהאָלפֿען:

— מ׳קען אייבּיג אַזוי נישט לעבּען.

און די מוטער האָט זיך אויך פֿונ׳ם אָרט אויפֿגעשטעלט און צוגעגעבּען:

— ס׳איז דאָך נאָך אַזאַ בּיישפּיעל, זינט די וועלט שטעהט, נישט געהערט געוואָרען.

און נאָך אַ ווײַלע שווייגען זענען זיי אַלע דריי פֿון קאַבּינעט אַרויסגעגאַנגען און איהם דאָ איינעם אַליין געלאָזט — זיי האָבּען איהם מעהר, וואָס צו זאָגען, נית געהאַט.

די מוטער איז אין עס־צימער צום יונגערן ליובּאַשיץ דעם פּטידענט צוגעגאַנגען און איהם דאָרט אַ שעפּטשע געטאָן:

— געה אַריין אין קאַבּינעט. זאָג איהם די... ער האָט דאָך פֿאַר דיר דרך־ארץ.

איז ער אין קאַבּינעט אַריינגעקומען, דער יונגערער ליובּאַשיץ, געקראַצט אַ ווײַלע דעם בּלאָהען געוואַנט פֿון שרייבּ־טיש און צו־לעצט געזאָגט:

— אַז זי האָט דיך פֿיינט, מירעל... נאָך פֿון פֿאַר דער חתונה האָט זי דיך פֿיינט. ועהסט דאָך: אַז זי וויל מיט דיר נישט לעבּען. קענסט דען יענעם נויטען?

און שמואליק איז צו איהם מיט די פּלייצעס געשטאַנען און געהערט:

— הייסט עס, אַז זי האָט איהם פֿיינט, מירעל...

ער האָט נישט געוואוסט, פֿון וואַנען אָט די ווערטער שטאַמען: פֿון מירעל׳ס מויל אַליין, צי נאָר פֿון ליובּאַשיצ׳ס השערה. נאָר בּכלל... אויבּ זיי, אַלע אייגענע זיינע, פֿערשטעהען דאָס, און אויבּ שואליק זאָגט, אַז זי האָט איהם פֿיינט, איז דאָס שוין געווים נישט קיין אויסגעטראַכטע זאַך... שואליק וועט נית זאָגען גלאַט אַזוי, פֿון דער העלער הויט. און אויבּ זי האָט איהם טאַקע בּאמת פֿיינט, מירעל, קען ער זי שוין געווים נית נויטען, זי זאָל וואוינען מיט איהם.

 אונבּעמערקט פֿאַר זיך אַליין האָט ער געלאָזט שואליק׳ען

אין קאַבינעט און איז אײַנגעהויקערטערהייד אין צווייטען פֿינסטערן קינדער־חדר אַוועקגעגאַנגען. דער פֿענסטער איז דאָרט געווען פֿון אינעווייניג מיט עפּיס אַ שוואַרצער זאַך פֿערהאַנגען. אַרום און אַרום זענען די קליינע קינדער שוין געשלאָפֿען אין די בעטלעך, וואָס בײַ די ווענט, און האָבען שטיל געשנאָרכֿעט. ער האָט זיך מיט די אײַנגעהויקערטע פּלייצעס אָן אָט דעם פֿערהאַנגענעם פֿענסטער אָנגעשפּאַרט און זיך פֿערטראַכֿט:

— וועט ער זיך, הייסט עס, מיט איהר גט'ען, מיט בּירל'ען.

— און נאָכֿדעם וועט זי שוין וואוינען ערגיץ דאָרט בײַ איהר פֿאָטער אין שטעדטיל... און ער, שמואליק... ער וועט צוריק זײַן דאָ... איינער אַליין וועט ער דאָ זײַן.

— און חתונה האָבען וועט ער שוין גאָר ניט... ווער שמועסט שוין פֿון חתונה האָבען?... און דאָס לעבען איז שוין טאַקע בּאמת פֿערפֿאַלען... אויף אייביג...

און פּלוצים האָט איהם דאָ פֿון רחמנות צו זיך אַליין בּיים האַרץ שטאַרק פֿערקלעמט, און דאָרט אין עס־צימער איז מען שטיל געבּליבען און דערהערט, ווי ער וויינט אויף אַ קול.

— ווער איז? — האָט די מוטער דערשראָקען געפֿרעגט און האָט ווי פֿערשטאָרבּען צום קינדער־חדר די אויערן אָנגעשטעלט.

ס'איז געווען שטיל, און בּיי עמיצען האָט געקלאַפּט די האַרץ. פּלוצים האָט עמיצער אַ זאָג געטאָן אויפ'ן גאַנצען קול:

— נישקשה, זאָל ער זיך אויסוויינען.

און אַלע האָבען זיך אומגעקוקט און מיט גרויס וואונדער בּעמערקט, אַז געזאָגט האָט עס שמואליק'ס שוועסטער, ריקעל.

זי האָט געוואוסט די גאַנצע מעשה, וואָס איז צווישען מירל'ען און צווישען נתן העלער'ן פֿאָרגעקומען. איהרער אַ בּעקאַנטער סטודענט האָט דאָס איהר דערצעהלט.

פֿון גרויס לייטישקייט האָט זי די גאַנצע צייט וועגען דעם געשוויגען, נאָר איצט... איצט האָט זי שוין געמעגט דערצעהלען, אַז איינמאָל פֿאַרנאַכֿט איז זי מיט אָט דעם בּעקאַנטען סטודענט אויף נתן העלער'ס גאַס דורכֿגעגאַנגען און האָט געזעהן: מירעל קומט אָן פֿון פֿאָרשטאָדט, איינע אַליין קומט זי פֿון דאָרט אָן, פֿערקעהרעוועט זיך און געהט אַריין צו נתן העלער אין קוואַרטיר.

X.

שמואליק איז געזעסען איינער אַליין פֿערשפּאַרט אין אַ חדר און פֿון דאָרט אַרויסגעהן נישט געוואָלט.

מרים ליובאַשיץ האָט זיך אין עס־צימער אַרומגעדרעהט. די לעצטע טעג האָט זי דאָ געגעכטיגט מיט איהר קינד און געהאַט די גאַנצע צייט אַנ׳ערנסטען פּנים פֿון אַ געניטער אַקושאָרקע, בשעת איהר קינפעטאָרין געהט אין צווייטען חדר צו קינד. זי האָט וועגען שמואליק׳ען געזאָגט:

— אויב ער האָט שוין באמת געפּועל׳ט ביי זיך אויף גט, נאָך וואָס־זשע זאָל מען איהם נאָך אַהין צו מירל׳ען לאָזען?

און איהרע רייד האָבען אַזוי געווירקט. מ׳האָט זי געפֿאָלגט און שמואליק׳ן מעהר צו זיך אין שטוב נישט געלאָזט.

די גאַנצע גרויסע שטוב האָט דאָ בעקומען אַזאַ איינגערעגטען און צעטראָגענעם אויסזעהן, גלייך עמיצער איז אין איהר משוגע געוואָרן. אין זאַל איז געווען אנגעוואָרפֿען, אָנגעריכערט און ברודיג. מ׳האָט זיך דאָרט גאַנצע נעכט עצות געהאַלטען און געגעסען נישט צו דער צייט. אין עס־צימער איז פֿון צוויי אַזייגער ביטאָג ביז פֿאַרנאַכט דער טיש געווען געגרייט, און ביי די קליינע קינדער האָבען די הערצלעך געקלעמט, ווי אין אַ תענית. ס׳איז שוין געווען שטאָק־נאַכט, ווען מ׳האָט ביי אָט דעם געגרייטען טיש אויף גיך די קליינע קינדער עסען אָבגעגעבען, און די גרויסע זענען נאָך אַלץ געזעסען פֿערשפּאַרט אין זאַל און זיך דאָרט געסוד׳עט מיט׳ן בנעימות׳דיגען יודען, דעם גוטען־פֿריינד, וואָס מ׳האָט אַמאָל צו ר׳ גדליה הורוויץ׳ן אין שטוב אַראָבגעשיקט און איהם דאָרט געהייסען זאָגען:

— פֿאָדערען זיי ביי אייך נישט, די ווידענאָווסקי׳ס, נישט קיין געלד און נישט קיין צוזאָג.

ביינאַכט האָט מען אַהער אָט דעם יודען הורך אַדעפּעש אַריינגערופֿען, און איצט איז מען אַלע צוזאַמען אַרום איהם געזעסען און איהם איבערגעגעבען דעם כח הרשאה:

— איז אויב מירעל וועט אויך גט נישט מסכים זיין, זאָל ער איהר בפירוש זאָגען:

— מ'קאָן זי בעוואָרענען; ביז זעקס טויזענד רובל קאָן מען איהר פאַר'ן גט אָבצאָהלען.

שמואליק איז געווען צעטומעלט און האָט אין אָט דעם שמועס קיין אָנטייל נישט גענומען. זיין גאַנץ פערגאַנגענע לעבען איז איצט געווען פאַר איהם פערנעפּילט, ווי אַ חלום, און אַרומגעדרעהט האָט ער זיך אָהן אַנ'אויפהער איבער דער זאַל, נישט געהערט, וואָס מ'רעדט, און געטראַכט וועגען זיין ווייטערדיגען לעבען אָהן מירלע'ן: ווי אַזוי ער וועט געהן דאַווענען אַלע שבת אין שול, וואו מ'וויל איהם פאַר גבאי אויסקלייבען; ווי אַזוי עמיצער וועט שוין דאָרט צום מזרח-וואַנט אויף איהם אָנווייזען:

— נעביך אַ גרויס אָט דער יונגער-מאַן, און נישט געוואָלט האָט זי איהם, די ערשטע ווייב זיינע.

ווען אַלע האָבען זיך דאָ סוף-כל סוף פון די ערטער אויפגעהויבען, און שמואליק איז שוין דאָ נישט געווען, איז מרים ליובאַשיץ צוגעגאַנגען גאָר נאָהענט צום בנעימות'דיגען יודען, דעם גוטען פריינד, און האָט איהם מיט אַ פינגער-קנעכיל אין זיין שטערן אָנגעקלאַפּט:

— אוי, אַ קאָפּ ביי אייך, פעטער! האָט זי איהם דערמיט אויף שמואליק'ען מיט מירלע'ן מרמז געווען, — נאָר אייך האָט מען פאַר דעם שידוך צו פערדאַנקען.

דער בנעימות'דיגער יוד האָט זיך אַזוי שלעכט דערפיהלט. ער האָט זיך איינגעהויקערט, זיך פערטראַכט און מיטביידע הענד צו זיין טענ'עך אָנגעהויבען:

— וואָס איז שייך? וואָס האָט מען געקאָנט וויסען? דוכט זיך, געווען אַ וואויל קינד, מירעל... זעהר אַ וואויל קינד.

און ווען אַלע זענען שוין פון זאַל אַוועקגעגאַנגען, איז ער נאָך דאָ געבליבען, זיך איינער אַליין אַרומגעדרעהט, געווען שטאַרק פערטראַכט און אַ פּאָר מאָל געזאָגט צו זיך אַליין:

— וואָס איז שייך? וואָס האָט מען געקאָנט וויסען?

———

אַרום צוועלף אַזייגער אין דערפֿריה, האָט דער ליטישער ייִד, דער גוטער פֿריינד, אין מירעלס טיר אָנגעקלאַפּט.

ער האָט זיך אַזוי שלעפּט דערפֿילט: אין עס־צימער האָט איהם די באָרוויסע דיענסטמיידעל איבערן גאַנצען חדר בעגלייט, און איהם צורוה נישט געלאָזט:

— הערט, פֿעטער, פֿאָלגט מיך, און זאָל זיך אייך איבער־גלוסטען אַהין אין טיר אָנקלאַפּען — איהר וועט כאַפּען אַ פּסק.

אַריינקומענדיג צו מירעלץ אין חדר, האָט ער זיך אָבגעשטעלט און זיך בכבודיג אַ נויג געטאָן, געגעבען אַ פּאָר שפּאַן און זיך ווידער אַ נויג געטאָן. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצען סורדעט, האָט ער נישט געהאַט, וואו די הענד אַהין צו טון, און זיין גוטער פּנים האָט שעמעוודיג געשמייכעלט:

— כ׳בין געקומען, האָט ער וועגען זיך אַליין ווי אַ לאַך געטאָן,— איבעררעדען מיט אייך בין איך געקומען.

מירעל איז אין שטוב־כאַלאַט און אין די שטעק־שיך אין בעט געלעגען. זי איז געווען אין כעס, וואָס אַט דער ייִד האָט זי געצוואונגען איהם די טיר צו עפֿענען, און האָט צו איהם נישט געוואָלט קוקען. פֿאַר די צוויי וואָכען, וואָס זי איז גע־לעגען פֿערשפּאַרט ביי זיך אין חדר, איז זי אַזוי שטאַרק פֿון פּנים אַראָב און האָט די גאַנצע צייט אויף צו־להכעיס זיך און נאָך עמיצען לחלוטין אויפֿגעהערט צו רעדען.

ס׳האָט זי פֿערדראָסען, וואָס מ׳דולט איהר נאָך אַלץ דעם קאָפּ און מ׳שיקט איהר שלוחים אינטער. האָט זי זיך עטוואָס אויפֿ־געהויבען אין האָט צום ייִדען געזאָגט:

— גיט, זייט מוחל, איבער דער שוויגער: איב כ׳וועל האָ־בען עפּיס נייעס, וועל איך שיקען מודיע זיין.

זי האָט געמיינט, אַז דער ייִד וועט באַלד אַוועקגעהן, נאָר יענער האָט נאָר שעמעוודיגער צו שמייכלען אָנגעהויבען:

— פֿערשטעהט איהר, — די מעשה דערפֿון איז אַזוי...

מ׳איז איהם בעפֿאַלען אַ שווייס, האָט ער פֿון ערגיץ אַ פֿאַטשיילע אַרויסגענומען, זיך אויפֿ׳ן נאָהענטען בענקיל אַוועקגע־זעצט און האָט אַהין און צוריק דעם שטערן אָבגעווישט:

 — יאָ. איז, הייסט עס, מיר אַליין די גאַנצע מעשה נישט

אָנגעגעהם, נישט אָנגענעהם... נאָר, פֿערשטעהט איהר: יענער האַלט מיך פֿאַר אַ גוטען פֿריינד און זאָגט, אַז איך בין אַ ביסעל שולדיג... נו... מוז איך.

— אַזוי, אַזוי... יאָ: איז ביי אונז, יודען, זאָג איך, אַז אַ פֿאָרפֿאָלק לעבט, חס־ושלום, נישט צופֿרידען, און קיין קינדער איז אויך נישטאָ... און אָט איז טאַקע, למשל, מיינע אַ טאָכטער, אָט דאָ ערשט מיט אַ יאָהר צוריק האָט זי זיך געגט...

מירעל איז שוין אויפֿ'ן בעט געזעסען. די האַרץ האָט ביי איהר קלאַפּען אָנגעהויבען.

— גט? האָט זי איהם פּלוצים די רייד איבערגעשלאָגען,— גוט, גוט. זאָגט זיי, זענט מוחל, אַז גוט.

דער יוד איז געווען צעטומעלט. ער איז אויפֿגעשטאַנען פֿון בענקיל און האָט זיך נישט געגלויבט:

— איך געה, האָט ער צעטראָגענערהייד געזאָגט,— כ'געה זיי זאָגען.

נאָר פֿאַר דער טיר האָט ער זיך אָבגעשטעלט, זיך פֿערטראַכט און נאָך אַמאָל צו איהר זיין פּנים אויסגעדרעהט.

— זיי וועלען אייך בעוואָרענען, די שוויגער מיט שמואליק'ן... זיי האָבען איהם טאַקע אַזוי געהייסען זאָגען...

נאָר מירעל האָט איהם ווידער אַמאָל די רייד איבערגעשלאָגען:

— גוט, גוט...

זי האָט זיך באַלד נאָכ'ן יודענס אַוועקגעהן צוריק אין בעט איינגעוואַלגערט. איהר האָט זיך געדוכט, אַז ס'איז גאָרנישט ניט געשעהן, און זי האָט זיך נאָך אַמאָל גענומען צום בוך, וואָס זי האָט פֿאַר'ן יודענס אַריינקומען געלייענט.

דער בוך איז געווען אַנ'איינגעבונדענער, אַ גראָבער. ס'האָט זיך אין איהם געהאַנדעלט וועגען די פֿרויען אין מיטעלאַלטער און אין די נייע צייטען, און לעזען דאָס פּנ'ם אָנהויב ביז'ן סוף האָט זי נישט געקאָנט, — ס'איז איהר געווען נמאס. האָט זי, ווי איהר שטייגער, געהיפּט, געכאַפּט דאָ און דאָרט אַ האַלבע זייטעל, אין דער מח האָט געקלערט וועגען דעם, וואָס ביי דער שוויגער אין שטוב קומט איצט פֿאָר. צווישען די מיטעלאַלטערליכע שלעסער און ריט־ טערינס פֿון ליעבע־געדיכטען, וואָס אין בוך, האָט זיך געפּלאָנטערט

מרים ליובאַשיץ מיט איהר קינד, די שוויגער, שמואליק מיט זיין דער'הרג'עטען פּנים און דער פרעמדער יוד, וואָס איז נאָר וואָס דאָ אין חדר געוועזען און איז אַוועקגעגאַנגען מיט די ווערטער:

— איז, הייסט עס, גט?... יאָ, יאָ, ער געהט, ער געהט זיי זאָגען...

זי האָט צום סוף דעם בוך געמוזט אַוועקלעגען, זיך פערטראַכט, און ווידער דערפיהלט די שטאַרקע קלעפּ פון האַרץ און זיך איפּ'ן בעט אויפגעזעצט:

— וואַרט... זי וועט דאָך איצט ווערען צוריק, ווי מיידעלוויז...

אין איהר איז געוואַקסען עפּיס אַ געפיהל פון געזונט און כח. צוזאַמען מיט די האַרץ־קלעפּ פון פרייד איז אָט דער געפיהל אין איהר געוואַקסען.

זי האָט אַ קוויטש געטאָן, דערפיהלענדיג אין זיך די פאַר־צוויי־יאָהריגע מירעל; סך־הכל איינמאָל אַ קוויטש געטאָן, און מיט אַזאַ פרייד. זי האָט זיך פלוצים דערמאָנט אָן די שנייאיגע פעלדער אַרום זייער שטעדטיל, אָן די שניי־קוילען, וואָס זי האָט דאָרט פאַר אַיאָהרען אויפ'ן קרומען סטודענט ליפּקיס געוואָרפען, און איהר האָט זיך מיט אַמאָל פערוואָלט זיך וואַשען אין אַ סך פרישע און שטאַרק קאַלטע וואַסער.

זי האָט אין הויף דערזעהן דעם יודען, דעם גוטען פריינד, דורכגעהן, האָט זי געשווינד דעם פענסטער אויפגעעפענט און איהם צוגערופען:

— זי האָט איהם פערגעבען איין זאַך צו בעטען: זאָל ער אַזוי גוט זיין און איבערגעבען: זי בעט, מ'זאָל דעם גט מאַכען וואָס גיכער, אָהן שום צערעמאָניעס זאָל מען איהם מאַכען.

דורך דעם אָפענעם פענסטער האָט אַריינגעקוקט דער וואָלקענדיגער דרויסען מיט די אומעטיגע און פיטש־נאַסע ווייכשעל־בוימער.

ס'האָט געגאָסען אַ שפּעטער און לאַנגער האַרבסט־רעגען.

די דיענסטמיידעל האָט געכאַפּט די מינוט, ווען מירעל איז פון חדר אַרויסגעגאַנגען, צוגעקליבען די צעוואָרפענע בעט און צונייפגעלעגט אויף זייער אָרט די ביכער און קליידלעך, וואָס זענען

דאָ די גאַנצע צייט אָנגעוואָרפֿען געווען. איצט איז שוין דער חדר געווען פֿול מיט קאַלטער לופֿט און מיט זאַפֿטיגען פֿייַכטען דרויסען. און מירעל האָט שוין איבער איהם אַרומגעשפּאַנט אין די שטייף־פֿערשנורעוועטע שיך און אינ'ם שוואַרצען ענג־אַיינגעצויגענעם טאַלי־ע־קליידעל, וואָס זי האָט שוין צוויי וואָכען נישט געפּרוּבט אָנטון. אַ רוהיגקייט האָט זיך געפֿיהלט אין יעדען פֿאַמעליכען שפּאַן, אין דער מיידעלשער קראַפֿט, וואָס די ענג־אַיינגעצויגענע קאָפֿטעל האָט נעגעבען צו פֿיהלען דער בעוועגליכער ברוסט, און אין די געדאַנקען וועגען דער אייגענער נייער פֿרייהייט, וואָס האָבען פֿאַמעליך בעהערשט דעם מוח:

— מ'וואָלט בעדאַרפֿט אָנשרייבען... וועגען גט וואָלט מען אפֿשר עמיצען בעדאַרפֿט אָנשרייבען.

זי האָט געזוכט איפּ'ן טיש פּאַפּיר און דערזעהן הערצ'ס צוגעשיקטען און ניט צעשניטענעם בוך:

— אָט ווען די טעלעגראַפֿירט איצט, למשל, איהם, הערצ'ן, ער וואָלט געקומען.

זי האָט זיך צום בוך נישט צוגערירט און איז פֿון טיש אַוועקגעגאַנגען. אָט דער געדאַנק איז געווען אַ נאַרישער, אַ זייטיגער... זי, מירעל הורוויץ, איז נישט קליין געווען וויכטיגערע געדאַנקען אין קאָפּ צו האָבען.

און נאָכדעם האָט זי איבער'ן מעת־לעת'דיגען גוס־רעגען דעם גאַנצען טאָג פֿון שטוב נישט געקענט אַרויסגעהן, און נאָכדעם האָט זי ביז צוויי אַ זייגער ביינאַכט געלייענט דעם בוך וועגען דער פֿרוי אין אַלע צייטען. און נאָכדעם איז זי אַנטשלאָפֿען געוואָרען און האָט געזעהן אין חלום, אַז מיטעל־אַלטער איז אַזאַ מין בין־השמשות'דיגע מדינה, וואו אַלע מענשען שטעהען אין דרויסען, שרייען עפּיס אַלע צוזאַמען אַקעגען דער לבנה און ווייסען נישט קיינער, וואָס דער צווייטער וויל. ערגיץ איז זי דאָרט געגאַנגען איינע אַליין מיט'ן פֿעלד צו אַ קלויסטער, וואו ס'האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען אַ סך שרייענדיגע מענשען און האָבען געוואָלט וויסען:

— די פֿרוי איז אַ מענש, צי ניין?

נאָר פּלוצים האָט זי זיך אין מיטען דער נאַכט אויפֿגעכאַפּט און זיך דערמאָנט, אַז זי ווערט שוין אין גיכען פֿון שמואליק'ען

געגט. די האַרץ האָט ווידער ביי איהר אַ קלאַפּ געטאָן פֿון פֿרייד און פֿון בענקשאַפֿט צום מאָרגענדיגען פֿרייען טאָג. זי איז צוריק אַנטשלאָפֿען געוואָרען און שוין אין חלום געזעהן ארום זיך אַ מוראדיגע פֿינסטערע נאַכט. די נאַכט האָט פּלוצים דורך זיך אַ בליץ דורכגעלאָזט, און זי האָט אין דער בליץ-רגע דערזעהן אײפּ׳ן האָריזאָנט דאָס ווײַכטיגע און נייע לעבען, וואָס זי זוכט.

ווען זי האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, איז שוין געווען אַרום צעהן אזייגער אין דערפֿריה. זי האָט זיך מיט אַמאָל דערמאָנט אָן דעם, וואָס ס׳איז נעכטען געשעהן:

— ס׳קען געמאָלט זיין, אַז דער גט זאָל שוין איסגעפֿיהרט ווערען גאָר אין גיכען, אפֿשר — נאָך היינטיגע וואָך.

און נאָכדעם איז זי נאָך אַ ווײלע געלעגען אין בעט און געטראַכט וועגען דעם.

זי האָט געדענקט דעם לעצטען חלום, און ס׳איז שוין איצט געווען אַזוי צו גלויבען:

— אַ קלייניגקייט, דוכט זיך... סך-הכל איין קלייניגקייט בעדאַרף זי נאָך איצט מיט׳ן מוח און מיט די געפֿיהלען אָנכאַפּען, און איהר וועט ווערען קלאָר דער עיקר פֿון איהר לעבען, וואָס זי זוכט איהם שוין אַזוי לאַנג, פֿון קליינערהייד אָן.

XI

ביטאָג האָבען אויפֿגעהערט צו רעגענען די נעכטיגע ברוידיג-ברוינע וואָלקענס. אַ ברוינע בין-השמשות׳דיגע שיין איז הענגען געבליבען אין דער לופֿט און געשפּרייט שטילקייט אַרום די נאַסע, פֿרעהליך-אָבגעשווייגקטע הייזער און אַרום די שטעהענדיגע קאַלוזשעס, וואָס אין זאַמדיגען עק פֿאָרשטאָדט.

באָרוויסע שקצים׳לעך האָבען פֿון ערגיץ זייערע ווייסע גענז געטריבען, און אַ יונגערמאַן, אַ פֿאָרשטאָדט-בעל-הבית, האָט זיך מיט עמיצען דורכגעשריען וועגען דעם ניי-איינגעקויפֿטען פֿיהרעל מע-בעל, וואָס מ׳האָט איהם נאָר וואָס צו דער שטוב צוגעפֿיהרט:

— דאָס בופֿעטיל איז דוקא אַ גוט בופֿעטיל; ס׳איז אַ דעמ-בענע, דאָס בופֿעטיל.

מירעל האָט זיך אָנגעטאָן און איז מיט דער קייטען-בריק אַוועקגעגאַנגען צו פֿוס אין שטאָדט אַריין.

דאָרט איז זי געווען אין דער הויפּט-פּאָסט און האָט אָנגעשריבען עטליכע ווערטער צו הערצ׳ען. ס׳האָט זיך געוואָלט כאָטש ווענען מ׳איז דערצעהלען וועגען דער נייער לאַגע, און שרייבען וועגען דעם אַהיים איז געווען צו-פֿריה און נישט כדאי.

געהענדיג מיט דער צענטראַל-גאַס צוריק פֿון פּאָסט, האָט זי פֿון ווייטענס דערזעהן, ווי מאָנטשיק געהט אַרויס פֿון איינעם אַ הויז:

— אָט איז מאָנטשיק.

זי האָט פֿערקלענערט די טריט, און דער פּנים האָט ביי איהר קוים שמייכלען אָנגעהויבען.

מאָנטשיק האָט נאָך בעדאַרפֿט אַריינגעהן סך הכל אין איין באַנק, וואָס איז אָפֿען ביז האַלב פֿינף אַזייגער. נאָר וואָס פֿאַר אַ שאלה? אויב איהם האָט איצט זיין מזל געשפּיעלט צו בעגעגענען זיך מיט איהר, מירלען, טאָ מעג איצט געהן די באַנק מיט אַלע זיינע געשעפֿטען צו אַלדי שוואַרצע יאָהר. ער האָט זי, מירלען, שוין אַזאַ לאַנגע צייט נישט געזעהן און וועט זיך איצט מיט גרויס פֿערגעניגען דורכגעהן מיט איהר אַהין-און-צוריק איבער דער גאַס. מירעל ווייס נישט, וואָס דאָ איז געשעהן: ער קען דאָך מעהר אַהין אין פֿאָרשטאָדט נישט קומען, נישט צום פֿעטער און נישט צו שמואליק׳ען... זיי זענען פּשוט געוואָרען נישט צו דערטראָגען, די זיידענאָווסקים... ניין, וואַרט... ס׳איז דאָך ממש עפּיס אַ מחיה, וואָס ער האָט זי איצט בעגעגענט... אָט איז היינט אין דער פֿריה צו איהם איינער אויף דער בירזשע צוגעשטאַנען, ער זאָל געבען אויפֿ׳ן נאַציאָנאַל-פֿאָנד. ער, מאָנטשיק, האָט, פֿערשטעהט מען, נישט געוואָלט... ווי האָט ער געקאָנט געבען, אַז ער איז בכלל קעגען ציוניזם? נאָר איצט וועט ער איהם אָבזוכען, אָט דעם פּאַרשוין, און וועט איהם געבען, אויף זיין עהרען-וואָרט.

— אַ גאַנצען פֿינף-און-צוואַנציגער וועט ער איהם געבען.

ער איז איצט געווען אַזוי אויפֿגערעגט און גליקליך, אָט דער צעטראָגענער מאָנטשיק — די גרויסע שוואַרצע אויגען זיינע האָבען פֿון איבערלעגטקייט געגלאַנצט און געלויכטען. פֿון גליק

האָט ער זיך שוין אפילו עטליכע מאָל פֿערגעסען, די אַפּאָר מאָל געפּרובט אַנעהם טון אונטער'ן אָרעם און איהר אַדריק טון די האַנד.

קוקענדיג אויף איהר מיט אַט די גליקליך־שמייכעלדיגע אויגען, האָט ער זיך צולעצט אָבגעשטעלט:

— מירעל קאָן זיך דען פֿאָרשטעלען, ווי איהם טוט הנאה, וואָס ער האָט זי איצט בעגעגענט?

אַ ווײַלע איז ער אַזוי שטעהן געבליבען און האָט געקוקט אויף איהר. ער האָט זיך באַלד דאָ אויפ'ן אָרט צוריק אַרומגעדרעהט און זיך פֿונאַנדערגעלאַכט אויפ'ן קול:

— מירעל זעהט נישט, ווי איהם, מאָנטשיקען, איז איצט גוט?

מירעל איז פאַמעליך געגאַנגען מיט איהם, און איהר פּנים האָט קוים, קוים געשמייכעלט. — זי האָט געוואוסט, אַז דאָרט, בײַ די זיידענאָווסקי'ס אין שטוב, איז מען נאָך עד היום איבערצייגט:

— ער איז אין איהר פֿערליעבט, מאָנטשיק, און וויל זי בײַ שמואליק'ען צונעהמען.

נאָר ער, מאָנטשיק אַליין...

ער וועט אפשר קיינמאָל זיינע געפֿיהלען צו איהר איפ'ן מויל נישט אַרויסברענגען, און דאָך איז ער איהר עפּיס איבערגעגעבענער פֿון אַלע איהרע אַמאָליגע, וואָס האָבען זיך אַרום איהר געדרעהט, און איז איהר אפשר דער בעסטער גוטער־פֿריינד.

— מאָנטשיק, איהר זענט אַוואויל יונגעל?

פּלוצים האָט זי נאָך עטוואָס פאַמעליכער צו שפּאַנען אָנגעהויבען און געזאָגט:

— איהר ווייסט, מאָנטשיק, איך גט זיך מיט שמואליק'ען.

מאָנטשיק האָט זיך נישט אײַנגעהערט. ער האָט זיך אָבגעשטעלט, בעקומען אַשטאַרק ערנסטען פּנים און האָט אויף איהר די גרויסע אויגען אויסגעגלאָטשט: פֿריהער אַ ביסעל האָט ער געוואָלט בײַ איהר פֿרעגען, ווי אַזוי ס'האָט זיך איהר געלעבט פֿאַר דער צייט, וואָס ער האָט זי נישט געזעהן, איז איהם

אָבער אַריין עפּיס אַ נאַרישקייט אין קאָפּ אַריין, און ער האָט זיך פערטראַכט.

צום אָנהויב האָט ער געמיינט, אַז זי טרייבט קאַטאָוועס. און נאָכדעם איז ער אויף אַ ווײַלע ווי פערגליווערט געוואָרען, און די אויסגעגלאָטשטע אויגען האָבען שוין ניט געקוקט אויף מירלען, נאָר ערגיץ־וואוהין פאַר זיך.

— ניין, וואַרט... ס׳איז דאָך מאָדנע... ס׳איז דאָך... גאָט ווייס, וואָס איז דאָס.

מירעל האָט איהם געמוזט אַ רידה טון פאַר דער האַנד און איהם דערמאָנען, אַז ס׳איז איהם שוין גענוג צו שטעהן אין מיטען טראָטואַר. ער האָט געצויגען מיט די אַקסלען און זיך פון הינטען אין האַלז־און־אַקען געקראַצט, צוגעביסען די אונטערשטע ליפּ און זיך ווידער אַמאָל פערטראַכט:

— זאָל איהם דער רוח נעהמען, אויב ער הויבט זיך אַפילו אָן פאָרצושטעלען, ווי אַזוי אָט דאָס אַלץ איז דאָרט מיט אַמאָל געוואָרען. ניין: זי זאָגט עס ערנסט, מירעל?

ער איז געגאַנגען נעבען איהר און האָט געדענקט דעם גט מיט אָט דער נייער לאַגע, וואָס אין איהר הויבט מירעל איצט אָן זיך צו געפינען. ביידען איז שוין איצט אומעטיג געווען, און ביידע האָבען געטראַכט וועגען די ווערטער, וואָס מירעל האָט נאָר וואָס פון מויל אַרויסגעלאָזט:

— שטעלט אייך פאָר, מאָנטשיק, כ׳ווייס נאָך לחלוטין נישט, וואָס מיט מיר וועט זיין.

זי ווייס אַפילו נישט, וואוהין זי וועט נאָכ׳ן גט פון שטוב אַוועקגעהן. מעגליך, אַז זי וועט שוין די ערשטע וואָך נישט האָבען, פון וואַנען אַ טאָג איבערצוקומען. נאָר זי שרעקט איצט בכלל גאָרנישט. די וועלט, ווייזט זיך איהר איצט אויס, איז אַזוי ברייט. נעכטען, נאָך דעם גט־מעקלערס אַוועקגעהן האָט זי אַ קוויטש געטאָן פון פרייד נאָר דערפאַר, וואָס זי האָט זיך דערמאָנט, אַז זי קען זיך וואַשען אין אַ סך, אַ סך קאַלטע וואַסער.

— ערגיץ וועט זי שוין פון זיידענאָווסקי׳ס שטוב אַוועקגעהן...

נישט, ווי אַ צו־להעכּיס׳דיגע נאַרישקייט, אָט די היים. צו דער
מוטער ציהט נישט, און צום פֿאָטער... גלייבּער איז, וואָס זי
מיט׳ן פֿאָטער לעבּען פֿון דערווייטענס. העלפֿען איינער דעם צוויי־
מען קענען זיי סיי־ווי־סיי נישט.

און וועגען זיך טראַכט זי דאָך פֿיעל; זי איז פֿון תמיד
אָן געוועהנט פֿיעל וועגען זיך צו טראַכטען.

אָט האָט זי דאָ ניט לאַנג טורגעניעוו׳ס אַ בוך נאָך אַמאָל
איבּערגעלייענט: אַ רוסישע מיידעל קאָן מעהר נישט אויסקומען
מיט׳ן לעבּען, וואָס אַרום, געהט זי אַוועק אין מאָנאַסטיר, און
ס׳ווערט פֿון איהר גאָרנישט. און זי, מירעל — זי איז שוין נישט
קיין מיידעלע, אין דער מאָנאַסטיר איז פֿון איהר אַזוי ווייט און
הייזט איהר אויס אַזוי נאַריש. מ׳האָט זי פֿון קליינערהייד נישט
געלעהרנט זיין רעליגיעז. זי קען מעהר מיט די אַרומיגע צו־
שטאַנדען ניט אויסקומען, מוז זי אַוועקגעהן ווייטער:

— צי זי ווייס עפּיס געפֿינען, ווייס זי נישט, נאָר אַוועק־
געהן וועט זי.

זיי האָבּען שוין געהאַט דערגרייכט דעם אָנהויב פֿון דער
קייטען־בּריק און זיך אָבּגעשטעלט. מאָנטשיק האָט ווייטער אַהין
אין פֿאָרשטאָדט איבּער די ווידענאָווסקים געהן נישט געקענט.
בּיי מירלען אין די פֿער׳חלומ׳טע אויגען האָט געבּרענט אַנ׳אומע־
טיגער פֿייערל, טיעף, טיעף האָט עס דאָרט אין טהיא געבּרענט און
טרוימענדיג געקוקט ערגיץ וואוהין אין אלכסון פֿונ׳ם בּרייט פֿליסענ־
דיגען טייך. איבּער די בּלאָהע פֿלעקען, וואָס אונטער איהרע אוי־
גען, האָבּען די לאַנגע שוואַרצע וויעס אויסגעזעהן נאָך לענגער
און שוואַרצער, ווי געוועהנליך, און האָבּען עפּיס אַ מאָדנעם חן
געוואָרפֿען אַראָב, אויפֿ׳ן תמיד רייצענדען שנור־גלייכען מויל, וואָס
איז שטרענג געווען געשלאָסען. פּלוצים האָט בּיי איהר דער פֿיי־
ערל ווי אַ בּליץ אין די אויגען געטאָן:

— כ׳האָבּ אַ בּעקאַנטען העבּרעאישען פּאָעט, מאָנטשיק, — ער
שבּייבּעלט ס׳רוב, אָט דער בּעקאַנטער איהרער, אין שווייגט. נאָר
איינמאָל האָט ער וועגען איהר געזאָגט:

„פֿון מירלען, האָט ער געזאָגט, — וועט שוין קיינמאָל גאָר־

נישט ניט זיין. זי איז ביי אונז מעהר נישט ווי אַנ'איבערגאַנגס־פונקט".

אין די אויגען האָט זיך ביי איהר אָנגעצונדען אַ שמייכעל פון אייגענעם חוזק. זי האָט מיט אָט דעם שמייכעל אויף מאָטשיק'ען אַ קוק געגעבען:

— איך אַליין, זאָגט אָט דער בעקאַנטער מיינער, בין גאָר נישט, און וועל אין ערגיץ נישט אָנקומען. דער עיקר, זאָגט ער, זענען די, וואָס וועלען קומען נאָך מיר.

זי האָט זיך געוואָלט געזעגענען און אַליין ווייטער מיט דער בריק אַוועקגעהן. נאָר מאָנטשיק איז געווען פערטראָגען. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ שלאָף:

— וואָס פאַר אַ שאלה? צו די זיידענאָווסקעס אין שטוב קען ער נישט געהן, אָבער ביז'ן צווייטען עק בריק קען ער זי דאָך יעדענפאַלס בעגלייטען.

און נאָכדעם איז ער שוין געווען אַזוי פערטומעלט און נישט געדענקט, ווען ער האָט זיך צוריק אומגעקעהרט און זיך אין טראַמוויי אַריינגעזעצט. בשעת ער האָט דעם קאָנדוקטאָר אויף אַ בילעט געגעבען, איז ביי איהם פון טאַש אַ בייטעל מיט פּאַפּירען אַרויסגעפאַלען. אַנ'אַלטער גענעראַל, וואָס איז אַקעגען איהם געזעסען און האָט זיין צעטראָגענקייט בעמערקט, האָט דעם בייטעל אויפגעהויבען און איהם אָבגעגעבען. האָט ער דעם גענעראַל גלייך אין די אויגען געקוקט און איהם אפילו קיין דאַנק נישט געזאָגט. איהם זענען אַזעלכע נאַרישע געדאַנקען אין קאָפּ אַריינגעקראָכען:

— ניין. ס'איז שוין געווים אַ זאַך, וואָס ס'קען נישט זיין,— אָט דאָס, וואָס ס'זאָל כלומר'שט געמאָלט זיין, אַז ער, מאָנטשיק, זאָל כלומר'שט קענען אַמאָל חתונה האָבען מיט מירלען. ס'איז אַזוי נאַריש. און ער קען בשום אופן נישט פערשטעהן, ווי ס'קומט, אַז איהם, מאָנטשיק'ען, זאָל אַזאַ „נעכטיגער טאָג" אין קאָפּ איינפאַלען. ראשית, קען ער זיך קיינמאָל אַזאַ גליק נישט פאָרשטעלען... ס'איז דאָך עפּיס אַ קאָפּ־מענש — מירעל... און צווייטענס... וואָס? ווער? ווען? זי בעדאַרף איהם האָבען, מירעל? מירעל בעדאַרף עפּיס אַנדערש... וואַרט... ער איז אפשר געדעכט,

יענער בעקאַנטער איהרער: „אַנ'איבערגאַנגס־פּונקט איז זי". „אַנ'איבערגאַנגס־פּונקט". נאָר וואַרט... ער, מאָנטשיק, האָט די לעצטע צייט פֿערדיענט אַזוי פֿיעל געלד, און זי, מירעל... זי וועט זיך דאָך נויטיגען... ווי קען דאָס אַנדערש זיין?

— עס וועט דאָך זיין פּשוט אַ חיות, אויב מירעל וועט בעשטעהן צו נעהמען ביי איהם, וויפֿיעל זי בעדאַרף... ראשית, בעדאַרף זי איצט איינע אַליין אַוועקפֿאָהרען קיין אויסלאַנד... קיין איטאַליען, למשל. ס'געהט צו ווינטער... זי מוז זיך דאָך נאָך אָט דעם איבערגעלעבטען זומער אָבּרוהען. נאָר וואַרט: ווי אַזוי זאָגט מען עס איהר? ווי אַרום לעגט מען עס איהר, למשל, פֿאָר?

ווען ער האָט פֿון אָט דעם טומעל ערוואַכט, האָט דער טראַמוואי איהם שוין געהאַט פֿערטראָגען ערגיץ אין אַנ'אַנדער זייט. און ווייטער, ווי ער האָט בעדאַרפֿט. ער איז צולעצט אַרויסגעגאַנגען און זיך געלאָזט געהן צו פֿוס אַהיים. נאָר דער טומעל האָט איהם באַלד ווייטער בעהערשט. עפּיס אַנ'עלעגאַנט־געקליידטער יונגערמאַן, אַ סוחר, איז געווען שטאַרק צופֿרידען דערפֿון, וואָס ער האָט זיך מיט איהם דאָ אויף דער גאַס בעגעגענט, אַוועקגעוואָרפֿען זיינע בעקאַנטע, וואָס ער איז געגאַנגען מיט זיי ערגיץ פֿערברענגען, און גענומען רעדען צו איהם וועגען געשעפֿט:

פֿאָדריאַד אַהין, פֿאָדריאַד אַהער.

מאָנטשיק איז אַקעגען איהם געשטאַנען, געביסען דעם גראָבּען פֿינגער און פֿער'חלומ'טערהייד געקוקט אַראָב צום טראָטואַר. דער עלעגאַנטער יונגערמאַן האָט געמיינט, אַז ער הערט נישט איבער די טראַמוואייען און דראָזשקעס, וואָס רוישען דאָ אָהן אַנ'אויפֿהער. האָט ער איהם אַוועקגעפֿיהרט אין אָנהויב פֿון דער נאָהענטער שטילער גאַס און איהם דאָרט אָנגעהויבען דערצעהלען אַלץ פֿון ס'ניי. נאָר מאָנטשיק האָט אויפֿ'ן יונגען־מאַן געקוקט מיט אויסגעגלאָטשטע, פֿערטרימטע אויגען, איהם צולעצט אונטער דער האַנד אָנגענומען און איהם קלאָר געמאַכט:

— מענש איינער, רעדט צו מיר היינט, רעדט צו מיר מאָרגען, אַז איך הער איצט נישט קיין איינציג וואָרט... וואָס זאָלט איהר דאָ נישט פֿערשטעהן? אַז איך לעב איצט איבער אַ פֿערזענליכע זאַך און בין פּשוט נישט אין שטאַנד...

די זיידענאָװסקיס האָבען אָפּגעלעגט דעם גט אויף איבער־אַכטאָג, מיטװאָך און בעשלאָסען איהם איבערצוטראָגען אין דער פרעמדער שטאָדט, װאָס ליגט אַראָפּ טייך.

דער אײנפאַל האָט געשטאַמט פון מרים ליזבאַשיץ, װאָס האָט אײנמאָל גלאַט אַזוי אַ זאָג געטאָן:

— כ׳פערשטעה נישט: צוליעב װאָס בעדאַרף מען מיט׳ן גט דאָ אין שטאָדט אַ גאַנצען טאַראַראַם מאַכען?

און די מוהמע האָט עס באַלד אונטערגעכאַפּט און איז מיט דעם צום מאַן אין קאַבינעט אַװעק:

— כ׳בעט דיך: זי איז דאָך טאַקע גערעכט, מרים...

פאַר דער לעצטער צייט האָט זיך דאָ אין שטוב בכלל אָהן איהר עצה און הסכמה קיין זאַך נישט אָפּגעטאָן. און געני־מען האָט מען זי אין שפּאַן, אַפילו װען שמואליק האָט זיך אויף אַ גאַנצען טאָג אין זיין בעזונדער חדר פערשפּאַרט און קיין עסען צו זיך נישט צוגעלאָזט. עמיצער האָט שוין צו נאַכט־צו אַ זאָג געטאָן:

— כ׳בעט אײך: װאו איז מרים? פאַרװאָס זאָל זי נישט אַרײנ־געהן צו שמואליק׳ען און זעהן, ער זאָל עסען?

און מרים איז צו איהם אַרײנגעגאַנגען, און ער האָט געגעסען.

דער יונגערער ליזבאַשיץ איז דאָ געשטאַנען בײ דער זייט. ער האָט, לאַכענדיג פון איהר, זיך בײ די זייטען געהאַלטען און זיך מיט זיין גאַנצען פינף־פודיגען פעטען קערפּער צו דער ערד געצויגען:

— מרים, װאָס איז פון דיר געװאָרען?

פאַר דער חתונה, געדענקט ער, איז זי עפּיס געװען, און אין די קרייזלעך האָט מען בײ יעדער נאַרישקייט איהר נאָמען דער־מאָנט. און איצט איז דאָך פון איהר נישט מעהר װי אַ פּשוט׳ע ניאַנקע געבליבען. װאָס װעט זי איהם דערצעהלען מעשיות? אַ נפקא מינה

איז עמיצען אַ גרויסער, צי זי ניאַנטשעט איהר אייגען קינד, צי אַ פרעמדם?

מרים איז געווען אויסער זיך, און האָט איהם אָנגעקוקט, ווי אַ משוגע'נעם.

— כ'בעט אייך, עמיצער איז אויף איהם אַ מבין, אויף שואל'קען?

איהר קינד האָט ביי ריקלען צו וויינען אָנגעהויבען. האָט זי עס צו זיך אויף די הענד גענומען, דענסטמאָל ווען איהר פלאַמענדיגער פנים האָט נאָך אַלץ מיט צאָרן צום יונגערן ליובאַשיץ געקוקט. זי איז געווען גרייט צו זאָגען איהם עפּיס גאָר אַ גראָב וואָרט. נאָר די מוהמע האָט דעם קינדס וויינען דערהערט און איז פלוצים צוגעגאַנגען:

— הער, מרים, האָסט עפּיס געטאָן דעם קינד צום מעגיל?

האָט זי מיט אַמאָל אָן שואל'יק ליובאַשיצ'ס נאַרישקייטען פערגעסען און האָט זיך פאַר דער מוהמען צו קלאָגען אָנגעהויבען:

— זי ווייס שוין אַליין נישט, וואָס זי זאָל טון. דאָס קינד האָט זיך אַ גאַנצע נאַכט געריסען, און די וואַרימע קאָמפּרעסען האָבען נישט געהאָלפען.

אין שטוב אַריין האָט זיך ביסלעכווייז אומגעקעהרט די געוועזענע רוהיגקייט.

אין דער שטילקייט, וואָס אין די שווייגענדיג-צוגעראַמטע חדרים, זענען שוין די עלטערע ווידער אַמאָל געשלאָפען ביי טאָג, און די פילדערנדיגע קלייגוואַרג איז שוין צוריק אינ'ם ווייטליכען חדר פערשפּאַרט געווען. און נאָר שמואליק איז נאָך אַלץ נישט געשלאָפען דורך די נעכט, געליטען פון שטאַרקען קאָפּ-וועהטאָג און האָט געהאַט תרעומות אויף דער מוטער, וואָס קומט צו איהם אַלע ווײַלע די היץ מעסטען:

— וואָס וויל מען פון איהם מיט'ן טערמאָמעטער? וואָס לאָזט מען איהם נישט לעבען? אַז ער האָט נישט קיין היץ.

מ'איז שוין געווען געוועהנט צו דעם, וואָס ער זעהט פון טאָג צו טאָג אַלץ ערגער אויס, רעדט נישט מיט קיינעם, ליגט

פֿערשפּאַרט בײַ זיך אין חדר און שפּאַנט דאָרט אָפּט גאַנצע שעה'ן אַרום אַהין און צוריק אין די זאָקען. נאָר אײנמאָל בײַנאַכט האָט זיך שוין מיט איהם גאָר אַן־אונגעריכטער צופֿאַל געטראָפֿען, און איבערגעשראָקען אַלע אײגענע, וואָס האָבען נאָר וואָס די לאָמפּען אויסגעלאָשען און זיך אין די בעטען אַרײַנגעלעגט. אין דער פֿינס־טערער שטילקייט האָבען זיך פֿון אײן חדר אין צווייטען אויפֿ־גערעגטע קולות געטראָגען:

— וואָס איז געשעהן?

— ווער איז נישט גוט?

— זאָל מען גיכער אַ לאָמפּ אָנצינדען.

אַרום דעם לאָמפּ, וואָס מ'האָט בײַ שמואליק'ען אין חדר אָנגעצונדען, האָבען זיך געשווינד געשטופּט נאַקעטע ווײַבערשע פּלייצעס, אָבגעדעקטע העמד און בלאַנק־ווײסע מענערשע גאַטקעס. עמיצער האָט איהם דעם קאָפּ אויפֿגעהויבען; אַ צווייטער האָט אויף איהם וואַסער געשפּריצט. נאָר ער אַליין האָט שוין פּאַמעליך געהאַט געעפֿענט די אויגען און אומעטיג געקוקט אויף די מענשען, וואָס האָבען איהם אַרומגערינגעלט און האָבען אײנעם דעם צווייטען אי־בערגעגעבען:

— גאָרנישט, גאָרנישט... ס'איז איהם נישט גוט געוואָרען, שמואליק'ען; ס'האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אַז ער ווערט בלינד.

ער האָט באַלד אײַנגעדרימעלט, זיך אויפֿגעכאַפּט און ווידער אײַנגעדרימעלט. האָט מען די טירען פֿון זײַן חדר ברייט פֿונאַנדער־געעפֿענט און דעם לאָמפּ געלאָזט ברענען, אַוועקגעשטעלט נעבען זײַן בעט אַ בענקיל מיט אַן אָבגעשיילטען מאַראַנץ און זיך ווידער אַמאָל אין די געלעגערס אײַנגעוואַלגערט. נאָר שמואליק האָט זיך נאָכדעם נאָך אַמאָל אויפֿגעכאַפּט און שוין מעהר שלאָפֿען נישט געקאָנט. ער האָט גענומען אַהמשפּאַנען איבער'ן חדר.

ס'איז געווען אַרום דרײַ אַ זייגער בײַנאַכט. פֿון די אַרומיגע חדרים האָט זיך אַ געשמאַק שנאָרכען געהערט. ער האָט געשפּאַנט אַהין און צוריק און מיט אונגעדולד געוואַרט אויפֿ'ן מאָרגענדיגען טאָג — מאָרגען וועט ער אַרײַנגעהן אַהין, צו מירל'ען אין פֿליגעל, און איהר זאָגען:

— מיטוואָך אין דער־פֿריה, וועט ער איהר זאָגען, — פֿאָהרט

מען אַרױס צום גט... אַלץ איז געענדיקט. װײל ער בײַ איהר בעטען נאָר אײן זאַך: זאָל זי אַרײַנגעהן מיט איהם זיך געזעגענען צו זײַן פֿאָטער און זאָל מיט איהם דאָרט זיצען, נישט מעהר, װי אַ פֿערטיל שעה... איהם װעט זיך אין אָט דעם פֿערטיל שעה אױסװײַזען, אַז ס'איז גאָרנישט ניט געשעהן, אַז זי איז געקומען מיט איהם צום פֿאָטער צוגאַסט.

ער האָט געװאָלט, אַז מ'ירעל זאָל סוף-כּל-סוף װעגען איהם אַ טראַכט טון:

— ער האָט זיך אינגאַנצען איבערגעביטען, שמואליק... ער איז געװאָרען אַנ'אַנדער מענש.

בײַטאָג איז ער עטליכע מאָל אַהין אין פֿליגעל אַרײַנגעקומען און דאָרט קײנעם, אַחוץ דער דיענסטמײדעל, נישט געטראָפֿען. ער האָט אָבגעװאַרט, ביז מ'האָט אָנגעצונדען פֿײער, און איז אַהין װידער אַרײַנגעגאַנגען. איצט איז שױן מ'ירעל געװען. זי איז נאָר װאָס פֿון שטאָדט געקומען. בײַ איהר אין חדר האָט געברענט אַ לאָמפּ, און פֿאַר די אָפֿענע אַלמערס איז געשטאַנען דער גרױסער נדן-קאָרב, װאוהין די דיענסטמײדעל האָט איהר אַ גאַנצען פֿריה-מאָרגען געהאָלפֿען די זאַכען פּאַקען. זי איז געלעגען אין בעט מיט'ן פּנים צו דער טיר. איהר פּנים, װאָס האָט נאָך פֿון דער הױזעגדיגער קעלט געפֿלאַמט, האָט געקוקט אױף איהם עטװאָס נײַגעריג און ערשטױנט. ער האָט זיך געשראָקען און האָט די אױגען אַראָבגעלאָזט.

און נאָכדעם איז ער שױן אַזױ דערשראָקען געזעסען אַקעגען איהר אױפ'ן בענקיל, װאָס נעבען בעט, און שױן גערעדט לחלוטין נישט דאָס, װאָס ער האָט זיך צוגעגרײט:

— ער האָט געטראַכט, אַז אפֿשר... אפֿשר װאָלט זי פֿאָרט אַרײַנגעגאַנגען זיך געזעגענען, האָט ער געטראַכט.

ער האָט צו איהר נישט געקוקט. פּלוצים האָט ער דערפֿיהלט, װי זי גלעט זײַן קניה מיט איהר װײכער און גלאַטער האַנד. ער האָט פּאַמעליך די אױגען אױפֿגעהױבען און דערזעהן:

ליגענדיג אױפ'ן בעט האָט זי זיך נעהענטער צו איהם צוגערוקט. זי האַלט דעם אונטערגעשפּאַרטען קאָפּ אױפ'ן עלענבױגען און קוקט איהם גלײַך אין פּנים אַרײַן.

— שמואליק, פרעגט זי ביי איהם. — כ'האָב דיר הען שלעכטס געטאָן?

ביי שמואליקען האָט געקלאַפּט די האַרץ.

— שלעכטס? ניין... ווער זאָגט דען?

———

מירעל האָט בעדאַרפט אויפשטעהן גאַנץ־פריה און פערפאַקען די איבעריגע זאַכען. זי האָט אויך בעדאַרפט זיין אינ'ם שטילען האָטעל, וואָס אַקעגען שפּאָליאַנסקי'ס וואוינונג, דינגען דאָרט אַ צימער און הייסען צושיקען אַהער נאָך די זאַכען. צעהן אַזייגער אין דערפריה געהט אָב די שיף אין דער שטאָדט, וואָס אַראָב טייך. פון פינף ביז זעקס ביי טאָג וועט דאָרט פאָרקומען דער גט. און נאָכדעם וועט זי זיך שוין אומקעהרען אַהער מיט'ן צוג, כדי מיט די זיידענאָווסקי'ס נישט צו פאָהרען, און אויפ'ן וואָקזאַל וועט אויף איהר וואַרטען מאָנטשיק. ער האָט איהר צוגעזאָגט. צו אָבענד־צו וועט זי שוין געווים זיין שטאַרק מיעד. זי פיהלט שוין איצט אַ מיעדקייט אינ'ם גאַנצען קערפער. נאָר ס'איז אַ תירוץ? זי האָט אויף איהם איצט עפּיס רחמנות, אויף שמואליק'ען, און האָט איהם צוגעזאָגט. מ'מוז נעהמען אויף זיך דעם שאַל און אַריינגעהן אויף עטליכע מינוט אַהין אין דער גרויסער שטוב.

דער שוויגערס דיענסטמיידעל, וואָס האָט איהר דאָרט די הינטערשטע טיר געעפענט, האָט זיך מיט אַמאָל אַ וואָרף געטאָן צוריק. אַזוי איבערגעשראָקען האָט זי שוין מירעל'ס פלוצלינגדיגער אַריינקומען. אין עס־צימער איז איבער איהר די שטימונג מיט אַמאָל אַ געדריקטע געוואָרען. מ'האָט איהר אָבגעטראָטען דעם בענקיל, וואָס נעבען דער שוויגער, און קיינער האָט זיך נישט דערוועגט אָנהייבען צו רעדען. עמיצער האָט אָבגערופען אויף אַ סוד די פרעמדע ווייבעל, די קרובה, וואָס איז דאָרט ביים טיש געזעסען. מרים ליובאַשיץ האָט גענומען רעדען אויפ'ן אויער מיט ריקלען און איז מיט איהר אויך באַלד אין אַ צווייטען חדר אַוועק. מירל'ען איז געוואָרען שווער, און חרטה האָט זי געקראָגען, וואָס זי איז איצט אַהער געגאַנגען. זי האָט געטראַכט:

— זי האָט שוין יוצא געווען... זי מעג שוין געהן צוריק.

נאָר די שוויגער האָט פּלוצים אָנגעהויבען צו פינקלען מיט די אייגען און האָט זיך צו איהר נעהנטער צוגעבויגען. איהר איז די לעצטע טעג איינער אַ ווייבערשער חשד פון קאָפּ נישט אַרויס. זי האָט זיך וועגען איהם איצט געמוזט ביי מירלען דערפרעגען.

מירעל איז פון איהר ערשטער שאלה געוואָרען רויט. זי האָט צו איהר נישט געקוקט און געענטפערט קורץ און עטוואָס בייז:

— ניין.

— כ'געדענק נישט.

— שוין לאַנג.

פּלוצים האָט די שוויגער איהר נאַרישע פיגור אויסגעגלייכט און האָט בעקומען אַ פּנים פון אַן ערשטווינטער קליינשטעדטילדיגער באָבע.

— יאָ, האָט אָט דער פּנים געזאָגט, — ס'איז מיר שוין גוט.

זי האָט זיך אַרומגעקוקט. גאָר קיינער איז דאָ, אַחוץ מירלען, נישט געווען. האָט זי זיך נאָך אַמאָל צו איהר אויסגעדרעהט און זיך פערוואונדערט אויפ'ן קול:

— מירעלע, דו טראָגסט דאָך!...

— וואָס?

איהר האָט זיך געדוכט, אַז די שוויגער איז פון זינען אַראָב. זי רעדט פּשוט, ווי אַן אידיאָט.

איך צו־להכעיס איז זי באַלד פון אָרט אויפגעשטאַנען און געפרעגט אויפ'ן קול:

— זי פערשטעהט נישט... און חוץ דעם, וואָס קעהר זיך עס אָן ביט'ן גט?

נאָר אַרום איהר איז שוין דאָ אין חדר אַזוי גרויס דער טומעל געווען, און קיינער האָט זיך צו איהרע ווערטער נישט צוגעהערט. עמיצער האָט אַהער שמואליק'ען גערופען. אַ צווייטער איז מיט דעם גיים אַוועק צו יעקב יוסלען אין קאַבינעט. און ביי דער טיר איז שוין דאָ ווידער אַמאָל מרים ליובאַשיץ געשטאַנען. די שוויגער האָט איהר עפּיס אויף גיך איבערדערצעהלט. האָט זי אַהער צו מירלען געקוקט און געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ:

— אַדאי, וואָס פאַר אַ פראַגע?

.XIII

ביי־נאַכט איז מירלען געווען נישט גוט אויף צו ברעכען, און געוועקט האָט זי צוויי מאָל די דיענסטמיידעל. זי האָט זי געשיקט מיט אַ צעטעלע צו שמואליק'ן; אין צעטעלע איז געשטאַנען, אַז זי האָט איהם נישט ליעב און האָט מיט איהם נאָך פאַר דער חתונה אויסגענומען דעם תנאי, אַז זי מעג אַוועקגעהן פון איהם אין יעדער צייט; אַז זי גלויבט נאָך נישט, אַז זי טראָגט, און קען יעדענפאַלס מיט איהם קיין קינד נישט האָבען; אַז אויב זי טראָגט, איז נאָר ער אַליין אין דעם שולדיג, און מ'בעדאַרף זוכען דערצו אַנ'עצה.

שמואליק'ען האָט מען אײַנגערעדט, ער זאָל אַוועקפאָהרען אין גוראַלניע און זאָל דאָרט עטליכע טעג אָבוואַרטען.

מ'האָט איהם אַרומגעשטעלט אין אַ בעזונדער חדר, און די שוויגער האָט איהם דאָרט פאַר'ן אַוועקפאָהרען געטרייסט:

— וואָס האָט ער וואָס צו קלערען? איצט איז גאָר אַנ'אַנדער זאַך. אַז זי וועט האָבען אַ קינד, מירעל, וועט זי ווערען לייטישער.

מירעל האָט זיך גאַנצע דריי טעג ביי זיך אין חדר אָבגעמאַטערט, געדענקט די גאַנצע צייט דעם אָרט, וואָס נידעריגער פון דער ברוסט, געפיהלט צו דעם אַנ'עקעל און צולעצט אָנגעהויבען נאָך אַמאָל געהן צו דער שוויגער אין שטוב.

געהענדיג אַהין, האָט זיך איהר געדוכט, אַז זי מוז דאָרט עפּיס זאָגען און צו עפּיס אַנ'עק מאַכען. נאָר יעדעס מאָל, וואָס זי איז אַהין אַריינגעקומען, האָט זי דער ווילען צו זאָגען פערלאָזען, און געשטאַרקט האָט זיך אין איהר די שנאה צום אָרט, וואָס נידעריגער פון ברוסט. ס'האָט געגודעט פון דער שוויגער'ס „זיך, מירעלע", פון מרים ליובאַשיץ מיט'ן קינד, פונ'ם יונגערן ליובאַשיץ'ס פלאַמענדיגען פנים, פון זיינע חקירות. און דער עקעל אין איהר איז געוואַקסען. און געדוכט האָט זיך שוין, אַז מ'קען איהם ממש מיט די הענד אָנטאַפּען — אָט וועט זי איהם, דוכט זיך, אַזוי פון זיך מיט אַמאָל אַרויס טון, און איהר וועט מיט אַמאָל ווערען נאָך אַמאָל לייכט און גוט.

דענסטמאָל האָט זי די שוויגערס שטוב פֿערלאָזען און איז געגאַנגען אין שטאָדט אַריין. געווען צוויי מאָל ביי איהר געשוועסטערקינד אידאַ שפּאָליאַנסקי און זי אין דערהיים נישט געטראָפֿען, זיך נאָך אַמאָל צו זיך אַהיים אומגעקעהרט, זיך אין בעט געלעגט און זיך בעמיהט איינשטילען זיך אַליין:

— ווער ווייס? אפשר איז שוין גלייכער גאָרנישט צו טון און לאָזען געהן אַליץ, ווי ס'געהט? אפשר איז גלייכער צו ליידען אַלע יאָהרען שטיל אין זיך... אָט אַזוי אין בעט ליגענדיג... ליידען און שווייגען.

שמואליק'ען האָט זי נישט ליעב. זי האָט קיינעם נישט ליעב. ס'ציהט זי אַמאָל צו נתן העלער, נאָר זי גלויבט דעם געפֿיהל נישט. און מוטערס האָבען דאָך ליעב זייערע קינדער. ווער ווייס? מעגליך, אַז דאָס קינד וועט זי ליעב האָבען... זי וועט זיין אַ מאַמע.

און זי האָט עטליכע טעג געליטען שטיל און איז נישט אַרויסגעגאַנגען פֿון שטוב. זי האָט זיך אויסגעמאָלט, ווי זי וועט זיין אַ מאַמע:

עמיצער וועט שוין געוויס פֿון איהר, ווי פֿון מרים ליובאַשיץ, לאַכען. „וואָס איז פֿון איהר געוואָרען? — וועט ער זאָגען, — אַ ניאַנקע איז פֿון איהר געוואָרען". נאָר זי וועט זיך נישט אומקוקען און וועט גאָרנישט הערען. איינגעבויגענערהייד וועט זי נאָר דעם קינד פֿיס־טריט נאָכגעהן און וועט מורא האָבען נאָר פֿאַר איין זאַך:

— אוי וועה... דאָס קינד זאָל, חלילה, נישט פֿאַלען.

איז אָבער שוין אין גיכען געווען אַזאַ שענער פֿראָסטיגער זונטאָג, און דער שניי האָט אין איהם דאָס ערשטע מאָל מיט צוויי מאָל ווייס אָקעגען דער שטראַהלענדער זון געשווינדעלט, און די קלייטען זענען אין איהם דורכאויס צוליעב גוי'אישען יום־טוב געווען געשלאָסען.

איבער דער פֿראָסטיג־ווייסער שטאָדט האָבען זיך פֿיעל אייגענע און געדזשגענע שליטלעך געיאָגט. און די מעשה, וואָס דער בעגייטער דו'יסען האָט דער אַרומיגער פֿעלדער־שטילקייט דערצעהלט, איז בעשטאַנען דורכאויס פֿון אָבגעשוואַכט־ווייטען גלעקער־קלאַנג און

פֿון אַ פֿריַהליכען פֿערדישען נים, וואָס אַ לויפֿענדיגע שליטעל האָט עריגץ־וואו פֿערלוירען.

מירעל איז איינע אַליין אין פֿענסטער געשטאַנען. קיין ווילען האָט זי שוין אין האַרצען נישט געהאַט, און דער אומעט איז אין איהר געווען גרויס. זי האָט געזעהן, ווי נעבען אַנ׳איזוואָשטשיק, וואָס זיין שליטעל איז נאָר וואָס אויסגעליידיגט געוואָרען, שטעהט שוין אַ יונגע פּאָרל, און דאָס שטאַרקט חשק סיי צום שליטעל, סיי צום נאַסען פֿערד, וואָס אויף איהם פֿירט דער שניי. ביידע, דער בעל־עגלה און די יונגע פּאָרל, לאַכען פֿון די קליינע געלדער, וואָס ווי קאָנען פֿאַר׳ן שליטלען זיך פֿאָרלעגען, און ביידע האָבען הנאה: דער בעל־עגלה — פֿונ׳ם ביינדעל, וואָס ער האָט היינטיגען טאָג אָבגעלעקט, און די פּאָרל — פֿונ׳ם ערשטען אויסגעפֿאַלענעם שניי און פֿון דעם, וואָס זיי האָבען זיך ליעב.

פּאַמעליך האָט זיך מירעל גענומען אָנטון, כּדי ערגיץ וואוהין פֿון שטוב אַרויסצוגעהן. זי האָט פּאַמעליך פֿון שראַנק דעם קאַראַקולענעם סאַק אַרויסגענומען, זיך אָבגעשטעלט און זיך פֿערטראַכט. אַרויפֿגעצויגען אויף זיך דעם סאַק און זיך ווידער פֿערטראַכט. זי איז שוין אפילו צו דער טיר געווען צוגעגאַנגען, נאָר דאָרט האָט זי זיך אָבגעשטעלט און זיך פֿערקוקט אויף דער אייגענער שמאָלער האַנד און אויף די לאַנגע פֿינגער, וואָס מיט זיי האָט זי די הענטיל פֿון טיר אָנגענומען. פֿאַר דער לעצטער צייט זענען איהר די הענד אַזוי אָבגעשוואַכט געוואָרען, און אַזעלכע גרין־בלויע אָדערן האָבען שוין פֿון אונטער זייער טויט־בלאַסער הויט אַרויסגעזעהן. אַ ווײַלע איז זי דאָרט אַזוי געשטאַנען און אויף דער האַנד געקוקט. און פּלוצים האָט זי זיך פֿערקלערט, צוריק אין שלאָף־צימער אומגעקעהרט, זיך אויסגעטאָן און זיך צוריק אין בעט אײַנגעוואַלגערט. ס׳איז שוין געווען אַזוי עקעלדיג און שווער און ס׳איז שוין געווען אונמעגליך צו טראָגען ווייטער אין זיך די אָבגעשוואַכטקייט מיט דער אינטערטעניגקייט פֿון די לעצטע טעג:

— וואָס וויל מען פֿון איהר האָבען?... וואָס וויל מען זי

פֿאַר אַ מאַמע מאַכֿען?... אַז זי קען נישט זיין קיין מאַמע... אַז זי וויל נישט האָבען קיין קינד...

אין יענעם זעלבען טאָג איז זי געווען ביי אידאַ'ן און איז ביי איהר געוואָהר געוואָרען, אַז צוויי דאָקטוירים אַקושאָרען קענען „עס" דאָ אין שטאָדט מאַכֿען:

— איינער איז אַן'עלטערער קריסט: ער זאָגט פֿריהער אַב צוויי שעה מוסר און הייסט זיך נאָכֿדעם געבען „דערפֿאַר" נישט ווייניגער פֿון צוויי הונדערט רובעל. און דער צווייטער איז אַ יוד און נאָך אַ יונגער. ער נעהמט „דערפֿאַר" נישט מעהר ווי הונדערט רובעל, און מ'זאָגט, אַז ער מאַכֿט עס אויך גאַנץ גוט.

זי איז אויך געווען ביים יונגערן דאָקטאָר, דעם יוד, און האָט מיט איהם גערעדט. ענטפֿערענדיג אויף זיינע אָנפֿראַגען, האָט זי געפֿיהלט, ווי ער בעליידיגט זי מיט'ן בליק, מיט זיינע אונריינע מחשבֿות און מיט'ן טאָן, וואָס אין איהם וויל ער איהר געבען אָנצוהערען, אַז ער נעהמט זיך אונטער „דאָס" צו טון, נאָר ער קוקט דאָך אויף איהר, ווי אויף אַ זינדיגער און פֿיעל נידעריגערער פֿון זיך, און חור'ט דערפֿאַר נאָך אַמאָל איבער:

— אפֿשר איז זי נאָך אַ פֿריילין און וויל דערפֿאַר, אַז קיינער פֿון איהרע אייגענע זאָל זיך וועגען דעם נישט דערוויסען? איהם איז דאָס, אייגענטליך, אַלץ-איינס. ער וויל מיט דעם נאָר זאָגען, אַז דאָ אין קאַבינעט איז פֿאַר איהם די סכנה גרעסער, און ער פֿאָדערט דערפֿאַר אַ צווייענדיגען לוין.

ער האָט געזאָגט:

— צוויי וואָכֿען קענען „מיר" נאָך יעדענפֿאַלס צו-וואַרטען און פּרובֿען אַ פּאָר מיטלען, וואָס קענען נישט שאַטען.

ס'האָט זי געשניטען פֿונ'ם וואָרט „מיר". זי האָט איהם פּלוצים די רייד איבערגעשלאָגען און איהם געגעבען צו פֿיהלען, אַז ער איז אַ שאַרלאַטאַן:

— גוט, ער וועט בעקומען אַ צווייענדיגען לוין.

און נאָכֿדעם איז זי שוין רוהיג ביי זיך אין עס-צימער

געלעגען און האָט געצעהלט די טעג, וואָס זענען נאָך ביז אָט די צוויי וואָכען געבליבען:

— ווען קומט אויס אָט דער טאָג?.. מאָנטאָג נאָך שבת קומט ער אויס.

און נאָכדעם איז שוין ניט געווען, וועמען צו דערצעהלען וועגען זיך, וועגען דער נאָהענטער סכנה, וואָס שרעקט זי נישט, און וועגען דעם, וואָס איהר האָפענונג אויף דעם קומענדיגען לעבען איז שוין געווים מסופק׳דיג און קליין. און דאָך ציהט נאָך ערגיץ די הארץ, און פערשיידענע פלענער קומען נאָך אויפ׳ן זינען ארויף. און ס׳טראַכט זיך נאָך וועגען זיך און וועגען נתן העלער׳ס קאָפּיקע־צייטונג, וואָס האָט שוין די לעצטע צייט אָנגעהויבען ארויסצוגעהן און איז שוין אריינגעדרונגען אפילו צו שמואליק׳ן אין קאַבינעט:

— אָט איז שוין אפילו ער, נתן העלער... ער האָט דאָך זיך שוין אויך צו עפּים דערשלאָגען.

דאָרט, אין קאַבינעט, איז שמואליק מיט אָט דער צייטונג אונטער׳ן יאָך פון זיינע יסורים געזעסען; אריינקוקענדיג אין איהר, ווי אַנ׳אָבל, האָט ער גאַנצע שעה׳ען געשוויגען, אין זינען געהאַט מירלען, און האָט זיך נישט דערוועגט צו געהן און אָנהויבען מיט איהר צו רעדען. ער האָט אויסגעזעהן, ווי אַ מענש, וואָס פּאַסט הפסקות. ס׳הוב איז ער אין גוראַלניע געזעסען. און איז ער אַהער געקומען, איז ער געשלאָפען ביינאַכט אין קאַבינעט און איז זעלטען ווען פון דאָרט אַרויסגעגאַנגען. דער יונגערער ליובאַשיץ, דער סטודענט, איז איינמאָל צו איהם מיט זיינע ניין מאָס רייד אַריינגעקומען. האָט ער נישט געקענט פערליידען, וואָס ער, ליובאַשיץ, רעדט אַזוי לוסטיג און הילכיג, בשעת מירעל ליגט אין צווייטען חדר אויף דער קאַנאַפּע, און האָט איהם ביז די ערשטע ווערטער אָבגעשטעלט.

— שאַ... שטילער אַ ביסעל... וואָס איז אויף דיר אַזוינס די שמחה?...

און דער מאָנטאָג איז געקומען.

אַרום עלף אַ זייגער אין דער־פֿריה איז שמואליק מיט׳ן טראַמוויי פֿון שטאָדט אָנגעקומען און האָט דערזעהן פֿון דער־ווייטענס:

מירעל שטעהט נעבען דער טראַמוויי־סטאַנציע אין קאַראַ־קולענעם סאַק אַקעגען אַ גוי — אַ שטאָדט־שליח. זי שיקט מיט איהם עמיצען איבער אַ בריעף, און דער גוי, וואָס אין היטען היטעל, שאָקעלט צו איהר מיט׳ן קאָפּ און הערט אויס די סימנים פֿונ׳ם מענשען, וואָס איהם בעדאַרף ער דעם בריעף אין האַנד אָבגעבען.

שמואליק האָט זיך צוליעב עפּיס צוריק אין שטאָדט אַריין אומגעקעהרט. ווען ער איז אַהם דריי אַ זייגער אַהיים געקומען, איז נאָך מירעל נישט געווען. ער האָט זיך אַ ווײַלע דאָרט איינער אַליין אַרומגעדרעהט, אַרויסגעגאַנגען אין הויף און גע־היטען די פֿוהר שפּאַנען. עמיצער איז צום פֿאָטער אין שטוב אַריינגעקומען און האָט דאָרט דערצעהלט, אַז שמואליק פֿאָהרט ווידער אין גוראַלניע אַוועק, איז דער מוטער זיינע דערפֿון אַזוי מיאָדנע געוואָרען. זי איז צו איהם אין שטוב אַריינגעקומען און האָט איהם שוין דאָרט געטראָפֿען אינ׳ם וועג־פֿוטער.

— שמואליק, האָט זי ביי איהם געפֿרעגט, — דו ביזט דאָך אָקאָרשט נעכטען פֿון גוראַלניע געקומען?

שמואליק האָט דעם קאָפּ אַראָבגעלאָזט.

— מאָרגען אין אָבענד, האָט ער געזאָגט, — פֿערגעהט גרויס־הוא; מ׳בעדאַרף זיך פֿונאַנדערצאָהלען מיט די אַרבייטער.

און באַלד האָט ער זיך צום פֿענסטער אויסגעדרעהט און גענומען שווייגענדיג וואַרטען, די געשפּאַנטע פֿוהר זאָל וואָס גיכער פֿון הויף אַרויספֿאָהרען.

אין יענעם זעלבען טאָג, ווען אין די טונקעלע הייזער פֿון פֿאָרשטאָדט האָט מען צו נאַכט־צו לאָמפּען געצונדען, האָט זיך אַ צוויי־פֿערדיגער שליטען, אַנ׳עקיפּאַזש, נעבען דער פּאַראַד־טיר פֿון שמואליק׳ס פֿליגעל אָבגעשטעלט, און אַ גוי — אַ שטאָדט־שליח האָט פֿון איהם מירלען אַראָבגענומען און זי אונטער דער האַנד אין שטוב אַריינגעפֿיהרט. מירעל איז געווען צופֿיעל בלאַס און האָט קוים מיט די פֿיס געפּלאָנטערט. מיט דער הילף פֿונ׳ם גוי, וואָס אין רויטען היטעל, האָט זי זיך אין שלאָף־צימער פֿערשלעפּט און זיך דאָרט אָהן כחות אין בעט אַיינגעוואַלגערט. די איבערגעשראָקענע דיענסטמיידעל, וואָס האָט איינע אַליין די שטוב געהיט, האָט געוואָלט מאַכען אַ גוואַלד און זיך צו דער שוויגער אין שטוב געלאָזט לויפֿען, נאָר מירעל האָט זי שוואַכערהייד אָבגעשטעלט און זי צום בעט צוגערופֿען:

— מ׳בעדאַרף נישט.. מ׳בעדאַרף נישט.. זאָל זי נעהמען די ביטעלע, דעם גוי בעצאָהלען און זיך נישט דערוועגען קיינעם וועגען דאָס אַלץ אַ וואָרט צו זאָגען.

ס׳האָט זי געשלעפֿערט פֿון שוואַכקייט און פֿון וועהטאָג, און דער פּנים איז ביי איהר אַ ביסעל פֿערקרימט געווען. זי איז געלעגען אין בעט מיט פֿערמאַכטע אויגען און זיך אַ גאַנצע נאַכט געפּלאָנטערט צווישען די פֿיעל קרענקליכע געשעהענישען פֿונ׳ם איבערגעלעבטען טאָג. ס׳האָט זיך געדענקט דער שעה׳ן־לאַנגער וואַרטען ביים דאָקטאָר אין אויפֿנאַהמס־חדר, די יונגע דאַמע אין טרויער, וואָס איז דאָרט געזעסען, די אויפֿגערעגטע קליינשטעדטילדיגע ווייבעל, וואָס איז אַלע מאָל מיט שרעק איבער׳ן חדר אַרומגעלאָפֿען, דער נאַריש־שעמעוודיגער געלעכטער פֿון דער פֿריילין מיט׳ן אינטעליגענטישען פּנים, וועמען ס׳האָט אַהין צו פֿיהרען געבראַכט אַנ׳עלטער יודענע, אַנ׳אַקושאָרקע. אַלץ האָט זיך געמישט צוזאַמען מיט דער פּראָסטיגער זונען־שיין, וואָס האָט אַהין דורך די צווייענדיגע פֿענסטער אַריינגעקוקט, — און אַלץ איז פֿערשוואונדען אין יענעם מאָמענט, ווען הינטער איהר, מירלען, האָט זיך די טיר פֿון קאַבינעט פֿערמאַכט. מיט איהר איז עפּעס נאָכדעם אין דרויסען געשעהן. פֿון די פֿיס, האָט זיך איהר געדוכט, וועט זי באַלד אומפֿאַלען, און דער קאָפּ האָט זיך איהר

פֿערדרעהט, דענסטמאָל ווען זי האָט פֿון דער ווייטענס דעם גוי, דעם שטאָדט־שליח דערזעהן. נאָר איצט איז שוין אַלץ פֿאַרביי, און אין דרויסען איז שוין נאַכט, און זי ליגט שוין דאָ אויפֿ'ן בעט, ליידט אַ ביסעל פֿון וועהטאָג און געדענקט איין זאַך:

— די סכנה פֿון טראָגען האָט זיך שוין געפֿעהלט, נאָר איצט שטעהט איהר פֿאָר אַ נייע סכנה. און מעגליך... זעהר מעגליך, זי זאָל שוין מעהר פֿון אָט דעם בעט נישט אַראָפּ־קריכען...

אויפֿ'ן דריטען טאָג אין דער־פֿריה, ווען שמואליק איז פֿון גוראַלניע געקומען, האָט שוין ביי איהר דעם צווייטען טאָג פֿון היץ דער פּנים געפֿלאַמט. די ליפּען זענען איהר געווען פֿער־טריקענט, און אין גאַנצען חדר האָט זיך אַפֿילו קיין איינציגע רפֿואה־פֿלעשיל נישט געפֿונען.

מירעל האָט איהם פֿאַר דער האַנד געהאַלטען און איהם געבעטען, אַז אַלץ זאָל בלייבען בסוד:

— שמואליק, כ'האָב עס געמוזט טון. מיר וואָלטען דאָך ביידע אייביג אונגליקליך געווען.

האָט ער שטעהענדיג נעבען איהר ביים בעט דעם קאָפּ אַראָבגעלאָזען, אויסגעזעהן שטאַרק דערשלאָגען און דאָך צוגע־שאָקעלט מיט'ן קאָפּ:

— גוט... ס'וועט קיינער וועגען דעם נישט וויסען.

ער האָט זיך בכלל פֿאַר דער לעצטער צייט אַזוי איבער־געביטען, שמואליק. ביי טאָג, ווען די מוטער האָט איהם אין אַ בעזונדער חדר אָבגערופֿען און עפּיס וועגען מירלען אָנגעהויבען זאָגען, האָט ער זיך אָנגע'ברוגז'ט און זיך שוין אַפֿילו בייזערן אָנגעהויבען:

— וואָס וויל מען פֿון מירלען? יעדערער קומט מיט טענות אַקעגען מירלען.

און אַליין איז ער נאָכדעם שעה'נווייז איבער זיין שטוב אַרומגעגאַנגען און האָט געקלערט וועגען דעם נייעם פּלאַן, וואָס ער בעדאַרף מירלען פֿאָרלעגען, און וועגען דעם, וואָס ער קען

מיט איהר ערגיץ וואוהין אָבפאָהרען אויף עטליכע טעג און אַרויסלאָזען אַ קול, אַז ער האָט זי געגט.

— ער, שמואליק, וועט שוין סיי ווי סיי נישט חתונה האָבען. ס'טויג איהם נישט זיין לעבען מיט די גרויסע געלדער, וואָס ער פערדיענט, — וועט ער כאָטש וויסען איין זאַך: ערגיץ־וואו געפינט זיך מירעל, און ער שיקט איהר אַרויס אויף צו לעבען... ער איז גרייט איהר אַרויסשיקען אויף דעם גט אין יעדער מינוט, וואָס זי וועט איהם בעדאַרפען.

אויף מירעל'ס נאָמען זענען דערווייל צום אַלטען זיידענאָזסקי'ן אין שטוב פיעל טעלעגראַמעס פון ערגיץ אָנגעקומען. אַלע מאָל האָט מען אַהין אין שטוב שמואליק'ען גערופען און זיך מיט איהם וועגען די טעלעגראַמעס געסודט. שמואליק איז געוועזען דערשראָקען, געלייענט יעדער ניי־אָנגעקומענע טעלעגראַם מיט אַ קלאַפענדיגער האַרץ און איז צולעצט ערגיץ אין גרויס אַיילעניש מיט'ן שנעל־צוג אַוועקגעלאָפען. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט ער זיך צוריק אומגעקעהרט מיט אַ בלאַסען פּנים און מיט שטאַרק רויטע אויגען. ער האָט, אַפּנים, ערגיץ שעה'ן־לאַנג געוויינט. מירעל איז דענסטמאָל מיט אַן אָבגעשוואַכטען פּנים אין בעט געזעסען און קיין היץ האָט זי שוין נישט געהאַט. זי איז געוועזען פערקלערט, געקוקט אין פענסטער און ביי איהם גאָרנישט ניט געפרעגט. און ער איז געשטאַנען אַקעגען איהר מיט אַ דערשלאָגענעם אויסזעהן, זיך פאַר עפּיס געשראָקען און איז געוועזען גרייט צו זאָגען דעם צוגעגרייטען ליגען:

— כ'בין געוועזען ביי דער מדמע פעריל, בין איך געוועזען. אַזוהן האָט זיך, נעביך, ביי איהר געפעהלט.

אין אָבענד איז געקומען דער יונגער און וואוקסיגער דאָקטאָר, דער שאַטען. ער האָט זיך געהיט פאַר אַ פרעמדען אויג, אָט דער דאָקטאָר, דערפאַר איז ער געקומען ביי־נאַכט, זיך ביים אַריינגאַנג אַרומגעקוקט, ווי אַ גנב, און איז ביי מירל'ען אין חדר נישט מעהר ווי אַ מינוט צוויי געזעסען.

— אַלץ איז אין אָרדענונג, האָט ער געזאָגט, מאָרגען וועט מירעל מעגען פון בעט אויפשטעהן.

ער האָט זיך געאײַלט און זיך באַלד אַוועקגעזעהן געלאָזט.

שמואליק האָט איהם, ווי אַ גוטען־יודען פֿון שטוב אַרויסגעבע־גליט און דעם לאָמפּ פֿון קאַבינעט מיטגעטראָגען. האָט ער אויף איהם מיט זיינע דורכגעטריבענע אויגען אַ קוק געטאָן און איהם געהייסען דעם לאָמפּ אַוועקשטעלען:

— אַ יאָלד אַ מאַן ביי איהר, האָט ער וועגען מירלען אַ טראַכט געטאָן — שוין, אַפּנים, גאָר אַ קליינער חכם.

נאָר שמואליק איז געווען פֿערטומעלט און דאָט שוין גאַנ־צע 25 רובעל גרייט געהאַלטען. האָט ער מיט איין האַנד די אַסיגנאַציעס ביי איהם אַרים געטאָן און די צווייטע האַנד איהם אויפֿ'ן אַקסעל אַרויפֿגעלעגט.

— אַ ווייבעל ביי איך, האָט ער איהם אין אַילעניש אַ חנפֿ'ע געטאָן, — אַ שטאַרקע... הלואי אויף אַלע יודען גע־זאָגט געוואָרען.

צו טון איז שוין איצט געבליבען גאָר אַ קלייניגקייט:

מ'האָט בעדאַרפֿט אַריינגעהן צו שמואליק'ען אין קאַבינעט, איהם דאָרט אויף אַ רגע מבטל זיין פֿון זיינע חשבונות און פּלוצים אָנהויבען צו איהם רעדען:

— שמואליק, מאָרגען פֿאָהרען מיר אין שטאָדט, וואָס ליגט אַראָב טייך.

נאָר אַליין איז די נאָך אַזוי שוואַך פֿון דער שלאַפֿקייט געווען. און שמואליק איז דערצו אין איינעם אַ פֿאַרטאָג פּלוצים קיין וואַרשא אַוועקגעפֿאָהרען און איהר געלאָזט ביי דער דיענסט־מיידעל אַ בריעף, וואו ער האָט איהר זיין נייעם פּלאַן פֿאָר־געלעגט. אַ גאַנצע נאַכט איז ער צוליעב אָט דעם בריעף נישט געשלאָפֿען, איהם פֿיעל מאָל איבערגעשריבען און פֿיעל מאָל אי־בערגעלייענט. ער איז געבליבען פֿון איהם צופֿרידען, און דער־פֿאַר שוין ביז'ן פֿאָהרען נישט געקענט אַנטשלאָפֿען ווערען. און מירעל האָט נישט מעהר ווי די ערשטע עטליכע שורות דורכגעקוקט און ערשטוינט ביי דער דיענסטמיידעל געפֿרעגט:

— וואָס?

און נאָכדעם האָט זי דעם בריעף צוריק אין קאָנווערט אַריינגעלעגט און איהם צוריק דער דיענסטמיידעל אָבגעגעבען. געטאָן האָט זי עס אַזוי פּאַמעליך. זי איז בכלל געווען רוהיג און האָט איצט נאָך דער שלאָפקייט מעהר ווי שטענדיג געדולד געהאַט. — זי האָט זיך פּאַמעליך צו די קרעפּטען אומגעקעהרט און רוהיג געוואַרט אויף דער צווייטער וואָך, ווען זי וועט זיך שוין אינגאַנצען געזונט פיהלען, און שמואליק וועט צוריק פון וואַרשא קומען.

אַלע בייטאָג האָט זי זיך אָנגעטאָן אינ'ם סאַק מיט'ן שוואַרצען שאַרף. צו געהן אין שטאָדט אַריין איז זי נאָך געווען צו שוואַך, איז זי געשטאַנען אין דרויסען נעבען די טרעפּלעך פון איהר פּאַראַד-טיר, פּאַמעליך אַרומגעשפּאַנט אַהין און צוריק און אַרויסגערופען בענקשאַפט ביי פערמעגליכע געשעפטסמענשען — יונגע לייט, וואָס זענען דאָ מיט'ן וועג אויף זייערע אייגענע און געדונגענע דראָזשקעס דורכגעפאָהרען. אַלע האָבען אַהער געדרעהט די קעפּ און פון איהר די אויגען נישט געקענט אָברייסען, און אַלע האָבען זיך דערביי געפיהלט אַזוי מאָדנע, גלייך זיי וואָלטען נאָך קיינמאָל נישט געזינדיגט, און זי וואָלט זיי יאָהרען-לאַנג, ווי אַן'אונבעקאַנטע כלה, צו חלום געקומען.

ביים שוועהר אין שטוב האָט מען שוין געוואוסט, וואָס זי האָט פאַר די לעצטע צוויי וואָכען אָבגעטאָן. די שוויגער האָט זיך דאָרט אָפט אין מיטען העלען טאָג מיט איהר מאַן מיחד געווען, געזעסען אַקעגען איהם מיט אַ פלאַמענדיגען פּנים און פערדראָסיג-אונטערגעקליבענע נאָזלעכער און האָט זיך שיער נישט געשטיקט פון פערדראָס און אונבעהאָלפענקייט:

— איך זאָג דיר: אַפילו ביי די גוים איז שוין זעלטען אַזאַ מין אויסוואָרף.

און זי האָט זיך דענסטמאָל אַרומגעדרעהט ביי זיך אין חדר, געדענקט דעם טראָגען, וואָס זי איז פון איהם ניצול געוואָרען, און האָט שוין ווידער ווינציג געגלייבט אינ'ם נייעם לעבען, וואָס איהר שטעהט פאָר. זי האָט נישט געהאַט וואָס צו טון, האָט זי ווידער אָנגעהויבען צו געהן אין שטאָדט אַריין און איז שוין דאָרט נאָך אַמאָל אויף גאַנצע אָבענדס פערפאַלען גע-

וואָרען, צום אָנהייב האָט קיינער נישט געוואוסט, וואוהין זי געהט און ביי וועמען זי פערברענגט. נאָר סוף-כל-סוף האָט די עמיצער פון איהר מאַנס קרובים בעגעגענט אויף דער גאַס, וואו ס'געפינט זיך נתן העלער'ס קוואַרטיר, און ביי דער שוויגער אין שטוב האָט מען שוין וועגען דעם גערעדט אָפען און קלאָר:

— וואָס פאַר אַ שאלה? אַז יענע איז אַנ'אויסוואָרף... אַז זי האָט איהם נאָך פון מיידעלוויז ליעב, דעם בחור, און זיצט ביי איהם איבערע גאַנצע אָבענדס.

שמואליק האָט זיך אין איינעם פון אָט די טעג פון וואַרשא אומגעקעהרט, זיך געהייסען איבערטראָגען זיין בעט אין קאַבינעט אַריין, אויפגעהערט צו געהן צום פאָטער אין שטוב און בכלל אָנגעהויבען לעבען, ווי אַ פרוש. אין זיין שטילער אויפפיהרונג און דערשלאָגענעם אויסזעהן האָט זיך שוין איצט געפיהלט עפּיס פער'עקשנ'טס און שטומעס, און געדוכט האָט זיך, אַז אַרומשפּאַנענדיג ביי זיך אין חדר, געפינט ער זיך גלייכצייטיג ערגיץ ווייט, ווייט, איבער אַ הונדערט-מיילעדיגער שטרעקע. אידאַ שפּאָליאַנסקי האָט איהם איינמאָל אין שטאָדט בעגעגענט און וועגען גט ביי איהם געפרעגט. האָט ער איהר געענטפערט אַזוי קאַלט און שטיל:

— ווער ווייס?.. ס'קען זיין, ס'זאָל זיך נאָך אינגאַנצען איבערדרעהען.

אידאַ האָט דענסטמאָל דורכ'ן טעלעפאָן מירל'ען אַרויסגערופען, אַרומגעגאַנגען מיט איהר ביז פאַרנאַכט איבער די שטילע גאַסען און איהר עס איבערדערצעהלט:

— אָט וועסטו זעהן... איצט גיט איהר שוין שמואליק קיין גט נישט.

מיט איהר אַבראַמ'ען איז דאָך צוריק מיט פיער יאָהר פונקט דאָסזעלבע פאָרגעקומען. אינגאַנצען די צייט איז ער געווען גרייט איהר גט צו געבען, נאָר ווען ס'איז געקומען צו דער רעכטער מינוט, איז ער אויף אַ גאַנצען חודש פון דערהיים אַוועקגעפאָה-

דען און האָט איהר איבערגעגעבען חרף זיין קלענערן ברו־
דער זיאַמע'ן:

— לעת עתה בעדאַרף נאָך אידאַ דעם גט נישט האָבען,
און אַז ער וועט איהם נייטיג זיין, וועל איך איהר איהם אין
משך פון צוויי שעה צושטעלען.

מירעל איז אין יענעם אָבענד מיט אַנאַמעטיגען און אויסגע־
מאַטערטען פּנים צו העלער'ן געקומען, געלעגען לענגער, ווי אַלע
מאָל, אויף זיין קאַנאַפּע און איז מעהר, ווי תמיד, פערטראַכט
געוועזען. ס'איז געווען קלאָר: געדען געדענקט זי אַהער נישט צו־
ליעב העלער'ן, נאָר צוליעב זיין שטילען צימער, וואו זי קאָן
רוהיג וועגען איהר קומענדיגען לעבען טראַכטען. זעלטען ווען
האָט זי דאָ אין חדר די שטילקייט איבערגעריסען, זיך געהייסען
אונטערשפרייטען איהר ווייסע טיכעל אויפ'ן קישען, דערפאַר וואָס
העלער'ס ציכעל איז שוין נישט גאָר ריין געווען, זיך צוריק
אַוועקגעלעגט און האָט איינע און דיזעלבע ווערטער איבערגע־
חזר'ט:

— ס'איז איהר גוט דאָ אין צימער... זי האָט זיך, דוכט
זיך, אין ערגיץ אַזוי גוט נישט געפיהלט.

און דער עיקר גוט איז איהר שוין דאָ, אפּנים, געווען,
נאָר דערפאַר, וואָס ער, העלער, האָט, סוף־כל־סוף, שכל בע־
קומען און האָט מעהר וועגען חתונה האָבען מיט איהר נישט
גערעדט.

זי האָט דערציהלט:

— ס'הויבט זי לחלוטין נישט אָן צו אַהרען דאָס, וואָס
אידאַ האָט איהר איצט דערציהלט.

ס'איז גענוג, זי, מירעל, זאָל שמואליק'ען איין וואָרט זאָ־
גען, און ער וועט איהר באַלד געבען גט. ס'איז מעהר נישט:

— מיט אַנדערהאַלבען חדשים צוריק האָט זי אַזוי קלאָר
געוואוסט, צוליעב וואָס זי בעדאַרף דעם גט האָבען, און איצט

ליגט זי און טראַכט װעגען די מעשׂים, װאָס זי האָט ביז הײנטיגען טאָג אָבגעטאָן:

— אַלין, װאָס זי האָט ביז הײנטיגען טאָג אָבגעטאָן, איז געװען נישט פֿון אײגענעם װילען, נאָר מחמת נײגעריגקײט און רחמנות.

זי אַלײן האָט אַזױ װײניג פֿון איהר לעבען הנאה געהאַט, — זי װאָלט, בעצם, איצט געמעגט אַלט זײן אַכטצעהן יאָהר. נאָר װען זי װאָלט איצט באמת אַכטצעהן יאָהר אַלט געװען, װאָלט איהר דאָך קײן נײער שריט אין לעבען נישט פֿאַרגעשטאַנען, און איהר װאָלט װידער אַמאָל געבליבען נישט מעהר, װי: רחמנות האָבען אױף איהר פֿאָטער און אױף זיך, חתונה האָבען נאָך אַמאָל מיט שמואליק'ען, זיך מיט איהם גט'ען און װידער ליגען און טראַכטען:

— נו, גוט: זי האָט זיך שױן מיט איהם געג'ט. און װאָס װעט זי טון װײטער?

העלער האָט אַרײנגעלעגט די הענד אין די הױזען-טאַשען און גענומען אַרומשפּאַנען איבער'ן חדר. ער איז געװען פֿול מיט דערװאָרגענעם פֿערדראָס:

— ער איז דאָך בײ איהר גאָרנישט... קומען קומט זי דאָך אַהער נישט צוליעב איהם, נאָר צוליעב זײן קאָנאַפּע און צוליעב זײן שטילען חדר, װאו זי קען רוהיג װעגען זיך טראַכטען. קײן פֿרױ האָט זיך נאָך, הלמט זיך, קײנמאָל מיט קײן מאַנסביל אַזױ נישט געפֿיהרט.

ער האָט איהר נאָכגעקוקט, בשעת זי האָט זיך אָנגעטאָן, בשעת זי האָט זיך געלאָזט אַװעקגעהן, און בשעת ער האָט זי אין דרױסען בעגלײט. זי איז געװען פֿערטראַכט, האָט ער געהאַט פֿאַר איהר דרך-ארץ.

און נאָכדעם האָט ער שױן װידער געװאַרט אױף איהר אַלע אָבענד בײ זיך אין'ם שטילען גרין-בעלײכטענעם חדר און געבענקט נאָך איהר, װי מ'בענקט נאָך אַ פֿרױ, מיט װעמען מ'האָט נישט לאַנג געהאַט כשר'ע, לאַנג ערװאַרטעטע חופּה-וקדושין. די לופֿט האָט דאָ אין חדר מיט איהר ריח געשמעקט. ס'האָט געצױגען צום אָרט, װאו זי איז דאָ געלעגען, און צו איהר דערװײטערטען אָטע-

טיגען פּנים, און געדענקט האָט זיך, אַז איבער איהר האָט ער אַמאָל דעם גרייטען זיך צום קאָנקורס אָבגעלאָזען; אַז די געוועזענע כּלה זיינע האָט שוין אין גיכען דאָ אין שטאָדט חתונה פאַר עפּיס אַ יונגען אַלמן — אַ יהודיסט; אַז די געשעפטען זיינע אין דער קאָפּיקע־ציימונג גיהען שלעכט, און אין שטאָדט רעדט מען שוין וועגען דעם:

— זי האַלט זיך נאָך אויף מיט נסים, די קאָפּיקע־ציימונג, און וועט זיך שוין אין גיכען אינגאַנצען אָבשטעלען.

נאָר מירעל איז שוין צו איהם געקומען סוף־הכּל איין מאָל, און נישט מעהר, ווי אויף עטליכע מינוט. — זי איז געווען געדריקט און דערשלאָגען, נאָך אַ שטאַרק אונאָנגענעהמער סצענע, וואָס איז פריהער אַ ביסעל צווישען איהר מיט'ן מאַן צוליעב'ן גט פאָרגעקומען, און האָט נישט געוואָלט וועגען דעם דערצעהלען. אַ פּאָר מאָל האָט זי זיך נאָר דאָ אין חדר מיט איהרע געדאַנקען הערבגעשפּאַנט.

זי האָט נישט גערעדט, די קאַלאָשען מיט'ן סאַק נישט אויסגעטאָן, און אַז זי האָט אַראָבגעשלונגען, איז דאָס איהר אָנגעקומען שווער, ווי אַ מענשען, וואָס פאַסט. ניט אומקוקענדיג זיך צו איהם, האָט זי זיך באַלד צוריק אַוועקגעהן געלאָזט. ער האָט זי געוואָלט בעגלייטען, האָט זי איהם געהייסען דאָ אין שטוב בלייבען. ער איז איהר דאָך אין דרויסען נאָכגעגאַנגען, זי אָנגעיאָגט ביים נאָהענטען קוואַרטאַל און איהר געזאָגט אַ פּאָר ווערטער, וואָס ער אַליין האָט שוין אין זיי נישט געגלויבט:

— איינער וויל ביי איהם די קאָפּיקע־ציימונג אָבקויפען און לעגט איהם פאָר פינף טויזענד רובעל... זיי וואָלטען געקענט אַוועקפאָהרען קיין אויסלאַנד... ס'וואָלט אפשר קלעקען, ביז ער וועט דאָרט אויף אינזשענער ענדיגען.

זי האָט זיך צו איהם ווידער נישט אומגעקוקט, געמאַכט גיכע טריט און נאָר מיט די אַקסלען אַ ציה געטאָן. איז ער צולעצט געבליבען שטעהן און שוין פון וויטענס געזעהן, ווי

זי זעצט זיך אַריין אין טראַמוויי און פֿאָהרט צוריק צו איהר שטוב, וואָס זי האָט פֿיינט.

אַ צווייטען מאָל האָט ער זי בעגעגענט אין גאַס נעבען גרויסען און רייכען הויז, וואו ס׳וואוינט איהר מאַנס קרובֿ מאָנטשיק. זי איז געגאַנגען מיט אַ דאַמע אַ ברונעטין, וועלכע האָט אויסגעזעהן מיט אַ פֿינף־זעקס יאָהר עלטער פֿון איהר — אַפּנים, איהר געשוועסטערקינד אידא שפּאָליאַנסקי איז דאָס געווען. ער האָט זיך אָבגעשטעלט און האָט דעם הוט אַראָבגענומען. זי האָט איהם בעמערקט, נאָר זי האָט, ווי פֿריהער, געקוקט צו דער דאַמע, צו איהר עפּיס געזאָגט און איז אַזוי גאָר נאָהענט פֿאַרביי איהם אַדורכגעגאַנגען. איהר פֿיגור האָט אויסגעוויזען אַזוי פֿערעקשנ׳ט און שטרענג, און דערצעהלט האָט זי אָהן לשון וועגען איהר, דער בת־יחידיש־אונגליקליכער: זי האָט טאַקע ניט קיין אָרט אין לעבען, נאָר זי איז אָן עפּיס איינגעשפּאַרט און האָט נישט קיין רחמנות ניט אויף זיך און ניט אויף קיינעם.

זי האָט זיך פֿערקעהרעוועט נעבען איינעם אַ קוואַרטאַל און איז דאָרט צוזאַמען מיט איהר בעקאַנטער דאַמע פֿערשוואונדען געוואָרען. האָט ער דאָ אויף זיין אָרט אַ זיפֿץ געטאָן, אָנגעטאָן צוריק זיין הוט און גענומען שפּאַנען ווייטער זיין וועג.

ער האָט בעדאַרפֿט אַריינגעהן צו מאָנטשיק זיידענאָווסקי, זיך פֿיהלען נעבען איהם שלעכט, ווי נעבען מירעלע׳ס מאַנס אַ קרובֿ, און איהם דאָרט זאָגען:

— אפשר קאָן ער פֿאָרט פֿאַר זיין קאָפּיקע־צייטונג אַ שותּף מיט געלד קריגען?...

XV

מאָנטשיק׳ס שרייבטיש איז אַ נידעריגער, אַ שווערער און אַ ברייטער. אַחוץ די פֿערשיידענע שווערע זאַכען, געפֿינען זיך אויף אָט דעם טיש די בילדער פֿון זיין געשטאָרבענעם פֿאָטער און פֿון מירלען, וואָס שטעהען אין צוויי בעזונדערע לעדערנע רעהמלעך און קוקען גלייך צו איהם, דעם

יונגען בעל־הבית. פערקוקט זיך מאָנטשיק טיילמאָל אויפ'ן בילד פון דער לעצטער, שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אויף אַ האַנד און בעקומט גרויסע אויגען:

— עפּיס טוט זיך מיט מירלען...

נאָכ'ן לעצטען מאָל, וואָס ער האָט זיך מיט איהר אין גאַס בעגעגענט און זי איבער דער קייטען־בריק בעגלייט, איז צו איהם געקומען אַ שטאָדט־שליח מיט אידרען אַ בריעף; זי האָט געבעטען, ער זאָל איהר צוויי הונדערט רובעל אַנטלייהען. און נאָכדעם זעגען איהם שוין די צוויי הונדערט רובעל אָנגעקומען צוזאַמען מיט שמואליק'ס אַ צעטעלע, וואָס אין איהם איז געשטאַנען:

„ש"ב היקר מו"ה מאָנטשיק! חן, חן לך בעבור הג"ה שנתת לרעיתי מירעלע ת'".

פון עס־צימער קומט צו איהם אַריין זיין קלייגער עלף־יאָהריגער ברודערל, איז ער איהם מכבד אויפ'ן קול:

— אַ, ר' ליאָליע!... וואָס וועט עפּיס זאָגען אַ יוד ר' ליאָליע?

ליאָליע האָט אינאיינעם מיט איהם פיינט די שקצים, וואָס קומען צו דער שוועסטער דער זינגערין, און קען, ווי ער, איהר קוויטשעריי נישט פערליידען. מאָנטשיק האָט איהם ליעב, דערפאַר וואָס ער איז אַ געשטעלטער און אַנ'אויסגעדאַרטער יודעלע, האָט אַ גוטען קאָפּ, כאַפּט אָפּט די שוועסטער אין אַ ליגען און, דער עיקר, דערפאַר, וואָס פון איהם, ליאָליע'ן, וועט שוין געוויס עפּיס זיין. ער האָט איהם אויך ליעב דערפאַר, וואָס מירעל האָט איהם אַמאָל געזעהן, אָט דעם ליאָליע'ן, געזאָגט, אַז ער געפעלט איהר, און האָט איהם איבער'ן קעפּיל אַגלעט געטאָן. נעהמט ער איהם אָן פאַר'ן הענטיל, פרעגט ביי איהם עפּיס, דענסטמאָל ווען זיינע אויגען קוקען אין אַלכסון אויף מירעל'ס בילד, און דער מח מראַכט דאָסזעלבע, וואָס פריהער:

— עפּיס טוט זיך מיט מירלען.

און איינמאָל אַרום דריי אַזייגער ביי־טאָג איז ער פער־

טראַכט בײַ אָט דעם טיש געזעסן און האָט מיט אַ מידען קול געענטפֿערט אַ „גוטען־טאָג" דעם לעצטען פֿון די פּאָר מנינים קלי־ענטען, וואָס האָבען זיך בײַ איהם פֿון פֿריהמאָרגען אָן געפּראַוועט.

דער קאָפּ איז בײַ איהם געווען מאַט און פֿול מיט די טו־מעלדיגע געשעהענישען פֿון נעכטיגען איבערגעלעבטען טאָג: — דאָרט, אין פֿאָרשטאָדט, בײַם פֿעטער יעקב־יוסל'ען אין שטוב האָט דעם צווייטען טאָג די גאַנצע משפּחה זיידענאָווסקי געקאָכט און געזאָרגט, און מירעל איז שוין דאָרט דעם צווייטען מעת־לעת נישט געווען און האָט שוין געוואוינט אין האָטעל, וואָס אויף דער שטילער בולוואַר־גאַס. עלף אַזייגער אין אָבענד האָט מען אַהין די מוטער זיינע, די מוהמע אסתּר, אַרויסגערופֿען און איהר דורכ'ן טעלעפֿאָן איבערגעגעבען אויפֿגערעגטע ידיעות וועגען דעם, וואָס דאָרט אין דער איבערגעפֿולט־צעשראָקענער שטוב קומט פֿאָר:

— שמואליק איז פֿערשוואונדען... פֿון נעכטען פֿאַרנאַכט אָן איז ער פֿערשוואונדען... מ'האָט איהם שוין געזוכט... אומעטום אין שטאָדט האָט מען איהם שוין געזוכט. אַ?.. אין גוראַלניע?.. אין גוראַלניע אויך.

מאָנטשיק איז געלעגען אויסגעטאָן אין בעט און האָט בּיז דרײַ אַזייגער אויף דער מוטער געוואַרט. ס'האָט איהם געשאָסען אין קאָפּ, און די גאַנצע שרעק, וואָס דאָרט בײַ די זיידענאָוו־סקי'ס אין שטוב, איז דאָ אין איהם געווען טיעף פֿערגראָבען. ער האָט נישט גערעדט, נאָר בײַ איהם אין מח האָט זיך שוין עפּיס גערעדט, וועגען דעם, וואָס דאָרט קומט איצט פֿאָר און וואָס בײַ אַלע קרובים ליגט דאָרט אויף איהם, מאָנטשיק'ען, אַ חשד, און ס'איז דאָך נאַריש... ער קען איצט אַהין נישט קומען.

אַרום פֿיער אַזייגער פֿאַרטאָג האָט זיך די מוטער פֿון דאָרט אומגעקערט. ער האָט איהר אַליין אין די אונטערשטע וועש די טיר געעפֿענט און איז נאָכדעם לאַנג געזעסען בײַ איהר אויפ'ן בעט. זיין צעטראָגענער מח איז בשעת מעשה געווען פֿול מיט פֿלינקער אַרבייט, און די מוטער האָט דאָך צייט געהאַט... זי האָט שוין, אפשר, אויך געוואוסט וועגען חשד, וואָס פֿאַלט אויף

איהם, און האָט שוין גאָר פאַמעליך די מרה־שחורה'דיגע ניי־ איבערגעגעבן:

— וואָס נו?.. ער איז נישטאָ, שמואליק, און מ'דאַרף מורא, אַז ס'איז מיט איהם עפּיס געשעהן.

...אַז יענער טוט אָב אַזעלכע מעשׂים:

באַלד נאָך „יענערס" אַוועקגעהן האָט ער אין דרויסען צו־ געקלעפּט אַ בלעטיל, אַז די שטוב פערדינגט זיך, און אַז די מעבעל פערקויפט ער, און אַ בריעף, זאָגט מען, האָט ער צו די פאָטער־און־מוטער געלאָזט. זיי שעמען זיך, אַ סברה, אָט דעם בריעף צו בעווייזען...

— אידאַ שפּאָליאַנסקי'ס שוואָגער דערצעהלט, אַז ער האָט איהם נעכטען פאַרנאַכט געזעהן זיך אַרומדרעהן נעבען קראָ־ מאָווסקי'ס אַפּטייק. איצט האָט עמיצער איבערגעלייענט אין דער אָבענד־צייטונג, אַז אין שפּיטאָל־וועלדיל האָט מען אַ געהאַנגע־ נעם געפונען, — איז מען אָקאָרשט נאָר־וואָס אין אַנאַטאָמישען טעאַטער אַוועקגעלאָפען.

מאָנטשיק איז אַיינגעשלאָפען מיט'ן טאָגליך, און גע'חלומ'ט האָט זיך איהם, אַז ער וואיינט אין דעמזעלבען האָטעל, וואָס מי־ רעל, אין צווייטען חדר וואוינט ער דאָרט, און זעהט דורכ'ן פענסטער, ווי שמואליק דרעהט זיך דאָרט אַהין און צוריק אי־ בער'ן טראָטואַר אַרום.

איצט, נאָכ'ן האַלבען טאָג אַרבייט, איז ער שוין געווען אַזוי מיעד און פערטראָגען. און געדענקט האָט ער שוין, אַז ס'איז אַ נאַרישקייט, אָט דאָס, וואָס, אויפשטעהענדיג פון שלאָף, האָט זיך איהם אויסגעדוכט, אַז ער מוז נאָך היינט צו מירלען אין האָטעל אַריינגעהן, און אַז מירעל וועט מיט זיין קומען שטאַרק צופרידען ווערען. ער האָט נאָך בעדאַרפט זיין אין די בענק און זיך אויפ'ן בירזשע־דאָג מיט עטליכע מענשען זעהן. האָט ער אין אַיילעניש די אָנגעוואָרפענע פּאַפּירען אין פּייער־קאַסע פער־ שלאָסען און געכאַפּט אויף זיך דעם פּאַלטאָ. נאָר אין דרויסען ביי דער טיר איז ער פּלוצים אַזוי בלאַס און פערשטיינערט גע־ וואָרען, גלייך ער וואָלט פאַר זיך אַ בלאָנזשענדיגען מת דערזעהן: אַקעגען איהם אויפ'ן טראָטואַר איז געשטאַנען שמואליק מיט זיין

מאַט־געלען ערדישען פּנים; ער האָט נישט געוואָלט זאָגן, וואָ ער האָט זיך די לעצטע צוויי נעכט אַרומגעוואַלגערט, און איז איצט אָנגעקומען צו איהם, מאַנטשיק'ען, נאָך אַ טובֿה:

— צוריק מיט צוויי טעג, האָט ער דערצעהלט, — איז מירעל פֿון שטוב אַוועקגעגאַנגען און האָט בּיי איהם קיין געלד נישט געוואָלט נעהמען... ער האָט זי געבּעטען, נאָר זי האָט נישט געוואָלט און איז אַוועקגעגאַנגען... און איצט... אפֿשר וואָלט איצט מאַנטשיק אַריינגעגאַנגען צו איהר און וואָלט זי בּעטען, זי זאָל נעהמען געלד...

XVI

אין אַ פּאָר וואָכען אַרום איז אַ וואַקסיגער יונגערמאַן אין אַ שוואַרצען האַרבּסט־מאַנטעל און שטאַרק בּרייטען אויסלענדישען הוט אַרויסגעגאַנגען פֿון אַ הויז מיט מעבּלירטע צימערן, וואָס אויף דער צענטראַל־גאַס, און האָט זיך פּאַמעליך געלאָזט געהן אַראָבּ, צו דער קייטען־בּריק פֿון פֿאָרשטאָדט.

דאָס איז געווען הערץ, דער אַקושאָרקעס בּעקאַנטער הערץ.

זעקס וואָכען נאָכאַנאַנד האָט ער בּיי זיך אין פֿעדוואָרפֿענעם שטעדטעלע געשמייכעלט פֿון מירעל'ס בּריעף, וואָס אין איהם האָט זי איהם געבּעטען קומען, און איצט איז ער שוין אַהער אַראָבּגעפֿאָהרען, ווי אויף אַ ווערטיל און גלאַט אַזוי. אַרום צוועלף אַ זייגער בּייטאָג, ווען ער האָט זיך דאָ אין שטאָדט אינ'ם מעבּלירטען צימער אויפֿגעכאַפּט, האָט ער זיך מיט אַמאָל דערמאָנט, אַז ער איז נאָך אַ בּחור; אַז ער איז שוין אַלט צוויי און דרייסיג יאָהר, און איהם אַליין געפֿעלען שוין צייטענווייז נישט פֿיעל פֿון די אייגענע אָנגעשריבּענע זאַכען, אַז מירעל, וועמען ער האָט, פֿאָהרענדיג אַהער, אין זינען געהאַט, האָט דאָ אין שטאָדט אַ מאַן, אַ שטוב מיט אַ גאַנצער משפּחה קרובֿים. אין סקומט איהם דאָך... ס'קומט איהם אָט דאָס, וואָס בּשעת ער טוט זיך איצט אָן, לאַכט ער אָפּטמאָל אויפֿ'ן קול און מאַכט חוזק פֿון זיך אַליין.

עטליכע טעג האָט ער זיך דאָ איבער די גאַסען אַרומגעדרעהט און האָט געהאַט דערביי אַ שמייכעלדיגען פּנים.

— וואָס טוט ער דאָ אין שטאָדט?

ס'איז מעהר נישט: ער איז שוין דאָס ערשטע מאָל אין לעבען אַהער געקומען, איז כּדאי געווען בּעטראַכטען דעם בּוי פון די הייזער און פון טעאַטער, זיך אַראָבּלאָזען צו דער קייטען־בּריק, זיך דאָרט אָבּשטעלען נעבען שקצים, וואָס קייען יאַדערען און צוזאַמען מיט זיי זעהן, ווי דער אייז פּונ'ם בּרייטען טייך איז שוין אויף שטיקער צעשפּאָלטען און וואַרט אין גרויס שטילקייט עפּיס אויף אַ ידיעה פון דער ווייט.

———

און איינמאָל האָט ער זיך דאָך ווייטער פון קייטען־בּריק איבּער דער פאָרשטאָדט געלאָזען געהן און ווידער גענומען שמייכ־לען פון מירעל'ס בּריעף, וואָס ליגט בּיי איהם אין טאַש.

ס'איז געווען נאָהענט צו פּורים, און דער ליכטיגער טאָג האָט געשפּינט זיין וואַרימקייט פון גאַרער זונען־שיין און פון זיבּערער פאַר־פּסח'דיגער לופט. רעדער פון לויפענדיגע דראָזשקעס האָבּען הילכיגער, ווי תמיד, אָן די פריש־אָבּגעדעקטע שטיינער געקלאַפּט, און פון דער זון איז שוין צו פאַר־נאַכט־צו אַ טייבעל פון צעלאָזטען זילבּער געוואָרען און געשטראַהלט אַהין צו די נאָהענטע און ווייטע בּערג, וואָס אַרוים דער שטאָדט:

— דער עיקר זענען זיי, די שוואַרצע ערד־פלעקען, וואָס שמעלצען זיך דאָרט צווישען צעגעהענדיגען שניי.

דענסטמאָל זענען אויף די גאַסען־בּוימער צווישערנדיגע פיי־געלעך פון די כּלים אַהיים, און ערציהערינס האָבּען זיך מיט זייערע קינדער אַהיים אומגעקעהרט. און אין דער לופט האָט גענומען שמעקען מיט גרינגען פראָסט, מיט יונג־מיידעל און מיט שמחה פון קליינשטעדטילדיגע קינדער, וואָס הערען שוין אויף „געהן בּיינאַכט".

הערין האָט געטראָפען שמואליקס פליגעל פערשלאָסען און פּוסט און האָט זיך אָבּגעשטעלט. אַ דורכגעהענדיגער יוד

האָט אים אָנגעוויזן צו די ייִדענאָווסקיס אין דער גרויסער שטוב, איז ער אַהין אין פֿערד־שטיבל אַרײַנגעקומען און האָט זיך אויף מירלען נאָכגעפֿרעגט.

בײַ די ייִדענאָווסקיס אין עס־צימער האָט מען דענסטמאָל געקלעפּט פּורים־גריט און האָניק־פּאַרפֿל. דער גאַנצער לאַנגער טיש איז דאָרט געווען פֿאַרפֿלייצט מיט שטוב־מענטשן, מיט יונג־וואַרג און מיט קרובֿות. מ'האָט נישט געקענט איבערטראָגן פֿונעם קליינעם קלייענדיקן יונגעלע, וואָס שטופּט די הענט אין די וואַרימע האָניק־פּאַרפֿל, און עמיצער האָט דאָרט אָנגעשריִען אויף אים אויפֿ'ן קול:

— פֿע, די!... וואָס לעקסטו די פֿינגער?

צום אָנהייב האָט דאָ הערצ'ן אין פֿערד־שטיבל די דינסט־מיידל בעגעגנט. זי האָט נישט געוואוסט, וואָס אים צו ענטפֿערן, און איז מיט זײַן שאלה אין עס־צימער אַוועק. און באַלד האָבן זיך אַהער פֿון עס־צימער מעהר פֿון אַ מנין מענטשן אַלאָז געטאָן. זיי האָבן טונקעל געמאַכט די שײַן, וואָס אין קליינעם חדר, און האָבן נײַגעריק אַרומגעשטעלט אים, דעם פֿרעמדן יונגען־מאַן, בײַ וועמען דער פּנים איז אין יעדער רגע גרייט אַ שמייכעל צו טון.

איינע אַ פֿריילין האָט, קוקענדיק אויף אים, שטאַרק געוואָלט וויסן, ווער ער איז, און האָט אָנגערופֿן דעם נאָמען פֿון האָטעל, וואו מירעל וואוינט:

— אין צוויי צימערן וואוינט זי דאָרט.

אַ צווייטע האָט געוואוסט, אַז מירעל וואַרט דאָרט די גאַנצע צײַט אויף אַ מענטשן, וואָס בעדאַרף צו איהר אַהער אין שטאָדט קומען. זי האָט צוגעגעבן מיט אַ רמז אויף שמואליק'ן, וואָס איז צוריק מיט אַ פּאָר טעג דאָרט אין האָטעל געווען און זיך בשום אופֿן צו איהר נישט געקענט דערשלאָגן:

— זי איז, דוכט זיך, עפּיס נישט געזונט, מירעל... שוין, דוכט זיך, עטליכע טעג, זינט זי ליגט צו בעט.

פּלוצים האָט זיך די שוויגער אַליין אויף דער שוועל פֿון חדר בעוויזן און האָט גענומען פֿינקלען מיט די קורצזיכטיגע אויגן:

— שאַ!... וואָס האָט מען זיך דאָ אָנגעשטעלט?

מ'האָט איהר אָנגעוויזען אויף איהם, דעם פרעמדען בחור, וואָס פרעגט אויף מירלען, האָט זי געטאָן צו איהם אַ פּאָר שפּאַן. אַ ווײַלע האָט זי אויף איהם אַזוי מיט די צוזאַמענגעצויגענע אויגען געקוקט. און נאָכדעם האָט זי אויסגעשטרעקט איהר האַנד צו איהר קליינעם יונגעלע און איהם אַוועקגענומען פון'ם פרעמדען בחור מיט אַזאַ פאָרזיכטיגקייט, גלייך זי וואָלט מורא האָבען, ער זאָל זיך אָן אָט דעם פרעמדען בחור אָנריהרען און זאָל טמא ווערען. זי האָט אויסגעשפיגען אָן אַ זייט, ווי מען שפּייט, בשעת מ'דערמאָנט עמיצענס אַ שלעכטע חולאת, און האָט שוין געזאָגט מיט אַ מינע פון אַ מענשען, וואָס קעהר זיך לחלוטין מ'ט אָט דעם בחור נישט אָן:

— נו, יאָ... זי וואוינט דאָרט... אין האָטעל וואוינט זי.

פיערטער טייל

נאך אלעמען.

I

דאָס איז געווען אין די פֿראָסטיגע שטורעם־שנייען, וואָס צווישען גרויס־חנא און צווישען גוי'אישען ניי־יאָהר.

מיט אַ רויטען פּנים פֿון קעלט איז וועלוויל בּורנעס גע־שטאַנען בּיי זיין פֿאָטער אין עס־צימער. ער איז נאָר וואָס אָנגעקומען פֿון זיין פֿילוואַריק און האָט נישט געקענט תּופס זיין, וואָס אַרום איהם קומט פֿאָר: — כּמעט אַלע שטוב־מענשען זע־נען מיט אומעטיגע פּנים'ער געשטאַנען אַרום אַ יודען אַ משולח און געהערט, ווי ער דערצעהלט:

— ער האַלט בּיים עק, ר' גדליה... דער דאָקטאָר פֿון קרייז־שטאָדט האָט געזאָגט, אַז ער האָט דאָ נישט וואָס צו טון. זיין שוועסטער פֿון אויסלאַנד איז שוין געקומען.. און די טאָכטער... די טאָכטער, זאָגט מען, איז שלאַף... אַ סבֿרה, אַז דאָרט, בּיי איהר שוועהר אין שטוב, בּעהאַלט מען פֿון איהר די טעלעגראַמעס, וואָס מ'שיקט פֿון דאַנען כּמעט אַלע שעה.

ס'איז געווען שטיל, און דורך די צווייענדיגע פֿענסטער האָט שווייגענדיג אַריינגעקוקט דער גראָהער ווינטערדיגער פֿאַרנאַכט; ער האָט געשפּרייט זיין פֿאַרכטיגען אומעט אין אַלע פֿערפֿינסטערטע חדר־ווינקלען, און דער גרויסער און שוואַרצער בּופֿעט איז שוין אין איהם איינגעוויקעלט געווען און האָט מיט שטומען מוסר אַריינגעקוקט צו די מענשענס מרה־שחורה'דיגע פּנים'ער:

— האָט איהר איהם דאָ צוויי יאָהר צייט געשאָלטען, ר' גדליה'ן... און איצט ליגט ער שוין איפּ'ן טויטען בּעט, און

די תלמוד־תורה־יונגלעך געהען שוין פון ווינטשעווען תהלים זאָגען.

עמיצער האָט איך די תלמוד־תורה־יונגלעך אין דרויסען אַרויס אָנגעוויזען, און אַלע האָבען בעלעגערט די פענסטער און געזעהן:

דאָרט, ביי ר' גדליה'ן אין שטוב, לייכטען, ווי צו גסיסה, די פריה־אָנגעצונדענע לאָמפען — ניט פרעהליך איז שוין דאָרט אין די חדרים, און דאָ, מיט דער טונקעלער גאַס, וואָס פאַר דער שטוב, געהען אין אָבגעריסענע טולופּלעך מעהר ווי פערציג תלמוד־תורה־קינדער, קריכען מיט די פיסלעך טיעף אין'ם אָנגעפאַלענעם שניי און פאָלגען די צוויי מלמדים, וואָס ווייזען זיי דעם וועג אין אַסאַטענער קלויז.

ס'איז אַריינגעקומען דער אָרטיגער אָנגענומענער שוחט. יענער זעלבער שוחט, וועמען מ'האָט אַמאָל, בשעת'ן אָבלאָזען די תנאים, פאַר אַ בורר צו ר' גדליה'ן געשיקט. ער האָט דערצעהלט:

— דאָס געדענקט ער פון דאָרט... מ'האָט נאָר וואָס די צוואה איבערגעשריבען און צעטיילט די 18 טויזענד רובעל ריוח, וואָס די מוחרים פון קרייז־שטאָדט גיבען פאַר'ן חלק אין גרויסען קאַשפּעריווקער וואַלד: 12,700 טרעפען אָן די איבערגעבליבענע חובות, 1300 רובעל אויף עולמות.

ביים שוחט איז געווען אַנאומעטיגער בעשעפטיגטער פנים, און אויסגעזעהן האָט ער געהייליגט און אָבגעשיידט פון עולם הזה, ווי באַלד נאָך טבילה, בשעת ער נעהמט זיך טון אַ גאָטספאָרכטיגע זאַך.

אברהם־משה בורנעס אַליין איז דאָ נעבען איהם געשטאַנען און פיעל פאַפּיראָסען געריכערט; איהם צולעצט אָבגערופען אין קאַבינעט און זיך גענומען מיט איהם מישב זיין:

— ווי קלערט ער? אפשר וואָלט ער, אברהם משה, איצט בעדאַרפט צו ר' גדליה'ן אַריינגעהן?

און וועלוויל איז אַהין אין קאַבינעט נאָכגעגאַנגען און האָט זיין אייער צוגעלעגט. דער שוחט האָט פערקנייטשט דעם שטערן:

— וואָס האָט מען דאָ וואָס צו קלערען? ס'וואָלט אודאי גלייך געווען.

דענסטמאָל איז איהם, וועלוולען, פֿיעל גרינגער געוואָרען, און גנבֿ'ען האָט ער זיך אָנגעהויבען אין פֿינסטערן קאָרידאָר, וואו עס איז געהאַנגען זיין ברייטער וועג־פֿוטער. ער האָט זיך דאָרט בגנבֿה אָנגעטאָן און זיך שטיל אין דרויסען אַרויסגערוקט.

ער האָט זיך געגנבֿעט מיט די הינטער־געסלעך אַראָב צו ר' גדליה'ס שטוב. זיינע פֿיס זענען געקראָכען טיעף אין'ם ניי־אויסגעפֿאַלענעם שניי, און די עקען פֿון'ם לאַנגען און ברייטען פֿוטער האָבען זיך נאָכגעשלעפּט און געלאָזט דורכאויס סימנים. ס'איז געווען שטיל פֿון נאָכ'ן שניי־שטורעם. אַליין — פֿון דער בלאַסער שווייגענדיגער נאַכט ביז די שיטערע ערגיץ־וואו בעליכטענע שטיבלעך — האָט אויסגעזעהן מאָדנע וואַרטענדיג און שטום, ווי אין דער בלאַסער חשכות פֿון אַ חלום. פֿון ערגיץ אַ ווייטען־געסיל האָט אַהער אַ שטאַרקער קלאַפּ פֿון אַ הויז־טיר דערגרייכט, און אַ יידענע, וואָס איז פֿון דאָרט אַרויסגעגאַנגען האָט אויסגעשריען צו איהר שכנה אויפֿ'ן קול:

— גאָט קען איהם נאָך העלפֿען, ר' גדליה'ן!... ער האָט אודאי פֿערדיענט.

ער האָט בעמערקט ר' גדליה'ס קרובֿ, דעם געוועזענעם קאַסיר, וואָס האָט זיך פֿון ערגיץ אויף גיך צו ר' גדליה'ן אין שטוב אומגעקעהרט. ער האָט איהם אָנגעזאָגט:

— איין וואָרט... וואָס הערט זיך? נישט גוט, אַ?

דער קאַסיר האָט זיך אָבגעשטעלט און האָט אַ זיפֿץ געטאָן:

— וואָס זאָל זיך הערען? אודאי נישט גוט.

ר' גדליה'ס קרובֿ האָט זיך נישט געחידושט, וואָס ער, וועלוויל, דרעהט זיך דאָ אַרום; ער האָט איהם געענטפֿערט, ווי ר' גדליה'ס אַ גוטען פֿריינד. איז ער געגאַנגען ווייטער צו דער שטוב. אַ בינטעל ייִדען זענען דאָ אַרום ר' גדליה'ס אַ געוועזענעם משולח געשטאַנען און האָבען געהערט, ווי ער דערצעהלט וועגען גימעלען, וואָס ליידט שוין דעם דריטען מעת־לעת פֿון שטאַרקען קאָפּ־וועהטאָג:

— ר׳ גדליה׳ס שוועסטער זיצט דאָרט נעבען איהר אין פינסטערן שלאָף־צימער; זי לאָזט גיטעלען פון בעט נישט אויפשטעהן.

ער האָט דעם בינטעל אויסגעפּעהלט, ארומגעגאַנגען די שטוב פון דער צווייטער זייט און זיך אָבגעשטעלט נעבען בעלייכטענעם פענסטער פון מוה׳רעל׳ס חדר:

— אפנים, דאָ ליגט ער, ר׳ גדליה.

אַנ׳אַלטיטשקער יוד, אַ קראַנקער, אַ הוסטענדיגער און אַ למדן, איז אַהער אָנגעקומען מיט׳ן שמאָלען געסיל, וואָס פיהרט פון אַסאַטענער קלויז. דער יוד האָט זיך קרעכצענדיג אָבגעשטעלט, איהם מיט זיינע קאַליע אויגען אין פנים אַריינגעקוקט און, קרעכצענדיג, זיך דערפרעגט:

— ווער איז?... אוי... אוי... וועלוויל?.

דער אַלטיטשקער האָט זיך געקלאָגט אויף דער עלטער, אויפ׳ן לעבען און אויפ׳ן טויט. וועלוויל האָט איבערגעוואַרט, ביז דער יוד איז אויף ר׳ גדליה׳ס גאַניק פערשוואונדען, און האָט זיך נעהענטער צום פענסטער צוגערוקט. איצט האָט ער שוין געזעהן אַלץ, וואָס דאָרט אין חדר איז פאָרגעקומען. ס׳האָט זיך געמאָלט, ווי ס׳שמעקט דאָרט מיט רפואות, מיט׳ן גערוך פון שלאָפען און פון נאָהענטען טויט, און געדוכט האָט זיך, אַז ס׳איז דאָרט שטיל, אונגעוועהנליך שטיל. ביים טישעל, וואו ס׳האָט אונטער אַ בלאָהען אַבאַזשור דער לאָמפּ געברענט, איז געזעסען דער אָרטיגער אָנגענומענער פעלדשער. ער איז שוין עטליכע נעכט נישט געשלאָפען, איז ביי איהם דער פנים אומעטיג געווען, און געקוקט האָט ער גלייך אַהין צום שלאַפענס בעט, וואוהין ס׳איז פון אונטער׳ן אַבאַזשור די אַראָבגעזעצטע בלאָהע שיין געפאַלען. אַבי׳המ׳יל דער רב האָט זיך דאָרט אַהין און צוריק צוזאַמען מיט זיין שאָטען, ווי אויף די שפּיץ־פינגער, אַרומגעדרעהט און דערביי געהאַט אַ שטאַרק אונגליקליכען און צעטראָגענעם אויסזעהן; דער רעכטער אונטערגעהייבענער אַקסעל האָט ביי איהם געשטאַרצט אין דער הויך, און פונ׳ם צווייטען אַקסעל, פונ׳ם אַראָבגעלאָזטען, איז אַראָבגעהאַנגען די לינקע האַנד מאָדנע, ווי אַ געלעהמטע, זיך אינגאַנצען בעהאַלטען אינ׳ם אַרבעל

און זיך, ווי פֿון זיך אַליין, אַהין און צוריק געשאָקעלט. און דאָרט, אויפֿן בעט, וואָס בײַ דער וואַנט, איז דער שלאָפֿער, אפֿנים, פֿערטראָגן געלעגן. דער קאָפּ איז בײַ איהם געווען אָפּגעגאָלט צוליעב די פּיאַווקעס, וואָס מ'האָט איהם נאָכן דאָקטאָרס אַוועקפֿאָהרען געשטעלט, האָבען זיך דערפֿאַר די פּאות מיט דער באָרד געהיכּט צופֿיעל גרויס און צופֿיעל שוואַרץ, און דער פּנים — צופֿיעל איינגעדאַרט און צופֿיעל קליין. אָט האָט זיך דאָרט זיין קאָפּ פּאַמעליך, פּאַמעליך אַהין און צוריק אַ ריהר געטאָן. די מענשען, וואָס אין חדר, זענען נעהענטער צום בעט צוגעגאַנגען. וועלוויל האָט זיך דאָ אויף די שפּיץ פֿינגער אויפֿגעשטעלט און געזעהן, ווי מ'פּאָלגט איהם, ר' גדליה'ן, און מ'זעצט איהם אויף: ווי מ'טוט איהם אויס נאַקעט און מ'ציהט אויף איהם אַרויף אַ ווייסע העמד, אַ נייע און אַ בלאַנקענדיגע, וואָס אין איהר זעהט ער, ר' גדליה, אויס געהייליגט און ריין, ווי אום יום־כּפּור פֿאַרנאַכט, נאָך אַ מעת־לעת פֿאַסטען. פּאַמעליך, פּאַמעליך האָט מען איהם צוריק אויפֿן קישען אַראָפּגעלאָזען און זיך אײַנגעבויגען הערען, וואָס ער זאָגט. עמיצער האָט אַהער אין צימער מירעל'ס בילד אַרײַנגעטראָגען און עס הינטען־אַרום אַבֿרהמ'יל דעם רבֿ בעוויזען. אַבֿרהמ'יל האָט בּרוגז צו יענעם מיט דער האַנד געמאַכט:

— מ'באַדאַרף נישט. מ'באַדאַרף נישט.

דאָס האָט, אפֿנים, ר' גדליה וועגען דער טאָכטער זיינער געפֿרעגט.

און ווידער האָט מען זיך אײַנגעבויגען צו איהם און געהערט, וואָס ער זאָגט. אַפֿנים, פֿון זיינע רייד האָט ביים הערצען פֿערקלעמט. די שוועסטער זיינע האָט זיך אין אַ זייט אַוועקגעדרעהט און גענומען כליפּען און ווישען די אויגען. פּלוצים האָט ער דערזעהן, ווי דער פֿעלדשער ראַמט עפּיס דעם רבֿ איפֿן אויער, און דער רבֿ שאָקעלט מיטן קאָפּ און לאָזט זיך פֿונ'ם צימער אַרויס. ער האָט דעם פֿענסטער פֿערלאָזען און זיך געלאָזט צום גאַניק. אַ ייד, אַ משולח, האָט דאָרט געוואַכט אַ פֿוהר, כּדי אין נאָהענטען דאָרף נאָך פּיאַווקעס צו פֿאָהרען. האָט ער, וועלוויל, אָט דעם

יודען בײם אַרבעל אָנגענומען און איהם גענומען פֿירען צו זײן פֿאָטער אַהײם:

— אָט איז בײן פֿוהר. די איז געשפּאַנט... הײסט איהם שמײסען, דעם פֿוהרמאַן.

———

אַרום צװעלף אַ זײגער בײ־נאַכט, האָט זיך פֿון דרױסען צו פֿורנעפֿן אין עס־צימער אַ געלױפֿערײ מיט קולות דערהערט. בײדע מײדלעך זענען, זיצענדיג בײם טיש, געװאָרען טויט. עמי־צער פֿון זײ האָט זיך פֿאַר׳ן האַרצען אַ כאַפּ געטאָן. אַ צװײ־טער האָט אַ קײ געגעבען אין דרױסען אַרױס דורכ׳ן צװײענדיגען פֿענסטער, דערזעהן דאָרט די מענשען, װאָס דרעהען זיך אין דער בלאַסער נאַכט־חשכות, און זיך מיט שרעק צוריק צום טיש איבערגעדרעהט:

— אױ װעה!... זיך שײן, אַפּנים, געפֿעהלט ר׳ גדליה.

אײנס פֿון די צװײ קינדער, װאָס זענען אין אָנטון אױף דער קאַנאַפּע געשלאָפֿען, האָט זיך אױפֿגעכאַפּט מיט אַ דערשראָ־קענעם געװײן; די מײדלעך האָבען מורא געהאַט אַלײן אין שטוב צו בלײבען, און װעלװיל האָט אױף זיך געשװינד דעם פּוטער געכאַפּט און איז מיט אַ קלאַפּענדיגען האַרץ װידער אַמאָל אין דרױסען אַרױסגעלאָפֿען. איצט האָט ער זיך שױן ניט געיגנב׳עט הינטען־אַרום, נאָר געגאַנגען גלײך מיט דער ברײטער גאַס, װאו אײנ׳ם רוב הײזער האָט זיך נאָך געלױכטען. אין מאַרק זענען געשטאַנען פֿיעל יודען אין אַ בינטעל און האָבען גערעדט אַלע צוזאַמען, װי צו קדוש לבנה. עמיצער האָט דאָרט געשריען אױפֿ׳ן קול:

— װאָס מי׳ נושא־המיטה...

— האָב צײט!

די גאַנצע שטעדטיל איז געװען װאַך. מענשען זענען געגאַנגען אַראָב, צו ר׳ גדליה׳ס שטוב. פֿון אַלע עקען שטאָדט זענען זײ אַהין געגאַנגען, און ער, װעלװיל, איז געגאַנגען צוזאַמען מיט זײ און זיך צוזאַמען מיט זײ דאָרט אין אײן שטוב פֿון אײן איבערגעפֿילטען 310

חדר אין צווייטען געשטופּט. אינים בעלעגערטען עס-צימער האָט ער זיין וואוקסיגען פאַטער דערזעהן — יענער איז אָבגעזונדערט פון אַלעמען געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן אַלמער און מרה-שחורה'דיג געה'יכערט פון זיין זילבערנעם ציגאַר-שפּיץ. און דער איינגאַנג אין דריטען חדר איז שוין אַזוי ענג געווען; אַ סך ליכט האָבען דאָרט געברענט, און פיעל וויינענדיגע קולות האָבען זיך פון דאָרט געטראָגען. איהם, וועלוועלען, האָט מען דאָרט געשטופּט פון אַלע זייטען. עמיצער האָט הינטער זיינע פּלייצעס אָנגעוויזען אַהין, אויף ר' גדליה'ס אײדעם, וועלכער איז נאָר וואָס פון וואָקזאַל געקומען. און ווען ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער בעדאַרף ווייטער נישט געהן, האָט ער זיך שוין געפינען אינעווייניג, אינים חדר מיט די פיעל אָנגעצונדענע ליכט, און קיינער האָט זיך שוין אַרום איהם נישט געשטופּט. לינקס פון איהם, אין איין שורה מיט גיטעלען און מיט דער איסלענדישער שוועסטער, איז דער נאָר וואָס געקומענער אײדעם געווען אָנגעבויגען איבער'ן מת, און אַקעגען איז מיט אַ פערקרימטען פנים געשטאַנען אברהמ'יל דער רב און געקוקט צו איהם אַזוי מאָדנע — ער האָט געוואָלט, אַז ער, וועלוויל, זאָל זעהן, אַז ער איז טאַקע באמת ר' גדליה'ס אַ גוטער פריינד געווען, און אַז פון זיינע רבנישע איגען גיסען זיך איצט טרערען.

מיט'ן גרייען טאָגליך האָט מען די מיטה מיט'ן מת פון שטוב אַרויסגעטראָגען. שמאָל און קורץ איז אָט די מיטה געווען און אויסגעזעהן האָט זי, ווי אַ קינדערשע. מ'איז מיט איהר געלאָפען, ווי מיט עפּיס אַ זאַך, וואָס מ'בעדאַרף וואָס גיכער פון מענשען בעהאַלטען. געטראָגען האָבען זי אויף די אַקסלען דער רב מיט'ן דיין, ביידע שוחטים, דער אײדעם און נאָך עפּיס אַ פּשוט'ער יונגער-מאַן, וואָס פלעגט ביי ר' גדליה'ן אין מיהל אַלע וואָך צוויי פּוהרלעך מעהל קויפען. עמיצער האָט איהם, וועלוועלען, נעהענטער צו דער מיטה צוגערוקט און אַוועקגעשטופּט דעם פּשוט'ען יונגען-מאַן:

— לאָז, לאָז ס'איז וועלוויל בורנעס.

און וועלוויל האָט זיין אַקסעל אונטערגערוקט און האָט צוזאַמען מיט'ן איידעם געטראָגען ווייט, ווייט ביז'ן בית־עולם. ווען ער האָט די מיטה אָבגעלאָזט, איז ער שוין אַזוי צעשומעלט און פֿערנעפּילט געווען. דער פּשוט'ער יונגער־מאַן האָט זיך געפּיהלט צו איהם נאָהענט, דערפֿאַר וואָס ער האָט איהם זיין אָרט ביי דער מיטה אָבגעטרעטען, צוגעגאַנגען צו איהם און געזאָגט:

— גרינג, ר' גדליה, אַ? אויסגעדאַרט...

און ער האָט דעם יונגען־מאַן אין פּנים געקוקט און זיך נישט געקענט דערמאָנען, ווי אַזוי מ'רופט איהם, און וואו ער האָט איהם געזעהן.

.II

גיטעלע מיט ר' גדליה'ס שוועסטער זענען דאָרט אין שטוב שבֿעה אָבגעזעסען, און אַבֿרהמ'יל דער רבֿ האָט אַהין פֿון גאַס צוויי מאָל אין טאָג אַ מנין געשלעפּט. ער האָט קיין איינציגען מענשען נישט הירבגעלאָזט:

— נישקשה... ר' גדליה האָט ביי אַיך פֿעדיענט.

ידען האָבען געפֿאָלגט און זענען געגאַנגען אַהין צו מנין, געזעהן, ווי אין שטוב איז פּוסט און שטיל, און ווי דאָרט אין זאַל זיצט גיטעלע נעבען ר' גדליה'ס שוועסטער אויף דער ערד, קוקט אַראָב אויף דער פּאָדלאָגע און שווייגט.

ר' גדליה'ס שוועסטער האָט געוואָלט, אַז גיטעלע זאָל מיט איהר פֿאָהרען צו איהר קיין אויסלאַנד. ווען קיינער איז דאָ אין שטוב נישט געווען, האָט זי זיצענדיג נעבען גיטעלען אויף דער ערד, געטענה'ט פֿאַר'ן קרובֿ דעם קאַסיר און פֿאַר אבֿרהמ'יל דעם רבֿ:

— כ'מיין, וועמען האָט זי דאָ, גיטעלע?.. כ'מיין, וואָס וועט זי דאָ זיצען?

— און אויף אַ שטיקעל צייט... אויף אַ שטיקעל צייט מעג זי דאָך, לכל הפחות, צו מיר צופֿאָהרען.

דער רבֿ מיט'ן קאַסיר האָבען דערויף וואָס צו זאָגען נישט געהאַט, און די שוועסטער אַליין האָט שוין אין דער ערנסטקייט

פֿון איהר אייגענעם קול נישט געגלייבט. גיטעלע האָט איהר קאָפּ נישט אויפֿגעהויבען, און אין חדר איז געווען שטיל, און אַ פּוסטקייט פֿון נאָך אַלעמען האָט זיך געקלאַפּט צו די ווענט און צום באַלקען און דערמאָנט, אַז ר׳ גדליה איז שוין טויט, און אַז גיטעלע האָט שוין אין ערגעץ קיין אָרט נישט.

מ׳האָט געזוכט אַ קונה אויף ר׳ גדליה׳ס שטוב און נישט געפֿונען. די מעבעל האָט מען אויסגעקויפֿט הינטער־אַרום, אָהן גיטעלע׳ס וויסען, און אַ סטאָליער האָט מען שוין אײנ׳ם טאָג פֿון אוועקפֿאָהרען געדונגען און איהם געהייסען פֿון דרויסען מיט ברעטלעך די פֿענסטער פֿערשלאָגען.

געזעגענען זיך זענען געקומען אַבֿרהמ׳יל דער רבֿ, דער געוועזענער קאַסיר מיט זיין ווייב, ליבקע די רביצין און נאָך עפּיס אַנ׳אַלטע קרעכצענדיגע יודינע, אַן אַלמנה, וואָס פֿלעגט ביי גיטעלען נעהמען אַלע פֿרייטאָג אַ חלה צוליעב אַנאָרימען שוסטער — אַ מטופּל. זי האָט איצט מעהר ווי תמיד געהאַלטען אין איין זיפֿצען, אָט די יודינע, און איבער עפּיס נישט אויפֿגעהערט דערצעהלען וועגען איהר עלטער׳ער געשטאָרבענער טאָכטער:

— האָט זי זיך געהאַלטען אין איין בעטען ביים רבונו של עולם: רבונו של עולם, וואָס טויג דיר מיין טאָכטער? נעהם בעסער מיך...

גיטעלע איז געווען צופֿיעל אָנגעפּעלצט און צופֿיעל פֿערבונדען, אַזוי אַז מ׳האָט איהר פּנים נישט אַרויסגעזעהן. זי האָט אויסגעזעהן, ווי פֿערשטיינערט, געזעסען אויף איין אָרט און נישט גערעדט. פֿון שטוב איז זי אַרויסגעגאַנגען צום לעצט. נאָר בשעת זי האָט זיך אויפֿן שליטען געוואָלט אַרויפֿזעצען, איז מיט איהר עפּיס געשעהן. דער קאָפּ האָט זיך איהר פֿערדרעהט, און געדוכט האָט זיך, אַז זי פֿאַלט אום. מ׳האָט זי געוואָלט אונטערהאַלטען און אויפֿן שליטען אַוועקזעצען, נאָר זי האָט זיך נישט געלאָזט און זיך באַפֿרייט, אַרויפֿגעגאַנגען נאָך אַמאָל אויף די טרעפּלעך און געגעבען אַ קוש די מזוזה.

און אין שטאָדט האָט מען נאָך דערצעהלט, אַז הילל׳יל באָרנעם איז אין יענעם טאָג אויפֿן וואָקזאַל געווען, אַז ער איז דאָרט צו גיטעלען צוגעגאַנגען און איהר געזאָגט:

— זייט געזונט, האָט ער איהר געזאָגט.

און זי, גיטעלע, האָט זיך אויפגעשטעלט פונים בענקיל, וואָס אין צווייטען קלאַס, און האָט איהם געענטפערט:

— גאָט קאָן איהם נאָך העלפען, האָט זי איהם געענטפערט.

אינ׳ם לעצטען האַריכען שבת, וואָס פאַר פסח, זענען אַ שטיק פינף אָרטיגע שניידער־יונגען געגאַנגען מיט דער פריש אויבגעטרעטענער סטעזשקע, וואָס אַראָב דעם שטעדטיל. זיי זענען געווען צופרידען פון דער בלאָטע, וואָס טריקענט, און פון דער פסח׳דיגער רוח, וואָס איז שוין נאָהענט, זיך געווערטילט און נישט דורכגעלאָזט פון ווייטענס קיין איינציגע אויסגערוהטע דיענסטמיידעל.

ס׳איז זיי געפעלען געוואָרען דער גאַניק פון ר׳ גדליה׳ס פערלאָזטער שטוב, האָבען זיי זיך אויף איהם געשטעלט וואַרימען קעגען דער זון, זיך סוף־כל־סוף גענומען ראַנגלען און אונגערן אויסגעזועצט אַ פּאָר שויבען פון די פאָרענטיגע פענסטער.

דאָס האָט דערזעהן אַן עלטערער ייד, אַ שטאָדט־בעל־הבית, וואָס איז פאַרביי צו מנחה געגאַנגען. ער האָט זיך אָבגעשטעלט און האָט אויף די שניידער־יונגען אָנגעשריען:

— אַראָב. שקצים, פון גאַניק... אַ רוח אין אייערע ביינער, קיין דרך־ארץ האָט עס נישט.

די שניידער־יונגען האָבען געפאָלגט און זענען פון גאַניק אַראָב. אין די שויבען זענען שוין אַזוי איינגעשלאָגען געבליבען און האָבען בלינדערהייד דערמאָנט אָן פאַרשטאָרט פון הייטען כרך און אָן ר׳ גדליה׳ס טאָכטער, וואָס איז אַהער נאָכ׳ן פאָטערס טויט אַפילו אַ קוק טון נישט אַראָבגעקומען. יודען האָבען אויף איהר געקוקט, אויף אָט דער שטוב, וואָס שטעהט פוסט און האָט קיין יורש נישט:

— טאַקע געשטאָרבען ר׳ גדליה, אַ? נישטאָ.

אין אברהמ׳יל דער רב האָט ערגיץ קהל׳שע געלט דערטאַפּט און דערפאַר געבויט אַ שטיבעל אויף זיין קבר. שטאָדט בעלי־הבתים

האָבען געפֿונען, אַז ס'איז קרום. האָט ער זיך מיט זיי געקריגט און איז געבליבען בײַ זײַנעם:

— נישקשה, נישקשה... שוין אַזוי: ר' גדליה האָט געלאָזט קהל 1300 רובל, און קהל שטעלט איהם אַ שטיבעל אויפֿן קבֿר; איינעם מיט'ן צווייטען קערט זיך נישט אָן.

ער איז דענסטמאָל גאַנצע טעג פֿון שטוב נישט אַרויסגעגאַנגען און האָט געלערנט משניות. ווען די שטיבעל איז אויפֿ'ן קבֿר פֿאַרטיג געוואָרען, האָט ער שוין געהאַלטען בײַ אַ סיום, אַרויפֿגעגאַנגען אויפֿ'ן בית-עולם מיט אַ פּאָר מנינים יודען און האָט אויף ר' גדליה'ס קבֿר די לעצטע פּרקים מסיים געווען און קדיש אָפּגעזאָגט. אין דער אַלטער אַסאַטענער קלויז האָט זיך אין יענעם פֿריד-מאָרגען לענגער, ווי אַלע מאָל, די צוועלף-אַזייגערדיגע שעה געצויגען, און אַבֿרהמ'יל דער רבֿ איז דאָרט מיט די צוריקגעקומענע פּאָר מנינים יודען געשטאַנען. מ'האָט געהאַט פֿער'הל'ט'שע הער-ניע און גענומען אַ קאָפּ בראָנפֿען פֿאַר ר' גדליה'ס עלית-נשמה.

אין קלויז איז געווען וואָכעדיג און שטיל. דער ערשטער פּסח'דיגער שטויב איז געלעגען אויף די שטענדערס און אויף די בענק, און דער שמש האָט שוין געהאַט געגעסען אָנבייסען ערגיץ-וואו בײַ זיך אין דערהיים. מ'האָט געשמועסט וועגען דעם הייסען העמד, וואָס ר' גדליה האָט זיך געהייסען אָנטון פֿאַר'ן טויט:

— איז אַ סבֿרה, אַז די העמד איז איהם געבליבען בירושה פֿון זײַנעם אַנ'עלטער-עלטער-זיידען.

דער רבֿ האָט געהאַלטען דעם קעלישעק בראָנפֿען אין האַנד און האָט דערצעהלט דעם עולם וועגען ר' גדליה'ן ז"ל:

— איז דאָס געווען... שוין גאָר בײַם לעצט איז דאָס געווען, טוט ער צו מיר אַ זאָג: אַבֿרהמ'יל, טוט ער מיר אַ זאָג, — וואָס ווייסטו?... נאָר איינער, ווען איך פֿיהל, אַז איך לאָז עמיצען איבער נאָך זיך, וואָלט איך געגאַנגען אַהין, ווי צום טאַנץ.

דער עולם האָט געהערט און געשוויגען, און נאָר איינער אַ יוד, אַ פּועל בטל — אַנ'איבערגעשראָקענער, אַנ'אויסגעדאַרטער און אַ חניפֿה'ניק — האָט זיך צוגערוקט צו עמיצען הינטען אַרום און נאַריש געשמייכעלט פֿונ'ם אויסגעטרונקענעם קעלישעק בראָנפֿען.

ער האָט געוואָלט מרמז זיין אויף די בחורים, וואָס מירעל האָט פֿון תמיד אָן איבערן שטעדטיל נאָכגעשלעפּט נאָך זיך, און אויף דעם, וואָס זי איז נאָך זיין טויט אַהער נישט אַראָפּגעקומען, און האָט אַ שׂכל אויפֿגעטאָן:

— ר' גדליה האָט זי, אפֿנים, געקענט, די טאָכטער זיינע, אַ? ער האָט, אַפֿנים, געוואוסט, ווער זי איז.

אָקאָרשט אויף די אַנדערע טעג פּסח זענען פֿון דער גובערניע־שטאָדט צו טאַראַבײַען אין דאָרף די קינדער געקומען, און העלערס חבֿר, דער פּאָליטעכניק, איז אויך מיט זיי געווען. ער האָט זיך דאָרט בעגעגענט מיט דער אַקושאָרקע שאַץ, וואָס האָט שוין ביי דער צוקער־פֿאַבריק געוואוינט, און האָט איהר אין העלער'ס נאָמען דערצעהלט, אין וואָס מירעל'ס חולאת איז בעשטאַנען דאָרט אין שטאָדט, בשעת ר' גדליה איז דאָ אויפ'ן טויטען־בעט געלעגען.

ביי אבֿרהם משה בורנעס אין שטוב איז מען דענסטמאָל געוואָהר געוואָרען, אַז מירעל וואוינט שוין נישט מיט'ן מאַן, נאָר בעזונדער. אין איין האָטעל מיט דער אַקושאָרקעס בעקאַנטען, העלער'ן; אַז זי איז עפּיס יאָ געזונט און נישט געזונט; אַז זי לאָזט צו זיך קיינעם פֿון איהר מאַנס קרובֿים נישט צו, אַחוץ איינעם אַ געשוועסטערקינד זיינעם, וואָס איז נאָך אַ בחור און האָט, זאָגט מען, שטאַרק־רייכע געשעפֿטען. אין אַ זונטאָגדיגען בייטאָג האָט מען דאָרט אין עס־צימער געהאַט אָנגעהויבען וועגען דעם צו רעדען:

— וואָס האָט מען, וואָס צו קלערען? וועלוויל מעג אַוודאי דאַנקען און לויבען גאָט, וואָס ער איז ניצול געוואָרען.

נאָר וועלוויל איז פּלוצים אָנגעקומען אַהין פֿונ'ם פֿאָטערס קאַבינעט, איז מען מיט אַמאָל שטיל געבליבען, זיך דערפֿיהלט שלעכט און איהם אין פּנים נישט געקענט קוקען. ביידע מיידלעך האָבען זיך איינציגוויז פֿון עס־צימער אַרויסגעגליטשט. און נאָר די מוטער האָט זיך דאָרט בעקוועמער און מיט אַלע פֿיער אויף דער קאַנאַפּע אַרויפֿגעזעצט.

ס'איז געוואָרען שטיל.

— וועלוויל, האָט די מוטער געפֿרעגט, — זען העט שוין

אַמאָל נעהמען אַנ׳עק, וועלוויל?... ווען וועט שוין אַמאָל קומען די גוטע שעה?

וועלוויל האָט זיך צו איהר מיט אַ פֿערקרימטען פּנים אַ בייג געטאָן:

— אַ?...

און באַלד האָט ער זיך ברוגזדיג אָװעקגעדרעהט צום פֿענ־סטער און גענומען אַרויסקוקען אין דרויסען. ער האָט נישט געוואוסט, וואָס מ׳וויל פֿון איהם און וואָס מען דולט איהם דעם קאָפּ, און האָט געקוקט צו דער שטוב פֿון ר׳ גדליה׳ס קרובֿ — דעם קאַסיר, און צום מעבעל, וואָס מ׳טראָגט פֿון דאָרט אַרויס און מ׳לעגט אַרויף אויף די צוויי גרויסע אָנגעלאָדענע פֿוהרען:

— אָט פֿאָהרט שוין ר׳ גדליה׳ס קרובֿ אויך אין קרייז־שטאָדט אַרויס, און קיינער וועט שוין דאָ אין שטעדטיל נישט בלייבען...

טעג וועלען זיך שוין דאָ אין שטעדטיל ציהען אַזעלכֿע לאַנגע, הייסע און זומערדיג־נודנע: אין שטעדטיל וועט זיין פּוסט, און קיין דרך־ארץ וועט שוין נישט זיין, פֿאַר וועמען דאָ צו האָבען. און ער, וועלוויל בורנעס... יאָ, די נייע דריי הונדערט דעסיאַטין שוואַרצע ערד, וואָס מ׳לעגט איהם פֿאַר אַרום מיראַטאָור׳ס טייך:

— ער וואָלט זיי בעדאַרפֿט נעהמען אין אַרענדע, אָט די נייע דריי הונדערט דעסיאַטין.

III.

פֿינ׳ם קומען סטודענט ליפּקיס׳ן איז באַלד נאָך שבֿועות אָנגעקומען אַ בריעף:

ער האָט זיך געמאַכֿט אַנ׳אָפּעראַציע אויפ׳ן פֿוס, און די אָפּעראַציע איז געלונגען.

פֿרייטאָג־צונאַכֿטס נאָכ׳ן דאַווענען האָט מען וועגען דעם גע־רעדט אין אַסאַטענער קלויז:

— וואָס־זשע, ס׳איז אַ נס?... נאָר די אָדערן זענען ביי איהם געווען צונויפֿגעצויגען, און ס׳איז אַ סבֿרה, ער זאָל אָנהויבען געהן גלייך, ווי אַלע מענשען.

מ׳איז דאָרט אויך געשטאַנען אַרום אַ מזרח־בעל־הבית, וואָס איז אָקאָרשט פֿאַרנאַכֿט פֿון גובערניע־שטאָדט אָנגעקומען, און גע־

הערט, ווי ער דערצעהלט וועגן די ויידענאָווסקיס, וואָס וואוינען דאָרט אין פאָרשטאָדט, און וועגן זייערן אַ קרובֿ, מיט וועמען ער אַליין האָט דאָרט גערעדט:

— זי וואוינט נאָך אַלץ אין האָטעל, מירעל, און ס'איז אַ ליגן, וואָס מ'זאָגט, אַז דער מאַן איהרער האָט זי פּלימרישט געיגט.

און נאָכדעם האָט זיך שוין דאָ אין שטעדטיל אַזוי לאַנגווייליג די זמעדיגע וואָך געצויגען, און געקומען איז איינער אַ פריטאָג, אַ פּאַרנער אין אַ נודנער, ווי די איינציגע אויסגעליידיגטע גוי'אישע פיהר, וואָס איז פון גאַנץ־פריה אין פּוסטען מאַרק פערבליבען.

אַרום צוועלף אַזייגער בייטאָג האָט זיך נאָך געדענקט, ווי־פיעל ווייבער האָבען זיך מיט זון־אויפגאַנג אַרום עטליכע פוהרען מיט גרינס געריסען, און דורך אָפענע טיר־און־פענסטער האָבען זיך נאָך פון ערגיץ אַרויסגעשפּאַרט גיכע פערשפּעטיגטע קלעפּ, וואָס פאַלען אויפ'ן פיש־ברעטיל, און זענען אויסגעמישט געוואָרען מיט די ווערטער, וואָס איין שכנה האָט צו דער צווייטער אין שטוב אַריינגעשריען. אַ ייד אַ קרעמער האָט עמיצען אויף גיך אַ גמילת־חסד אָבגעטראָגען, און דער פּראָוויזאָר־געהילף כאַפּיאַן האָט זיך פון ערגיץ צו זיך אין אַפּטייק אומגעקעהרט, נישט געקענט פערליידען דעם ריח, וואָס שלאָגט שווער און נידעריג פון די קוימענס, און איז געווען ברוגז אויפ'ן שטעדטיל:

— ווייסט זיי דער רוח, מיט וואָס פאַר אַנ'אונריינעם מיסט זיי הייצען דאָרט אויף משאָלענט.

פּלוצים האָבען זיך דערהערט קלאַנגען פון אַ פּאָר פרעמדע וועג־גלעקער, און אַ פריש־געקומענער וואָקזאַל־בעל־עגלה האָט זיך מיט אמאָל געטאָן אַ לאָז־אַראָב איבער'ן שטעדטיל, איבערגעשראָקען אַ האָהן מיט עטליכע הינער, זיך פערקעהרעוועט און איז שטעהן געבליבען פאַר די טרעפּלעך פון אברהמ'יל דעם רב'ס שטוב.

ס'איז געווען אַזוי מאָדנע:

אויף דער פוהר איז איינע אַליין געזעסען מירעל הורוויץ, דער קאָפּ מיט'ן שטחיענעם היטעלע אין ווייסען טול פערבונדען, און אַליין האָט זי צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און פריינדליך געשמייכעלט צו דער אַקעגענקומענדיגער רבי'צין ליבקע.

ליבּקע די רביצין האָט זי געחנפעט נאָר לפנים:

— וואָס פאַר אַ שאלה?.. די מיידעלע איהרע, חנקען, וועט זי איבּערנעהמען צו זיך אין שלאָף־צימער, און מירעל וועט קענען זיין מאַכע דאָרט אין חנקעס חדר.

און זי איז מיט איהר האַנד בּיי האַנד אין שטוב אַריינגעגאַנגען, נישט אויפגעהערט צו שמייכלען און האָט עס אָנגענומען פאַר אַניאמת:

— יאָ, זי האָט פריהער געוואוסט, אַז זי וועט דאָ קענען וואוינען אַ פּאָר וואָכען — יעדענפאַלס נישט מעהר ווי אַ פּאָר וואָכען.

שבּת בּייטאָג האָבּען זיך אויסגעפוצטע מיידלעך פונ׳ם שפּאַציר אומגעקעהרט, אָנגעלעגט וועג און בּכּזין דורכגעגאַנגען די זייטיגע הינטערגעסיל, וואָס שפּיגעלט זיך אינגאַנצען אין אבֿרהמ׳יל דעם רבּי׳ם שטוב.

און געסיל איז געווען אויפגעראַמט און שטיל. הייזער האָבּען פון זיך שבּתדיגע שאָטענס אָבּגעוואָרפען און זיך איבּערגענומען:

— מיין שאָטען איז גרעסער.

— און מיינער נאָך גרעסער.

דורך דער אָפענער טיר האָט זיך אַרויסגעשפּאַרט דער נאַריש־בּרענענדיגער נגון, מיט וועלכען אבֿרהמ׳יל דער רבּ האָט געלערנט. אויף די טרעפּלעך האָט אין הייטען פּאַריק געגעניצט ליבּקע די רביצין, געהאַט אַ פערשלאָפענעם פּנים און, ניט אומקוקענדיג זיך, געערדט אין שטוב אַריין צו איהר עלף־יאָהריגער מיידעלע:

— חנקע, ווייז נאָר אַהער די אויבּסען, חנקע. דאָרט אין שראַנק אין אַ טעלער, חנקע.

און נעבּען איהר איז געזעסען מירעל, געקוקט אומעטיג אויפ׳ן געסיל, און דער קאָפּ איז בּיי איהר אויף די הענד געווען אָנגעשפּאַרט.

— יאָ, האָט זי געזאָגט, — איהר, מירלען, טוט שוין געווים

באַנג, וואָס אפֿילו ער, זייער געוועזענער קאַסיר, דער קרובֿ, האָט זיך שוין אויך פֿון דאַנען אין קרייז־שטאָט אַרויסגעקליבען.

אין שטעדטיל האָט מען געוואוסט, אַז עפּיס אַ סקאַנדאַל איז דאָרט אין קאָרידאָר פֿון האָטעל צווישען איהר מיט איהר מאַן פֿאָרגעקומען, און פֿון דער גובערניע־שטאָט האָט זי געמוזט אַנטלויפֿען.

ער, נתן העלער, מיט וועמען זי האָט זיך אַמאָל דאָ אין שטעדטיל אַרומגעשלעפּט, האָט שוין צו יענער צייט זיין גאַנצע ירושה ביים קאָפּיקע־בלעטיל געהאַט געפּטר׳ט. ער האָט שוין פֿאַר זעכציג הונדערט אַ חודש געדיענט ערגיץ אין דער היגער געגענד און האָט שוין ווידער געוואָרט אויף איהר אַלדאָס ביין. איינמאָל האָט ער דאָרט דעם פֿאָטאָגראַף רויזענבוים דערטאַפּט און האָט איהם בעוויזען שוין גאָר אַ מיאוס׳ען צעטעלע, וואָס מירעל האָט איהם ווינטער הרך אַ שטאָדט־שליח צוגעשיקט. און דער פֿאָטאָגראַף רויזענבוים — אַ קוּפּטיג־דאַריער יונג מיט אַן׳אָבגעבּרענט־פֿערגוי׳אישטען פּנים און מיט אַ ברייט־אויסגעניהטער העמד — האָט זיך נאָכדעם אַהער אַהיים אומגעקעהרט און האָט דאָ אַלע פֿאַרנאַכט געקיצעלט דעם אָנגעברוגז׳טען סאַפּיאַנ׳ען אונטער ביידע פֿאַכוועס.

— מיקען דאָך נישט וויסען, פֿון וועמען מירעל האָט געטראָגען... כאַפּיאַנטשיק!..

איינמאָל, אין מיטען העלען טאָג, איז צו איהר פּלוצים פֿון דער גובערניע־שטאָדט מאָנטשיק אַראָבגעקומען און האָט זיך דאָ אָבגעזאַמט נישט מעהר ווי פֿון איין צוג צום צווייטען.

אין שטעדטיל איז מען באַלד געוואָהר געוואָרען, אַז כאָטש ער, מאָנטשיק אַליין, איז שוין צו מירלען לחלוטין נישט גלייכגילטיג, איז ער דאָך איצט אַהער אַראָבגעקומען נישט צוליעב זיך, נאָר צוליעב איהר מאַן, זיין געשוועסטערקינד, וואָס בעט, זי זאָל זיך צו איהם אומקעהרען; אַז ער, מאָנטשיק, איז אַ רייכער בחור. און אַז בכלל:

— ער איז, זאָגט מען, בכלל, אַ לייטישער מענש, אָט דער מאָנטשיק.

ליבקע די רביצין איז געשטאַנען הינטער דער טיר, בשעת מאָנטשיק האָט מיט מירלען אין אַ באַזונדער חדר גערעדט. זי האָט געהערט, ווי מירעל האָט איהם דאָרט קאַטעגאָריש געענטפֿערט:

— ס'וועט קיינמאָל נישט זיין... איהר הערט, מאָנטשיק?.. קיינמאָל!

און נאָכדעם זענען זיי שוין ביידע געזעסען אין עס־צימער. מאָנטשיק איז געווען פֿערטראָגען, געקוקט פֿאַר זיך מיט גרויסע אויסגעגלאָטשטע אויגען און האָט עטליכע מאָל מיט דער האַנד אַוועקגעמאַכט:

— מעהר רעדט ער נישט... קיין איינציג וואָרט וועט ער וועגען דעם מעהר נישט זאָגען.

ביי מירלען אין די אויגען האָט געברענט דער אומעטיגער, טיעף־טהיימענדיגער פֿייערל; איהר פּנים איז געווען פֿערפֿלאַמט, און געביסען האָט זי די אונטערשטע ליפּ. זי האָט זיך פּלוצים דערמאָנט, אַז מאָנטשיק איז אַלטצעהן שעה מיט דער באַהן געפֿאָהרען, נישט געגלייבט, אַז ער איז נישט הונגעריג, און גענומען שמייכלען און אַליין דאָ ביים טיש פֿון זיינעטוועגען אייער געפּרעגעלט.

ליבקע די רביצין האָט שוין טאַקע דענסטמאָל דערזעהן, אַז זי קען נאָך מיט וועלטליכע מענשען פֿערברענגען. זי איז געזעסען לייטיש ביים טיש און האָט געפֿרעגט ביי מאָנטשיקען אויפֿן לשון, וואָס מ'רעדט אין ווארשא:

— זיי זענען גאָר קיין בעלן נישט אויסקוקען אונזער שטעדטיל?

און מאָנטשיק האָט זיך צעטראָגענערהייד פֿון בענקיל אויפֿגעכאַפּט און האָט אויף מירלען אַ קוק געטאָן:

— יאָ, געוויס... דאָס ערשטע מאָל אין לעבען זעהט ער דאָך איצט אַ יידישע שטעדטיל.

אין שטעדטיל איז מען געשטאַנען בײַ די טירען און געקוקט, ווי ער מיט מירלען געהען בײדע איבער דער גאַס: ער — אין אַ נײעם ליכטיגען אָנצוג מיט גרויס־שטעדטיגע בלאַנק־הייסע קראַגען און מאַנזשעטען, און זי — אין אַ לײַכטען, ווײַסען אָרגלאַט־אויפגענײהטען קלײד און אָהן אַ שאַרף אויפ׳ן קאָפּ. זי האָט איהם פֿון ווײַטענס אָנגעוויזען אויף אַבֿרהם־משה בורנעס׳עס וואוינונג, איהם צוגעפֿיהרט צו איהר פֿאָטערס פּוסטער שטוב און איהם בעוויזען:

— אָט דאָס איז געווען מײַן צימער.

אויפ׳ן גאַניק האָבען זײ זיך אָבגעשטעלט און האָבען בײדע הורך די אויסגעשלאָגענע שויבען אינעווייניג די קעפּ אַרײַנגערוקט. מירעל האָט אויפגעהויבען בײדע הענד אַרויף צוליעב אַ קעמעלע, וואָס האָט זיך פֿון איהרע האָר אָנגעהויבען אַרויסגלײַטשען. דער קעמ׳ל איז דאָך אויף דער ערד אַראָבגעפֿאַלען, און ווען מאָנטשיק האָט איהם איהר דערלאַנגט, האָט זי איהם אַזוי פֿאַמעליך פֿון זײַן האַנד גענומען — זײ זענען אַ ווײַלע אַזוי געשטאַנען און שמײכעלדיג אײנער דעם צווײטען אין פּנים געקוקט.

ס׳האָט אָנגעהויבען נאַכט צו ווערען, און זי האָט זיך מיט איהם נאָך אַלץ צווישען די געסלעך אַרומגעפֿיהרט. ס׳איז געוואָרען קיהל. מאָנטשיק האָט געזאָגט:

— ס׳איז מאָדנע אומעטיג... פֿון אינגאַנצען, פֿון אינגאַנצען איז שוין אַזוי אומעטיג, און דאָך... ווער ווייס? אפֿשר איז שוין צוליעב דער איצטיגער מינוט אַליין געווען כּדאַי, וואָס ער, מאָנטשיק, לעבט שוין זעקס און צוואַנציג יאָהר אויף דער וועלט.

און מירעל האָט אויף איהם אַ קוק געטאָן און האָט איהם אויסגעשטרעקט די קאַלטע פֿינגער פֿון איהר לינקער האַנד, ער זאָל זײ אַ דריק טון.

ס׳איז שוין געווען אינגאַנצען פֿינסטער און זומערדיג־קיהל. איבער׳ן רבֿ׳ס הינטער־געסיל איז אַרויסגעשוואומען אַ יונגע לבֿנה — אַ פֿרישע, אַ קײַלעכיגע און אַ בלאַסע. מײדלעך האָבען דאָרט מעהר, ווי אַלע אָבענד, אַרומגעשפּאַצירט, און דער וואָקזאַל־בעל־עגלה איז שוין דאָרט פֿאַר׳ן רבֿ׳ס אָפֿענער טיר געשטאַנען — יענער זעלבער וואָקזאַל־בעל־עגלה, מיט וועמען מאָנטשיק איז אָקאָרשט

צוריק מיט עטלעכע שעה אַהער אין שטאָדט געקומען. און די רביצין האָט נאָך דאָרט אין שטוב דעם לאָמפּ אויפֿן פֿענסטער אויפֿגעשטעלט און האָט דערמיט נאָך גרעסער דעם יום-טובֿ אין געסיל געמאַכט.

מירעל האָט אויך גיך מאָנטשיקס האַנד-רענציל פֿאַרפּאַקט.

— מאָנטשיק, טו אַ קוק... ס'איז, דוכט זיך, אייער האַנדטוך, מאָנטשיק?

מאָנטשיק איז געווען צעטראָגן און האָט קוים געהערט, וואָס מ'רעדט צו איהם. פֿון דער תּלמוד-תּורה זענען צו איהם צוויי יונגע-לייט נאָך אַ נדבֿה געקומען. האָט ער פֿינף גילדענע מטבעות אַרויסגענומען און האָט אַ פּאָר פֿרעגענדיגע אויגען אויף מירלען אָנגעשטעלט — ער האָט געמיינט, אַז ס'איז קאַרג.

מירעל האָט איהם אויך גיך פֿון שטוב אַרויסבעגלייט און מורא געהאַט, ער זאָל דעם צוג נישט אָנווערען.

— ער האָט נישט בעדאַרפֿט אַהער קומען, האָט זי געזאָגט, — איהר טוט ער איצט אַזוי מאָרגנע ווּעה, מאָנטשיק, אָט דאָ בײַם האַרץ טוט ער איהר ווּעה. נאָך אַ ביסעל — און זי וועט זיין פֿעהיג צו טון אַ נאַרישקייט און וועט איהם אַוועקפֿאָהרען נישט לאָזען.

זי האָט איהם פֿאַר ביידע הענד נעהענטער צו דער פֿוהר צוגעפֿיהרט. געבליבען דאָרט שטעהן מיט ליבקע דער רביצין און געקוקט, ווי דער בעל-עגלה צעשמייסט מיט אַמאָל די פֿערד, פֿאַרקערעוועט מיט אַמאָל, ווי אויף איבערצוקעהרען, און שמייסט געשווינד אַוועק מיט'ן וועג צום וואָקזאַל.

— מאָרגען, האָט זי געזאָגט, — וועט ער שוין זיין אין דערהיים. אַזוי פֿיעל געשעפֿטען האָט ער דאָרט... גלייכער אַזוי.

און זי האָט נאָך אַ ווײַלע געקוקט אַהין, וואו די פֿוהר איז פֿערשוואונדען. און, אפּנים, געטראַכט וועגען דעם, וואָס ס'איז גלייכער אַזוי.

אויפֿ'ן דריטען טאָג נאָך מאָנטשיקס אַוועקפֿאָהרען זענען

אידער פֿון פֿאַרשטאָדט מיט אַמאָל צוויי טעלעגראַמעס אָנגעקומען. די טעלעגראַמעס האָבען פֿער'תּמ'עטערהייד דערצעהלט וועגען דעם, וואָס מאָנטשיק איז שוין ווידער בײַ זיך אין דער היים, געדענקט דאָרט לאַנג דעם טאָג, וואָס ער האָט מיט איהר דאָ פֿערבראַכט, און אַרבייט שוין ווידער אין די בעַנק און אויף דער בערזשע: וועגען דעם, וואָס שמואליק איז שוין דאָרט, בײַ איהם אין דער היים, געווען און אויסגעהערט דעם קאַטעגאָרישען ענטפֿער, וואָס זי האָט איהם דורך מאָנטשיק'ן איבערגעגעבען. ליבקע די רבי'צין האָט שוין אַזוי שטאַרק געוואָלט וויסען, וואָס אין אָט די טעלעגראַמעס שטעהט. און מירעל האָט נאָר אַ קוק געגעבען, פֿון וואַנען די טעלעגראַמעס געהען, און האָט זיי פֿער'חתמ'עטערהייד צוריק דעם פּאָסט־טרעגער אָבגעגעבען:

— זאָל מען ענטפֿערן, האָט זי איהם געזאָגט, — אַז זי האָט זיי נישט געוואָלט אָבנעהמען, די טעלעגראַמעס; פּשוט, אַז זי האָט זיי נישט געוואָלט אָבנעהמען.

און אַליין איז זי נאָך דאָ אין שטעדטיל געבליבען און האָט געגעסען קעסט בײַ דער רבי'צין ליבקען. מ'האָט איהר נאָכגעקוקט, בשעת זי איז אַלע טאָג אין פּאָסט געגאַנגען און האָט עמיצען פֿון דאָרט פֿיעל טעלעגראַמעס מיט בריעף געשיקט — עפּיס אַ מענש, וואָס האָט אין ערגיץ קיין היים נישט. און אַ שם האָט זי שוין אויף דעם אמת'ען אַדאַנק נתן הלעלער, וואָס הערט נישט אויף צו רעדען אויף איהר אויבער דער גאַנצער געגענד. סאַפּיאַן דער פּראָוויזאָר־געהילף האָט זי געזעהן הרכגעזעהן, בשעת ער איז געשטאַנען בײַ זיך אין אַפּטייק און האָט מיט אַנ'ערנסטען פּנים אָנגעטאָן פּאַפּירלעך אויף די בעשטעלטע רעצעפּטען; ער האָט וועגען איהר געדעכט פֿאַר אַ קינה אַנ'אינטעליגענט:

— אָט זאָל מען זיין אַזוי פֿיעל גוט און זי אָנקוקען... ליידיג־געהערס מעגען זיך אַראָבנעהמען אַ מוסר. און בכלל, עמיצער קען איהם בכלל זאָגען, צוליעב וואָס אַזאַ פּאַרשוין דרעהט זיך נאָך אַרום אויף דער וועלט?

און פּשוט'ע יודען, אָהן היטלען האָבען געהערט און געשוויגען: זיי האָבען אַ ווילע פֿערגעסען אָן די קינדער, וואָס זענען

בײַ זײ אין דער הײם חרוב, און געהאַט דרך־ארץ פֿאַר איהם, האָפּיאַנען װאָס פֿערשפּרײט אַחם זיך דעם אַפּטײק־ריח, בעטראַכט ערנסט די רעצעפּטען, אײדער ער לאָזט זײ פֿון די הענד אַרױס, און קען קײן לײדיג־געהערם נישט פֿערלײדען.

IV

מירעל האָט אויף איהרע טעלעגראַמעס און בריעף קײן ענטפֿער נישט בעקומען.

זי האָט אײנע אַלײן אַרומגעבלאָנקעט איבער׳ן שטעדטיל און איז געװאָרען אומעטיגער און געפֿאַלענער פֿון טאָג צו טאָג.

מענשען האָבען זיך דאָ פֿון איהר אָפּען דערװײטערט — קײן כּבוד איז זי דאָ דאָך שױן קײנעם נישט געװען; און זי האָט עס געװאוסט און האָט װעגען דעם קײנמאָל נישט גערעדט. נאָר אײנמאָל אין אָבענד, װען זי האָט זיך אַ שטאַרק אומעטיגע לענגער, װי אַלע מאָל, איבער דער פֿאָרענטיגער גאַס אַרומגעדרעהט, האָט זי אָבגעשטעלט אברהם־משה בורנעס׳עס בײדע מײדלעך, זיך בײ זײ נאָכגעפֿרעגט אויף יעדען פֿון זײער משפּחה און געמאַכט מיט זײ אַ שמועס װעגען װעלװלען, װאָס האָט איבער איהר איפּגעהערט פֿון זײן פֿולװאַריק אַהײם צו קומען:

— ס׳איז שױן פּשוט שװער צו פֿערשטעהן, פֿאַרװאָס װעלװיל בעהאַלט זיך אױס פֿון איהר. סײ־װי־סײ װײס זי, אַז ער איז איהר דער בעסטער גוטער־פֿרײנד — זי װײס אפילו, אַז ער איז בכּיון געפֿאָהרען איפּ׳ן װאָקזאַל, זיך מיט איהר מוטער געזעגענען.

און אַ צװײטען מאָל האָט זי זיך מיט בורנעס׳עס מײדלעך בעגעגענט, זיך מיט זײ פֿרײנדליך געגריסט און געפֿרעגט:

— זײ װאָלטען נישט חשק געהאַט בעשטעלען אויף מאָרגען אַ בעל־עגלה און זיך הרכּפֿאָהרען אַזױ זיך, אַ װיאָרסט 8—10 פֿון שטעדטיל?

געװען איז דאָס אין אַ הײסען זונטאָג אַרום 3 אַ זײגער בײטאָג, װען װעלװיל׳ס מוטער איז נאָר װאָס צוליעב איהר אַסטמאַ־

פֿעהלער קיין איסלאַנד געווען אָבגעפֿאָהרען, און נעבען בורנעס'עס גאַניק איז נאָך געשטאַנען די פֿוהר פֿון פֿולוואַריק, וואָס וועלוויל איז אין איהר צוריק מיט אַ פּאָר שעה געקומען, זיך מיט דער מוטער געזעגענען.

שטעהט זיך דענסטמאָל אַזוי אברהם-משה בורנעס'עס שטוב מיט הרלאים אָפֿענע פֿענסטער, קוקט עטוואָס אומעטיג אויף די יונגע ביימלעך, וואָס וואַקסען פֿאַר איהר אין איין שורה, און טרייסט זיך:

— ביי יעדען איינגעקומענעם גביר זענען שוין, אַפּנים, יונג און קליין די ביימלעך, וואָס פֿאַר די פֿענסטער.

אין די חדרים איז שטיל און קיהל. ס'הערט זיך, ווי נאָגענדיג און שטיל כ'היישען אין דרהיסען די בלעטלעך, און ס'פֿיהלט זיך, אַז די בעל-הבית'טע איז נאָר וואָס אויף אַ היבשער צייט אַוועקגעפֿאָהרען; אַז די שטוב וועלען איצט פֿיהרען ביידע מיידלעך, וואָס געדענקען נישט, וואוהין זיי לעגען אַוועק די שליסעלעך, און דערפֿאַר וועט דאָ שוין זיין פֿרעהליכער און פֿרייער, ווי תּמיד, און געסט וועלען זיך ביי די קינדער ביז שפּעט אין דער נאַכט פֿערזיצען, און אַז אַ קליין קינד וועט זיך עפּיס איינשפּאַרען און וועט וויינען, וועט שוין נישט זיין, ווער ס'זאָל אויף דעם אָנשרייען, און מ'וועט דעם מוזען געבען פֿינף קאָפּיקעס, ס'זאָל שווייגען.

ביי זיך אין קאַבינעט איז אברהם-משה בורנעס אַרומגעגאַנגען, געבלאָזען פּאַפּיראָסען-רויך, געהאַט, ווי שטענדיג, אַ פֿערקנייטשטען שטערן מיט אַן עם-הארציש-אומעטיגען פּנים. און אַקעגען איהם נעבען שרייב-טיש איז געשטאַנען וועלוויל, געהאַלטען דעם פּלאַן פֿון די נייע דריי הונדערט דעסיאַטין ערד, וואָס ער האָט נישט לאַנג אָבגעהנגען, און זיך מישב געווען, וואָס אויף אָט דער נייער ערד צו פֿערזייהען:

— אָט דאָ אַראָב, ביי דער בערע, וואָלט אפשר גלייכער געווען צו פֿערזייהען פּראָסע?

פּלוצים קומט אַריין די עלטערע מיידעל און דערצעהלט, אַז מירעל איז דאָ אין שטוב און זיצט דאָרט, אין דער קליינער זאַל. די מיידעל פֿיהלט זיך אַזוי שולדיג און פֿערענטפֿערט זיך:

— אַ משל... ווי האָט מען געקענט זיין אַזוי גראָב?... אַז יענע היבט אָן אַריינצוקוקן פֿון דרויסן דורך די אָפֿענע פֿענסטער און פֿרעגט: „מ׳קען צו אייך אַריינגעהן?“ — פֿרעגט זי.

די מיידעל איז באַלד צוריק אין זאַל אַוועק און איבערגעלאָזט דאָ דעם פֿאָטער מיט׳ן זוהן אין אַזאַ מיאוס׳ער לאַגע, אַז זיי האָבן איינער דעם צווייטן אין פּנים אַריין נישט געקענט קוקן.— ס׳האָט זיך געדוכט: אָט־אָט עפֿנט מירעל די טיר און שטעלט אַהער אין קאַבינעט אַ פֿיס אַריין. וועלוויל איז געווען בלאַס און האָט געאָטעמט מיט אַזעלכע גיכע און קורצע אָטעמס, גלייך ער האָט נאָר וואָס בעוויזן אַ קינד און האָט מיט אַמאָל צעהן פּוד משא אויפגעהויבן. ער האָט געקוקט דעם פֿאָטער אין פּנים אַריין און געוואַרט, וואָס ער וועט טון, נאָר דעם פֿאָטערס פּנים איז שוין געווען אַזוי פֿערשוואַרצט, פֿערדריכערט און פֿערשטאָהלט, קיין שנוי האָט מען שוין אויף איהם קיינמאָל בעמערקן נישט געקענט. ער האָט נאָר נאָך מעהר דעם עם־הארצ׳ישען שטערן פֿערקנייטשט און מעהר גלייך פּנ׳ים מ׳יל געבלאָזען; סוף־כל־סוף האָט ער, דער פֿאָטער, זיך פּאַמעליך און אָהן ווערטער דורך דער הינטער־טיר פֿון שטוב אַרויסגערוקט, זיך דאָרט אויפֿגעזעצט אויף וועלוויל׳ס געשפּאַנטער פֿוהר און געהייסען דעם פֿוהרמאַן פֿאָהרען אין ציגעל־פֿאַבריק, וואו ער האָט געשעפֿט געהאַט.

נאָך איהם האָט זיך דורך דערזעלבער הינטער־טיר אַרויסגערוקט וועלוויל און אַוועקגעשפּאַנט מיט די הינטער־געסלעך אין מאָנאָפּאָל, וואו ער האָט געלד בעדאַרפֿט אויסבייטען.

אין זאַל איז מען דערווייל געזעסען און גערעדט וועגען דעם, וואָס אַ גראַמאָפֿאָן זינגט אַ ביסעל אונטער דער נאָז און דערעסט באַלד, אַז מ׳קען שטאַרבען; וועגען דעם, וואָס דער קליינער זיאַמקע וויים, ווער טאָלסטאָי איז, נאָר ער שעמט זיך איצט און וויל ניט זאָגען, און וועגען דעם, וואָס די פֿעראָרימטע פּריצה, פֿון דאָרף פּרישעפּאַ — אַ 40־יאָהריגע מיד — איז שוין ווידער אַמאָל פֿון זינען אַראָב — זי האָט זיך פֿאַר די לעצטע געלד אַנ׳אויטאָמאָביל געקויפֿט און זאָגט, אַז ס׳וועט זי נעהמען דעם היגען גראַפֿ׳ס בן יחיד.

אַהין מ׳דלען מיט וועלוויל׳ס שוועסטער איז דאָ אויף די

סאַמעטענע שטילען געזעסען דער יונגער קרובֿ, דער עקסטערן, וואָס לערנט מיט די קינדער העברעיִש, דער אַלמנה פֿון אײַנפֿאָהר־הויז'ס פֿרעמדע קרובֿה, — אַ מיידעל, וואָס לערנט אויף צייהן־דאָקטאָר און זעהט אויס נישט קיין שטאַרק גרויסער בר־הבנה, און געשטאַנען איז די גאַנצע צייט שווייגענדיג ביי דער זייט דער יונגער נישט־לאַנג אַראָבגעבראַכטער סטודענט, וואָס האָט געשטאַמט פֿון די טיעף־רוסישע גובערניעס און האָט דאָך קליינערהייד ערגיץ אין אַ ישיבֿה געלערנט. מירלען האָט ער, דער סטודענט, איצט דעם ערשטען מאָל פֿון נאָהענט געזעהן. ער האָט שוין אָבער געוואוסט אַלץ, וואָס מיט איהר האָט פּאַסירט, און נישט קענענדיג זי אין פּנים, זיך אָפּטמאָל געקריגט פֿאַר איהר מיט ביידע בורנעסע'ס מיידלעך און מיט'ן פּראָוויזאָר־געהילף סאַפּיאַן:

— וואָס דערצעהלען זיי באָבע־מעשׂיות? ווערדליג זיי אַליין מאָלען איהם אויס מירלען, שטעלט זיך איהם פֿאָר, אַז זי איז אינטערעסאַנט, און אַז ס'מוז אין איהר עפּיס זיין.

איצט האָט אויף איהם געווירקט איהר יונגער, עטוואָס מיעדער פּנים, און גלייכגילטיג איז ער שוין נישט געווען צו איהר שמייכעל, צו דעם, וואָס, זיצענדיג איפּ'ן היט־סאַמעטענעם דיוואַן, האַלט זי דעם קאָפּ הייך אַרונטערגעוואָרפֿען, און צו איהר קול, וואָס קלינגט מיט אָבגעשוואַכטע טענער פֿון אַ מענשען, וואָס האָט פֿיעל איבערגעלעבט און איז נאָך אַלץ געבליבען אין עפּיס פֿער'עקשנ'ט און רעכענט זיך נישט מיט קיינעמס מיינ'ונג. ער האָט טאַקע דערפֿאַר די גאַנצע צייט געשוויגען און געטראַכט וועגען איהר, ווי אַ חתן. אַלע מאָל האָט ער פֿערגעסען, אַז דער יונגער קרובֿ, דער עקסטערן, רייכערט נישט, און איז אַלע מאָל צוגעגאַנגען צו איהם מיט אַנ'אויסגעשטרעקטער האַנד און מיט אַ מינע פֿון אַ בעטלער:

— גיט מיר, זייט מוחל, אַ פּאַפּיראָס.

וועלוויל'ס עלטערע שוועסטער האָט די ערשטע דערהערט, ווי די פֿיהר פֿאָהרט אָב פֿון שטוב, זיך פֿערגעסען, אויסגעצויגען דעם האַלז, ווי אַ הוהן, בשעת ס'דוכט זיך איהר, אַז עמיצער נעהמט איהר נאָך אויף די שפּיץ פֿינגער, און נאַריש אָנגעשטרענגט די אויערן. און מירעל האָט געוואוסט, אַז אין קאַבינעט איז שוין

קיינער נישטא, און צוליעב עפּיס ביים קרוב, דעם עקסטערן, א בליישטיפט מיט א שטיקעל פּאפּיר געבעטען.

זי האט, דוכט זיך, מיט אט דעם שרייבגעצייג גארנישט געטאן, געהאלטען דעם בליישטיפט אין איין האנד און די שטיקעל פּאפּיר — אין דער צווייטער האנד, געשמייכעלט און זיך אוועקגעהן געגרייט. און דאך האט נאכדעם וועלוויל אין טאש פון זיין פאהר-קאלאט אט די שטיקעל פּאפּיר געפינען. ס'איז דערויף מיט מירעלס האנד געווען אנגעשריבען:

«Ты хороший».

ער האט עס געלייענט איבער'ן גאנצען וועג אהיים, עס עטליכע טעג אהומגעטראגען אין זיין טייסטער צווישען די אסיגנאציעס און עס צום לעצט בעהאלטען אין א בעזונדער שופלעדיל, וואס ביי איהם אין פייער-קאסע.

מירלען האט זיך פארט איינגעגעבען דא אין שטעדטיל איהר פּלאן הורכצופיהרען.

אין איינעם א פרייטאג-מארגען האט זי אונגעריכט בעקומען דעם ענטפער, אויף וועלכען זי האט די גאנצע צייט געווארט, און איז מיט איהם אזוי צופרידען געווען. געהענדיג מיט'ן ענטפער צוריק פון פאכט, האט זי אפגעשטעלט אין מיטען גאס דעם פראוויזאר-געהילף כאפּיאנ'ען, איהם געזאגט, אז צו זיין פּנים פּאסען זעהר די נייע ביינערנע ברילען, און זיך געשוואוירען, אז ער בעדארף חתונה האבען:

— זאל איהר סאפּיאן גלויבען, אז זי מיינט עס באמת: א פּראפעסיע האט ער, — וואס וועט ער זיך אזוי איינער אליין ארומוואלגערן?

ביי סאפּיאנ'ען האבען פון זיך אליין אנגעהויבען נערוועז אונטערשפּרינגען די לינקע זייט נאז מיט די ליפען. ער האט וועגען חתונה-האבען א בעזונדער מיינונג געהאט, און טאקע וועגען דעם האט ער געוואלט אנהויבען צו רעדען. נאר זי האט איהם

באַלד איבערגעשלאָגען און זיך דערפֿרעגט, ווען ס'פֿאַלט אויס דער נײַנצעהנטער:

— זי דאַרף עס זעהר ניטיג וויסען... אין איצטיגען חודש דער נײַנצעהנטער.

V

דער נײַנצעהנטער איז אויסגעפֿאַלען פּונקט אום ראש חודש אב, און פֿערשטאַרקט האָט זיך אין איהם די היץ פֿון די צופֿיעל ליכטיגע זמער־שעה'ן.

איפ'ן שטעדטיל איז די מרה־שחורה פֿון די נאָהענטע נײַן טעג געלעגען, זענען מאַנסבילען געשלאָפֿען בײַטאָג, כּדי זיי זאָלען זי נישט פֿיהלען. און העהנער האָבען געקרעהט בטעות, צי גלאַט אַזוי פֿון פּוסטקייט. און אַ יודינע האָט נישט געוואוסט, וואָס דאָס איז אָט דער אומעטיגער געפֿיהל, וואָס לאָזט זי רוהיג איהר זאָק נישט אַרבייטען און טרייבט זי מיט איהם פֿון איהר אייגענעם פּיראַשעק צום פּיראַשעק פֿון איהר שכנה.

אָקאָרשט אַהום דריי אַזייגער בײַטאָג האָט זיך אַ וואָקזאַל־בעל־עגלה מיט זײַן פֿיהר נעבען אײַנפֿאָהר־הויז, וואָס אין אָנהויב מאַרק, אָבגעשטעלט, און אַראָבגעקראָכען איז פֿון איהר אַ וואוקסיגער יונגער־מאַן — אַ גלוח, בײַ וועמען דער האַלז איז מיט וואַטע און מיט פֿיעל וויקעל־שנורען פֿערבונדען געווען.

מ'האָט זיך אין איהם אײַנגעקוקט און איהם דערקענט:

— דאָס איז געוועזן הערץ, — דער אַקושאָרקעס בעקאַנטער — הערץ.

מירלען האָט זיך טאַקע סוף־כּל־סוף אײַנגעגעבען, ער זאָל אַהער אַראָבקומען.

פֿון די אַרומיגע הייזער האָט מען געקוקט צו איהר אַהין, צום גאַניק פֿון רב'ס שטוב, וואו זי האָט זיך נעבען ליבקע דער רבי'צין געשטעלט. מ'האָט פֿון איהר ליצנות געמאַכט:

— זי האָט אָבער געוואוסט, ווען איהם אַראָבצוברענגען... פּונקט צו תשעה־באב־צו האָט זי איהם געוואוסט אַראָבצוברענגען.

און זי איז נאָך ערגער געוואָרן, אַז בײַ הערצ׳ן איז אַנגינע. זי האָט דאָ אינם רבֿ׳ס הינטערגעסיל דעם אָרטיגן פֿעלדשער אָפּגעשטעלט און האָט אים וועגן חולה דערצײלט:

— ער איז שוין געווים אַזאַ מענטש, וואָס קען גיכער שטאַרבן, אײדער זיך מודה זײַן, אַז אים טוט עפּעס וויי. נאָר ווען דער פֿעלדשער גײט איצט צו אים אַרײַנרופֿן אַרײַן, וואָלט ער זיך שוין אַוודאי געלאָזט צום האַלדז עפּעס טאָן.

דער פֿעלדשער האָט געפֿאָלגט און איז אין אײַנפֿאָר־הויז אַוועקגעגאַנגען.

און זי האָט זיך אומגעקערט צום גאַניק פֿון רבֿ׳ס שטוב און זיך דאָרט נעבן ליבקע דער רבי׳צין געדרײט. זי האָט געהאַט אַן אומעטיקן פּנים און האָט זיך געקלאָגט פֿאַר דער רבי׳צין אויפֿ׳ן טאָג, וואָס ציט זיך אומגעוויינלעך לאַנג:

— תּמיד, ווען דער שטוב־שאָטן דערגרייכט דעם ווענט פֿון מיטן געסל, האַלט שוין דער זייגער אַרום זעקס, און איצט... עפּעס אַ מין לאַנגער טאָג — ס׳איז נאָך, דאַכט זיך, דעם גאַנצן זומער אַזאַ לאַנגער טאָג נישט געווען.

שפּעטער, ווען אָט דער שטוב־שאָטן האָט זיך מיט די שאָטנס פֿון די אַרומיקע הײַזער אָנגעהויבן פֿלעכטן, האָט זי דעם גאַניק פֿאַרלאָזן און איז אַוועקגעגאַנגען מיט׳ן וועג, וואָס פֿירט אַרויף צו דער פּאָסט. דאָרט האָט זי באַגעגנט אַבֿרהם־משה בורנעס׳עס בײדע מיידלעך, וואָס האָבן מיט זייער לערער, דעם סטודענט, אַרומגעשפּאַצירט. זי האָט זיך אָקעגן זיי מיט איר אומעטיקן פּנים אָפּגעשטעלט, זיך דערפֿרעגט וועגן קורצן וועג, וואָס פֿירט מיט די פֿעלדער צו דער רעלסן־שנור, און וועגן עפּיס אַ פֿערמעגליכער מיידל — אַ יתומה פֿון היגען קאַנט, וואָס האָט שוין יאָרן־לאַנג אַ חתן און האָט נאָך ביז הײַנט פֿאַר אים נישט חתונה געהאַט:

— זיי געדענקען נישט? אַמאָל פֿלעגט מען וועגן אָט דער מיידל פֿיל מעשׂיות דערצײלן.

בײדע בורנעס׳עס מיידלעך האָבן, קוקנדיק אויף איר, אין זינען געהאַט זייער עלטערן ברודער, וואָס איז איבער איר

פֿערזעסן, און האָבּן געוואוסט, אַז הערץ איז איצט אַראָבּגעקומען צוליעב איהר. זיי האָבּן געענטפֿערט: „ניין, זיי געדענקען נישט“:

— זיי האָבּן, דוכט זיך, קיינמאָל וועגן אַזאַ מין מיידעל נישט געהערט.

דער סטודענט איז געווען צופֿיעל אויפֿגערעגט פֿון אָט דער אונגערעכטער בּעגעגעניש און איז געווען גרייט זיך דורכגעהן מיט מירלען איבּער'ן גרויס-שטאָדטיגען שטייגער אַהין און צוריק איבּער דער גאַס; ער האָט צוליעב דעם אָנגעהויבּען ווייטער דעמזעלבּען שמועס פֿיהרען:

— יעדענפֿאַלס... די מעשה מיט'ן מיידעל מוז שוין, יעדענפֿאַלס, זיין אינטערעסאַנט.

נאָר מירעל האָט עס ווי ניט איינגעהערט און זיך בּאַלד מיט די מיידלעך אָבּגעזעגענט. זי איז אַוועקגעגאַנגען אַרויס דעם שטעדטיל און האָט זיך דאָרט דעם גאַנצען פֿאַרנאַכט איינע אַליין אַרומגעדרעהט.

———

און אין אָבּענד, ווען אין די הייזער פֿון שטעדטיל האָט מען זיך צו די געגרייטע טישען געזעצט, און אַ מענשענס פּנים איז שוין אויף דער פֿינסטערער און פּוסטער גאַס שווער געווען צו דערקענען, האָט זי זיך דאָך אַריינגעכאַפּט אין אַיינפֿאָהר-הויז, וואָס אין אָנהויבּ מאַרק, און איז דאָרט אַ היבּשע צייט בּיי הערצ'ן אין חדר געבּליבּען.

די הויטע פֿאָרהאַנגלעך, וואָס אויף הערצ'ס בּעלייכטענעם פֿענסטער, זענען געווען אַראָבּגעלאָזט, און אין דרויסען האָט זיך קיינער נישט אַרומגעדרעהט, אַחוץ דער מיידעל, דער צייהן-דאָקטאָרין, וועמען די אַלמנה פֿון אַיינפֿאָהר-הויז האָט אַנ'איינגענע מוהמע אָנגעקעהרט. ס'האָט זיך איהר געוואָלט וויסען, וועגן וואָס הערץ בּיי מירלען רעדען דאָרט. איז זי שטילערהייד אַריינגעגאַנגען אין צווייטען פּוסטען חדר, זיך אָבּגעשטעלט נעבּען שפּאַלט, וואָס צווישען די אויסגעקרימטע און צעלעכצטע פּאָר טירען, און האָט געהערט, ווי זיי טרעטען זיך דאָרט אָן אויף די אַלטע וואַנדען:

— הערץ, האָט דאָרט מירעל געזאָגט, — כ'האָב דאָ איך דיר אַזוי פיעל געזאָרט; קיינער האָט נאָך געוויס קיינמאָל איך דיר אַזוי פיעל נישט געזאָרט.

אין חדר איז געווען שטיל. הערץ איז געווען ברוגז און האָט נישט געענטפערט.

— הערץ, האָט מירעל ווייטער געזאָגט, — איך פערשטעה שוין די לעצטע צייט אַזוי ווינציג, וואָס מיט מיר טוט זיך; איך ווייס נישט, פאַרוואָס איך האָב וועגען דיר אַזוי פיעל געטראַכט — איך ווייס שוין אַפילו ניט, צוליעב וואָס איך בין אַהער אין שטעדטיל אַראָפּגעקומען.

זי האָט זיך פערטראַכט און האָט צוגעגעבען:

— איהר האָט זיך געדוכט, אַז דאָ אין שטעדטיל וועט איהר זיין בעסער. איהר דוכט זיך נאָך אַלץ, אַז „ערגיץ וואו" וועט איהר זיין בעסער.

הערץ האָט געקלונגען מיט אַ גלאָז און מיט אַ לעפעלע און האָט זיך צוליעב'ן האַלז פערקאָכט באָר-וואַסער פון ווייגען סאַמאָוואַר.

— גוט, האָט ער איהר איבערגעשלאָגען, — אָבער נאָך וואָס האָט זי זיך בעדאַרפט איינ'עקשנ'ען, ער זאָל אַראָפּקומען צו איהר היקא אַהער אין שטעדטיל, וואו אַלע קענען זי און וואו פון אַלע הייזער שטעלט מען אויס אויף איהם די אויגען? דאָ ביי דער זייט געפינט זיך די אַקושאָרקע שאַיִן... ער אַליין פיהלט זיך איצט, ווי עפּיס אַ נאַרישער קליין-שטעדטילדיגער חתן — ער האָט פאַר דעם אַלץ צו דאַנקען אַזאַ וויכטיגער נאַרישקייט, ווי איהרע בת-יחידה-קאַפּריזען.

מירעל האָט איהם נישט געענטפערט; איהר קול האָט נאָר נאָך מיעדער צו קלינגען אָנגעהויבען, און געדוכט האָט זיך, אַז זי איז געקומען צו איהם בעטען אַ נדבה:

— הערץ, מיר דוכט זיך נאָך אַלץ, אַז דו ווייסט עפּיס מעהר פון מיר.

איהר דוכט זיך נאָך בכלל, אַז ערגיץ וואו זענען נאָך פאַרהאַן אַזעלכע איינציגע, וואָס ווייסען „עפּיס" און האַלטען „עס" בסוד... זאָל איהר הערץ מוחל זיין, וואָס זי האָט איהם אַהער אַרויסגערופען...

איהר איז שוין געבליבען אין לעבען אַזוי ווינציג, אַחוץ דעם, וואָס איהר דוכט זיך. און איצט זיצט זי דאָ אין שטעדטיל... זי נודעט זיך און טראַכט וועגען דעם. גאַנצע פאַרנאַכטען זיצט זי געבען ליבקע דער רבי'צין אויפ'ן גאַניק און קוקט קיין מערב צום ברענענדיג-רויטען הימעל-עק. און איינמאָל פאַרנאַכט האָט זיך איהר שוין געדוכט, אַז פון דאָרט, פונ'ם רויטען עק הימעל, קוקט צו איהר אַרויס אַ צווייטע פייערדיגע מירעל און ווינקט צו איהר פון דער ווייט: „קיינער, ווינקט זי צו איהר, ווייס נישט, צוליעב וואָס ס'בלאָנדזשעט אַרום מירעל דורות. און איך, מירעל, וואָס איך ברען אין פייערדיגען עק הימעל אויפ'ן האָריזאָנט,— כ'האָב שוין אַמאָל אויך אַרומגעבלאָנדזשעט און האָב איך נישט געוואוסט, צוליעב וואָס".

הערץ האָט נישט געוואוסט, וואָס זי וויל, און דער איראָנישער פנים האָט ביי איהם קוים קוים געשמייכעלט. די גאַנצע צייט, וואָס זי האָט גערעדט, האָט ער אַזוי געשמייכעלט. ער איז פון דעם שמועס נישט צופרידען געווען און האָט איהר צום סוף די רייד איבערגעשלאָגען:

— יאָ, אָבער נאָך וואָס טויג שוין דעם ערשטען אָבענד רעדען וועגען אַזעלכע הויכע זאַכען?

אָט קען ער איהר דערצעהלען, ווי צו איהם אין האָטעל איז איינמאָל געקומען מיט אַ וויזיט איהר מאַנס געשוועסטער-קינד מאָנטשיק... אין אַ שוואַרצען סורדוט איז ער צו איהם געקומען. יאָ, און דער מאַן אַליין:

— איהם האָט מען אין האָטעל דערצעהלט, אַז דער מאַן איהרער האָט זיך אויף איהם צוויי מאָל נאָכגעפרעגט.

דענסטמאָל האָט מירעל אויף איהם אַ קוק געטאָן און שוין מעהר גאָרנישט נישט געזאָגט. אַזוי בעליידיגט האָבען זי שוין זיינע לעצטע ווערטער. איהר פנים איז געוואָרען בלאַס, און זי האָט איהם קיין „גוטע נאַכט" נישט געזאָגט. אין פינסטערן הויז פון איינפאָהר האָט זי זיך נאָך אָבגעשטעלט און זיך וועגען עפּיס בעשליסען נישט געקענט. נאָר צוריק האָט זי זיך טאַקע נישט אומגעקעהרט. זי האָט נאָר אויף זיך דעם שאַרף צורעכט געמאַכט און איז באַלד פערשוואונדען אין פינסטערן דרויסען.

ווען די מיידעל, וואָס לערנט אויף צייהן-דאָקטאָר, איז אין הויז

אַרויס, איז שוין הערין געשטאַנען ביי דער געעפֿענטער טיר פֿון זיין בעלייכטענעם חדר און האָט געבעטען טינט און פֿעדער מיט נאָך אַ לאָמפּ קעראָסין. די מיידעל איז זיך אין דרויסען פֿאַרביי דעם איינפֿאָהר־הויז הערגעגאַנגען און זיך איינגעקוקט אין דער גאַס. ס'איז געווען אַ פֿינסטערע און קיהלע נאַכט; די שטעדטיל איז געשלאָפֿען, און מידעל איז שוין דאָרט נישט געווען. אונמעגליך איז געווען צו וויסען, וואוהין זי איז אַוועק: לינקס, צו דער רבי'צין ליבקעס שטוב, צי גאָר רעכטס, מיט'ן וועג, וואָס פֿיהרט צו דער פּאָסט און צו די פֿעלדער אַרויס דעם שטעדטיל.

שפּעט נאָך האַלבער נאַכט האָט ליבקע די רבי'צין אין דער פֿינסטער דעם קאָפּ פֿונ'ם קישען אויפֿגעהויבען, זיך אַ ביסעל צוגעבויגען צום צווייטען בעט, וואו איהר מאַן איז געשלאָפֿען, און איהם גענומען וועקען מיט אַ פֿערדומפּענעם און שלעפֿעריגען קול:

— אבֿרהמ'יל!.. אבֿרהמ'יל!.. שלאָפֿסט, אבֿרהמ'יל?

אין דער גאַנצער שטוב איז געווען אַזוי אומעטיג, פֿינסטער און שטיל. די נאַכט האָט זי אַרומגענומען פֿון אַלע פֿיער עקען, זיך געצויגען אַרום און אַרום איבער'ן גאַנצען אויסגעלאָשענעם שטעדטיל, און ווייטער — איבער די אַרומיגע פֿעלדער, וואו דער אומעט פֿון די שלאָפֿענדיגע האָט זיך שטיל אָן דער ערד געקלאַפּט.

דער רבֿ האָט זיך אַ קליינעם וואָרף געטאָן און זיך אויפֿגעכאַפּט מיט אַ פֿערשלאָפֿענער שרעק און מיט אַ שטילען האַלב־דערוואָרגענעם וואָרט:

— אַ?!..

און נאָכדעם זענען זיי שוין ביידע האַלב־וואַכענדיגע אין די בעטען געלעגען, געהויבען די קעפּ אין דער פֿינסטער און געהערט, ווי מידעל וויינט דאָרט קעגענאיבער דער וואַנט מיט דער געשלאָסענער טיר. איהר קול איז געווען אַנ'איינגעהאַלטענער, אַ נאָגענדיגער און אַ האַלב־דערוואָרגענער. אַלע מאָל האָט ער זיך געשטאַרקט מיט אַ ניי־צוגעקומענעם שטראָם פֿון וויינענדיגען כליפּען און דערמאָנט אָן איהרע קינדערשע בת־יחידה־יאָהרען. דיענסטמאָל

האָט זיך געהערט, ווי אונטער איהר טרייסלענדיגען קערפּער סקריפּעט די בעט, און געדאַכט האָט זיך, אַז עמיצער שטעהט דאָרט אָנגעבויגען איבער איהר קאָפּ, וואַרט זי פֿאַר'ן האַלז און דערמאָנט איהר:

— האָסט עס אומגעבראַכט, דיין לעבען... און פֿערפֿאַלען איז דאָס שוין, אויף אייביג פֿערפֿאַלען...

פֿערשלאָפֿענערהייד האָט זיך די רביצין אויפֿ'ן בעט אויפֿגעזעצט און האָט אויף זיך דעם טשיפּעק צורעכטגעמאַכט.

— זי איז ביי איהם געווען, האָט זי צום אײַנפֿאָהר-הויז אויף הערצ'ן מרמז געווען, — אַ גאַנצען אָבענד איז זי ביי איהם געווען.

און נאָכדעם האָט זי שטילערהייד אַ לאָדען געעפֿענט און געזעהן:

אויפֿ'ן שטעדטיל רוקט זיך שוין דער גראָהער אָנדויב טאָג; און אַלע הייזער שלאָפֿט מען, און נאָר דאָרט, אין אָנהויב מאַרק, לייכט זיך נאָך אַלץ אין הערצ'ס צימער, וואָס אין אײַנפֿאָהר-הויז, און די הויטע פֿאָרהאַנגלעך זענען אַראָבגעלאָזען און פֿערשטעלען איהם מיט זיין ביי-נאַכטיגער שרייבערשער אַרבייט.

VI.

אין דער נאַכט, וואָס פֿאַר ערב תשעה באָב, האָט געגאָסען אַ לאַנגער רעגעלמעסיגער רעגען. ער האָט געקלאַפּט אין פֿערשלאָפֿענע דעכער און זיי דערוועקען נישט געקענט, גענעצט אַנאײנזאַמע פֿיערשע פֿיהר, וואָס האָט זיך פֿאַמעליך איבער'ן בלאָטיגען שטעדטיל געשלעפּט און איהר אָנגעוויזען אַהין, צום אײנציגען אונהיג-בעלײַכטענעם פֿענסטער, וואָס געהט אַרויס פֿונ'ם רב'ס נאַסען הינטערגעסיל.

מיט בירלען איז דענסטמאָל ווידער עפּיס אונרוהיגעס פֿאָרגעקומען, און די רביצין איז דערפֿאַר שלעכט געשלאָפֿען ביי זיך אין שלאָף-צימער און האָט געדענקט, אַז אין שטעדטיל גאַפּט מען שוין, וואָס זיי דערלאָזען עס — אָט דאָס, וואָס, וואײנענדיג ביי אַ רב אין שטוב, האַלט זי זיך אַ בחור דאָ אין אײַנפֿאָהר-הויז. זי

האָט נישט געוואוסט, פֿאַרוואָס אָט די צרות קומען איהר, און האָט אַלע מאָל געעפֿענט די אויגען און אָבגעזיפֿצט צו איהר גאַן איף אַ קול, כּדי מירעל זאָל עס בּיי זיך אין חדר דערהערן:

— אַזאַ מין אָנשיקעניש... און ווי אַזוי זאָגט מען טאַקע יענעם: נעהם פֿאָהר אַוועק?

דער פֿריה-מאָרגען איז נאָכֿדעם געווען אַ הייסער, אַ פּאַרנער און אַ מידנער. — ס'האָבּען צוזאַמען מיט אַ שטיקעל גלאָז צופֿיעל געבּלישטשעט אַקעגען דער זון די נאַסע רעגען-גריבּלעך, וואָס צווישען די צוגעדאַרטע הרודעס, און די אָבּגעשווייגקטע הייזער האָבּען זיך געשווינד צו תשעה-בּאָבֿ-צו געטריקענט און נישט געוואוסט, צי דער רעגען וועט זיי שוין מעהר נישט נעצען.

קעגענאיבּער דער געשלאָסענער טיר פֿון מירעל'ס חדר האָבּען זיך נאָך אַלץ די בּיינאַכֿטיגע אונרוהיגע טריט געהערט.

אַרום עלף אַזייגער איז זי פֿון דאָרט אויף גיך אַרויסגעגאַנגען און זיך אַוועקגעלאָזען גלייך צום איינפֿאָהר-הויז, וואו אויף הערצ'ן האָט שוין די בּעשטעלטע פֿוהר געוואַרט. אונטער די אויגען איז בּיי איהר געווען שטאַרק בּלאָה, ווי אונטערגעשלאָגען, און די פּלייצעס האָבּען דערמאָנט, אַז די לאַנגע איהרע דאָ אין שטעדטיל אין אומעטום איז שוין אונבּעהילפֿיג און פֿערלוירען, און עס מוז שוין אין גיכֿען נעהמען אַן עק. זי האָט געקוקט גלייך אַהין צו דער פֿוהר, וואָס נעבּען איינפֿאָהר-הויז. און דער מח האָט בּיי איהר פֿון דער שלאָפֿלויזיגער נאַכֿט געאַרבּייט צופֿיעל אָנגעשטרענגט און צו גיך.

זי האָט איהם נאָך עפּיס בּעדאַרפֿט דערמאָנען, הערצ'ן.

אָבּער אויסגלייכֿענדיג זיך מיט דער פֿאָרענטיגער יואַנט פֿון אבֿרהם-משה בּורנעסעס שטוב, האָט זי פּלוצים דערויף חרטה געקראָגען און זיך אָבּגעשטעלט:

— פּיי ווי סיי איז עס שוין געווען נישט מעהר, ווי נאַרישער פּיזעם, אָט דאָס, וואָס זי האָט זיך די גאַנצע צייט געוואָלט אָבּנאַרען, אַז זי וועט קענען זיין מיט איהם ערגיץ-וואו אין אויסלאַנד.

נעבען גאַניק פֿון פּורנעס׳עס שטוב האָט זי דערזעהן וועל־וויל׳ס קלענערע שוועסטער און זיך צו איהר אויסגעדרעהט:

— ברכה קען איהר נישט זאָגען, דער וויפיעלטער אין חודש ס׳איז היינט?... זי, מירעל, איז זיך שוין באמת צופיעל דאָ אין שטעדטיל פערזעסען.

זי האָט דער צעשראָקענער מיידעל איבערגעלאָזט אַנאַנדענק פֿון אַ פֿאַסטענדיג־אויסגעמאַטערטען פּנים מיט בלאָהע אונטערגע־שלאָגענע אויגען, אַוועקגעשפּאַנט אויף גיך איבער די צוגעטרי־קענטע הרידעס אין פּאָסט צו עמיצען אַ טעלעגראַם פערזאָרגען, און שוין פֿון הינטער די פּלייצעס געהערט, ווי די פֿיהר רוקט זיך מיט אַמאָל פֿון אָרט אָב, און ווי דער בעל־עגלה צעשמייסט אין געשמאַקער איילעניש זיינע פערד:

— וויאָ!... איך קינת צהדיק אַהיים.

ביים רב אין עס־צימער האָט איך איהר געוואַרט ליבקע די רביצין און זי אָבגעשטעלט:

— יאָ... זי מיט אַברהמ׳לען האָבען איהר דאָ געוואָלט זאָ־גען... אודאי איז ביי זיי די גאַנצע צייט אָנגעלעגט געווען, האָבען זיי איהר געוואָלט זאָגען...

ביי דער רביצין זענען די הענד געווען נאַריש צונויפגע־לעגט איף בויך, און איהרע אויגען האָבען דערביי מאָדנע גע־פינקעלט. מירעל האָט נישט געוואָלט הערען, וואָס זי זאָגט:

— זי ווייסט, זי ווייסט... מאָרגען וועט זי, מירעל, דאָ שוין נישט זיין.

און באַלד איז זי צו זיך אין חדר אַריין, פערקייטעלט נאָך זיך די טיר און פֿון איינעווייניג צוגעשלאָסען הזעם דרויסענדיגען לאָדען.

זי האָט בעדאַרפֿט איינשלאָפֿען כאָטש איף אַ פּאָר שעה, נייטיג האָט זי עס בעדאַרפֿט; אז ניט — האָט זיך שוין צופיעל גע־שפּאָלטען דער קאָפּ, און דער מח האָט שוין צופיעל גדאַרט און געוואָלט וויסען, וואָס זי וועט טהון אין עטליכע שעה אַרום. ס׳איז געווען איבעריג וועגען דעם צו קלערען. אייב דאָ אין חדר האָט געשטערט צו שלאָפֿען דער שמאָלער פּאַס פֿון דער נדנע־בריהענדיגער זונען־שיין, וואָס האָט דורכ׳ן צוגעטריקענטען

לאָרען איף צווייען די טונקעלקייט געשפּאָלטען, האָט מען, ליי־ גענדיג אין בעט, געקענט פון זיך געשווינד די קאָפּטעל אַראָב־ ציהען, פערוואַרפען די גליהענדיג־נאַקעטע הענד אַרויף צום בּרע־ נענדיגען קאָפּ און זיך איינמאָלען, אַז דער אויסגאַנג פון איהרע פּוסטע פיער און צוואַנציג יאָהר לעבען איז נאָך נישט אינגאַנצען פערלוירען... ס'איז דערפון געוואָרען אַ ביסעל גרינגער, און ס'האָט איף אַ רגע אויפגעהערט צו אַהרען דער מאָרגענדיגער טאָג מיט דעם, וואָס אין איהם וועט זי שוין אין ערגיץ קיין אָרט נישט האָבען. צווישען תהו ובהו פון אָנהויב שווערען שלאָף האָט זיך געדוכט, אַז ס'איז שוין אַזוי ווייט און לאַנג, אָט דאָס, וואָס זי האָט אַמאָל דאָ אין שטעדטיל אַ טאַטען גדליה הורוויץ'ן געהאַט. אין דעם מיעדען דרימלענדיגען מח האָט זיך שוין געמאָלט אַ האַלב־פערגעסענער פרייטאָג פאַרנאַכט פון זיבען, אַכט יאָהר צוריק: אין דרויסען איז ראָז־רויטליך און וואַרים, און ס'זעצט זיך די זון. און אין שטוב ביים פענסטער שטעהט גיטעלע, די מוטער איהרע, שוין איף שבת אָנגעטאָן, זי קוקט צום וועג פון קרייז־שטאָדט, וואָס פיהרט אַהער אין שטעדטיל, און האָט ימורים, ווי אַלע פרייטאָג:

— זעה נאָר: שוין אַזוי שפּעט, און מ'זעהט איהם נאָך נישט פאָהרען, גדליה'ן.

אין דערפריה, אינ'ם ערשטען טאָג, וואָס נאָך תשעה באָב— איז זי פון שטוב אַוועקגעגאַנגען און האָט זיך מעהר אינ'ם רב'ס געסיל נישט אומגעקעהרט.

ביי־טאָג האָט מען זי געזעהן זיך אַרומדרעהען אויפ'ן ליידיגען שפּאַציר־פּלאַץ, וואָס נעבען דער פּאָסט, און אויפ'ן וועג, וואָס אַרויס דעם שטעדטיל. זי האָט דאָרט בעגעגענט דעם יונ־ גען־מאַן, וואָס פלעגט אַמאָל ביי ר' גדליה'ן אין מיהל פיה־ רענווייז מעהל קויפען, און איהם געבעטען, ער זאָל איהר אין שטעדטיל אַ בעל־עגלה צום וואָקזאַל בעשטעלען און זאָל זאָגען ביים רב אין שטוב, מ'זאָל איהם איהרע זאַכען אַרויסגעבען.

זי האָט זיך אַזוי געאײַלט, בשעת דער בעל-עגלה איז צו איהר שוין פֿאַר הין-ועצען הוצין שטעדטיל אַרויסגעקומען. אָבער נאָך די ערשטע עטליכע ווי‏אָרסט האָט זי איהם שוין גאָרנישט ניט געזאָגט דערויף, וואָס ער פֿערקלענערט אַלץ מעהר דעם טרייב, און געהייסען האָט זי איהם שוין נאָכדעם פֿערפֿאָהרען נישט גלייך צום וואָקזאַל, נאָר אַ ביסעל אין אַ זייט, צום אײַנזאַמען ידישען אײַנפֿאָהר-הויז, וואָס לאַנגווייליגט זיך אונטער זײַן רויטען דאַך אַ ביסעל ווייטער פֿון די וואָקזאַל-דיענערס פֿערוואַקסענע שטיבלעך און וואַרט טאָג און נאַכט, אַז אַ חתן-כלה זאָלען זיך צונויפֿפֿאָהרען.

מעהר ווי אַ וואָך צייט איז זי דאָרט אָבגעשטאַנען און האָט אויף עמיצען געוואַרט.

ידען פֿון שטעדטיל האָבען זי געזעהן, בשעת זי איז פֿיער מאָל אַ טאָג מיט איהר אומעטיגען פּנים צום וואָקזאַל געקומען. זי האָט זיך אַרומגעדרעהט איבער דער גאַנצער לענג פֿון שטעהענדיגען צוג. זי האָט אין יעדען וואַגאָן אַרײַנגעקוקט, צו קיינעם אַ וואָרט נישט אויסגערעדט און זיך מיט איהר אומעטיגען פּנים צוריק אין אײַנפֿאָהר-הויז אומגעקעהרט. איז מען געשטאַנען אין אַ רעדיל אין עק פּלאַטפֿאָרם און איהר נאָכגעקוקט אין די פּלייצעס:

— טאַקע, נעביך, געפֿאַלען מירעל, אַ?

זי איז סוף כל סוף אַוועקגעפֿאָהרען פֿון דאַנען איינע אַליין מיט'ן צוג, וואָס פֿיהרט צו דער גרעניץ.

מ'האָט וועגען דעם איבערגעבען אין שטאָדט, און ס'איז נישט געווען צו וויסען, וואָהין זי האָט זיך אַוועקגעלאָזען.

VII

איינמאָל אין אַ וואָכעדיגען דאָנערשטאָג, ווען איהר געבוין איז שוין לאַנג אויפֿ'ן וואָקזאַל נישט געווען, איז וועלוויל בורנעס אַהין, נאָכ'ן אָבגעהן פֿון די צוגען, פֿון זײַן פֿולוואַריק געקומען און איז פֿערפֿאָהרען גלייך אינ'ם אײַנפֿאָהר-הויז, וואָס אונטער'ן גרויסען רויטען דאַך.

ער איז אונטער'ן פֿאָהר-כאַלאַט געווען אויסגעפוצט אין אַ

נייעם שוואַרצען אָנצוג און אין ווייסע, נאָך ניט קיין געניצטע וועש, זיך געהייסען אַ צימער צוגרייטען און האָט די פֿוהר אַהיים אָבגעשיקט:

— דער פֿוהרמאַן זאָל נאָך איהם אַהער קומען מאָרגען צוועלף אַזייגער, ער הערט? נישט פֿריהער, ווי צוועלף אַזייגער.

אין אַיינפֿאָהר־הויז זענען אַלע חדרים געווען ליידיג, און קיין הייזער זענען נאָהענט נישט געווען; האָט זיך אַ שטילע פּוסטקייט אַרום־און־אַרום צו איהם אין צימער געצויגען, און די מינוטען זענען געווען לענגער און פֿערטראַכטער, ווי אין דער־היים. ער איז דאָרט געזעסען אויף דער ציצענער קאַנאַפּע, זיך אַרומגעדרעהט איבער דער פֿרעמדער ווייטער פּאָדלאָגע, זיך אָבגעשטעלט ביים פֿענסטער און אַרויסגעקוקט צו די גענז, וואָס פּאַשען זיך דאָרט אויפֿ'ן גראָז.

ביי דער פּלאַטפֿאָרם איז ער געווען צוויי מאָל: פֿאַר־נאַכט, נאָכ'ן אָבגעהן פֿון ביידע משא־צוגען, און גאַנץ פֿריה, ווען דער גאַנצער פּוסטער וואָקזאַל איז נאָך געשלאָפֿען, און גע־בלישטשעט האָבען נאָך אַקעגען דער אויפֿגעהענדיגער זון די רוי־טע אייג, פֿונ'ם ווייטליכען ווייס געפֿאַרבטען שלאַגבוים מיט'ן ערש־טען פּלאַטפֿאָרמע־לאַמטערן, נעבען וועלכען מ'האָט נעכטען דעם לייטער פֿערגעסען.

ער האָט זיך אויך אַוועקגעלאָזען פֿון אַיינפֿאָהר־הויז מיט דער סטעזשקע, וואָס פֿיהרט צום גאָר נאָהענטען וועלדיל, און איז דאָרט געשטאַנען אויפֿ'ן הויכען פֿריש־צורעכטגעמאַכטען גראָבען.

אין וועלדיל איז געווען שטיל. די צווייגען האָבען אין דער הויך קוים געראַשט, און אַ בלעטיל, אַן אָבגעפֿאַלען־געלע, האָט זיך פֿון זיי צייטענווייז פּאַמעליך מיט דער לופֿט אַראָבגעלאָזען, און די שטילע ביימער האָבען עפּיס געוואוסט; זיי זענען זיך אַזוי מיט זייערע וואוקסיגע אַרומגעריינגטע שטאַמען אַרום־און־אַרום געשטאַנען, געהערט דעם קוים מערקזאַמען געראַש פֿון זייערע אייגענע צווייגען און געטראַכט וועגען מירלען, וואָס האָט מעהר ווי אַ וואָך צייט אין נאָהענטען אַיינפֿאָהר־הויז געוואוינט:

— יאָ... זי איז דאָ אַמאָל ביי־טאָג אַרומגעגאַנגען, מירעל...

זי האָט דאָ צו קיינעם נישט גערעדט, נאָר צווישען אונז, יונגע

בימער-שטאַמען, איז זי שוין אַ מאָל, אָהן אַ שום בעדערפֿעניש, פֿאַמעליך אַהימגעגאַנגען.

שפּעט צו אלול-צו האָט זיך דער אויסגעגלייכטער סטודענט ליפּקים אַהיים אומגעקעהרט און איז נאָך אויפֿ'ן וועג ביים בעל-עגלה געוואָהר געוואָרען:

— עט, עט, עט! שוין אודאי אַ חודש, זינט זי איז שוין ביי אונז נישטאָ, מיר'על.

ער איז ביי זיין מוטער אין שטוב אָבגעשלאָפֿען די גאַנצע נאַכט, דעם פֿריה-מאָרגען מיט'ן ביי-טאָג, וואָס נאָך איהר, און שוין נישט געהאַט, צוליעב וואָס אויפֿצושטעהן. ער האָט געשנאָרכעט געשמאַק, און דער שטאַרק פֿערשלאָפֿענער מח האָט דאָך געדענקט, אַז מיר'על איז שוין דאָ נישטאָ; אַז ער האָט זי אין זיינען געהאַט, ווען מ'האָט איהם צו דער אָפּעראַציע כלאָראָפֿאָרמירט, די גאַנצע צייט, וואָס ער איז אויף זיין זמערדיגער קאָנדיציע צו די כחות געקומען, און נאָכדעם, ווען ער איז שוין אַהער אַהיים געפֿאָהרען און האָט זיך אַלע מאָל אַריינגעכאַפּט אין קאָרידאָר פֿון וואַגאָן, כדי נאָך אַ מאָל צו בעקוקען דעם גע-זונטען פּיס, וואָס ער פֿיהרט איהר.

פֿאַרנאַכט האָט ער זיך שוין אַרומגעדרעהט אין פּוסטען שטעדטיל גלאַט אַזוי, מיט אַ שטימונג פֿון פֿערשפּעטיגטער אויס-חתונה, און נישט געהאַט, וועמען צו דערצעהלען, ווי אַזוי ער איז מירלען צוריק אַ גוטער פֿריינד געוואָרען, ווי אַזוי ער פֿלעגט זומער מיט'ן מאָרגען-שטערן צו זיינע מעדיצינישע למודים אויפֿשטעהן און צוזאַמען מיט דיעם, וואָס אין בוך שטעהט, חזר'ן:

— איך בין איהר קיין שונא נישט, מירלען... קיין שונא נישט, קיין שונא נישט.

ער האָט זיך אָבגעשטעלט נעבען ר' גדליה'ס פֿערלאָזטער שטוב און זי בעטראַכט, הערכגעגאַנגען פֿאַמעליך דעם רב'ס ברייטע זייט-געסיל און געקוקט פֿון ווייטענס אויפֿ'ן רב'ס שטוב. ס'איז געווען מאָדנע פֿריש און ניי אַרומצושפּאַצירען פֿאַמעליך און גלייך אי-

בער דיזעלבע גאסען, וואו ער האט זעקס און צוואנציג יאהר כסדר בשעת'ן געהן מיט די קלבעס איןביידע זייטען געווארפען און וואו ער האט ביי יעדען שפאן זיך געבויגען מיט'ן גאנצען גוף אין אלכסון, ווי א נ'אונטער־שמש צו שמונה־עשרה.

די רביצין האט איהם דארט דערזעהן פון איהר גאניק, וואו זי איז געזעסען, און האט צו איהם אקעגען פאמעליך שפאנען אנגעהויבען:

— אזוי, אזוי... וואס־זשע דען? געזונט, קיין עין הרע, ווי אלע מענשען.

זי האט זיך מיט איהם צעשמועסט וועגען דער אפעראציע, וועגען זיין ברודער, וואס מ'זאגט, אז ס'האט איהם אנגעהויבען צו געהן גוט, און ער ווערט א גביר, און וועגען דעם, וואס איהר מיידעל חנקע האט שוין אודאי געמוזט פערגעסען, וואס זי האט ביי איהם אמאל א קארג יאהר געלערנט. זי וואלט אויסגעמיטען א בעלן זיין, ער זאל א קוק טון, ליפקים:

— זי קען נאך עפּיס שרייבען דיקטאווקע, חנקע?

און ליפקים איז אריינגעגאנגען אין שטוב און געפרובט, צי זי קען נאך עפּיס, חנקע.

ס'איז געווען שטיל, און די רביצין איז שוין נעבען איהם נישט געווען. חנקע איז געזעסען ביים טיש און געשריבען, און ער איז ארומגעגאנגען, דיקטירענדיג פאמעליך, און האט געקוקט איפ'ן באלקען, אויף די ווענט פונ'ם חדר, וואו ס'האט זעקס וואכען צייט געוואוינט מירעל. אינ'ם אפענעם שראנק האבען זיך געוואלגערט עטליכע זאכען, וואס זי האט דא איבערגעלאזט — און צווישען זיי — עפּיס א קליינער צונויפגעקנייטשטער און האלבבעשריבענער פאפיר. ליפקים האט דעם פאפיר ארויסגעשלעפּט און געזעהן, אז ס'איז מירעל'ס אנ'אנגעהויבענער און ניט־פערענדיגטער בריעף. ס'איז אין איהם געשטאנען:

„פון דעם, וואס איך האב געטראכט, מאנטשיק, איז ווידער גארנישט ניט געווארען. שטענדיג ווערט גארנישט פון דעם, וואס איך טראכט. הערץ איז בנוגע צו מיר אזוי אונגערעכט. פריהער האט ער מיך געאדרט: איך רעד צו איהם וועגען דעם, וואס מיר טוט וועה, און ער ענטפערט מיר וועגען עפּיס א גאנצען שיריים־הור,

וואָס האָט שוין נישט קיין אָרט אין לעבען. נאָר איצט איז שוין דאָס אויך אַריבער, און מיר איז שווער וועגען דעם צו רעדען. דאָ, וואו איך בין, קען איך מעהר נישט בלייבען. איך ווייס נישט. וואוהין מ'געהט, נאָר אַוועקגעהן פון דאַנען מוז איך. ס'פאַלען שוין געלע בלעטלעך פון די בוימער, און אויך אַזוי איז ביי מיר אין הארץ. איך לעב איבער מיין הארבסט, מאַנטשיק, פון מיין געבוירען אָן לעב איך איהם איבער, און קיין פריהלינג האָב איך קיינמאָל נישט געהאַט. עמיצער האָט איהם פאַר מיר איבערגעלעבט, אָט דעם פריהלינג, און מיר ווערט דאָס שוין פון טאָג צו טאָג קלערער: נאָך איידער איך בין געבוירען געוואָרען, האָט עמיץ מיין פריהלינג איבערגעלעבט".